STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06288

ERTS-YISROEL 1948

Jacob Beller

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב בעלער

ארץ־ישראל 1948

●

ארויסגעגעבן דורך דעם

צענטראַל־פאַרבאַנד פון גאַליציאַנער יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס, 1948.

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTER IN ARGENTINE

JACOBO BELER

"ERETZ ISRAEL 1948"

Editado por la

UNION ISRAELITA DE GALITZIA EN BUENOS AIRES

Buenos Aires, 1948.


1950!

רחלען, מיין געטרייע לעבנס־
באַגלייטערין, מיט ליבשאַפט
פֿאַר איר דערמוטיקן מיך אין
שווערע טעג.

אויף אַ יידישער שיף קיין ארץ ישראל

איר זענט שוין אַמאָל געפאָרן אויף אַ שיף מיט יידישע פּאַסאַזשירן? איך מיין הונדערט פּראָצענט יידן, חוץ אפשר שבת גויים? און נאָך דער־צו קיין ארץ ישראל? איך ווייס נישט, אויב איך בין עס דער ערשטער יידישער זשורנאַליסט, וואָס האָט די זכיה, אָבער גלויבט מיר, עס איז אַ זכיה. שטעלט אייך פאָר: איר גייט אַרויף אין מאַרסעלער פּאָרט אויף אַ שיף, וווּ ס׳פּלאַטערט די בלוי־ווייסע פאָן, דער פראַנצויזישער ברעג באַ־אַמטער זאָגט צו אייך „וואָפּאָר זשוויף...״ מיט אַ „בבקשה, אדוני!...״ אין אַ לייכטן פראַנצויזישן דיאַלעקט. אַ מינוט בלויז און איר האָט אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך דעם גאַנצן גלות־שטויב. אַ טאָוול מיט אַ גרויסער העב־רעאישער אויפשריפט: „האניה תפליג בשעה״... באַגעגנט אייך גלייך ביים אַרויפגאַנג. דער שיפס־אָפיציר באַגריסט אייך מיט אַ שלום און בבקשה לתת הדרכיה וכרטים האניה. און באַלד דערהערט איר דעם צלצול הפּע־מון, „ארוחת הערב״ איר זיצט אין אַ באַקוועמען עס־זאַל פון דער ער־שטער קלאַס, אַלעס אַזוי ווייס, ציכטיק צוגעגרייט. די קעלנערס טראָגן אייך אונטער דעם שפּייז־צעטל: מרק, תרנגול צלוי. לפתן. און פרעגן אין העברעאיש, אַזוי זיך, אויב איר ווילט עפּעס נאָך. איר דערזעט נאָך אַן הפסקה פון לאַנגע וואָכן פאָרנדיק איבער די אייראָפּעאישע לענדער, ווייס ברויט, ארץ ישראל ברויט... נאָכדעם קומט מילך, קעז, אַנדערע שפּייזן, וואָס זענען היינט צו טאָג אַ יקר המציאות אין אייראָפּע און איר דער־פילט דעם ערשטן איינדרוק, אַז דאָס זענט איר מיטאַמאָל אַריינגעפאַלן אין אַ „גן עדן התחתון״.

נאָכדעם ווי איר האָט זיך איבערגעשלאָפן אין אַ באַקוועמער קאַבי־נע, אין אַ ווייס ציכטיק בעט, הויבט איר זיך אָן באַקאַנען מיט דער שיף

און מיט די אריבער דריי הונדערט יידישע פּאַסאַזשירן, וואָס קומען פון אַלע וועלט-טיילן.

גלייך אין פאַרווייַלונגס-זאַל פון דער ערשטער קלאַס, גלאַנצט צו אייך אַראָפּ אַ בראָנדזענע פּלאַקע: לאניה „קדמה". שתשוב בנים לגבולם, למזכרת מאת הישוב היהודי, ונמסר על ידי, הפדרציה הציונית בבלגיה". נאָכדעם קומט דער דאַטום: „י"ח תמוז, ה'תש"ז". פון דער אויפשריפט דערוויסט איר זיך, אַז די שיף איז ערשט אַ נייע און ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, מאַכט זי ערשט די צווייטע רייזע קיין ארץ ישראל. אַ ביסל ווייטער אַוועק און איר זעט אויף דער וואַנט אַ טאָוול מיט די רעגולאַציעס פון דער שיף: „אסור בהחלט להוציא מהתאים שמיכות, כרים, חגורות-הצלה וכו. (עס איז שטרענג פאַרבאָטן אַרויסצונעמען פון דער קאַבינע דע-קעס, קישנס, רעטונגס-גאַרטלען און אַנדערע זאַכן). אַזוי גייען די רעגו-לאַציעס פון שיף כסדר איינער נאָכן אַנדערן. אָט האָט איר אַ מודעה, אַז די ספריה פון דער שיף איז אָפן די און די שעהן. ווייטער לאָזט מען אייך וויסן, אַז די „מספרה" איז אָפן און איר קאָנט אייך גאָלן און שערן צו דעם זעלבן פרייז ווי אין תל אביב און אַנדערע זאַכן, וועלכע איר באַ-דאַרפט, זאָלט איר זיך ווענדן צום כל-כל הספון (שיפס-פאַרוואַלטער) (מכלכל חיים...).

אין דער ערשטער קלאַס פאָרן, צום גרעסטן טייל טוריסטן, אַמערי-קאַנער און פון אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער אויף אַ באַזוך קיין ארץ-ישראל. אין זייערע לענדער האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז עס גייט אַ יידי-שע שיף, האָבן זיי גיכער אויסגעקליבן צו פאָרן אין יידישן היימלאַנד מיט אַ יידישער שיף, כדי, ווי אַן אַמעריקאַנער טוריסט האָט צו מיר גע-זאָגט: „זיך צו פילן גלייך אויפן וועג ווי ביי זיך אין דער היים". עס פאָרן דאָ אויך ארץ ישראלדיקע תושבים, באַקאַנטע סוחרים און אינדוסטריאַלן, וואָס זענען געווען אין אַמעריקע און אין אייראָפּעאישע לענדער איינקויפן סחורהס און אויך שאַפן פאַרבינדונגען פאַר תוצרת הארץ אין אויסלאַנד. מען רעדט דאָ העברעאיש, אָבער מיר דוכט זיך, אַז דער העברעאיש קלינגט עפּעס אַביסל „צירליך-מאַנירלעך", אַביסל געקינצלט. טאַקע ניטאָ די זעלבע שמייכקייט, ווי אין ערשטע קלאַסן פון אַנדערע שיפן, אָבער-

פאַרט אַן אַנגעצויגענער עברית, אָפּט אַריינגעמישט מיט דייטשע און רו־
סישע און אפילו ענגלישע ווערטער...

אַזוי שנעל ווי איך בין אַראָפּ אין דריטן קלאַס, וווּ עס פאָרט „עמך״,
האָב איך זיך דערפילט צווישן אייגענע. פון אַלע זייטן האָבן געקלונגען
באַקאַנטע העברעאישע פאָלקס־לידער. אויפן דעק, אין אַלע ווינקעלעך, איז
געפּאַקט מיט עולים: יונגעלייט, מיידלעך, מיטעליעריקע מענטשן, כמעט
דער גרעסטער טייל פון זיי קומען פון די לאַגערן. זיי געהערן צו פאַרשי־
דענע ציוניסטישע ריכטונגען. אָט האָט איר אַ גרופּע פון „גורדוניה״, אַ
צווייטע גרופּע פון „השומר הצעיר״ פון „הבונים״. אַלע האָבן אויף אַן
אמת דורכגעמאַכט „גלגול מחילות״, ביז זיי האָבן דערלעבט צו זען אין
זייערע הענט די סערטיפיקאַטן. איצט פייפט מען אויף דער גאַנצער
וועלט... פאַרגעסן די אַלע צרות אין די לאַגערן, פאַרגעסן אפילו די פלאַ־
מען פון די קרעמאַטאָריעס, וואָס מען האָט מיט אייגענע אויגן געזען נאַכט
נאָך נאַכט... אָט זיצט אין סאַמע פראָנט פון דעק אַ גרופּע יונגעלייט און
מיידלעך און מען זינגט מיט יונגע קרעפטיקע שטימען צוערשט אַ באַ־
קאַנט יידיש פאָלקס־ליד:

„פאָרט אַ ייד קיין ארץ ישראל, אוי, אוי״.

באַלד קומט פון דער צווייטער גרופּע אַן ענטפער אויף העברעאיש:

„ארצה עלינו! ארצה עלינו!...״

לייכטע ים־ווינטלעך האָבן געבלאָזן, אַרום דעם ים איז איצט שטיל.
פון ביידע זייטן פון דעק פינקלען די באַלויכטענע מגן־דודס פון אונדזער
שיף. די שיף וויגט זיך ביסלעכווייז אַוועק פון פאָרט, די זינגענדיקע קור־
לות ווערן וואָס אַמאָל שטאַרקער און שטאַרקער. חרשנו וגם זרענו!! אבל
עוד לא קצרנו!!

איך האָב זיך איינגעגעסן אין די פּנימער פון דער גרופּע, געקוקט
אין דער מונקלקייט פון דער נאַכט אויף זייערע מוטיקע יונגע פּנימער,
און נאָך אַזוי פיל צער און צרות, מיט וועלכע איך האָב זיך אָנגעזעטיקט
פאָרנדיק איבער די לאַגערן אין אייראָפּעאישע לענדער, האָב איך דעם
מאָמענט דערפילט אביסל פרייד. איצט זינגט שוין יונג און אַלט צוזאַמען.
די, וואָס קענען נאָך נישט די ווערטער, זינגען די מעלאָדיע אַליין... עס

זינגען עלטערע יידן, וואָס יעדער פון זיי איז אין דער לעצטער מיגוט אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון קרעמאַטאָריע. עס זינגט אפילו דאָס ווייבל, וואָס האָט ערשט מיט אַ טאָג פריער אין מאַרסעל אויסגעקוקט אַזוי פאַרלוירן. איך האָב זיך דערוווּסט איר טראַגעדיע. איינע אַליין איז זי פאַרבליבן פון דער גאַנצער משפחה. די עלטערן, דער מאַן, אירע צוויי קינדער — פאַרברענט, זי איז אַליין געלאָפן צום ברענענדיקן אויוון, נישט געוואָלט מער לעבן אַליין... אָבער זי איז מיט כעס אָפּגעשטופּט געוואָרן פון די „עס-עס"-וועכטער — „פאַרפלוכטע צויג, לעב און ווער פאַרגיפט פון דיין שמערץ" — אַזוי האָט דער נאַצישער מערדער צו איר געשריגן, ווען זי האָט זיך געבעטן מיט טרערן, אַז די מערדער זאָלן זי צוזאַמען מיט איר משפּחה פאַרברענען. זי איז אין מאַרסעל אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן... איצט, ווען זי האָט פּלוצים דערהערט די קרעפטיקע מעלאָדיעס, איז זי מיטגעריסן געוואָרן. יאָ! איך זע גוט, ווי זי זינגט. עס קומט אַ ניי לעבן! אַזוי דאַכט זיך אייך, הערט איר אין זייערע שטימען.

ערב יום כּפּור ביינאַכט, אונדזער שיף האָט זיך צוריקגעקערט אין מאַרסעלער פּאָרט, נאָכדעם ווי זי איז שוין אַ פּאָר שעה געווען אויפן אָפענעם ים. ווייס איך נישט, צוליב וואָס זי האָט זיך צוריקגעקערט, אפשר דערפאַר, וואָס זי וויל אַלס יידישע שיף נישט פאָרן אין אַזאַ יום-טוב, אָדער איז דאָס אַ טעכנישע סיבה? די „קדמה" האָט פאַראַנקערט נאָענט צום פּאָרט און האָט איצט אויסגעזען ווי אַ קליין יידיש שטעטל ערב יום כּפּור. דער עס-זאַל פון דער ערשטער קלאַס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שול. די שטענדיקע שול איז צו קליין פאַר אַלע יידישע פּאַסאַזשירן. דער משגיח מאַכט איצט די באַשטעלונגען פאַר יום כּפּור ליכט, וואָס וועלן ברענען אַ גאַנצן טאָג יום כּפּור אין שול. דער חזן, איינער פון אונדזערע עולים, אַן אגודה-מיטגליד, האָט אָנגעהויבן „כל נדרי, מיט דעם אמתן אַמאָליקן היימישן ניגון, גרויסע יום-כּפּור ליכט זענען אָנגעצונדן געוואָרן אין שול, פון אַלע קאַבינעס האָבן פּאַסאַזשירן מיט מחזורים און טליתים אונטערן אָרעם, געשפּאַנט אין שול אַריין, ווי אַמאָל אין דער אַלטער היים פון די געסלעך. איצט שטייען דאָ אין שול אַלע יידן, נישטאָ קיין ערשטע אָדער דריטע קלאַס, וואָס זאָל זיי אָפּטיילן. אָט

שטייט אַן אַמעריקאַנער טוריסט, איינגעהילט אין אַ קליין זיידן אַמערי־קאַנער טליתל. גלייך נעבן אים שטייט אַן אַלטער ייד פון פּוילן, איינגע־הילט אין אַן אַלטן טערקישן טלית, פון וועלכן עס זעען זיך בלויז אַרויס אָפּגעבליאַקעוועטע פּאַסן פון אַן אומבאַשטימטן קאָליר. דעם טלית האָט ער אָפּגעראַטעוועט פון זיין פאַרמעגן און ווי אַן אויג אין קאָפּ אָפּגעהיט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן... איצט פירט ער אים קיין ארץ ישראל. אַ בערלינער ייד, איינגעהילט אין אַן אַנדערן סאָרט טלית, אַ ספרדי פון ארץ ישראל, אַ סירישער ייד, אַ פראַנצויזישער ייד, אַ מאַראָקאַנער יידי־שע פרוי, אַ יידישע פרוי מיט אירע צוויי יתומים פון אַמסטערדאַם, יידן פון אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן, יוגאָסלאַוויע, אַלע שטייען זיי איצט מיט פאַראייניקטע הערצער און זינגען אויס די מעלאָדיע, וואָס פאַראייניקט זיי אַלעמען דורך דורות און יאָרהונדערטער. איין פאָלק, איין טראַגעדיע, איין האָפנונג און איין לאַנד. ווען דער חזן האָט אָנגעהויבן זיין לשנה הבאה בירושלים, האָט דער גרעסטער טייל פון די מתפּללים נישט געוואָלט נאָכזאָגן, נאָר געשריגן אויפן קול: לשבוע הבאה בירושלים. די ארץ־ישראלדיקע רייזנדע האָבן געמאַכט אַ פּשרה און האָבן געזאָגט לשנה הבאה, אָבער צוגעגעבן דאָס וואָרט „בירושלים הבנויה"! און אַזוי איז די שיף „קדמה" גאַנץ יום כּפּור געשטאַנען אָן באַוועגונג. אַלע מאַ־שינען, שטיל, די קיך פאַרמאַכט, די קאַבינעס נישט אויפגערוימט. אַלעס האָט גערוט ווי גאָט האָט געבאָטן. נישט בלויז איז דער יום־טוב אָנער־קענט געוואָרן אַלס אָפיציעלער יום־טוב, נאָר אַפילו דער תענית איז אָנער־קענט געוואָרן אַלס אָפיציעלער. פּשוט, מען האָט קיין עסן נישט געקאָכט און נישט געגעבן. שטעלט זיך פאָר, וואָס די אפּיקורסים, וואָס פאַסטן נישט יום כּפּור, וואָס פאַר אַ פּנים זיי האָבן געהאַט...

מוצאי יום כּפּור ביינאַכט, איז געפראַוועט געוואָרן אַ ריקודל. דאָ האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן חסידים מיט חלוצים, אפּיקורסים מיט פרו־מע יידן. די חסידים אָנגעפירט פון אַ יונגן רב פון ירושלים, האָבן גע־זונגען וטהר לבנו! די חלוצים אַ נייַ ארץ ישראל ליד, די אַמעריקאַנער אַ דזשאַז ליד... העט האָבן זיך געפלאָכטן ווי ביי דעם רבינס טיש, יעדער איז מיטגעריסן געוואָרן אין דעם פייערדיקן ראָד, וואָס איז וואָס אַמאָל

געוואקסן גרעסער און ברייטער, אויב איר האָט יאָ געוואָלט אָדער נישט, האָט איר געמוזט מיטטאַנצן. נישט נאָר האָב איך געמוזט אַליין מיט־טאַנצן, נאָר דער ירושלימער רב האָט מיר נאָך אָנגעטון זיין שטריימל מיט געוואַלד. נאָך יעדן טאַנץ האָבן אַלע צוזאַמען געזונגען עם ישראל חי! אפילו די קעלנערס, די אָפיצירן פון שיף, אַלע האָבן געטאַנצט. אַזוי האָט מען אויך געפּראַוועט סוכות און שמחת־תורה אויף דער שיף „קדמה", וואָס האָט זיך פאַרשפּעטיקט אין איר רייזע קיין ארץ ישראל צוליב פאַר־שידענע סיבות.

דער סדר פון דער וועלט איז, אַז מענטשן אויף אַ שיף ווערן איינער מיטן אַנדערן שנעלער היימיש, ווי גלאַט אַזוי אויף דער יבשה. נישטאָ דאָ די אָפיציעלע עטיקעטע פון באַקאַנען זיך איינער מיטן אַנדערן. מען איז איין משפּחה: שיף־ברידער און שיף־שוועסטער... נאַטירלעך, חוץ אַ פּאָר סנאָבעס, וואָס פעלן אויך נישט דאָ, אויף דער יידישער שיף „קדמה". דאָס זענען יידן פון אַמעריקע און טאַקע פון ארץ ישראל אַליין, וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט און ווילן מיט געוואַלד מען זאָל צו זיי אַרויפ־קוקן... נאָר דערפאַר, וואָס זיי קוקן אַראָפּ אויף יענעם... מילא, אַז אין אַמעריקע זענען פאַראַן „אַלרייטניקעס", דאָס איז שוין קיין נייעס נישט, אָבער אַז אויך אין ארץ ישראל זענען פאַראַן אַזאַ סאָרט יידן, איז מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן. איך האָב ערשט איצט צום ערשטן מאָל דער־זען, אַז מען קען רעדן העברעאיש און זיין אַן עם־הארץ. אין גלות איז אַזאַ זאַך נישט מעגלעך, אָבער אין ארץ ישראל, יאָ. צוליב וואָס דערצייל איך דאָס אַלעס? נישט, חלילה וואָס איך וויל זיין אַ מרגל, נאָך איידער איך האָב אַראָפּגעשטעלט אַ פוס אויפן ארץ־ישראל באָדן, נאָר פּשוט דער־פאַר, וואָס די אַנדערע ארץ ישראלדיקע רייזנדע, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ מיסיע אין אייראָפּע, וועגן וועלכער קיינער פון שיף ווייסט נישט, — זיי קענען די טיפּן אויך נישט ליידן און האָבן מיט זיי קיין מגע ומשא נישט. איך וויל אויך געבן אַ געלעגנהייט זיך צו שאַפן אַ פולשטענדיק בילד פון די טיפּן און געשטאַלטן אויף דער יידישער שיף, וואָס איז איצט אַ יידיש שטעטל מיט אַלע מעלות און טאַקע אויך חסרונות. אָט הער איך זיך צו צום געשפּרעך פון אַ דאַמע, וועלכע איז

געקליידעט נאָך דער לעצטער פּאַריזער מאָדע אפילו מיט א ציגאַרעטל אַריינגעזעצט אין א ציגאַרעטן שטיפט פון טייערן בורשטין: „באמת, אדון"... זי גלאובען, אז מחר קאָמען וויר אין ארץ־ישראל? נו, יאָ — ציט זי א „לאַ גאַרסאָן", דעם רויך פון ציגאַרעטל — באמת (מיט דער ספרדי־שער הברה), אז פראַנצעסבאַך, איז יותר יפה פון ארץ... פאַרשטייען זי — אדון, די היטצע אין ארץ...

און אָט האָט איר א צווייטן טיפּ: א פּוילישער ייד, וועלכער געפינט זיך שוין יאָרן אין ארץ ישראל, טאַפּט איצט אין דער ערשטער קלאַס דעם דופק ביי די אַמעריקאַנער טוריסטן, ווער עס וויל קויפן א מגרש, אָדער א הויז. עס מוז נישט זיין א גאַנץ הויז, עס קאָן אויך זיין א דירה אין א הויז אָדער גאָר א געשעפט אין תל אביב. אייניקע יידן רעדן וועגן פאַר־שידענע נייע מוסטערן, וואָס זיי פירן דאָ מיט זיך אויף דער שיף און וואָס, ווי זיי גלויבן, וועלן זיין א גאַנגבאַר אַרטיקל אין ארץ ישראל. עס ווערט אייך צו לאַנגווייליק אין דער ערשטער קלאַס פון מגרשים, מאָדעס און פוסטע באַרימערייען פון אויפגעקומענע גבירים און גבירטעס און איר כאַפּט זיך ווידער אַראָפּ אין דער דריטער קלאַס און איר הערט דאָ שוין גאַנץ אַנדערע ווערטער. דאָ זיצן די יונגע עולים און רעדן וועגן זייער צו־קונפט: איר הערט דאָ נישט קיין וואָרט פון מגרשים פון הייזער. גדעון — א יונגער געזונטער בחור, א ארץ ישראלדיקער בחור, וואָס קיינער פון די פּאַסאַזשירן ווייסט נישט, פון וואַנען ער האָט זיך דאָ אויף אונ־זער שיף גענומען, דערציילט פאַר יונגע עולים דאָס יידישע לעבן פון די קבוצות. יונגע פלאַמיקע פּנימער זיצן און שלינגען יעדעס וואָרט מיט כונה. מען זיצט אין א גרויסן ראָד, בחורים און בחורות, אזא שיינע נאַכט אין א קבוצה זיצן מיר — דערציילט גדעון — און רוען זיך אויס פון דער אַרבעט און אז חברים קומען זיך צוזאַמען, זינגט מען א ליד. דאָס פּאָפּולערסטע ליד אין קבוצה איז דער שיר הפרטיזנים. באַלד קלינגט אין דער לופט דאָס פּאַרטיזאַנען ליד:

אל תאמר זאת דרכי האחרונה! (זאָג נישט עס איז דיין לעצטער וועג), און נאָכדעם קלאַמערן זיך הענט און עס פלעכט זיך א לאַנגער פייערדיקער ראָד פון יונגע בחורים און מיידלעך.

די צווייטע קלאַס רעדט פּאָליטיק. דאָ געפינען זיך צום גרעסטן טייל ארץ ישראל דעלעגאַטן, וואָס זענען געווען אין פאַרשידענע לענדער אויף שליחות פון פאַרשידענע גרופּן. איצט האָט מען פאַרגעסן די פּאָליטישע מיינונגס־פאַרשידנהייטן, עס איז איצט די פראַגע, ווער עס איז מער נוצלעך פאַרן ישוב. יענער דייטשער ייד, וואָס אימפּאָרטירט אויסלענדישע פילמען קיין ארץ ישראל, אָדער די נייע עולים דאָ. עס אַנטוויקלט זיך אַן ערנסטע דיסקוסיע. איין דעלעגאַט טענהט, אַז ביידע עלעמענטן זענען איצט נוצלעך פאַרן ישוב. פאַרגעסט נישט, אַז מיר זענען שוין לאַנג אַוועק פון יענעם פּעריאָד, ווען דער ישוב האָט זיך בלויז געניוויטיקט אין חלוצים. עס איז אויך נויטיק די שטאָטישע אינדוסטריע. אַ צווייטער טענהט, אַז דער איצטיקער עלעמענט, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון די לאַגערן, איז אַ שווערער עלעמענט זיך איינצולעבן אין ארץ ישראל, אַז... אָבער ער קען מער נישט פאַרענדיקן זיין באַהויפּטונג. אַ פרומער דעלעגאַט איז אויפגעשפּרונגען און אַ געשריי געטאָן: „מ׳טאָר נישט רעדן קיין לשון הרע אויף יידן״. יענער פּרוווט זיך פאַרטיידיקן: ער האָט נישט אַזוי געמיינט... אַז ער האָט בלויז געוואָלט... אָבער די אַנדערע לאָזן אים ווייטער נישט רעדן. „דאָס איז פאַרבליבן, דאָס איז דער שארית־הפליטה און זיי מוז מען ראַטעווען קיין ארץ ישראל! נישקשה, זיי וועלן זיך איבערבייטן אין ארץ־ישראל. מיר האָבן נישט קיין אַנדערע יידן״.

די שיף איז אַריין אין פּאָרט...

די יידישע שיף „קדמה״ האָט פאַרלאָזט קפריסין אויפן וועג קיין חיפה פאַרנאַכט, אַן אויפשריפט אין העברעאיש האָט געמאָלדן, אַז מיר וועלן לאַנדן אין חיפה. די רייזע אונדזערע האָט געדויערט אַ סך לענגער, ווי עס איז פאַראויס באַשטימט געווען. די מאַשינען פון דער שיף האָבן געהאַלטן אין איין קאַליע ווערן. דער אינזשעניער, אַ יונגער יידישער בחור, אַ פּליט פון דייטשלאַנד, האָט מיר איינגערוימט אַ סוד, אַז דער

הויפט-אינזשעניער און דער קאַפּיטאַן, — די איינציקע צוויי ענגלענדער פירן דורך סאַבאָטאַזש... עפּעס אַן ענגלישע קאָמפּאַניע האָט אַ חלק אין דער שיף אַזוי אַז זי האָט עס באַשטימט איר קאַפּיטאַן און אינזשע-ניער, און צוליב דעם — האָט מיר דער יידישער אינזשעניער איינגע-רוימט אַ סוד — האָט די שיף אַזוי לאַנג פאַרשפּעטיקט. ווי ווייט דאָס איז געווען אמת, האָב איך נישט געקענט פעסטשטעלן, אָבער די גע-שעעניש האָט שפּעטער געהאַט נאָכוויין. די ארץ־ישראל פּרעסע איז אַרוים מיט שאַרפע אַרטיקלען וועגן גאַנצן אינצידענט. די מאַנשאַפט פון שיף האָט דערקלערט אַ שטרייק, געפאָדערט גלייך אָפּצוזאָגן די ענגלישע באַאַמטע. די „הסתדרות" האָט זיך אַריינגעמישט און ביז היינט ווייס איך נישט ווי אַזוי דער אינצידענט אַרום דער „קדמה" האָט זיך פאַרענדיקט. איינס בין איך זיכער אַז די „קדמה" ווערט איצט גע-פירט פון אַ יידישן קאַפּיטאַן.

די גאַנצע רייזע אויף אונדזער שיף איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ היימיש קליין שטעטל. עטלעכע באַאַרטע פרויען האָבן באַרעדט די יונגע מיידלעך פאַר זייער „פאַרשייטקייט"; רעוויזיאָניסטן האָבן זיך געקריגט מיט אַלעמען; פרומע יידן האָבן געהאַלטן אַן אויג אויף די מפּאַי'ניקעס, וואָס זענען אַזוי פאַרזונקען אין די מ"ט שערי טמאה, אַז אפילו אויף אַ יידישער שיף האָבן זיי אויך נישט געגעסן הונדערט פּראָ-צענט כשר... יידישע פּאַניענקעס פון פּוילן האָבן פאַראַדירט מיט פּוי-ליש, וואָס האָט געריסן די אויערן און מיט גוואַלד געוואָלט באַווייזן, אַז זיי זענען נישט גלאַט אַבי ווער... אַלטע טאַטעס און מאַמעס, וואָס זענען געפאָרן צו די קינדער אין שטעט אָדער קבוצות זענען גאַנצע טעג געזעסן, געוואָרעמט זיך אויף דער זון, געזאָגט תהלים און געקוקט אויף די כוואַליעס, וואָס דער ים האָט פאַרשלונגען, און מסתמא געטראַכט פון איינענע יאָרן, וואָס דאָס לעבן האָט אַזוי פאַרשלונגען. חלוצים און חלוצות האָבן גאַנצע טעג פון גאַנץ פרי ביז גאַנץ שפּעט געטאַנצט הורי-ראַס, און די אַמעריקאַנער טוריסטן, אַ פּאָר אָלרייטניקעס פון זשוירסי, ניו יאָרק, באַפאַלאָ, וואָס האָבן מיט איינענע אויגן געוואָלט אָנקוקן פּאַ-לעסטיין טהע האָלילענד, (ארץ ישראל דאָס הייליקע לאַנד), האָבן זיך

גאַרנישט געקענט אָפּוונדערן פון די „באָיס" און „גירלס", (מיידלעך און יינגלעך). ווו נעמען זיי אַזאַ כוח? — האָט אַ בראָנסקער ווייבעלע, אויסגעפּוצט אין עסיק און האָניק, ווי צו אַ באַנקעט פון דער בענעוואָלענט סאָסייטי, געפרעגט. אַ פּאָר רייכע יידן פון ריווערסאַיד דרייוו, מיט ברייטע ספּאָרט-הויזן האָבן אַ גאַנצן טאָג גערעדט וועגן עסן, ביזנעס און ציוניזם, אַז דער הויפּטפּעלער פון די ציוניסטן ביז איצט איז דאָס, וואָס זיי נעמען געלט און גיבן דערפאַר גאָרנישט...

— זעט איר, — האָט איינער פון זיי מיט אַ בכבודיקן פּליך געזאָגט, — ווען דער „זייאַניזם" זאָל איינשטיין ביי די אַמעריקאַנער גויים וואָלטן זיי פון אים שוין געמאַכט אַ לייט... יו העוו טו. גיוו הים סאַמטהינג (דו דאַרפסט זיי עפּעס געבן). צוליב דעם טאַקע פאָרט ער קיין פּאַלעסטיין, צו שאַפן דאָרט אַזאַ קאָמבינאַציע, וואָס זאָל פּראָפּיטאַבל(?) ניקן ביזנעס מיט פּלעזשיר, (געשעפט מיט פאַרגעניגן).

עס פאָרט מיט אונדז אויך אַ גרופּע וואָס שווייגן, כאָטש זיי הערן גוט אַלעס, וואָס מען רעדט. דאָס זענען יונגעלייט און מיידלעך מיט מאָדנע גליענדיקע אויגן וואָס נעמען אייך דורך מיט זייערע בליקן. קיינער ווייסט נישט פון וואַנען זיי קומען, וואָס זייער מיסיע איז, אפילו די נעמען זייערע זענען אַזעלכע מאָדנע: גדעון, חבר שין... חברה אסתר. אַזוי שנעל ווי די שיף איז שטיין געבליבן אין אַ פּאָרט, זענען ארויפגעקומען אַנדערע יונגעלייט, מיטן זעלבן מאָדנעם אויסזען. מען האָט זיך ערגיץ-ווו אויף אַ געהיימען פּלאַץ בּאַראַטן, איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן באַפעלן און שנעל פאַרשוווּנדן צוריק אין די פאַרשטעט.

ווען אונדזער שיף האָט זיך דערנעענטערט צום חיפהער פּאָרט, האָט אין דרויסן גענומען בלויען אויף טאָג. דער פייערדיקער ראָד פון דער אויפגייענדיקער זון, האָט זיך גענומען צעוואַקסן און זיך געשפּיגלט אין דעם ים-פּלאַך וואָס האָט איצט אויסגעזען ווי אַ שפּיגל.

נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט פון התרגשות, שטיי איך ביים זונען־אויפגאַנג אויפן דעק און שטרענג אָן מיינע אויגן צו די ברעגן פון ארץ ישראל און זויג אין זיך אריין יעדע סצענע. אָבער איך בין נישט אַליין אויף דעם דעק. אין אַ ווינקל שטייט אַן עלטערער ייד, אָנגעטאָן אין

טלית און תפילין און דאווגט. איך דערנענטער זיך צו אים און איך הער דייטלעך ווי ער מורמלט: זיי האָבן געזאָגט, אַז איך וועל נישט דער־לעבן, — אָט זעט איר דאָך — קוקט ער אויף מיר און אין זיינע אויגן פינקלען פריידיקע טרערן, — אָט, זעט מען שוין פון ווייטן ארץ־ישראל... אַן אַלטע יידענע שטייט אין אַ צווייטן ווינקל און מורמלט אַ תפילה: רבונו של עולם, דיינע נסים זענען... אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער פון אַן אי־טאַליענישן לאַגער שטייען איצט אין אַ שווייגנדיקער מיליטערישער פּאָזע, קוקן אין דער ריכטונג, פון וואַנען עס שיילט זיך אַרויס דער חיפהער פּאָרט. כמעט אַלע פּאַסאַזשירן שטייען שוין איצט אויפן דעק, אפילו די אַמעריקאַנער טוריסטן קוקן דורך זייערע בינאָקלען כדי פון ווייטן צו כאַפּן אַ קוק.

אָט שיילט זיך אַרויס דער הר הכרמל, אַ לויטערער און אויסגע־פּוצטער פון דער ביינאַכטיקער טוי. אָט זעען זיך אַרויס די קבוצים פון „עמק יזרעאל", איינער נאָענט צום אַנדערן, ווי זיי וואָלטן איצט גע־דרימלט אין דער פרימאָרגנדיקער שטילקייט.

איך קען מיינע אויגן נישט אָפּרייסן פון דער הערלעכער פּאַנאָראַ־מע, וואָס ווערט וואָס אַמאָל שענער. אָבער דאָ אויף דעם דעק, איז איצט דאָס בילד אַזוי שיין... מיט איינמאָל האָבן אויפגעהערט די טאָג־טעג־לעכע קריגערייען. אין אַלעמענס הערצער שפּילט זיך איצט אָפּ די זעל־בע איבערלעבונג. אויף אַלעמענס פּנימער דער זעלבער ערנסטער עמאָ־ציאָנעלער אויסדרוק. דער אַלטער ייד אין טלית און תפילין פאַרענדיקט איצט אַ שטילע תפילה און מיט שטיקנדיקע ווערטער האָט ער אויפן קול אַ געשריי געטאָן: ושבו בנים לגבולם! דאָס איז געווען דער סיג־נאַל איבערצורייסן די ערנסטע שטילקייט. צענדליקער יונגע אָרעמס האָבן זיך ווי פעסטע אייזנס געקלאַמערט איינער אין צווייטן. דער דעק איז פול געוואָרן מיט פרייד און געזאַנג, עלה, עלה ובנה! אַלע טאַנצן, יונג און אַלט, פרום און נישט פרום. יעדער ווייל האָבן זיך אַנדערע אַריינגעריסן אין טאַנצענדיקן ראָד, וועלכער איז וואָס אַמאָל גרעסער געוואָרן, און ווען די שיף איז אַריין אין פּאָרט, האָט דער גאַנצער דעק געטאַנצט...

ערב שבת, מיין צווייטער טאָג אין ארץ ישראל. איך געפֿין זיך אין מיין וווינונג, רחוב בצלאל, אויפֿן „הר הכרמל". מיין צימער איז פֿול מיט בלומען־בוקעטן. דאָס האָבן מיין פֿרויס פֿריינט און באַקאַנטע מיך מקבל פּנים געווען. אַ מאָדע אַזאַ אין ארץ ישראל. דער ריח פֿון די בלו־מען מישט זיך אויס מיט דער שמעקנדער ארץ־ישראל לופֿט, און איך בין פֿאַרשיכורט... נאָכמיטאָג, אַ צוויי שעה פֿאַר ליכט-צינדן. תּימנער יינגלעך צעשרייען זיך אין אַ זינגענדיקן קול „חדשות הערב", „ידיעות מעריב" דאָס דערשיינען די אָוונט-צייטונגען פֿריער צוליב שבת. באַלד דערהערט זיך אַ קרעפּטיק געזאַנג: בואי כלה, שבת מלכתא. איך לויף אַ נייגעריקער אַרויס אויפֿן באַלקאָן. גרופּעס יינגלעך און מיידלעך מאַר־שירן אין אַ מיליטעריש־ער פּאָזע, אונטער דער אויפֿזיכט פֿון זייערע מדריכים. דאָס זענען זיי מקבל די שבת מלכה, וואָס ברענגט מיט זיך איצט אַ רו און מנוחה. פֿון די אָפֿענע באַלקאָנען פֿינקלען שבתדיקע ליכט, און פֿון די צימערן קלינגט אנשטאט דער היימישער זמירות-גע־זאַנג, דאָס פּאַרטיזאַנער-ליד אויף העברעאיש: אל תאמר זאת דרכי האח־רונה (זאָלסט נישט זאָגן דאָס איז דער לעצטער וועג). אַזוי האָט די גע־היימע ראַדיאָ־סטאַנציע „קול הגליל" אָנגעהויבן איר נייע טראַנסמיסיע. באַלד קומט די נייעס וועגן דער היפּאָקריטישער ענגלישער פּאָליטיק, און באַלד די רעגירונגס ראַדיאָ „קול ירושלים", וואָס גיט אַן איבער־בליק וועגן די נייעס פֿון דער וואָך.

זונטיק אָוונט. איך געפֿין זיך אויף דעם ערשטן קאָנצערט פֿון סימ־פֿאָנישן ארץ ישראל-אָרקעסטער אין איינעם פֿון די גרעסטע טעאַטערס אין חיפה. דער אָרקעסטער איז געגרינדעט געוואָרן פֿון בראָניסלאַוו הו־בערמאַן, דער באַרימטער דיריגענט מאָלינאַר, אַ גאַסט אין ארץ ישראל, דיריגירט. און דאָס פּובליקום! מיר ווילט זיך פּשוט מאַכן אַ „שהחיינו". שוין יאָרן נישט געזען אַזאַ פּובליקום. די קאָנצערטן ווערן געשפּילט פֿאַר מנוים (אַבאָנענטן). אַ בליק אויפֿן פּובליקום, און איר דערזעט ווי דיסציפּלינירט און ערנסט ער איז. פֿון די פּנימער קוקט אַראָפּ אַזוי פֿיל אינטעליגענץ, אַזוי פֿיל פֿיינקייט, דער גרעסטער טייל איינפֿאַך געקליי־דעט. איר דערקאָנט גלייך אין די קליידער, אַז דאָס זענען אַרבעטער פֿון

שטאָט און פון די נאָענטסטע קבוצות, ביי וועמען אַ קאָנצערט פון סימ־פאָנישן אָרקעסטער איז אַ יום־טוב.

דער ערשטער טייל פון קאָנצערט איז פאַרענדיקט. דאָס פובליקום אַפּלאָדירט אויסגעהאַלטן, נישט צופיל שטורמיש. עס איז אַ פויזע, מ'גייט אַרויס אויף אַ ווייל. און איך הער דאָ באַלד מער דייטש ווי העברעאיש... דערפאַרעגע מוזיק-קענער רעדן מיט קאָמפּעטענץ און מבי־נות וועגן גאַסט; אַנדערע קענען אים פון אייראָפּעאישע שטעט פון די באַרימטסטע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנצערט-זאַלן.

צוויי טעג שפּעטער, און איך פאָר מיט מיין פרוי צו גאַסט קיין תל־אביב און ירושלים. דער אָמניבוס פון „אגד" איז געפּאַקט מיט פּאַ־סאַזשירן. זיי דערשמעקן אין מיר גלייך דעם גרינעם. — ירוק בארץ... קוקן אַלע אויף מיר מיט פריינטשאַפט. גישקשה — שמייכלט צו מיר אַ ייד; ווייל דוקא וויסן וואָס פאַרא לאַנדסמאַן איך בין. מיר האָבן אַ קליין לענדל, אָבער אַ שיינס. עס וועט אייך געפעלן. — שייך צו זאָגן געפעלן, מישט זיך אַ צווייטער ייד אַריין, ארץ ישראל מוז אַ יידן גע־פעלן. און באַלד מישן זיך אַריין אַנדערע יידן און סתם נייגעריקע, וואָס זענען נייגעריק צו וויסן, וואָס, למשל, אַן אַמעריקאַנער דענקט וועגן ארץ ישראל. און איך בין דער העלד פון גאַנצן אָמניבוס.

— איר אַמעריקאַנער, — זאָגט צו מיר אַ ייד — שיקט אונדז נאָר געווער, און די איבעריקע אַרבעט וועלן מיר טאָן. מ'דאַרף אפילו נישט קיין געווער, כאָפּט אונטער אַ דריטער ייד, שיקט בלויז געלט; מיר וועלן שוין אפילו מאַכן דאָס געווער דאָ. ווי געפעלט אייך עפּעס אַ „ברען־גאון", ריין תוצרת הארץ.

די איינציקע וואָס באַטייליקן זיך נישט אינעם שמועס זענען די יונגע צברות. לויט זייער אויסזען קומען זיי ערגעץ פון אַ קיבוץ אויפן כביש צווישן חיפה און תל אביב. זיי פאַרשטייען נישט וואָס מען רעדט און איך באַמערק, אַז זיי הויבן זיך אָן פילן זייער נישט באַקוועם, וואָס מ'רעדט דאָ כסדר אין אַ שפּראַך וואָס זיי פאַרשטייען נישט.

— מ פ ט פּ ט י ם (פלאַפלען) — קוועטשט איינער אַרויס.

—בלי סוף (אָן אַן ענדע) — ענטפערט אים אַ צווייטער.

— יהודים — שרייט איינער פון דער לעצטער באַנק — למה לא תדברו עברית, (יידן, פאַרוואָס רעדט איר נישט קיין העברעאיש?). דערקלערט מען אים, אַז דער אַמעריקאַנער גרינער קען נישט קיין העברעאיש, מוז מען דערפאַר מיט אים רעדן יידיש.

— אין בכך, ילמד (עס מאַכט נישט אויס, זאָל ער לערנען). און איך האָב קיין ברירה נישט, ווי אַריינמישן זיך אין שמועס, און פאַרשטייט זיך, דווקא אויף העברעאיש. די פּנימער פון די יונגע צברות האָבן מיט איינמאָל אויפגעלויכטן און פאַרגייען זיך איצט אין אַ התפּעלות.

מדבר עברית! מדבר עברית! (ער רעדט העברעאיש), ווי דער גרעסטער גליק וואָלט זיי דאָ געטראָפן. איצט מוז איך שוין זיי ענטפערן אויף די פראַגן: ווי אַזוי לעבט די יידישע יוגנט אין אַמעריקע, אויב זיי רעדן אַלע העברעאיש. און צי זיי גרייטן זיך צו קומען אין ארץ אַנצושליסן זיך אין דער הגנה.

ירוק בארץ — אַ גרינער אין לאַנד

דער אַלגעמיינער געפיל, ווען אַ ייד קומט קיין ארץ־ישראל, נישט געקוקט פון וואָס פאַר אַ לאַנד ער זאָל נישט זיין, איז: אַז ער געפינט זיך, ווי ביי זיך אין דער היים.

די מיינונג איז טיילווייז ריכטיק, איר דערפילט טאַקע די היימישקייט אויף שריט און טריט, אין יעדן ווינקל, אָבער איר זענט פאָרט אַ גרינער אין לאַנד... טאַקע ביי אייגענע, אָבער מען דערשמעקט אייער גרינקייט. און מעגט איר רעדן ווי גוט העברעאיש וועט אייך, אַן ארץ־ישראלדיקער „ותיק" אָדער „צברה" גלייך דערקענען אַזוי שנעל ווי איר מאַכט אויף דאָס מויל... באַגעגנט ער אייך מיט אַ פריינטלעכן שמייכל: כמה זמן בארץ? (ווי לאַנג אין לאַנד?) די ערשטע באַקאַנטשאַפט פון אַ גרייזער איז אַ נייעם לאַנד זעיעז געווענלעך די צייטונגען, די גאַסשילדן איבער די געשעפטן, קאַפעען און רעסטאָראַנען.

יענעם טאָג ווען איך האָב זיך ארויסגעלאָזט אויף מיין ערשטן שפּאַציר איבער דער תל-אביבער „בראָדוויי", די אלענבי גאַס, כדי צו באַקענען זיך מיט דער שטאָט, האָבן זיך מיר גאַנץ פריי דאָס ערשטע געוואָרפן אין די אויגן, די צייטונג-קיאָסקן, אַזוי האַרמאָניש צוגעפּאַסט צו די ליכטיקע קאָלירן פון די הייזער, און צו די בלוי-זוניקע הימלען פון תל־אביב, וואָס האָבן גאַנץ פריי אַראָפּגעקוקט לויטערע, אָן אַ וואָל־קנדל איבער די גאַסן, איך האָב זיך געוווּנדערט אויף דער שפע פון צייטונגען און זשורנאַלן וועלכע זענען געלעגן פריש געבאַקענע, אויסגע-לייגט פּאַכמעניש בסדר, מיט די קעפּ נייעסן ווען די פאַרהאַנדלונגען אין לייק־סוקסעס, אויף דער פראַגע פון פאַרקויפער, איזה עתון? (וואָס פאַר אַ צייטונג?) האָב איך אים געענטפערט כולם (אַלע). יענער האָט מיך פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט. און מיך איבערגעפרעגט, און איך האָב אים דאָס מאָל דייטלעכער באַמערקט — „כל העתונים" (אַלע צייטונ-גען), איך האָב אָנגעהויבן: „הארץ", „דבר", „הבוקר", „משמר", „הצופה", דער רעוויזיאָניסטישער „המשקיף", דער קאָמוניסטישער „קול העם", „עתון עממי", די „פּאַלעסטיין פּאָסט", נאָכדעם די צוויי דיי-טשע „ידיעות היום", און „חדשות אחרונות". נאָכדעם ערשט וואָכנ-בלעטער, חודש־זשורנאַלן, פּעריאָדישע אויסגאַבן, אָבער מיין פאַרקוי-פער איז נאָך נישט פאַרטיק: וואָס איז מכח די „נייע ציריכער צייטונג? די „באַזעלער נאַכריכטן", „די אילוסטרירטע וואָך"? דאָס ווינער „גע־מיינדע בלאַט" דאָס... איך קויף נאָר תוצרת הארץ, — האָב איך אים אָפּגעשטעלט, מעג זיין אפילו אין דייטש, אָבער נאָר געדרוקט דאָ אין ארץ, — אדון, טרייסט ער מיך — ווי ער וואָלט זיך פילן אַ שולדיקער... די ארץ-ישראלדיקע דייטשע צייטונגען האָבן עמודים אין עברית... איי־נע פון זיי שוין אַ גאַנצע העלפט אין עברית... ס'איז בלויז דערווייל. מען דאַרף זיי צוגעוויינען די יעקים... זיי זענען נישט אַזוי שלעכט, זיי לערנען פלייסיק עברית...

איך טראָג איצט מיט זיך אַ גאַנץ שווער פּעקל צייטונגען, זשור-נאַלן, צווישן זיי אפילו גאַנצע צוויי ספּעציעלע פרויען זשורנאַלן, און... אפילו אַ העברעאישע שונד-צייטונג, מיטן נאָמען „עתון מיוחד", וואָס

האָט גלייך אויף דער ערשטער זייט, אַ סענסאַציע מיטן אַן אַנטלאָפע־נעם חתן... (אַ וואונדערבאַרער סיוזשעט פאַר אַ יידישער מעלאָדראַמע) און נאָכדעם גייט עס אַזוי כסדר, איין סענסאַציע נאָך דער צווייטער. הייסט עס, מיר זענען שוין אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער מיט אייגענע סענ־סאַציעס, פאַרוואָס טאַקע נישט?

די קאָפּע ווו איך האָב זיך אָוועקגעזעצט האָט אַ וועראַנדע פון דרויסן, נישט געקוקט וואָס עס איז נאָך גאַנץ פרי, איז שוין די ווע־ראַנדע באַזעצט. דאָס דערקלערט מיר מיין שכן, זענען די, וואָס האָבן געאַרבעט נאַכט־שיכטן, אין פאַבריקן „נהגים" (שאָפערן), פּאָליציי פון נאַכט־דינסט און בחורים און בחורות וואָס איילן גאַנץ פרי צו דער אַרבעט, און האָבן נישט קיין אייגענע היים, כאַפּט מען דאָ אויף שנעל, אויפן אַמעריקאַנער סיסטעם, אַ פרישטיק. דער ערשטער וועלכער איז מיך מקבל־פנים, איז דער תימנער שיך־פוצער, ער פרעגט מיך אפילו נישט, נאָר בויגט זיך גלייך אַריבער מיינע שיך, מיט אַ שלום אדוני! און באַפעלט מיר אַוועקצושטעלן מיין פוס אויף זיין שיך־בענקעלע, — מה דעתך? ווערט ער מיט מיר גלייך אַ גוטער ברודער, תהיה המדינה או לא? (וואָס גלויבסטו עס וועט זיין אַ יידישע מדינה אָדער נישט?) און ער וואַרט נישט אויף מיין ענטפער, בודאי! (זיכער) ענטפערט ער באַוועגנדיק דאָס בערשטל איבער מיינע שיך — על אפם ועל חמתם! ווערט ער שטרענגער, און דאָס בערשטל פליט איצט מיט פלינקייט... געענדיקט די אַרבעט, צעגיסט זיך אַ ברייטער שמייכל אויף זיין מאָגערן פאַרמעט פּנים, — אדוני אמריקאי? (דו ביזט אַן אַמעריקאַנער) איך הכרת? ווי אַזוי האָסטו דערקאַנט? — די שיך זענען נישט תוצרת הארץ... — שמייכלט ער.

די קעלנערן, אַ סימפּאַטיש באַחנט מיידל, מיט אַ ספּעציעלן ווייס־ברוינעם אוניפאָרם, פרעגט מיך וואָס איך וויל, און זינגט פאַר מיר אויס דאָס פרישטיק־צעטל, ביצים מטוגנות, (געפרעגלטע אייער), ביצים מבושלות (געקאָכטע), שלושה מינוטים, קפה, לחם וחמאה, גבינה, לחם לבן, דאָס אַלעס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַזוי שנעל, מעכאַניש, אַז מיר איז פשוט שווער געווען צו כאַפּן די ווערטער... אויסער דעם, האָט זיך מיר

אין אזא זוניקן טאג פארגליסט צו כאפן גלאט א שמועס... מה? האב איך זי געפרעגט, אבער מער ווי דאס פרישטיק-צעטל האט די קעלנערן ווידער נישט אויסגערעכנט, דאס מאל אביסל לאנגזאמער כדי איך זאל פארשטיין. איך האב נאך אמאל איבערגעפרעגט, אבער עס האט גארנישט געהאלפן. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז מער העברעאיש ווי אויסרעכענען דאס שפייז-צעטל, קען די קעלנערן, א דייטש-יידישע פליטה נישט... און מיר זענען אריבער אויף דייטש...

איך האב אויפגעמאכט די צייטונגען. די ערשטע נייעסן מיט גרויסע איבערשריפטן, זענען געווען טעלעגראמעס פון די זיצונגען אין לייק-סוקסעס. יעדע צייטונג האט א ספעציעלן קארעספאנדענט. אנדערע אפילו צוויי, אין לייק סוקסעס. נאכדעם קומען די וועלט-נייעס און נאכדעם נייעס פון לאנד אליין. אט זענען די וויכטיקסטע נייעסן פון יענעם טאג „שווייצער פירמע האט באשטעלט שיך אין ארץ-ישראל"; א גרויסער קאמפיין פאר „תוצרת הארץ" איז פראקלאמירט געווארן; „טויזנטער פרייזן און פרעמיעס אין דער פארם פון קופאנען וועלן געגעבן ווערן. די טשאקאלאד פאבריק „פופאלא קאקאא", האט איצט פארגרעסערט איר פראדוקציע אויף גאנצע צוויי טויזנט טאן א יאר, פאר א יאר האט זי פראדוצירט בלויז פופצן הונדערט טאן, און פאר דער מלחמה אינגאנצן דריי הונדערט טאן. די „תנובה"־קאאפעראטיוון האבן פארגרעסערט די פראדוקציע פונקט איצט ווען עס גייען אן די פארהאנדלונגען ביי דער „און". מילך, אויף פינף און דרייסיק פראצענט, פוטער, און קעז, העכער זעכציק פראצענט. דער עקספארט פון וויין, איז פארגרעסערט געווארן, און האט איצט אן אפזאץ אויך אין זיד-אפריקע. 70 טויזנט קעסטלעך אראנזשן, גייען אפ פון חיפהער פארט, פון זיי זענען צוויי דריטל יידישע; „יידישע עקספארטירער פארמאגן פינף ארגאניזאציעס, אראבער בלויז איינע", „צווישן די ארבעטער אין פארט, ביים אויפלאדענען די אראנזשן, זענען באשעפטיקט פינף הונדערט פארטיזאנער, פון דער „קבוצת פרטיזנים"; „אין דער נייער שכונה „קרית חיים" איז געגרינדעט געווארן א בשותפותדיקע מועצה, פון אראבער און יידן, וואס וויל פארבעסערן באציאונגען צווישן אראבער און יידן". — „נתן ציפלאוויטש, א נייער

עולה, אין צפת, האָט דערפונדן אַ נייע סאָרט פּול-פּען, וועלכע וועט זיין אַ פאַרבעסערונג פון די נייעסטע מאָדעלן, און נעמט אָן דריי מאָל אַזוי פיל טינט", דער פּאַטענט איז שוין פאַרשריבן און אנערקענט אין זיבעצן לענדער. אָט דאָס זענען געווען די וויכטיקסטע נייעסן פון מיין ערשטן טאָג, באַקאַנען זיך מיט דער העברעאישער פּרעסע אין ארץ.

נאָכדעם האָב איך זיך גענומען באַקאַנען מיט דעם געבוי פון די גאַסן, מיט די געשעפטן פון דרויסן, ווי אַזוי זיי זענען צוזאַמענגעשטעלט, און ווי אַזוי די שוי-פענצטער קוקן אויס פון דרויסן. דעם ערשטן פּלאַץ קען מען זאָגן, פאַרנעמען דריי סאָרטן געשעפטן אויף דער אַלענבי גאַס: די לעדער-געשעפטן, וואָס שטעלן הויפּטזעכלעך אויס פּרויען-טאַשן, די גאָלד-געשעפטן, „שעון וצורף" (אַ זייגערמאַכער און גאָלדשמיד). און די פּערפום-געשעפטן. זיי זענען פון דרויסן אויסגעשטעלט מיט אַזוי פיל געשמאַק, מיט אַזוי פיל פּאַכמענישע געניטקייט, אַז אייך דאַכט זיך, איר געפינט זיך אויף דער ניו-יאָרקער „פיפט עוועניו", אָדער „לאָנדאָנער פּי-קאַדילי", יעדע אויסלאַגע האָט טויזנטער חנען, און נאָך מער די אויפ-שריפטן, וואָס דערציילן וועגן דער קוואַליטעט פון די סחורות. איר זעט דאָ דערפאַרונג, ראַפינירטקייט, און געשמאַק; דאָס שענסטע און בעסטע פון די אייראָפּעאישע הויפּטשטעט, איז דאָ אַהער אריבערגעבראַכט גע-וואָרן. אַ שפע פון סחורות, אַלע „תוצרת הארץ", יעדער האַנט-טאַש אַן אַנדערע פאָרם, אַן אַנדער מוסטער. די פּערפום-געשעפטן, זעען אויס ווי קינסטלערישע אַטעליעס, ווי מוזעאומס. אָט איז אין סאַמע הארץ פון שטאָט-צענטער, וווּ עס ענדיקט זיך אַלענבי, און עס הויבט זיך אָן „בן יהודה" דאָס שיך-געשעפט מיקולינסקי, אַזאַ לוקסוסיעזע אויסשטאַטונג, זעט איר זעלטן אַפילו אין ניו-יאָרק. איצט קומט די נייע „נקניקיה" (וווּרשט-געשעפט), ערשט נאָר וואָס אויסגעבויט, וואָס קען אייגשטיין אין די שענסטע גאַסן פון די אייראָפּעאישע הויפּט-שטעט. נאָכדעם קומען די קאָנדיטערייען פון קאַפּולסקין, וועלכע זענען אַ מין „טשאין סטאָר", אויפן אַמעריקאַנער לשון, איבערן גאַנצן לאַנד, דאָס זענען באַרימטע קונסט-בעקערייען, כמעט אין אַלע געשעפטלעכע צענטערס פון לאַנד, און אַזוי ציט זיך איין געשעפט נאָכן צווייטן. פול מיט סחורות פון כל-טוב;

די שענסטע קאָסטיומען פאַר מענער און פרויען, פיין אויסגעאַרבעטע שטאָפן, אפילו ניילאָן זאָקן, זייַד פון די באַרימטע פאַבריקאַנטן דעלפּי־נער, משי זאקס, און ירושלימסקי. א ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַן, וואָס האָבן די גרעסטע טעקסטיל און זייד פאַבריקן אין ארץ־ישראל. דער גרעסטער טייל פון די אַלע אַרטיקלען, וואָס באַצירן די שוי־פענצטער פון די תל־אביבער געשעפטן, זענען „תוצרת הארץ".

אָנגעקוקט זיך זאַט מיט די געשעפטן, האָב איך ווי יעדער גרינער געגומען זיך באַקענען מיט די שילדן... זעט איר אויף דעם געביט קענט איר שוין זען א מין „קבוץ גליות"... אָט למשל, א ייד האָט זיך פאַר־גלוסט עפענען א פּלאַץ וווּ מען קען אויף שנעל טרינקען א היימיש גלעזל טיי, האָט ער אויפגעשריבן גאַנץ פשוט „השתיה כדת"... און אַנדערער האָט גאָר אויפגעשריבן א „שהכל נהיה בדברו"... און א דריטער וואָס הייסט וואַרשיינלעך שטיין, האָט אויף זיין קרעמל אַרויסגעהאָנגען א שילד „אבן השתיה"... (דער שטיין פון טרינקען...), אַזוי איז אויך דאָס וואָרט „כוח" שטאַרק פּאָפּולער צווישן די שילדן אין תל־אביב, אָט האָט איר אַלץ גע־שעפטן מיטן נאָמען „כוח", חנות לצרכי חשמל (געשעפט פאַר עלעקטרי־שע צודאַטן) „כוח", בעקעריי „כוח"; א מיל מיטן נאָמען „הכוח"; א גע־שעפט פאַר ספּאָרט־זאַכן „הכוח"; א געשעפט פון ראַזיר־אַפּאַראַטן, און מעטערלעך „הכוח"; א העמדער געשעפט „הכוח". איך האָב אָפּגעציילט א וואָסער צוואַנציק געשעפטן מיטן נאָמען „כוח"... מייסטן פּאָפּולער זע־נען אויף די שילדן די ווערטער מרכז (צענטראַלע) „מקור" (קוואַל) און „פנה" (ווינקל); „מרכז האבילה", „מרכז הנעלים" (שיך), „מרכז הרהי־טים" (מעבל), „מרכז החמאה" (פּוטער), „מרכז המסרקות" שיינהייטס־סאַלאָן פאַר פרויען: איר שפּילט זיך מיט א ייד, ער פאַרנעמט זיך גלייך אויפן גרויסן מאַסשטאַב. איך האָב אַזא שילד געזען פון א בייגל־פאַר־קויפער, וואָס האָט זיך געלייענט „מרכז הבעיכים" (א בייגל־צענטער...), דאָס זעלבע איז אויך מיט „פנה" (ווינקל): „פנת הלחם", „פנת הגרבים", „פנת הסנדלרים", „פנת הדגים", „פנת הפרחים", פנת הבגדים", און דאָ שפּילט נישט קיין ראָלע אויב דאָס געשעפט געפינט זיך נישט אין א

ווינקל, דער עיקר דאָס וואָרט „פּנה"... אַזוי איז אויך מיטן נאָמען „מקור".

אַנדערע יידן געבן מאָדנע נעמען אויף זייערע געשעפטן. אייניקע זענען גלאַט אָריגינעלע; אַנדערע קענען נאָך נישט קיין עברית, אַט האָט אַ ייד אויפגעשריבן אויף זיין תנובה „ואכלת ושבעת" (זאָלסט עסן און זאַט זיין), האָט אַ צווייטער אויפגעשריבן „ואכלת וסבאת" (וואָס באַדייטעט עס און פרעס...). אַ ליטוואַק האָט ביי אַ שילדן־מאַכער — דערציילט מען מיר — באַשטעלט אַ שילד פאַר אַ פאַרבן געשעפט, אנשטאָט „קשת" (רעגנבויגן) האָט דער ליטוואַק, אין זיין ליטווישן העברעאיש, באַשטעלט „קסת", וואָס דאָס מיינט נאָר אַ טינטער... אַ צווייטער נייער עולה וואָס האָט געעפנט אַ געשעפט פון פרויען-צירונג, האָט אויפגעהאַנגען אַ שילד מיט אַן אויפשריפט „פּנת הטבעת"... ערשט ווען מען האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אַ רינגל האָט נישט קיין ווינקל האָט ער דעם שילד אַראָפּגענומען.

די ענגלענדער גיבן מיר „קבלת-פּנים"

די פּאָליטישע לאַגע אין ארץ-ישראל, איז ביי מיין אָנקומען געווען זייער אָנגעשטרענגט. אונדזערע באַשיצער, די ענגלענדער, האָבן ווייזט אויס געפילט, אַז באַלד וועט זיך זייער ממשלה ענדיקן אין ארץ-ישראל, און דערפאַר זענען זיי, וואָס אַ טאָג ברוטאַלער, און ווילדער געוואָרן. מען האָט אויף יעדן ניי-געקומענעם, געקוקט מיט הונדערט אויגן... ווער שמועסט אַ זשורנאַליסט, און נאָך דערצו אַ ייד. מיט דער ספּעציפיש לאַקריץ-זיסער דזשענטלמענישקייט, וואָס עקלט אייך, האָט דער ענגלישער אימיגראַציע באַאַמטער, גענומען מיט מיר פאַרפירן אַ „פריינטלעכן שמועס", וואָס איז אין תוך געווען, אַ מין דיפּלאָמאַטישער פאַרהער... אויף דער שיף פאָרנדיק, האָב איך פון דער ארץ-ישראלדיקער חברה אויס־

געלערנט א ווארט וואס געפעלט מיר נאך ביזן היינטיקן טאג אזוי שטארק: אני מצפצף! (איך פייף אויף...) ווער שמועסט, אז איך האב מיט זיך אין קעשענע אן ארגענטינער פאספארט, מיט א וויזע קיין ארץ־ישראל... הייסט עס — שמייכלט צו מיר דער באאמטער, קוקנדיק אויף מיינע וויזעס פון א האלבן ערד־קוגל. איר באזוכט אויך ארץ־ישראל? אזוי הייסט עס — ענטפער איך אויך מיט א שמייכל, נו און אין מלחמה־צייט ווו זענט איר געווען? טוט ער מיך גלאט אזוי א פרעג. ארומגעפארן — ענטפער איך אים גלייכגילטיק, איבער גאנס וועלטל. אייך זשורנאליסטן איז באמת מקנא צו זיין, אט זע איך איר זענט ארומגעפארן א האלבע וועלט...

— וואס מיך וווּנדערט, קוקט ער אויף מיינע וויזעס, וואס איר זענט נאך נישט געווען אין רוסלאנד... — עס איז נאך נישט שפעט — ענטפער איך אים, איך קלייב זיך מאקע אינגיכן צו מאכן א רייזע קיין סאוועט־רוסלאנד, אזוי... אזוי ווערט ער אביסל נתפעל.

איך האב בעת מעשה געזען, ווי פון אלע זייטן קוקן אויף מיר אויגן, מיט פארדעכטיקע בליקן, מיר האט זיך אפילו אויסגעדאכט, אז א פאסאזשיר פון אונדזער שיף, וואס האט זיך א גאנצן וועג געהאלטן פון ווייטן פון אונדז אלעמען, איז איצט געשטאנען גאנץ נאענט פון די ענגלישע אימיגראציע־באאמטע, און מיך דורכגענומען מיט זיינע מאדנע בליקן, יא מען האט מיר נאך אין אייראפע דערציילט, אז אויף יעדער שיף וואס גייט קיין ארץ־ישראל, געפינען זיך ענגלישע דעטעקטיוון.

דאס בעסטע — ראטן מיך מיינע ארץ־ישראל קאלעגן, איז גלייך אוועק אין ענגלישן אינפארמאציע־ביורא אין ירושלים, זיך רעגיסטרירן אלס אויסלענדישער קארעספאנדענט און פארלאנגען א קארעספאנדענטןקארטע, סיי ווי, שפיאנירט מען דיר נאך יעדע באוועגונג.

די אינפארמאציע־ביורא (לשכת מודיעין ממשלתית) האט זיך געפונען אין „רחביה", דער שענסטער געגנט פון ירושלים, וואס איז דאן געווען די באוואפנטע זאנע, און אויסגעקוקט, ווי א מיליטערישע פעסטונג, דראט־פארצוימונגען, קאנאנען מיט אפענע מיילער, מאשין־געווער אויף דעכער, און מיליטערישע „דזשיפס" וואס זענען אין דער גרעסטער געשווינדקייט געלאפן הין און צוריק.

ארייננקומענדיק אין פרעסע־ביורא, ווו דער רעגירונגס־ספּיקער פּלעגט אָפּט אָפּהאַלטן זיינע קאָנפערענצן מיט די צייטונגס־פאָרשטייער, האָב איך אויף א גרויסן טיש פאר אויסלענדישע און אינלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, באמערקט די אויפשריפטן פון אלע העברעאישע און אויך אראבישע צייטונגען. דאָס טעלעפאָן־מיידל, האָט מיין נאָמען איבערגעגעבן די סעקרעטארן פון פרעסע־אָפיציר, די צייטונג וואָס איך פארטרעט, און דאָ האָט פּאסירט א טעות וואָס האָט אביסל פארשאפט פארגעניגן... די אלע יידישע צייטונגען מיט וועלכע איך בין פארבונדן, האָבן כמעט אלע אייגענע קאָרעספּאָנדענטן אין ארץ־ישראל, ארויסצובאקומען א נייע רעגירונגס־קאָרעספּאָנדענטן־קארטע, איז נישט אזוי לייכט, האָב איך אָנגעגעבן, אז איך בין דער קאָרעספּאָנדענט פון בראזיליאנער, פּאָרטוגעזיש־יידיש וואָכנבלאט „אָנדי וואמאָס", פון וועלכן איך האָב געהאט א קאָרעספּאָנדענטן־קארטע. נישט מיין נאָמען און נישט דער נאָמען פון דער צייטונג האָט געקלונגען יידישלעך, אזוי אז דער אָפיציר האָט מיך נישט געלאָזט לאנג ווארטן, און מיך אויפגענומען מיט „אָפענע ארעמס"... אבער דערווייסנדיק זיך אז די צייטונג איז א יידישע און אז איך בין א יידישער זשורנאליסט, איז די אויפנאמע גלייך אָפּגעקילט געוואָרן, און דער אָפיציר, א יונגער ענגלענדער, מיט א פארריסן חוצפהדיק פנים, האָט פארלוירן זיין פריינטלעכן שמייכל, — איר זענט געקומען אין א זייער הייסער צייט... האָט ער אָנגעהויבן... יאָ — איך ווייס, האָב איך אונטערגעכאפּט, פונקט אויסגעקליבן פּאלעסטינע. איז דאָס א פארגעניגונגס־רייזע? א ייד — האָב איך אים אָפּגעענטפערט פארט קיין ארץ־ישראל פאר פארגעניגן... ווי לאנג ווילט איר דאָ פארבלייבן? — אויף שטענדיק — האָב איך שנעל געענטפערט. אבער אזש פון ארגענטינע פון אזוי ווייט, גראד אויסגעקליבן פּאלעסטינע? נישטאָ קיין בעסערע און שענערע פּלעצער? — פאר א יידישן זשורנאליסט, זאָג איך אים, זיכער נישט... קענט איר מיר ווייזן אייער וויזע? איז ער נאָך ערנסטער געוואָרן...

איינציקע מאָל, האָט ער דאָס זייטל, אויף וועלכן עס איז געווען די ארץ־ישראל וויזע, איבערגעקוקט, געמישט די בלעטלעך, און געקוקט אויף די אנדערע וויזעס, און ענדלעך א זאָג־געטאָן — איר מוזט דאָ אי־

בערלאַזן אייער בילד מיר'ז זען... נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ „נערוון קריג" צווישן אונדז ביידע, וועמענס געדולד עס וועט פריער פּלאַצן, איך בין טאָג־טעגלעך געקומען נאָכפרעגן אויף מיין פּרעסע־קאַרטע, און דער אַראַבישער פאַרטרעטער פון פּרעסע־אָפיציר, האָט אַלץ געגעבן אַנדערע תירוצים... ביז עס זענען מער נישט פאַרבליבן קיין תירוצים, און איך האָב די גרינע פּרעסע־קאַרטע באַקומען, וואָס דערלויבט מיר פריי צו באַוועגן זיך אפילו אין אַזעלכע פּלעצער פון „עוצר", איך האָב געהאַט דאָס גליק צו באַקומען דעם צווייטן נומער נאָך הענרי וואַלאַס.

מיין ערשטן באַזוך האָב איך געמאַכט אין דער געביידע פון דער פּאָליציי, און איך האָב ביים ערשטן אָנבליק, דערזען דעם גרויסן אונ־טערשיד צווישן דער ענגלישער און יידישער פּאָליציי, די ענגלישע פּאָ־ליציסטן, זענען געווען בעסער געקליידעט ווי די יידישע. באַוואָפנט מיט מער מאָדערנע וואָפן, אָנשטאָט דעם „קולפּאַק" און שווערע מיליטערישע שיך, וואָס די יידישע פּאָליציי האָט געטראָגן, זענען די ענגלענדער גע־ווען אויסגעשטאַטעט מיט לייכטע פיינע שיך, און ספּעציעלע היטלען, אַ יידישער פּאָליציסט האָט זיין ענגלישן קאָלעגע באַדאַרפט רופן מיס־טער. יענער האָט דעם יידישן פּאָליציסט אָנגערופן דירעקט מיטן נאָמען. אַלץ איז ספּעציעל געטון געוואָרן כדי צו דערנידעריקן און באַליידיקן די יידישע פּאָליציי, דער יידישער פּאָליציסט למשל, האָט נישט געטאָרט אָנטיילנעמען אין די פאַרווייל־גען פון די ענגלענדער, און אפילו נישט געטאָרט באַנוצן פאַר זיינע מענטשלעכע באַדערפענישן דאָס זעלבע אָרט וואָס דער ענגלישער פּאָליציסט, שטילערהייט איז אפילו די פּאָליציי פאַרבאָטן געוואָרן אָנטיילצונעמען אין קאָנצערטן, טעאַטערס, און אַרויסצווייזן פּריוואַטשאַפט אפילו צו יידישע קינדער... יידן זענען פון דער פּאָליציי באַטראַכט געוואָרן פאַר „נייטיווס" (איינגעבוירענע) אַ ני־דעריקע ראַסע, אויף וועלכער מען דאַרף קוקן פון „אויבן אַראָפּ", איר האָט נישט באַדאַרפט אַ סך קוקן אויף די חוצפּהדיקע פּנימער פון דער פּאָליציי, כדי צו זען די יידן־שנאה, וואָס האָט פון זיי אַרויסגעקוקט. דער גרעסטער טייל, מאָזלים מענטשן, זיי זענען בכיוון, פון דער סאָציאַ־

ליסטישער רעגירונג, געשיקט געוואָרן קיין ארץ-ישראל כדי דאָרט די ענגלישע אָקופּאַציע ארמיי, אָנשטעקן מיט נאַציסטישן סם.

מיין צווייטער באַזוך איז ירושלים, איז געווען אין דער געביידע פון דער סוכנות, וואָס הייבט זיך אָן גלייך נאָך בן יהודה גאַס, און גרעניצט זיך מיט דעם נייעם פערטל „רחביה", דאָס הויז פון דרויסן איז שטאַרק ענלעך צו אַ רעגירונגס-פּאַלאַץ. פון די קליינע דרום-אַמע-ריקאַנער לענדער, וועלכע איך האָב באַזוכט אויף מיין רייזע איבער די לאַטיין-אַמעריקאַנישע לענדער, מיט דעם אָריענטאַלישן סטיל אַרומגע-רינגלט אַלע אָפּטיילונגען פון „קרן היסוד", „קרן קימת", „עליה", „נוער" און אַנדערע, אַלע אין אַ האַלבן ראָד, קוקט די געביידע אויס ווי אַ רע-גירונגס-געביידע, מיט מיניסטעריומס פון פאַרשידענע דעפּאַרטאַמענטן.

איך האָב לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן אויף אַן אוידיענץ מיט לייב יפה ז"ל, וועלכער האָט מיך אויפגענומען אין זיין ביוראָ. די הויפּט-ביוראָ פון קרן היסוד. לייב יפה ז"ל, האָט זיך זייער פאַראינטערעסירט אין די אַרגענטינער יידן, ווו ער איז געווען אין די אינטערעסן פון קרן היסוד, און זיך נאָכגעפרעגט אויף די ציוניסטישע פירער פון אַרגענ-טינע, אַזוי אויך פון די אַנדערע דרום, און צענטראַל-אַמעריקאַנער לענ-דער. ער האָט מיר געוויזן אַ פּלאַן וועגן אַן אויסטויש פון אינסטרוק-טאָרן מיט די צענטראַל- און דרום-אַמעריקאַנער לענדער. און לויט זיין פּלאַן נאָך, זאָלן יונגעלייט און מיידלעך פון ארץ-ישראל פאָרן אויף אַ צייט שטודירן אין אַמעריקאַנער לענדער, און אַמעריקאַנער יונגעלייט און מיידלעך, זאָלן קומען קיין ארץ ישראל. ער איז אויך געווען שטאַרק באַגייסטערט פאַר די אַרגענטינער חלוצים, וועלכע ער האָט פּערזענלעך באַזוכט, און נישט געפונען גענוג לויב פאַר זיי, — איר וועט זען — האָט ער צו מיר אַ באַגייסטערטער געטענהט, מירן נאָך פון זיי גרויס נחת האָבן. נישקשה, מירן זיי אויסלערנען העברעאיש, איר דאָרט שיקט זיי!

איך האָב לייב יפהן דערמאָנט אין זיינס אַ ליד, וועלכן ער האָט פאָרגעלייענט אויף אַ באַנקעט אין האָטעל „איירעפּאַ", אויף אוריבורו אין בוענאָס-איירעס, בעת זיין באַזוך אין יאָר 1922, און איך האָב דער-

זען אַז אים האָט דאָס שטאַרק הנאה געטון, ער האָט געבעטן זיין סעק־רעטאַרין אַריינצוברענגען אים זיינס אַ בוך, ווו דאָס ליד איז געדרוקט געווען, און אינמיטן טומל פון שרייב־מאַשינען און דעם געקלאַנג פון צענדליקער טעלעפאָנען, האָט לייב יפה פאַר מיר גענומען לייענען דאָס ליד.

— איך האָב דאָס ליד אָנגעשריבן טאַקע דאָרט אין אַרגענטינע, איז פלוצים זיין שטימע וואַרעמער און צאַרטער געוואָרן... אָבער באַלד איז אַריין די סעקרעטאַרין און אָנגעזאָגט אַז אַ וויכטיקער טעלעפאָן איז נאָר וואָס געקומען פון תל־אביב, און זיין שטימע האָט זיך מאָמענטאַל געענדערט. ער איז שוין איצט געוואָרן אָפיציעלער, ערנסטער, און גע־קוקט אויף מיר באַלד אויף זיין סעקרעטאַרין ווי אַ פאַרשולדיקט קינד... וואָס האָט נאָר וואָס אָפּגעטון עפּעס אַ קונדעסעריי... איך האָב פאַר־שטאַנען אַז עס איז איצט די העכסטע צייט אַוועקצוגיין, זיך מיט אים געזעגנט. זאָגט די אַרגענטינער ייִדן — האָט ער מיר נאָך ביי דער טיר נאָכגערופן, אַז איך וועל צו זיי קומען דירעקט פון מדינת ישראל, ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז אַ פאַר וואָכן שפּעטער וועט דער ציוני־סטישער וועטעראַן אַזוי טראַגיש פאַרענדיקן זיין לעבן.

די נאַכט פון 29־טן נאָוועמבער

דאָס, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין תל־אביב אין דעם מאָמענט ווען דורכן רם־קול (הויכרעדער) איז באַקאַנט געוואָרן, אַז מיט דריי און דרייסיק שטימען, איז אָנגענומען געוואָרן דער חלוקה־פּלאַן, און אַז מיר האָבן נאָך אַזאַ לאַנגער גלות־עפּאָכע — אַן אייגענע מדינה, איז שווער איבערצוגעבן מיט ווערטער.

יונג און אַלט, פרום און נישט־פרום, שמערניסטן, אירגוניסטן, הגנהיסטן, פרומאַקעס, וועלכע האָבן נאָך נישט געהאַט אויסגעטון זייערע

שבת-קליידער, ספרדישע יידן מיט זייערע אָריענטאַלישע קליידער, נייע עולים, וואָס האָבן נאָך נישט אָראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שטויב פון ווייטן וועג, אַלע זענען איצט געשטאַנען צוזאַמענגעקוועטשט אין אַ גרויסער שווייגנדער מאַסע, אין „ככר מגן דוד", דער תל־אביבער צענטער, און מיט קלאַפּנדיקע הערצער, יעדע ווילע זיך צוגעהערט צו די טעלעגראַמעס, וועלכע זענען איבערגעגעבן געוואָרן דורכן הויכרעדער, פון דער העכסטער געביידע פון דער געגנט.

אַ קוק בלויז אויף די אַלע פּנימער, און איר האָט דערזען, אַז דאָס איז אַ היסטאָרישער מאָמענט. אַלע פּאַרטיי-חשבונות, קריגערייען, חילוקי-דעות זענען אין דעם מאָמענט פאַרשוווּנדן. נאָך דעם פרייטיק־צונאַכטס, פון אַ דריי שעה נערוועזע אָנשטרענגונגען, ווען ס'איז מיטאַמאָל באַקאַנט געוואָרן, אַז אויפן פאָרשלאַג פון פראַנקרייך, איז די אָפּשטימונג אָפּגע־לעגט געוואָרן אויף פיר און צוואַנציק שעה, איז דער גאַנצער עולם גע-שטאַנען איצט ווי אויף קוילן... ווער ווייסט, וואָס עס קען ווידער פּאַ-סירן? אָבער די נערוועזיטעט איז נישט בלויז געקומען פון פרייטיק אוונט, דערוואָרט האָט מען דאָ די באַקאַנטמאַכונג, נאָך דינסטיק אין אוונט, ווען עס איז אין דער הבימה-געביידע פאָרגעקומען די פּראָקלאַמי־רונג פון אַ פאָלקס-מאָביליזאַציע, ווו טויזנטער מענטשן זענען געשטאַנען אַרום דער געביידע פון דרויסן, נישט קענענדיק אַריינגיין. דאַן, נאָך די רעדעס פון בן-גוריון, גאָלדע מאירסאָן, רמז און די אַנדערע מיטגלידער פון דער יידישער אַגענטור, האָט מען דערוואַרט אַ טעלעגראַמע פון ניו־יאָרק. דאָס פּובליקום איז דאַן אַהיימגעגאַנגען אַביסל אַנטוישט, און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואָך פון אַ מין נערוון־קריג, קעגן יידישן ישוב פון אַראַבישן צד.

ביידע אָוונטן, פרייטיק-צו-נאַכטס, און שבת ביינאַכט, זענען ספּע־ציעל אָוונטן אין תל-אביב, ווען דאָס פּובליקום פילט זיך יום-טובדיק, אָבער דעם פרייטיק איז נישט געווען אַזוי. גלייך נאָך דעם, ווי אַ גרוי־סער לאַסט־אויטאָמאָביל איז פאַרבייגעפאָרן מיט איין און איינציקן פּאַ־סאַזשיר, אַן עלטערער ייד, וועלכער האָט דורך אַ שופר געבלאָזן, אַ צייכן, אַז עס איז שבת, און מען דאַרף צומאַכן די געשעפטן, פון יענעם מאָמענט

אָן, האָט תל־אביב פאַרלאָרן איר געוועגלעכע שבתדיקע רואיקייט. קינאָ, טעאַטער, שפּילן נישט, קיין אַנדערע פאַרווייַלונגען זענען אויך נישטאָ, איז זיצט מען געוועגלעך יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס, אין די לוקסוסדיקע קאַפע־הייזער, אָדער מען שפּאַצירט אויפן קאַרזאָ. דאָס מאָל אָבער, האָט תל־אביב אויסגעזען גאַנץ אַנדערש ווי יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס. ווער קען עס איינזיצן אין קאַפע־הויז אַזאַ אָוונט? צייטונגען דערשיינען נישט, און די איינציקע נייעס, וועלכע מען האָט יעדע ווייַלע געקאָנט הערן, איז בלויז געווען פון די רם־קולס, פון אַלע רעדאַקציעס, וועלכע האָבן אין די הויפּטגאַסן, ספּעציעל צוגעגרייט אינסטאַלאַציעס, פאַר די טויזנטער נייַ־געריקע, וואָס האָבן יעדע ווייַלע געוואַרט אויף דער גליקלעכער אַנטשיי־דונג.

צען אַזייגער אין אָוונט, איז שוין דער „ככר מגן דוד" אָדער ווי מען רופט אים מיט אַ קיבעץ אויפן חשבון פון די דייטש־יידישע פּליכטלינגע, דער „פּאָסטדאַמער פּלאַץ" און אויפן חשבון פון די תימנער יידן, „ככר פאַלאַפול" (דאָס איז אַ מאכל פון די תימנער יידן, ווי אונדזער היימי־שער טשאָלנט), געווען איבערגעפּולט מיט צענדליקער טויזנטער יידן. יעדע ווייַלע האָט זיך פון די רום־קולס דערהערט די שטימע: הקשיבו! הקשיבו! אנחנו מביאים חדשות מלאיק סוקסעס! (הערט זיך צו, מיר ברענגען נייעס פון לייק סוקסעס!) יעדעס שטיקל נייעס איז גלייך איר־בערגעגעבן געוואָרן, און יידן האָבן דורשטיקע אויפגענומען יעדע נייעס מיט קלאַפּנדיקע הערצער. איך האָב באַטראַכט די פּנימער אַרום מיר: אַלע ערנסט, אָנגעשטרענגט. נישט ווייט פון מיר, האָט אַ ייד מיט אַ ברייט שבתדיק סובעלנעם שטריימל, שטילערהייט געמורמלט אַ תפילה. אַן אַלטע תימנער יידישע פרוי, האָט דייטלעך אויפן קול געזאָגט תפי־לות.

אַלע זענען געשטאַנען אין אַ שפּאַנענדער דערוואַרטונג. עס האָבן דאָ נישט געפעלט קיין פּאָליטיקער, און אַליין־געמאַכטע דיפּלאָמאַטן, וואָס האָבן נאָך יעדן שטיקל נייעס, ווען דער רם־קול איז שטיל געבליבן, קאָ־מענטירט די לעצטע נייעס. דאָ האָט איר דערהערט אַ מיש־מאַש פון שפּראַכן, פון יידיש איז אָפּגערעדט, דאָס האָט איר געקענט הערן אין

יעדן ווינקל, אָבער אויך שפּאַניש, פּויליש, דייטש, און דייטשמעריש, (איך מיין גאַליציאַנער דייטש...) ווען עס איז דערמאָנט געוואָרן אַ נאָמען פון אַ זיד- אָדער צענטראַל־אַמעריקאַנער לאַנד, האָט זיך שוין באַוויזן אויף שנעל אַ ייד, וואָס איז שוין דאָרט געווען, און ער האָט גלייך די אָרומיקע פאַרזיכערט, אַז דאָס לאַנד וועט זיין גוט צו יידן... אַז זי וועט שטימען פאַר אונדז, פאַרוואָס? פּשוט, האָט דער ייד איינגערוימט אַ סוד דעם אָרומיקן עולם, (וואָס איז געווען אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד...) ווייל דער פּרעזידענט פון יענעם לענדל איז נעבעך אַ גרויסער נצרך, לא עליכם. עס פעלט אים שבת צו מאַכן, האָט זיך אַן אַנדערער ייד וויצלענדיק זיך אַריינגעמישט... און יידן וועלן זיך מיט אים אַן עצה געבן... אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזרט נאָך יעדער נייער מדינה. איר האָט דאָ געקענט זען צווישן עולם, אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן, און סאָוועטישע פּאַטריאָטן. אַזוי שנעל עס איז דערמאָנט געוואָרן אַ וואָרט וועגן אַמעריקאַנער דעלע־גאַט, האָבן די אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן געשריגן הידד! האָט מען ווידער דערמאָנט דעם סאָוועטישן דעלעגאַט, האָבן די סאָוועטישע פּאַטריאָטן געשריגן.

אַזוי האָבן זיך געפונען יידן, וואָס זענען אויסגעווען אַ וועלט, וואָס האָבן די געאָגראַפיע פון דער גאַנצער וועלט, ביי זיך אין קעשענע... און וואָס זענען מיט איינמאָל איבערנאַכט אויסגעוואַקסן אַלס זאַך־קענער, פּאָליטיקער און ספּעצן... איר שפּילט זיך מיט יידן? ערשט וועז עס איז געקומען צו ליבעריע, זענען די „דיפּלאָמאַטן" שטיל געוואָרן. ליבעריע? וואָס פאַרא לאַנד איז דאָס? און ווו ליגט עס? אָבער נישקשה, נאָך דעם ווי עס האָבן זיך איבערגעחזרט אַ היבש ביסל וויצן אויפן חשבון פון לי־בעריע, האָט זיך באַלד אָפּגעזוכט אַ ייד, אַ שניידער, וואָס איז אויך דאָרט געווען. יאָ, דאָס האָט דער ייד דערקלערט, איז אַ לאַנד פון סאַמע שוואַרצע, אפילו דער פּרעזידענט איז אויך אַ שוואַרצער. ער אַליין איז אַ שניידער, און האָט דעם פּרעזידענט אויפגענייט אַן אַנצוג, אויב אַזוי, האָבן אַנדערע אונטערגעכאַפּט, אפשר וואָלסטו אים געשיקט אַ טעלע־גראַמע, ער זאָל שטימען פאַר אַ יידישער מלוכה? דער שניידער איז אויף

שנעל ארום אונדז באַרימט געוואָרן, און לצים האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן אויף זיין חשבון צו וויצלען.

באַלד האָט אַ ידיעה פון דעם הויכרעדער איבערגעריסן: די אָפּשטי־מונג, — האָט זיך געזאָגט, — איז אָפּגעלעגט געוואָרן אויף פיר און צוואַנ־ציק שעה... אַ נישט-צופרידענער און אַביסל אַנטוישט, איז דער עולם זיך צעגאַנגען נאָך האַלבער נאַכט.

***

שבת ביינאַכט איז דערפאַר דער עולם געשטאַנען מיט אַ געמישט געפיל פון דערוואַרטונג און אַביסל יאוש... ווער קען וויסן? וועט זיך גע־פינען נאָך אַ מלוכה, וואָס וועט מאַכן אַ פאָרשלאַג אויף אָפּלעגן? יעדע מינוט האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט... מען הערט שוין די נאַכט ווייניקער לצנות ווי נעכטן. דאָס פּובליקום פאַרשטייט, אַז דער ענין איז ערנסט... די אַראַבער קעמפן. נייע שפּיצלעך... יעדע ווילע נייע קונצן, כדי צו דערשטיקן דעם גינסטיקן מאָמענט איצט... ווען זיי זעען, אַז זיי האָבן פאַרלוירן... יעדן איינעם פון די צענדליקער טויזנטער יידן איז שוין איצט קלאָר, אַז דער אַראַבישער צד ווייסט שוין, אַז ער האָט פאַרלוירן און ער פּרוּווט דערפאַר איצט אויס די גרעסטע שמד-שטיק... און דער־פאַר איז איצט די סכנה אַזוי גרויס. וועט דאָס זיי געלונגען?

באַלד דערהערט זיך אויף דער ראַדיאָ דער פאָרשלאָג פון לבנון אָפּ־צולעגן די אָפּשטימונג... אַ שטילקייט הערשט צווישן די טויזנטער יידן. מען וואַרט מיטן גרעסטן אומגעדולד... אָבער פּלוצים זאָגט דער רם-קול די נייעס, אַז הערשל דזשאָנסאָן, דער אַמעריקאַנער דעלעגאַט האָט זיך אויפגעשטעלט און נעמט דאָס וואָרט, בליץ־שנעל האָט זיך די פאַר־צווייפלטע שטימונג געביטן... דער עולם אַרום איז מיטאַמאָל געוואָרן לע־בעדיקער און לוסטיקער. יאָ, שרייט אַ פרומער ייד אויפן קול, אַז ר' הערשל רעדט, וועט שוין זיין טוב! דער רם-קול גיט איבער דעם אינהאַלט פון זיין רעדע און אַ הידד-געשריי פון טויזנטער טראָגט זיך אין דער לופטן, ווידער אַ פּאָר אָנגעצויגענע שטימונגס-מינוטן... דער רם־קול שרייט איצט אויפן קול די „הצבעה" (ציילונג) האָט זיך אָנגעהויבן. איצט

קענט איר הערן דאָס קלאַפּן פון טויזנטער הערצער... און מיט איינמאָל... פון קול-רם טראָגט זיך די נייעס: מיר האָבן אַ יידישע מלוכה!... ספּאָנ־טאַן האָט זיך דערהערט אַ געשריי פון טויזנטער קולות הידד! הידד פון רם־קול טראָגט זיך אַ הילכיקע שטימע, דאָס רעדט צו אייך יוסף העפט־מאַן דער רעדאַקטאָר פון „הבוקר" הקשב ושמע ישראל! ציטערט די שטימע, דער היסטאָרישער מאָמענט פאַר דיר, יידיש פאָלק, האָט גע־שלאָגן!.... פון טויזנטער הערצער טראָגט זיך איצט די „התקוה". אַלע אין אַן ערנסטער פּאָזע, מיט אַנטשלאָסנקייט דיסציפּלינירט. אַ מינוט בלויז און הענט פלעכטן זיך איינע אין די אַנדערע. הונדערטער, טויזנטער, צענדליקער טויזנטער, מען טאַנצט אַ הוירא, אַ הסידיש, מען לאַכט, מען וויינט, מען ווינטשט זיך מזל-טוב, עס פלאַטערן מיט איינמאָל אויף אַ ים פון פענער מיט דער אויפשריפט „עם חפשי!" יונגע חברה נעמען אויף שנעל איבער די אָמניבוסן. אָנגעפּאַקט טראָגט מען זיך איבער אַלענבי, שיינקין, שדרות ראָטשילד, מיט הורא־געשרייען. אַזוינס האָט איר נאָך נישט געזען. מען קען מיט רעכט זאָגן, אַז קינדער פון די וויגן אפילו, פילן איצט אָן די גאַסן, וואָס זעט איר דאָ נישט? פייערווערק, פענער, טרו־מייטערס. אַלץ שרייט איצט ווי מיט אַ קול, וואָס איז יאָרנלאַנג געווען דערשטיקט. אַלעס איז יום־טובדיק. מען קושט זיך. יאָ, יונגעלייט קושן איצט פרעמדע מיידלעך און אַלע לאַכן גוטמוטיק. איר דערזעט פאַר אייך אַ בילד, וואָס איז אַזוי ענלעך צו „שמחת בית השואבה". אַ בילד, וואָס וועט אייך בלייבן אויפן גאַנצן לעבן. אַ פאָלק איז אויפדאָסניי געבוירן געוואָרן.

די קאַפּעען זענען געפּאַקט איצט, נאָך האַלבער נאַכט, די שמחה איז גרויס, די שטימונג יום-טובדיק, איר רייסט זיך קוים דורך אַ וועג אין גאַס, אַלע טאַנצן, יונג און אַלט. יאָ, אפילו די גאַסן אַליין טאַנצן אויך, און מיט זיי די שיינע געביידעס פון תל־אביב.

תל-אביב אונטער אַ האָגל פון קוילן

איך בין נאָך נישט קיין גאַנצע צוויי חדשים אין ארץ ישראל, „אַ גרינער אין לאַנד", און דער ערשטער צוזאַמענשטויס צווישן די יידן און אַראַבער אין אַ גרעסערן פאַרנעם, האָט מיך פאַרכאַפּט אויף די גאַסן פון תל-אביב, פונקט ווען איך בין געגאַנגען פון רחוב בן יהודה צו אַלענבי, האָבן קוילן אָנגעהויבן פייפן נישט ווייט פון שיינקין גאַס, וואָס איז אינגאַנצן אַ פּאָר הונדערט מעטער פון דער גרעניץ צווישן יפו און תל-אביב. דערהערנדיק דאָס פייפן פון די קוילן, וואָס איז מיר נאָך גוט אין זכרון פון מיינע סאָלדאַטישע יאָרן אין דער ערשטער וועלט-מלחמה, האָב איך פאַרשטייט זיך געוואָלט זיך אויסציען אויף דער ערד... אָבער איך האָב זיך פשוט פאַרשעמט פאַר די טויזנטער פאַרבייגייער, וועלכע האָבן אָנגעפולט די גאַסן... איר קענט זיך פאָרשטעלן וואָס עס וואָלט זיך געווען אָפּגעטאָן, ווען די טויזנטער פאַרבייגייער וואָלטן דערזען אַ מענטש פאַלט גלאַט אַזוי אַוועק אויף דער ערד. אָדער ער איז חלילה געטראָפן געוואָרן פו אַ קויל, אויב נישט איז ער גלאַט אַ משוגענער... יונג און אַלט, גייען ווייטער אָן וועלכן עס איז מינדעסטן אונטערשיד, אָבער מען האַלט זיך נאָענט צו די ווענט. יאָ, קינדער מיט די שול-ביכער גייען אין שולע, און אַ פּאָר טריט ווייטער פאַלן קוילן...

אָט פאָרט אויף שנעל אַן אויטאָמאָביל פון „רויטן מגן דוד". איך קען זען דורך די גרויסע פענצטער פאַרבאַנדאַזשירטע, פאַרוווּנדעטע, דאָס — דערציילט מיר אַ ייד, זענען אונדזערע פּאַרטיידיקער, די „הגנה-חברה" פאַרלאָזט זיך אויף זיי — ווערט ער שטאָלץ, זיי האָבן די אַראַבער דאָרט דערלאַנגט אַ חלק. איך דערנענטער זיך צו דער גאַס, ווי עס קומען פון יענער זייט גרופּעס פליכטלינגע מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס, וועלכע מען האָט אויף שנעל געקאָנט אַרויסראַטעווען. דאָס אַנטלויפן זיי פון דער גרעניץ וואָס איז אַזוי נאָענט פון די אַראַבער, אָבער

אויך זיי זענען רואיק... פון גאַנץ נאָענט דערזעט איר ווי קריגזלדיקע וואָלקן רויך ציען זיך צום הימל, עס ברענען אַראַבישע הייזער וואָס אונ-דזערע חברה האָבן אָנגעצינדן, צוליב דעם וואָס אַראַבער האָבן אונטער-געצינדן יידישע הייזער. איך בין איצט גאַנץ נאָענט צו דעם פראָנט, אפּי-לו מיין מיליטערישע גרינע פּרעס-קאַרטע נוצט מיר נישט, ווייטער גיין טאָר מען נישט, סיידן... סיידן מ׳וויל קומען צו קבר אבות איידער נאָך מ׳האָט זיך איינגעבירגערט אין ארץ ישראל. איר דערזעט ווי די „הגנה" פירט דאָ אַ סטראַטעגיק. אַלעס איז מיליטעריש צוגעגרייט. דער פראָנט ציט זיך אַרום דער גאַנצער שטאָט. מיט פּאָסטנס, שפּיר-פּאַטרולן, וואַכן, און אַלעס ווי אַ רעגולערע אַרמיי. יעדער געפערלעכער פּונקט פון וואַנען מען קען דערוואַרטן אַז די אַראַבער זאָלן זיך דורכברעכן, ווערט שטאַרק באַוואַכט. קוים רירן זיי זיך פון אָרט, ווערן זיי באַהאַגלט פון אַלע זייטן, און מוזן זיך צוריקציִען.

תל-אביב איז פּאַקטיש אינגאַנצן — כמעט פון אַלע זייטן אַרומגע-רינגלט פון אַראַבישע געגנטן, און אויב זיי ווערן יעדער ווייל מיט גרוי-סע פאַרלוסטן צוריקגעשלאָגן, פירן זיי אָן אַ מין באַהאַלטענע מלחמה פון די דעכער. זייערע קוילן דערגרייכן אפילו אין צענטער פון שטאָט. דאָ און דאָרט, זענען יידן געטראָפן געוואָרן פון אַזעלכע קוילן, און די צאָל טויטע ביז איצט איז דערוויַיל נאָך נישט באַקאַנט אָפיציעל, אָבער זי וואַקסט טאָג-טעגלעך, פון ביידע צדדים.

עס איז שוין איצט נאָך דעם אַראַבישן שטרייק, עס איז שוין אויך אַוועק דער אַראַבישער יום-טוב (פרייטיק). אין דעם טאָג קומען געוויינ-לעך פּאָר אומרוען, אָבער אויסער ווי אַ פּאָר איזאָלירטע פּאַלן פון אַראַ-בישע אָנגריפן, דאָ און דאָרט אויף לאָקאַלע פּלעצער, און אויף די וועגן, זענען קיין אַנדערע אָנפאַלן נישט פאָרגעקומען. די הגנה שטייט נישט בלויז אין תל-אביב אויף דער וואַך, נאָר אויך אין אַלע געגנטן פון לאַנד. און שוין דאַן ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אָפּשטימונגען אין לייק סוקסעס, איז שוין די אַרמיי פון דער „הגנה" געשטאַנען ביי די גרעניצן פון די אַראַבישע מלוכות גרייט. דאָס ווייסן יענע לענדער גאַנץ גוט. און עס גלוסט זיך זיי נישט אָנצוהייבן אַ מאַרש, וואָס דאַרף קאָסטן טויזנ-

ה ת ק ד ם ! יידישע קעמפער מאַרשירן צום פראָנט...

מער קרבנות. לויט דעם חשבון פון אויסלענדישע מלוכות, זענען די אראַ־בישע לענדער אַלע צוזאַמען, בכוח צו ברענגען אַן אַרמיי פון הונדערט צען טויזנט סאָלדאַטן. אָבער זייער אָרעם אויסגעריכטעט, און נאָך ערגער דיסציפּלינירט. דאַקעגן זענען די יידן בכוח אויפצושטעלן אַן אַרמיי פון זיבעציק טויזנט. דאָס זענען די הגנה־מיטגלידער, און קענען אַפילו פאַר־דאָפּלען די צאָל ביי דער ערשטער נויטווענדיקייט. די אויסלענדישע מי־ליטערישע עקספּערטן שטעלן זיך גאַנץ באַזונדערס אָפּ אויף דער פּלמח־אָפּטיילונג פון דער הגנה, וואָס איז גוט אויסגעריכטעט מיט מאַשין־גע־ווער, און אַפילו מיט טאַנקען. דאָס זענען די שטורם־טרופּן פון דער הגנה. אויסער דעם זענען פאַראַן טויזנטער אויסגעדינטע יידישע סאָל־דאַטן און אָפיצירן פון דער איצטיקער און לעצטער וועלט־מלחמה, וועלכע האָבן געדינט אין אַלע אַרמייען פון דער וועלט, און דאָרט באַקומען זייער־רע מיליטערישע אויסבילדונג. בעת פון אַראַבישן צד קען מען בלויז רע־כענען אַלס גוט אָרגאַניזירט און דיסציפּלינירטע אַרמיי, דעם אַראַבישן לעגיאָן, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון די ענגלענדער.

דער איצטיקער אַרויסטריט פון די אַראַבער איז דער ערשטער, נאָכ־דעם ווי די „און" האָט אָפּגעשטימט דעם חלוקה־פּלאַן. און ער איז, אַזוי צו זאָגן, אַ מין פּראָבע, ווי אַזוי די אַראַבער האָבן אויפגענומען דעם פּלאַן. מען קען שוין איצט זען אַז אויסער אייניקע גרופּעס, וועלכע ווערן געהעצט פון מופטי, האָבן די אַראַבישע מאַסן גאָרנישט קעגן דער צע־טיילונג פון ארץ ישראל אין אַ יידישן און אַראַבישן טייל. די פאָלקס־מאַסן אין די אַנדערע געגנטן, אין אַזעלכע שטעט ווו אַפילו עס איז פאַ־ראַן אַ גרעסערע אַראַבישע באַפעלקערונג ווי אין טבריה, צפת, חברון, ווו עס זענען אין די לעצטע אַראַבישע אַרויסטרעטונגען פאָרגעקומען גרויסע אומרוען, זענען איצט אינגאַנצן שטיל. אין אַ סך פאַלן זענען אַראַבישע אַרבעטער געקומען צו דער אַרבעט אין אַראַבישע פּרדסים, גישט געקוקט אויפן שטרייק. אין אַנדערע פאַלן האָבן אַראַבישע שכנים אויסגעדריקט זייער סימפּאַטיע צו די יידן פאַר די איבערפאַלן. אַ טייל שכנים האָבן באַצייטנס די יידן צו וויסן געגעבן אַז מען גרייט זיך זיי איבערצופאַלן, זיי זאָלן בעסער זיך אַריבערקלייבן אין יידישע געגנטן. דאָס באַווייזט אַז

די אראבישע פאלקס-מאסן ווילן מיט די יידן לעבן בשלום. און נאר א געוויסער קלאס העצט זיי קעגן די יידן.

תל־אביב גייט אן ווי שטענדיק מיט איר טאג-טעגלעכער ארבעט. די קאפע-הייזער זענען איבערפולט, מען הערט וועגן פארשידענע קלאנגען וואס טראגן זיך דא ארום. אזוי, למשל, האט זיך דא פרייטיק צו נאכטס פארשפרייט א קלאנג, אז דאס רב'ל ברוך קארף, וואס האט זיך געוואלט „אראפלאזן" איבער ענגלאנד און באמבארדירן והייטהאל, גרייט איצט צו א פלאן פון גרינדען אן ארמיי פון א פערטל מיליאן אמעריקאנער יידי־שע סאלדאטן — א בריגאדע וואס דארף הייסן „דזשארזש וואשינגטאן". כדי ארייננצומארשירן קיין ארץ ישראל. אויף ווי ווייט די ידיעה ווערט גענומען ערנסט אין די יידישע קרייזן אין אמעריקע, ווייס איך נישט, אבער דער תל-אביבער ייד, וועלכער זעט אין דער אידייע א גאנץ גוטן פלאן, האט זיך אין דעם אנגעכאפט, און אייניקע נאכמיטאג־צייטונגען האבן די ידיעה פראמינענט געדרוקט... ווייל דער ארץ ישראלדיקער ייד קען זיך דאס גאר נישט פארשטעלן, אז נאכדעם ווי אמעריקע האט זיך פאראינטערעסירט אז דער פלאן פון א יידישער מלוכה זאל אנגענומען ווערן, זאל אונדז גלאט אזוי לאזן אויף הפקר? זיכער וועט דא קומען אן אמעריקאנער ארמיי...

שבת, ווען אין תל־אביב גייען קיין צייטונגען נישט ארויס, איז קיין אפיציעלע נייעס גישטא, אבער לויט דער לעצטער ראדיא, איז באקאנט געווארן, אז נאכדעם ווי אן ענגלישער טאנק איז צוגעקומען צו א פונקט וווּ עס זענען געלעגן פיר יידן, מיט מאשין-געווער, און אפגעהאלטן אראבישע באנדעס, וועלכע האבן זיך געוואלט דורכרייסן די תל-אביבער גרעניץ, האבן די יידן געשאסן אויף די ענגלענדער. די ענגלענדער האבן געענטפערט אויפן פייער, און צוויי פון זיי זענען אויף דער שטעל דערשאסן געווארן, איינער פון זיי איז געכאפט געווארן און איינער, וועלכער איז פארווונדעט געווארן איז שפעטער פון שפיטאל ארויס־געריסן געווארן פון זיינע זעקס באוואפנטע חברים. עס איז דערווייל נישט פעסטגעשטעלט געווארן אויב די פיר יידן האבן טאקע געשאסן אויף די ענגלענדער, און ווו זיי זענען געווען, ווייל ביז איצט האט

די „הגנה" מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג אָפּגעהאַלטן דעם יידישן צד, ער זאָל זיך קאָנטראָלירן ווי ווייט מעגלעך, און אַ דאַנק דער שאַרפער קאַלטער קאָנטראָל, איז פאַרמיטן געוואָרן אַ גרעסערער צוזאַמענשטויס. אָט איז דאָ דער אינהאַלט פון אַן אויפרוף, וואָס די הגנה האָט אַרויסגעלאָזט צו די אַראַבער, אין אַראַביש, און אים אַריינגעשמוגלט אין די אַראַבישע געגנטן:

„צו אונדזערע אַראַבישע שכנים! אויפגעהעצט פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן, איז אונדזער לאַנד אין די לעצטע פאָר טעג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלוט־באַד. מיר, פון אונדזער זייט, קאָנטראָלירן זיך ווי מעגלעך כדי נישט אַרויסצורופן מער קרבנות. מיר וואָרנען אייך אָבער נישט צו לאָזן זיך אויף אַ געפערלעכן וועג, און זיך אָפּהאַלטן פון ווייטערע בלוט־פאַרגיסונגען. אויב אָבער איר וועט דאָס נישט פאָלגן, דאַן זייט וויסן, אַז מיר וועלן דאַן מער נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס עס וועט פאַסירן אין אייערע געגנטן. איר ווייסט גאַנץ גוט אַז אונדזער קאָנטראָל איז נישט פון שוואַכקייט..."

דאָס זענען מער ווייניקער די ווערטער פון דעם אויפרוף, וועלכער איז אויסגעקלעבט געוואָרן אין די גאַסן פון תל־אביב אין העברעאיש, און איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַראַביש, פאַר די אַראַבישע געגנטן. זיי, די אַראַבער, ווייסן גאַנץ גוט אַז די הגנה קאָן דערלאַנגען, און זיי האָבן זיך אין דעם אייניקע מאָל איבערצייגט, עס איז נישט מער אין 1936, ווען דער ישוב איז געווען מאַכטלאָז. עס איז אַ פאַקט, אַז ליפטא, דאָס געפערלעכסטע דאָרף פון די אַראַבער, פון וואַנען עס פלעגן שטענדיק קומען די אַראַבישע אָנפאַלן, איז היינט גראָד שטיל. קיין איינציקע פּאַסירונג איז ביז איצט דאָרט נישט פאָרגעקומען. דאָס איז דאָס זעלבע דאָרף, וו די הגנה האָט אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן מיט אַ צייט צוריק, אַז זיי געדענקען עס זייער גאַנץ לעבן, און וועלן דאָס איבערגעבן לדור דורות.

וואָס זאָגט אין אַזאַ צייט דער מענטש פון גאַס? בכלל ווי אַזוי באַציט ער זיך צו די איצטיקע געשעענישן? קודם־כל איז דאָס אַן אַלט באַקאַנטע זאַך, אַז אונדזערע יידן זענען גרויסע „סטראַטעגן", ווען עס קומט צו אַ מלחמה. איר קענט דאָ הערן פאַרשידענע זאַך־פאַרשטענדיקער: איי־

נער זאָגט אַז דאָס וואָס די הגנה האָט געדולד און קאָנטראָלירט זיך, וועט פון דער אַראַבישער זייט אָנגענומען ווערן פאַר אַ שוואַכקייט. מען דאַרף זיי דערלאַנגען מיטן גאַנצן כוח, ווי אונדזערע בחורים קענען. אַ צווייטער: אַז אונדזערע קאָמענדאַנטן דאָרט שלאָפן נישט, זיי ווייסן וואָס זיי טוען און מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן... גלויבט מיר — פאַרזיכערט ער דאָס רעדל יידן — איך גיי אַהיים און וועל גאַנץ רואיק און געשמאַק שלאָפן, מיר האָבן זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן... אַ דריטער ווייזט אַ סטראַטע־גישן פּלאַן ווי אַזוי מען קען אין פיר און צוואַנציק שעה אַרומרינגלען אַלע אַראַבער. אַ פערטער איז אַ גרויסער חסיד פון אַמעריקע, מען קען זיך פאַרלאָזן אויפן „דוד סעם” (אַנקעל סעם), מירן באַלד האָבן דאָ אַן אַמע־ריקאַנער אַרמיי. באַלד באַווייזט זיך אַ תימנער זקן טראָגנדיק זיין ביסל פאַרמעגן. איך — זאָגט ער אין אַ תימנער העברעאיש צו די אַנדערע יידן — איך גיי איצט פון דער אַראַבישער מדינה, צו דער יידישער מדינה. פאַראַן דאָרט אַ פּלאַץ פאַר אַלע יידן. גאָט ברוך הוא וועט העלפן. און די ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ רואיקייט, אַז וועלכן עס איז פּחד, נישט קיין שום היסטעריע אין ערגעץ, זיי האָבן שוין ווייזט אויס גע־לערנט די תל.אביבער, אַז מען מוז זיין רואיק, אַז מען טאָר נישט ווערן היסטעריש.

מיט אַן אויטאָמאָביל פון תל-אביב קיין חיפה

עס איז היינט צו טאָג נישט אַזאַ לייכטער ענין, אַריבערצוכאַפּן זיך פון איין שטאָט אין דער אַנדערער אין ארץ־ישראל. דער גרעסטער טייל פון די קרבנות, זענען פאַראורזאַכט געוואָרן אויף די וועגן, ווו די פּאַסאַ־זשירן אין די אָמניבוסן, זענען באַפאַלן געוואָרן פון אַראַבער. אָפן, אָדער פון פריישיסערס, וואָס האָבן באַשאָסן דעם כביש פון אַ באַהאַלטענעם פּלאַץ. דערפאַר פאָרט מען היינט, נאָר ווען עס איז אומבאַדינגט נויטיק.

און דאָס, אונטער שמירה, ווי מען רופט עס דאָ. אַ גרופּע אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, האָבן באַשלאָסן צו מאַכן די רייזע, מיטן אויטאָמאָביל וואָס האָט געטראָגן אַ גרויסע אויפשריפט, אין אַלע דריי שפּראַכן: אין העברעאיש, ענגליש און אַראַביש: „פּרעסע". און איך האָב די געלעגנהייט אויסגענוצט, וואָס קען מער פּאַסירן ווי כאַפּן אַ קויל... דער שאָפער אונגזערער, אַ דייטש־יידישער פּליכטלינג, אַ געוועזענער פּראַנט־קעמפּער, אין דער יידישער בריגאַדע, האָט אונדז אַלעמען פינף פּאַסאַזשירן, אויסגעזעצט אין אַ סטראַטעגישער פּאָזיציע, שמייכלענדיק אונדז פאַרזיכערט, אַז עס איז הונדערט פּראָצענט זיכער, אָבער ווי אַ זאַך מאַכט זיך... אויבנאָן איז געזעסן אַ יידישער שוטר, מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט. און אַזוי האָבן מיר אָנגעהויבן די נסיעה קיין חיפה.

עס איז איצט אין ארץ־ישראל די שענסטע צייט פון יאָר. לויטן חשבון, וואָלט עס שוין לאַנג געדאַרפט רעגענען, אָבער די הימלען זענען לויטער, אָן אַ וואָלקן, און אַ זוניקער פרימאָרגן, שפּרייט זיך אויס איבער דעם גאַנצן כביש, נאָכדעם ווי איר האָט זיך געפינען באַלד צוויי וואָכן צייט אין תל־אביב, ווו עס קומען טאָג־טעגלעך פּאָר שיסערייען פון ביידע צדדים. שטעלט איר זיך פאָר, אַז יעדער אַראַבער גייט זיכער אַרום באַוואָפנט מיט אַ האַנט־גראַנאַט, און אויב נישט, וויניקסטנס מיט אַ מעסער, און וואַרט נאָר אויף דער געלעגנהייט צו דערזען אַ ייד... עפּעס ווערט אייך נישט אַזוי פריילדיק אויפן האַרץ... ווען איך זאָל זיין אַ פרומער ייד וואָלט איך געזאָגט תפילת הדרך... אָבער, אַז מען זוכט אוואַנטורעס מוז מען זיין געפּאַסט אויף אַלעם...

מיר זענען אַריין אין רמת־גן, אין קאָלאָניע איז שטיל, רואיק שוין אביסל צו שטיל. יידן שלייכן זיך יעדער צו זיין אַרבעט, ווי גאָר נישט, דאָ און דאָרט, גייען פאַרביי אַ פּאָר אַראַבער מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. גלייך ווי זיי זענען גאַרנישט, אָבער יעדער ווייל כאַפּן זיי אַ גנבהשן קוק פון הינטן אויף צוריק... קוקן נייגעריקע אויף אונדזער אויטאָמאָביל, אויף דער אויפשריפט אין סאַמע פראָנט, און אויף די פּאַסאַזשירן. דער אויטאָמאָביל לויפט מיט דער גרעסטער שנעלקייט. מיר געפינען זיך אין חדרה, איינע פון די עלטסטע יידישע קאָלאָניעס. דאָ איז פאַראַן אַ מין רעסטאָראַנט, אַ

תנובה, פאַר די פּאַסאַזשירן וועלכע פאָרן דאָ פאַרביי. די אָמניבוסן בלייבן דאָ שטיין אַ צען מינוט, כדי די רייזנדע, זאָלן זיך איבערכאַפּן דאָס הארץ. איצט איז ער פאַרמאַכט, מען זעט קיין מענטש נישט. ביי דער סטאַנציע, זעט מען יאָ אייניקע יידישע פּאַסאַזשירן וואַרטן אויף דעם אָמניבוס פון „אגד", וואָס דאַרף דאָ באַלד דורכפאָרן. ווייטער צו, איז דער פּאַרקער שוואַך, דאָ און דאָרט זעט מען אַ פּריוואַט אויטאָמאָביל, מיינסטן פאָרן מיליטערישע לאַסט אויטאָמאָבילן, וואָס פירן מיליטערישע אויסריכטונג, ווייזט אויס, אַז די בריטישע אַרמיי פּאַקט זיך. און עס איז אַ מיליטערישער סוד, ווו מען קאָנצענטרירט די אַלע טראַנספּאָרטן.

אָט זענען מיר שנעל פאַרביי זכרון יעקב, אויך איינע פון די ערשטע יידישע קאָלאָניעס, עס איז נאָך גאַנץ פרי, און די באַוועגונג אין קאָלאָניע איז שטיל, מען זעט דאָ און דאָרט, יידישע קאָלאָניסטן אַרויסגיין צו דער אַרבעט אין פעלד אריין.

און אָט זענען מיר שוין גאַנץ נאָענט פון רעננה, ווו עס וווינען אַ גרויסע צאָל אַמעריקאַנער, און ווו מען האָט ערשט מיט אַ פּאָר טעג צו־ריק, אַראָפּגעבראַכט טויזנט פינף הונדערט קינדערלעך פון קפריסין. איי־דער מיר זענען דורך דעם כביש וואָס פירט צו דער קאָלאָניע, האָט אונדז אַ מיליטערישער אויטאָמאָביל געגעבן אַ באַפעל אָפּצושטעלן זיך. אונדזער שאָפער האָט דעם באַפעל אויסגעפאָלגט, צוויי מיליטער־פּאָליציסטן האָבן אונדז אַלעמען פאַרבעטן אַרויסצוגיין. וויניק־וואָס זיך גערעכנט מיט דער אויפשריפט „פּרעסע", און ביי אַלעמען פון אונדז געפאָדערט די נויטיקע דאָקומענטן... נאָכדעם, האָט מען אַ קוק געטון אין אויטאָמאָביל, אויב מיר האָבן נישט קיין געווער. אונדזער שאָפער האָט זיין רעוואָלווער אַזוי באַ־האַלטן, אַז אפילו דער ענגלישער סקאָטלאַנד יאַרד, וואָלט אים נישט גע־פונען... אַלעס איז „בסדר" — האָט דער ענגלישער פּאָסטן אַ זאָג געטון, און אונדזער אויטאָמאָביל האָט גענומען ווייטער פליען.

אָט איז אַן אַנדערע יידישע קאָלאָניע. דריי פיר פונקטן צוזאַמען, וואָס זעען זיך אַרויס פון ווייטן, מיט זייערע פלאַכע דעכלעך, און שפּיציקע קווי־מענס, פינקלען אין שיין פון דער פרימאָרגנדיקער זון. באַרג־אַרויף ציען זיך אַזעלכע צענדליקער פונקטן, קבוצים, און מושבות, פון „קיבוץ המאוחד",

פון „השומר הצעיר". דעם גאנצן וועג פון תל־אביב קיין חיפה, און צופוסנס פון די אלע קאלאניעס, און פונקטן, — אראבישע דערפער... איר קומט צו א קבוץ מיטן נאמען „מעברות" און פון איין זייט וועג, ציט זיך דער יידישער קבוץ, גלייך פון דער אנדערער זייט — א פאר שפאן בלויז, אריבער דעם וועג, דאס אראבישע דארף. דער כביש, צעשיידט זיי ביידע... די יידן שטייען איצט אין זייער זייט און ארבעטן, די אראבער זיצן אנגעטון אין זיידן תרח'ס כאלאטן, קראצן זיך פויל, און ווארעמען זיך ביי דער זון, גלייך דער גאנצער ענין ארט זיי גארנישט. יא, איר זעט דא אפילו, ווי עס שפילן זיך יידישע און אראבישע קינדערלעך צוזאמען. אזוי וואס אמאל ווייטער צו, קיין חיפה, ווו דער גאנצער וועג איז איצט רואיק, זעט איר צענדליקער יידן און אראבער, איינער נעבן דעם אנדערן. אין א סך פאלן האט מען אונדז איבערגעגעבן, האבן אראבישע איינוווינער ארויסגעטריבן די העצער וועלכע זענען צו זיי געקומען אויפהעצן זיי. אבער נישט געקוקט אויף דער רואיקייט, איז פארט יעדער אומרואיק. מען האט מורא אז די לעצטע געשעענישן, וואס קאסטן שוין אריבער צוויי הונדערט טויטע, אויסער שווער פארוואונדעטע פון ביידע צדדים, האבן זיך נאך נישט געענדיקט. מען איז חושד אז די אראבישע העצער באקומען געלט, געווער, און אפילו שפייז, פון די ארומיקע אראבישע לענדער. און אז דאס וועט מיטן איבערגעבן דעם מאנדאט צו דער „און" שפעטער, ווען עס וועט קומען צו דער טיילונג נאך גרעסער און שטארקער ווערן. מיט די ארץ־ישראלדיקע אראבער, וואלטן מיר זיך שוין אן עצה געגעבן, אבער די ארומיקע אראבישע לענדער האלטן אין איין העצן און שיקן געווער, שפייז און געלט.

אט זענען מיר שוין גאנץ נאענט פון חיפה. עס זעט זיך שוין דייטלעך ארויס די שפיצן פון „כרמל". איצט זענען מיר אריין אין אן אראביש דארף מיטן נאמען טירא. ערשט נעכטן ביינאכט, האבן זיך דא יידישע חברה אנגעטון אין ענגלישע מיליטערישע מונדירן, דערשאסן פיר אראבער, און פארוואונדעט א פערציק. דער אויטאמאביל פארט לאנגזאם. מיר זענען אין סאמע מיטן דארף. מען זעט נאך דאס אפגעברענטע קאפע, ווו עס זענען ביינאכט געווארפן געווארן באמבעס. אונדזערער אן אמעריקאנער קארעספאנדענט, וויל מאכן פאטאגראפישע אויפנאמעס. אבער מיר רייסן אים

אַרויס דעם אַפּאַראַט. עס איז צו־געפּערלעך — וואָרנט אים דער שוטר, איצט זענען זיי אויפגערייצט. זיי זיצן גאַנצע קופּעס אויף דער ערד, און רעדן הויך, ווי זיי וואָלטן זיך קריגן איינער מיטן אַנדערן. פאַרוואַקסענע פּנימער, וואָס זעען אויס בייז, און אויפגערעגט, מעסטן אונדז מיט די אויגן. פון אַ בערגל לאָזט זיך אַראָפּ אַ גרופּע, איינער פון זיי, האַלט עפּעס אין האַנט. עס איז שווער צו זאָגן וואָס דאָס איז, אָבער זיי דערנענטערן זיך וואָס אַמאָל מער צו אונדז. עס הויבט אָן ווערן אומהיימלעך. איך קוק אויף דעם שאָפער. אויך ער איז אומרואיק. דריי גרויסע מיליטערישע לאַסט־אויטאָמאָבילן זענען אָנגעקומען פון דער ריכטונג אַנטקעגן, פאַרשטעלט די גרופּע וואָס איז אַראָפּ פון בערגל און אונדזער אויטאָמאָביל איז אַרויס אויפן פרייען כביש.

אין חיפה, דערוויסט מען זיך, אַז עס זענען נאָר וואָס דערשאָסן גע־וואָרן, אין סאַמע יידישן געגנט פון הדר הכרמל, צוויי ענגלענדער. אַ ייד, איז אינדערפרי דערשאָסן געוואָרן, פון אַן אַראַבישן לעגיאָנער, ווען ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט.

צוליב די ידיעות, בייט דער אויטאָמאָביל אונדזערער דעם וועג. אַנ־שטאָט אַריינפאָרן דורך דער אַראַבישער געגנט, פאָרט ער דורך דער געגנט פון דער אַמאָליקער דייטשער קאָלאָניע, כדי גלייך אָנצוקומען אויפן הדר הכרמל.

אָנגעקומען זענען מיר אין חיפה, פונקט ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן אַז אַלס שטראָף פאַר דעם וואָס אויפן הדר הכרמל, (הערצל גאַס) זענען דערהרגעט געוואָרן צוויי ענגלישע סאָלדאַטן, ווערט די יידישע באַפעלקע־רונג פון הדר, באַשטראָפט מיט זעקס און דרייסיק שעה „עוצר", גאַנצע זעקס און דרייסיק שעה. פון שבת פינף אַזייגער נאָכמיטאָג ביז מאָנטיק פינף אַזייגער אין דער פרי, טאָר קיין מענטש זיך נישט באַווייזן אין גאַס. די שמאָלע געסלעך אַרום „הדר", זענען גלייך געוואָרן פול מיט נערוועזע באַוועגונג, פרויען לויפן שנעל אין די שפּייז געשעפטן, איינקויפן. קינדער ווערן אויך שנעל אויפגעזוכט, אַרבעטער לויפן פון דער אַרבעט פריער, כדי צו כאַפּן די לעצטע אָמניבוסן, און נישט אָפּגעשניטן ווערן אין סאַמע „עוצר" פון זייערע היימען.

פינף אזייגער נאָכמיטאָג, איך זיץ אויפן באַלקאָן פון מיין וווינונג. דריי מיליטערישע טאַנקען זענען אָנגעפאָרן, אויף איינעם זיצט אַ יידישער שוטר, וועלכער רופט דורכן מעגאַפאָן אויפן קול: אין אַ פּאָר מינוטן וועט זיך אָנהויבן עוצר, קיין מענטש, טאָר זיך ביז דער צייט ווען דער „עוצר" וועט זיך ענדיקן, נישט באַווייזן אין גאַס. אַ פּאָר מינוט בלויז, און די גאַסן אַרום זענען אויס ליידיק, ווי אַ קליין היימיש שטעטל, ערב יום כפּור. איך קען בלויז דורך די שפּאַרונקעס פון טיר אַרויסקוקן אויף דער גאַס, וואָס זעט איצט אויס ווי אָפּגעשטאָרבן. קיין שאָרך פון קיין לעבעדיק נפש, אפילו די באַלקאָנען זענען ליידיק. פערציק טויזנט יידן, וועלכע וווינען אויפן „הדר הכרמל" זענען איצט פּאַקטישע אַרעסטאַנטן אין זייערע הייזער, און אָפּגעשניטן פון דער וועלט. בלויז דורך דער ראַדיאָ, און דורכן טעלעפאָן, זענט איר פאַרבונדן מיט דער אויסערלעכער וועלט.

איך הער זיך צו אין גאַס, צום רויש פון די מיליטערישע טאַנקן, און צו דער ראַדיאָ, וועלכע גיט איצט איבער די נייעס: אַראַבישע לעגיאָנערן, האָבן דערשאָסן פערצן יידן, פון אַ גרופּע וועלכע איז געפאָרן ברענגען שפּייז פאַר דער קינדער־קאָלאָניע אין בן-שמן. די אָפיציעלע נייעס-אַגענטור דערציילט, אַז די סאָלדאַטן פון אַראַבישן לעגיאָן טענהן: אַז די יידן האָבן אויף זיי געוואָרפן באָמבעס... נישטאָ קיין צייטונג, איר קענט די גענויע איינצלהייטן נישט וויסן. וועגן דעם ברוטאַלן מאָרד, איר זענט אָפּגעשניטן פון דער וועלט. יאָ, אויף אייער גרינער פּרעסע קאַרטע, פון בריטישן קריגס-אינפאָרמאַציע-ביוראָ, זאָגט זיך אויסדריקלעך: אַז דער אייגנטימער פון דער קאַרטע, קען פריי זיך באַוועגן אין דער צייט פון „עוצר", אָבער אין חיפה, געפינט זיך אויך דער אַראַבישער לעגיאָן. און ערשט מיט אַ טאָג צוריק, האָט אַ לעגיאָנער דערשאָסן אַ ייד, מיטן זעלבן אויסרייד, אַז ער האָט אויף אים געוואָלט וואַרפן אַ האַנט-גראַנאַט: בלויז אַ שריט פון דער גאַס, ווו איך געפין זיך איצט.

די ראַדיאָ דערציילט ווייטער: די קאָנפערענץ פון פאַראייניקטן יידישן אַפּיל, אין אַטלאַנטיק סיטי, האָט באַשלאָסן צו זאַמלען היי-יאָר צוויי הונדערט און פופציק מיליאָן דאָלאַר פאַר דעם אויפבוי פון ארץ-ישראל. פופציק באַקאַנטע פירער פון אַמעריקאַנער יידנטום, פאָרן קיין ארץ־ישראל,

כדי צו אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג פון ישוב. מיר זענען נישט אַליין. די ייִדישע וועלט איז מיט אונדז...

ערשט מאָנטיק אין דער פרי האָט זיך אויפדאַסניי אָנגעהויבן די באַוועגונג אויפן הדר הכרמל, און פּעריק טויזנט ייִדן האָבן פרײַ אָפּגעאָטעמט.

אונטער אַראַבישן פײַער אויפן הדר הכרמל

שוין דעם פערטן טאָג ווי דער „הדר הכרמל", די ייִדישע געגנט פון חיפה איז דער ציל פון די אַרומיקע אַראַבישע געגנטן, באַזונדערס פון „ועדי רושמיה", וואָס איז גאַנץ נאָענט. בלויז אַ פּאָר גאַסן אַוועק. צענדליקער מאַשינביקסן שיסן אויף די ייִדישע גאַסן, און קוילן פליען אין אַלע זייטן...

אָט זיץ איך איצט אין מײַן צימער, אויפן הדר הכרמל, אין בצלאל־גאַס, אַ פּאָר גאַסן ווייטער פון דער דערמאָנטער אַראַבישער געגנט, און קוילן פליען און פײַפן פון פאַרשידענע ריכטונגען און יעדע ווײַלע דערהערט זיך אַן אויפרייס, — אַ שטיקל אַרבעט פון אונדזערע בראַווע יאַטן פון דער הגנה. און נאָכדעם ווערט דאָס שיסן פון איין ריכטונג שטילער... אַזוי חזרט זיך עס איבער יעדע ווײַלע. ניין, איר קענט זיך דאָס זיכער נישט פאָרשטעלן, אַז דאָס איז אַ ווירקלעכקייט... יאָ, איך אַליין וואָלט עס מיט אַ צוויי מאָנאַטן צוריק, נאָך זײַענדיק אין גלות, אויך נישט געווען געגלויבט, אַז עס קען מעגלעך זײַן, אַז קוילן פליען און מענטשן גייען־אָן מיט דער אַרבעט ווי געוויינלעך: — טעאַטערס שפּילן, די קינאָס זענען געפּאַקט און אָט זיץ איך און שרײַב אויף מײַן שרײַב־מאַשינקע און גאָרנישט, ווער עס, אַז נעבן מיר פּלאַצן באָמבעס...

אַ פּאָר הײַזער ווײַטער פון מיר געפינט זיך די קינדער־שולע „גאולה". ווען איך גיי פאַרבײַ אין די „הייסע מינוטן", די שולע, שפּילן

זיך די קינדערלעך אין צייט פון הפסקה און זינגען דאָס באַקאַנטע ליד פון נגב: „הבא לנו מים”! און אַז מען רעדט שוין וועגן קינדערלעך, מוז איך אייך זאָגן, אַז אַזעלכע שיינע, ליבע און קלוגע קינדערלעך ווי אין ארץ־ישראל, האָב איך נאָך נישט געזען. ליכטיק ווי די ארץ־ישראלדיקע זון, און קלוג ווי די רייפע פרוכטן פון לאַנד.

— אין וואָס אַ שטייגער מיינט איר, שפּילן זיך די קינדערלעך? — אין מלחמה מיט אַראַבער און מיט אַנדערע יידישע שונאים. און איך קען נישט אַוועקגיין גלאַט אַזוי פון דעם גרויסן גאָרטן, נישט געקוקט, וואָס אַרום פליען קוילן.

— חיים — זאָגט אַ יאַטל פון 7 יאָר צום אַנדערן פון 6 יאָר מיט אַ פּאָר שוואַרצע קאַרשן־אויגן און אַ פּאַרריסן נעזל, — אתה יוצא למל־המה? חיים, למי אתה מתכון? להערבים או להאנגלים?

באַלד האָט מען אַרויפגעלייגט צוויי גרויסע העלצער ווי ביקסן און מען לאָזט זיך אין אַ מיליטערישן מלחמה־מאַרש... ווייס איך נישט צי זאָל איך לאַכן אָדער גאָר וויינען, יאָ, ערשט נעכטן האָט מען געבראַכט אַ שווער פאַרוווּנדעט מיידעלע פון הערצל גאַס, וואָס איז געטראָפן גע־וואָרן פון אַן אַראַבישער קויל...

איך געפין זיך ביי דעם הויפּטקוואַרטיר פון „רויטן מגן דוד” וואָס זעט איצט אויס ווי אַ קריגס פּלאַץ אַמאָל אין מלחמה־יאָרן. גרויסע ווייסע אויטאָמאָבילן מיט אַ רויטן „מגן דוד” שטייען און וואַרטן. די „נהגים”, אויף וועלכע ס'פאַלן איצט די שווערסטע און פאַראַנטוואָרט־לעכסטע אַרבעט און די „סדרנים” אָנגעטון אין ווייסע בענדער. יעדער וויי̇ל קומט אַ סיגנאַל און אַן אַנדערער אויטאָמאָביל לויפט אַוועק און ברענגט שווער פאַרוווּנדעטע...

בלויז אַ פּאָר שריט ווייטער און דאָס לעבן גייט אָן ווי שטענדיק. אין רחוב הערצל שטייען מענטשן אין אַ רייע, כדי צו קויפן בילעטן פאַר אַ פאָרשטעלונג אין קינאָ. נעכטן אָוונט האָט דער תל־אביבער סימ־פאָנישער אָרקעסטער געגעבן אַ קאָנצערט. דער זאָל פון „חרמון” טעאַ־טער איז געווען געפּאַקט. בעת דער הפסקה האָט ד״ר קדש גערעדט צום פּובליקום וועגן דער פּליכט וואָס עס ליגט אַרויף אויף אונדז אַלע־

מען דער איצטיקער מאָמענט. דאָס פּובליקום האָט געענטפערט מיט אויפשטיין און זינגען די „התקוה״. היינט אין אָוונט שפּילט דער סימ-פאָנישער אָרקעסטער צום צווייטן מאָל אין זעלבן טעאַטער.

אויף אַ פּרעסע-קאָנפערענץ, וועלכע איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ועד הקהלה, האָט דער פּרעזידענט ג. לעווין און ד״ר פרידלאַנד, פאַר די צייטונגען איבערגעגעבן די פאַקטן וועגן די פאַרהאַנדלונגען מיט דער מי-ליטערישער מאַכט וועגן שיקן שמירה פאַר יידישע אַרבעטער, וואָס דאַרפן פאָרן אַרבעטן אין געפערלעכע אַראַבישע געגנטן. די ביטע איז צוריקגעוויזן געוואָרן... עס זענען אויך איבערגעגעבן געוואָרן פאַקטן וועגן די פּליטים וועלכע זענען אַנטלאָפן פון די געפערלעכע געגנטן, ווי עס קומען פאַר די אַראַבישע אָנפאַלן און ווערמען די קהלה האָט באַ-זאָרגט מיט וווינונגען, אויך וועגן דעם אַז די קהלה זוכט צו פאַרהאַנדלען מיט דער מיליטערישער מאַכט וועגן אָנשטעלן אייגענע יידישע שומרים.

אַ פּאָר שריט ווייטער פון דער קהלה, אויף רחוב אַרלאָזאָראָוו, דערזעט איר אַ גרויסן שילד מיט דער אויפשריפט „לשכת התניסות״. און הונדערטער יונגעלייט שטראָמען פון דאָרטן אַרויס און אַריין... איך האָב זיך איינגעגעסן אין די יונגע פּנימער. ביי אַ טייל פון זיי קענט איר נאָך זען דער מאַמעס מילך אונטער דער נאָז... מיט אַזוי פיל אַנטשלאָסנקייט, מיט אַזוי פיל מוט! — דאָס זענען חברה, וואָס ווייסן שוין ווי אומצוגיין מיט אַ ביקס פון לאַנג, דאָס האָבן זיי נאָך געלערנט אין די שולן און אין די יוגנט־קלובן זייערע...

פאַרנאַכט זענען מיר, אַ גרופּע זשורנאַליסטן, געגאַנגען באַזוכן די הגנה-פּאָזיציעס — אין אַ באַשטימטן ווינקל, אַ שטאַרק־באַפעסטיק-טע פּאָזיציע, וואָס האָט זיך דאָ איינגעגראָבן און באַפעסטיקט אַזוי סטראַטעגיש, אַז מען קען גוט באַאָבאַכטן די אַראַבישע געגנט, וועלכע איז פון דאַנען באַרג־אַרויף. יעדע באַוועגונג דאָרט קען מען פון דאַנען גוט זען און אַזוי שנעל עס הויבן זיך אָן פון דאָרט די שיסערייען, הויבט-אָן די חברה דאָ צו ווערן אַקטיוו.

עס איז נישט באַקאַנט די צאָל פון די אַראַבישע דערשאָסענע אָדער פאַרוווּנדעטע, אָבער זי איז אַ פיל גרעסערע ווי די יידישע... דער אַראַ-

הִנֵה לֹא ינום ולא ישן שומר ישראל... ער וואַכט איבערן ישוב דער יידישער קעמפער.

בישער קאָמיטעט האָט דער אַראַבישער פּרעסע בפירוש פאַרבאָטן צו שרייבן וועגן די אַראַבישע קרבנות און זי האַלט אין איין שפּייזן די לייענער מיט יידישע קרבנות און מיט אַראַבישע העלדנטאַטן... די נייעס ווערט איבערגעגעבן ווי זיגרייכע באַריכטן פון פראָנט. אָט האָט איך אַ באַריכט פון דער אַראַבישער צייטונג „פלשתין":

„אונדזערע העלדן האָבן די גאַנצע צייט פון דער אַטאַקע געהאַט די אויבערהאַנט און די יידישע פושעים האָבן זיך געמוזט צוריקציען מיט גרויסע פאַרלוסטן".

די צווייטע צייטונג, די „אַדיפאַע", דערציילט אין איר לעצטער אויסגאַבע וועגן אַ צוזאַמענשטויס מיט דער הגנה, ווו צופעליק איז אויפן זעלבן וועג אָנגעקומען דער הויכקאָמיסאַר מיט זיין אויטאָמאָביל ווי נאָר די אַראַבישע קעמפער האָבן געזען דעם הויכקאָמיסאַרס אויטאָמאָביל אָנקומענדיק אין באַב על ואַד, האָבן זיי תיכף אויפגעהערט די שיסעריי, כדי צו געבן דעם הויכקאָמיסאַר די געלעגנהייט דורכצופאָרן. „די ענגלענדער — זאָגט די צייטונג — זענען איבערראַשט פון דעם העלדישן קאַמף פון די אַראַבער"...

די נייע אַראַבישע צייטונג, וועלכע דערשיינט אויפן אָרט פון דער „נידאַ אל אָרד", לאָזט אָפּן וויסן אירע לייענער, אַז די 150 קעמפער, וועלכע קעמפן איצט אין יפו ביי די גרעניצן פון תל-אביב, באַקומען זייער עסן און אַלע אויסגאַבן פון אַראַבישן הויכן קאָמיטעט...

נאָכדעם ווי עס איז עטלעכע טעג געווען שטיל, האָבן זיך איצט די איבערפאַלן אויפסניי אָנגעהויבן מיט מער שטאַרקייט און אויך מיט מער געוואַגטקייט ווי פריער. עס הייסט, אַז די אַראַבער האָבן באַקומען פאַרשטאַרקונג פון די אַרומיקע שכנישע לענדער: סיריע, לבנון און עבר־הירדן און אַז די עקסטרעמע ריכטונגען צווישן די ארץ-ישראלדיקע אַראַבער האָבן, ווייזט אויס, אין איצטיקן מאָמענט די אויבערהאַנט. דער פאַקט, וואָס גרעסערע גרופּעס אַראַבער פון דערפער, וואָס זענען אין שכנות מיט יידישע מושבות און קבוצים, זענען געקומען צו די יידן און מיט זיי געשלאָסן אַ פריינטלעכן בונד און גלייך אויפן צווייטן טאָג זענען געקומען די באַנדעס פון די עקסטרעמע אַראַבער, וואָס שטייען

אין דינסט פון מופטי באזייטיקט די מעסיקע פירער פון די דערפער און זיי פארוואנדלט אין א פראנט קעגן די יידן.

דער ישוב איז איצט נייגעריק צו וויסן וואס די יידן אין אויסלאנד טוען אין שייכות מיט די לעצטע געשעענישן, וואס ווערן פון טאג צו טאג ערנסטער און די לאגע — אנגעצויגענער. די יידן אין ארץ-ישראל ווייסן עס, אז דער אראבישער קאמף, וועלכער האט שוין געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די שונאי ישראל אויף דער גאנצער וועלט, איז נישט בלויז דער קאמף פון ישוב אליין, נאר פון דער גאנצער יידישער וועלט. דער ישוב שטייט בלויז אין דער פראנט-ליניע. פארלירן מיר, דאן האט דאס גאנצע יידישע פאלק פארלוירן. די אראבישע צייטונגען דערציילן אפן וועגן א גרופע שפאנישע פאשיסטישע פרייוויליקע, וואס זענען אנגעקומען אין שכם, כדי צו קעמפן קעגן די יידן און פאר וועלכע מען האט געפראוועט א פייערלעכן קבלת-פנים. עס ווערן אויך דערווארט פרייוויליקע פון ענגלאנד און אפילו פון אמעריקע...

איצט, איז פרייטיק פארנאכט. די גאסן פון הדר הכרמל זענען באלעבט ווי שטענדיק. תימנער ייִנגלעך טראגן פון די בלומען-געשעפטן בוקעטן בלומען — די לעצטע מאדע אין ארץ. פרומע יידן גייען אויפן הדר הכרמל אין די שילן אריין — אויסגעפוצטע אין זיידענע ראזשילקעס, אפילו סויבעלנע שטריימלעך און קאלפאקעס. זיי גייען שטיל און בנעימות־מותדיק ווי אמאל פרייטיק צו נאכטס אין די קליינע ליבע היימישע שטעטלעך. די קאפע-הייזער ווערן איינע נאכן אנדערן פארמאכט. א שבתדיקע מנוחה לאזט זיך אראפ אויף די גאסן פון הדר הכרמל. דורך די פענצטער פינקלען שבתדיקע ליכט, ווי שטענדיק. עס פעלט בלויז דאס קרעפטיקע געזאנג פון שבת מלכה, וואס קלינגט וואך-אויס, וואך אין פון די יונגעלייט און מיידלעך, וועלכע מארשירן פארביי מיין באלקאן. זיי שטייען איצט ווער ווייסט וווּ? און אפשר ווײנט אין דער שטיל ערגיץ-ווו א מאמע אויף איר יונגן זון אדער טאכטער, וואס האט ערשט מיט א פאר וואכן צוריק דא אויפן „הדר" פארביימארשירט מיט דעם לוסטיקן געזאנג פון בואי כלה...

ווער קען אפשאצן דעם הייליקן אידעאליזם פון אט-דער יוגנט?

איך קען זיך נישט אָנזעטיקן מיט זייערע מוטיקע און אָנטשלאָסענע פּנימער, אַזוי פיל גלויבן, אַזוי פיל שטאָלץ. איך האָב זיי געזען אין תּל־אביב מאַרשירנדיק איבער די גאַסן מיט פּאַקלען אין די הענט, דאַן ווען עס האָט אין שכונת התקוה, געדעגנט מיט אַראַבישע קוילן... איך האָב זיי געזען אין ירושלים מיט מאַשינגעווער און איצט זע איך זיי אין חיפה ווי זיי שטייען אין לאַנגע שירות מיט די ביקסן אויף די פּלייצעס, זיי גרייטן זיך אין וועג אַריין, קיינער ווייסט נישט וווהין. אין נגב? גליל? אָדער גאָר אויף אַ געפערלעכער פּאָזיציע דאָ אין שטאָט אַליין... יאָ אַמאָל מיט דריי צענדליק יאָר צוריק, אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך אַזאַ בילד געזען. יונגעלייט, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען דער שרייבער פון די שורות, מיליטעריש־געקליידעט, האָבן זיי זיך געגרייט אַוועקצוגיין אַפן פראָנט אונטער די קלאַנגען פון אַ מי־ליטערישן אָרקעסטער. דאָס געוויין פון די מאַמעס האָט פאַרהילכט די מיליטערישע מוזיק פאַראַדן. פאַר וועמען זענען מיר דאַן אַוועק קעמפן? פאַר פרעמדע פעלקער, שונאים אונדזערע, וואָס האָבן אונדז שפּעטער געשפּיגן אין פּנים אַריין...

אפשר דערפאַר הערט מען איצט נישט קיין געוויין פון מאַמעס, דערפאַר זענען די יונגעלייט מיט די פּעקלעך אויף די פּלייצעס אַזוי לוס־טיק און פריילעך...

טוב למות בעד ארצנו! ס'איז גוט צו שטאַרבן פאַר אונדזער לאַנד... גיין די יוגנט אין ארץ וועט נישט גיין אין די קאַלך־אויוונס מיט אַ שמע ישראל... נאָר אין פייער מיט מאַשין־געווער און ביקסן...

— אין גלות — זאָגט צו מיר אַ יונגער בחור לאַכנדיק — דאָרט שלאָגט מען יידן. דאָ אין ארץ ישראל שלאָגט מען זיך מיט יידן...

דער ישוב, אין מלחמה

דער אזויגערופענער הינטערלאַנד, איז אין מלחמה-צייט פּונקט אַזוי וויכטיק ווי דער פראָנט אַליין. פון דאַנען קומען די רעזערוון פאַר דעם פראָנט און זיי זענען אָפּט דער באַראָמעטער פון דער מאָראַל, וואָס הערשט ביי די קעמפנדע פראָנט-סאָלדאַטן. אויסער דעם איז דאָס פון גרויס וויכטיקייט ווי אַזוי דער ישוב לעבט איצט אין די מלחמה־טעג הינ-טער דעם פראָנט. ווי אַזוי עס רופן זיך אָפּ די קאַמפן אויפן טאָג-טעגלעכן לעבן אויפן כלל און אויפן יחיד.

מען קען מיט רעכט זאָגן, אַז קיין גאָר גרויסע ענדערונגען זענען די לעצטע פאַר וואָכן, זינט די אַראַבישע אַרמייען האָבן אָנגעהויבן זייער קאַמף קעגן ארץ-ישראל נישט פאָרגעקומען. ווייל אייגנטלעך איז די מל-חמה שוין געגאַנגען זייט דער אָפּשטימונג פון אַ יידישער מלוכה אין לייק-סוקסעס. אַראַבישע באַנדעס, אַ סך פון זיי רעגולערע חילות, פון די שכנישע לענדער, זענען אַריבער די גרעניצן פון פאַרשידענע זייטן מיט דער הילף פון ענגלענדער. עס האָט בלויז געפעלט די אָפיציעלע קריגס-דערקלערונג, צו וועלכע אַלע זענען געווען צוגעגרייט הן אין דער סטרא-טעגיק און אַזוי אויך מאָראַליש.

בכלל האָבן זיך די איינוווינער אין ארץ-ישראל צוגעוווינט צו די אויפרייסן פון באָמבעס, און אונטער דעם קלאַנג פון קאַנאָנען־דונערן, הערט מען זיך צו צו אַ סימפאָנישן אָרקעסטער, אָדער מען זיצט גאָר אין טעאַטער, אָדער אין קינאָ, כדי צו געניסן פון אַביסל גייסטיקן נחת-רוח, און אָפּשטופּן די צייט... יעדער זיצט רואיק אין טעאַטער, וויסנדיק, אַז ער האָט זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן...

איך בין אין אַן אוונט געגאַנגען צו אַ פאָרשטעלונג פון דער הבימה.

חי געלעבט! אַ צברה שפּילט אויס דאָס ליד פון פּלמ"ח.

איצט קען מען דאָס שוין דערציילן. אויסער די שטאַרקע וואַכן אַרום דער מאַסיווער געביידע זענען אויפן דאַך אויך געלעגן שטאַרקע וואַכן מיט מאַשינגעווער, כדי צו זיין גרייט פאַר יעדן פאַל... יעדער תל־אביבער איינוווינער, אויב ער האָט דאָס נישט געוווּסט, האָט ער עס געפילט...

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אויף אַ קאָנצערט פון דער העברעאיִשער אָפּערע אין חיפה דאָן, ווען אַרום זענען געפלויגן קוילן. די אַראַבער האָבן פּונקט דאַן, ווען דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן, געעפנט פון אַלע זייטן אַ פייער און די יידן זענען אויף להכעיס אונטערן רעגן פון קוילן געגאַנגען צו דעם קאָנצערט.

דאָס ביסל לעבן אייערס הויבט־אָן ביי אייך שפּילן אַ קליינע ראָלע, ווען איר זעט ווי קינדערלעך, זאַמלען הינטער דעם פּראָגנט, קאָלעקציעס פון קוילן... אָדער ווי אויטאָמאָבילן מיט דורכגעלעכערטע צעבראָכענע שויבן, פאָרן כסדר אהין און צוריק אויף די גאַסן.

גאַנץ פרי, ווען איר כאַפּט אַ שפּאַציר אויף די הויפּטגאַסן פון תל־אביב, זעט איר, אַז אַלעס גייט ווי געוועגלעך. די „נהגים" צעפירן אין די „תנובות" שפּייז, ברויט און אַנדערע פּראָדוקטן. דער „שוק הכרמל", וואָס איז נאָך דער יידישער באַפרייאונג פון יפו ווידער לעבעדיק געוואָרן, ווערט יעדע מינוט רירעוודיקער. די תימנער האָבן איבערגענומען די אַלע פּלעצער פון די גרינסן, וואָס די אַראַבער האָבן פריער געהאַט. מען זעט דאָ נישט קיין שום ענדערונגען, ווייל די זעלבע געשרייען, די זעלבע געוואַלדן, און מציאות־אויסרופער ווי פריער, לאָזן זיך איצט אויך הערן. דער אונטערשיד איז בלויז, וואָס פריער זענען די געשרייען געווען אויף אַראַביש, און איצט זענען זיי אויף העברעאיש. אמת, פּראָדוקטן זענען טייערער געוואָרן, אָבער איר באַקומט פון כל־טוב...

ווען איר פאַרקירעוועט זיך אין די הינטער־געסלעך: פּרץ, חיות, בעלי מלאכה, עליה, עבודה, און נאָך אַזעלכע צענדליקער געסלעך, זעט איר ווי קינדער לאָזן זיך אין דער פרי אַרויס ריינע, אָפּגעוואַשענע, מיט קליינע מאָדנע זעקלעך, וואָס זענען אַזוי קונציק צוגעפּאַסט פאַר די ביכער, און פאַר דעם פּראָוויאַנט אויף אַ גאַנצן טאָג אין דער שולע. מען זעט ווייניקער יינגערע אַרבעטער, ווייל כמעט אַלע זענען זיי אין דער אַרמיי.

אָבער די אויטאָבוסן זענען געפּאַקט מיט אַרבעטער, אַפילו מיט אַזעלכע, וואָס גייען אויף „בנין" (בוי־אַרבעט), ווייל נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער פּראָנט איז נישט ווייט, בויט מען...

דער ארץ־ישראלדיקער ייד איז בכלל אַן אָפּטימיסט. נישט קשה, וועט ער אייך ענטפערן, מען וועט עס איבערלעבן. יהיה טוב! (עס וועט זיין גוט). עס וואַרפט זיך אייך אין די אויגן אויף שריט און טריט די גרויסע צאָל אוניפאָרמירטע יונגעלייט און מיידלעך, וואָס קומען קיין תל-אביב מיט אַ ספּעציעלן רשיון (דערלויבעניש) אויף אַ קורצער חופשה (אורלויב) כדי אַביסל צו פאַרברענגען. זיי פאָרן אין גרופּעס, בחורים און מיידלעך.

כאָטש מען האָט זיך אויסגעפּוצט צו גיין אין שטאָט אַריין, קען מען אויף זיי נאָך דערקענען דעם שטויב און די בלאָטע פון די גראָבנס. זיי זענען זאָרגלאָז, פול מיט לעבן און עס ווייעט פון זיי מיט אַזוי פיל שיינקייט, פשטות.

אָט רייסן זיי זיך נעבן שדרות ראָטשילד, און אַלענבי, אַריין אין אַן איבערגעפּאַקטן אָמניבוס. אין אַן אַנדערן פאַל, וואָלט דער שאָפער אויף זיין לשון אַ געשריי-געטאָן: אין מקום! אָבער איצט שווייגט ער. וואָס זאָג איך, ער שווייגט — ער שמייכלט... אַלע פּאַסאַזשירן שמייכלען: הבחורים שלנו! איינער פון די פּאַסאַזשירן שטעלט זיך אַפילו אויף פון זיין אָרט און וויל זיין פּלאַץ איבערגעבן אַ מיידל, מיט אַ מיליטערישן היטל, וואָס זי האָט אַזוי קאָקעטיש אַרויפגעזעצט אויף איר שוואַרצן קאָפּ האָר. קוקט זי אויף אים מאָדנע.

— אַזאַ כבוד! — לאַכט זי און אַלע לאַכן-מיט. באַלד צעזינגט זיך די חברה. זיי זינגען אַ ליד רותי רותי! אַ טייל פון עולם כאַפּט אונטער די מעלאָדיע, און זינגט מיט און אַלע קוועלן פון נחת: הבחורים שלנו! ביי דעם מוגרבי שפּרינגען זיי מיט אַ טומל אַראָפּ... און אַלעמענס בליקן ווינטשן זיי גליק און געזונט.

12 אַזייגער באַווייזן זיך אין גאַס די נאָכמיטאָג-אויסגאַבעס פון די צייטונגען. די צייטונגס-פאַרקויפער, צום גרעסטן טייל תימנער, זינגען-אויס מיט אַ יום־טובדיקן ניגון. נאַטירלעך מיט אַ געשעפטלעכן חוש פאַר

די גייעס, וואָס זענען גוט פאַר יידן... דער עולם גייט איצט אַרויס פון די געשעפטן, פון די ביוראָס און מען כאַפּט די מיטאָג־אויסגאַבעס ווי מצה־וואַסער. אָבער נישט אַלע קויפן אַ צייטונג, ווייל אין ארץ־ישראל איז אַ מאָדע, אַז מען לייענט אַ צייטונג „בציבור"... איר דאַרפט בלויז אויפמאַכן אַ צייטונג און פון ביידע זייטן אַרום אייך און פון הינטער אייער פּלייצעס האָט איר קיין עין־הרע אַ האַלב טוץ לייענער.

— נישקשה, — פאַרענטפערט זיך פאַר מיר מיינער אַ „מיטלייענער", — איר זענט אַ שנעלער לייענער און האָט שוין פאַרענדיקט דעם ערשטן עמוד (זייט) און איך האַלט נאָך אָט־דאָ־ — ווייזט ער מיר ביי דער שורה. איר וועט אַזוי גוט זיין — בעט ער מיך — און וואַרטן מיט דעם איבערמישן אויף דער צווייטער זייט...

און אַלע קוקן אויף דעם ווי אויף אַ געוועלנלעכער דערשיינונג...

די פּאָסט אין לאַנד, איז נאָך אַ סך פריער, איידער די ענגלענדער האָבן זי אָפּגעשטעלט, שוין פּאַקטיש געווען אויסער זייער קאָנטראָל. בריוו, פּאַקעטן און אַנדערע זאַכן, אפילו סחורות, זענען געשיקט געוואָרן מיט יידישע טראַנספּאָרט־קאָמפּאַניעס: „חביב", „אגד", „עלה", „קשר" און אַנדערע. די לעצטע טעג פאַרן 22־טן אַפּריל, ווען די ענגלענדער האָבן אָפיציעל אָפּגעשטעלט די פּאָסט, האָט איר שוין זעלטן ווען עס איז געזען יידן זיך באַנוצן מיט דער פּאָסט. מיט דער באַן איז שוין פון זינט אַ לאַנגע צייט נישט געווען קיין שום יידישער פאַרקער. די באַנען זענען, ביז זיי זענען איבערגענומען געוואָרן פון די יידן, אינגאַנצן געווען ליידיק, און עס זענען צוגעגרייט געוואָרן אַנדערע קאָמוניקאַציע־מיטלען. פאַר דער גאַנצער צייט, ווען די ענגלישע אָקופּאַציע־אַרמיי האָט זיך אָנגעהויבן פּאַקן. אין די לעצטע טעג, איידער עס איז געקומען דער אָפיציעלער אַקט פון פּראָקלאַמירן די יידישע מלוכה, האָט די יידישע אַגענטור אויפגעפאָדערט אַלע יידישע אָנגעשטעלטע פון די עפנטלעכע אַנשטאַלטן ביי דער ענגלישער רעגירונג צו בלייבן אויף זייערע פּאָסטנס, זיי לאָזנדיק וויסן, אַז זיי זענען מאָביליזירטע סאָלדאַטן און זיי טאָרן נישט פאַרלאָזן די שטעלעס. אַלע אָן אויסנאַם האָבן אויסגעפאָלגט דעם באַפעל. אַזוי אַרום איז דער טייוולאָנישער פּלאַן פון דער ענגלישער רעגירונג אָפּצו־

שניידן דאָס לאַנד פון יעדן מעגלעכן פאַרקער און אַריינפירן אַ כאַאָס, צע-שטערט געוואָרן. אפילו מיט אויסלאַנד איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן פאַר אַ מעגלעכער, כאָטש באַשרענקטער קאָמוניקאַציע. פונקט דאַן, ווען די ענגלישע לופט־קאָמפּאַניע האָט אָפּגעשטעלט די פאַרבינדונגען מיטן לופט־פּאָרט אין לוד, האָט מען שוין געזאָרגט, אַז אַנדערע עראָפּלאַנען זאָלן זיך דאָרט געפינען. און פאַר אַ נויט-פאַל האָט די אַגענטור געהאַט צוגעגרייט עראָפּלאַנען, וואָס האָבן געשאַפן די נויטיקע פאַרבינדונגען מיט לופט־פּאָרטן אין אַנדערע לענדער.

מען שפּאַצירט איצט ביי דעם ירקון אַ סך רואיקער ווי פריער, ווען די אַראַבער האָבן זיך געפונען אין יפו. אין די שבתים איז דער „ירקון אי-בערגעפּאַקט מיט מענטשן. תל-אביב מיט איר שטאַרקן און שטענדיקן טעמפּאָ מאַכט אַן איינדרוק ווי איינע פון די גרעסטע שטעט. ס׳איז אַ שטענדיקע באַוועגונג, און שטענדיקער טומל, וועלכע זענען אין דער קריגס-צייט נישט נאָר נישט קלענער געוואָרן, נאָר, פאַרקערט, אַ סך גרעסער געוואָרן. צוליב די באַוועגונגען פון די מיליטערישע טראַנספּאָרטן, פאַר וועלכע תל-אביב איז איצט געוואָרן דער הויפּט־צענטער.

עס זענען געשאַפן געוואָרן פאַרשידענע קאָמבינאַציעס ווי אַזוי אָנ־צוהאַלטן די פאַרבינדונגען מיט דעם ישוב, אפילו מיט די פלעצער, וואָס זענען אין סאַמע פראָנט-זאָנע און אפילו מיט יענע, וועלכע זענען פון יענער זייט פראָנט, וווּ דער שונא געפינט זיך שוין. דאָס ווערט געטון דורך ראַדיאָ, ווו ס׳ווערן איבערגעגעבן גרוסן פון נאָענטע קרובים פון די ווייטסטע געגנטן. דאָס איז איין וועג ווי אַזוי דער ישוב האַלט אָן קאָנ־טאַקט. דער אַנדערער וועג איז, אַז אַנשטאָט צו שיקן בריוו, וואָס איז נישט מעגלעך צוליב די שטערונגען פון די פראָנטן, דרוקט מען אַ שורה אין די צייטונגען, ווו איר קענט זען אַ נייעם מין משפחה-כראָניק: למשל: למשפחת שליסעלבערג, רחוב אחד העם, תל אביב. מבנם בגליל. אָדער: לאבותי, מאת בנם ממשמר העמק.

ווּעט איר פרעגן: ווי אַזוי געלינגט דער צייטונג זיך דורכצורייסן, אויב אַ בריוו קען נישט אָנקומען? איז דער תירוץ, אַז די צייטונגען געפי-נען שוין אַ וועג... אַלע לעגאַלע, און ווען עס איז נויטיק אפילו אומלע-

גאַלע מיטלען ווערן פאַר דעם צוועק אָנגעווענדעט. כדי אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיטן גאַנצן ישוב...

מיט אויסלאַנד באַנוצט מען זיך דערווייל, ביז עס וועלן אָנגעבויגן ווערן די נאָרמאַלע קאָמוניקאַציעס, מיט פאַרשידענע מיטלען. אמאָל פליען עראָפּלאַנען קיין ציפּערן און פון דאָרט ווערט די פּאָסט געשיקט ווייטער. אמאָל קיין אַטען, און אמאָל גאָר קיין ניו־יאָרק, און פון דאָרט ווערט עס שוין געשיקט ווייטער.

ארץ־ישראל איז איצט אַ קריגס־זאָנע. אין לענדער, ווו עס קומט פאָר אַ מלחמה, ליידט תמיד די קאָמוניקאַציע מיט אויסלאַנד, ווייל עס זענען פאַראַן פיל וויכטיקערע זאַכן, ווי דער רעגולערער פאַרקער מיט אויסלאַנד, אין דעם איצטיקן שווערן קאַמף פון ישוב.

די קאָלאָניעס און קבוצים, וואָס זענען דער רוקנביין פון ישוב, זענען אַ סך פריער צוגעגרייט געוואָרן פאַר דער מלחמה ווי די שטעט. דאָס איז פּשוט צוליב דעם, וואָס כמעט די גרעסטע טייל פון זיי, געפינען זיך אין שכנות מיט די אַראַבער, און גלייך ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע קאַמפן זענען די אַראַבישע כנופיות (באַנדעס) אריינגעדרונגען אין די דערפער, וואָס געפינען זיך אין שכנות מיט די יידישע קאָלאָניעס און קבוצים, און זיי געהעצט קעגן די יידן.

עס איז אַ פאַקט, אַז נישט אַלע אַראַבישע דערפער, האָבן זיך צוגעהערט צו די העצעס, און נישט אָנטיילגענומען אין די אָנפאַלן אויף יידן. אין אַ סך פאַלן, האָבן די אַראַבישע פירער זיך פאַרשטענדיקט מיט די יידישע שכנים, און געשלאָסן אַ מין וואַפנשטילשטאַנד. אין אַנדערע פאַלן, האָבן אַראַבער אָפן איבערגעגעבן די יידן, אַז זיי ווערן געהעצט פון ענגלישע אָפיצירן, און סאָלדאַטן, אָנצופאַלן אויף יידן.

די גאַנצע שטרעקע פון תל־אביב קיין חיפה, אַ מהלך פון אריבער צוויי שעה רייזע מיטן אויטאָבוס, ווו עס געפינען זיך בליענדע יידישע קאָלאָניעס און קבוצים, גלייך אין שכנות פון אַראַבישע דערפער, איז די גאַנצע צייט, חוץ עטלעכע מינדערוויכטיקע צוזאַמענשטויסן, געווען שטיל. אויפן וועג נישט ווייט פון „זכרון יעקב" געפינט זיך מעברות, ווו איך בין אָפּט פאַרבייגעפאָרן. פון איין זייט באַרג ארויף, געפינט זיך דער יידי־

שער קיבוץ, און פון דער אנדערער זייט, ווינען אראבער. בלויז דער כביש, וואָס שניידט זיך דורך די פעלדער, טיילט זיי אָפּ.

איך פּלעג אָפט זען ווי אראבישע פּרויען, שפּרייזן מיט זייער ספּעציפישער אראבישער פּוילקייט, מיט די קריגן אויף די קעפּ צו שעפּן וואַסער פון די יידישע ברונעמער.

אזוי ציט זיך דער גאנצער וועג: צופוסנס פון א יידישער קאָלאָניע אָדער קיבוץ, אַן אראביש דאָרף. די „הייסע פּונקטן" זענען געווען נאָך „זכרון יעקב", די דערפער עין רוזאל און ועדי רושמיא, פאר חיפה, וואָס זענען נאָך דעם גרויסן זיג, מיט דער דעראָבערונג פון חיפה, ליקווידירט געוואָרן.

אין סאמע מיטן קאַמף, ווען קאוקאדזשים ארמיי, האָט אָנגעהויבן איר אטאקע אויפן משמר העמק האָב איך געמאַכט א רייזע איבער די מושבות, און קבוצים, פון עמק יזרעאל, באזוכנדיק די קאָלאָניעס, און קבוצים: יגור, כפר חסידים, נהלל, עינות, מזרה. די קאָלאָניע ווו עס געפינען זיך אונדזערע ארגענטינער חלוצים: גבת, און א ריי אנדערע קבוצים אין עמק. די רייזע האָב איך געמאַכט אין א פּאַנצער-אויטאָבוס, וואָס מאַכט דורך די דירעקטע שטרעקע ביז עפולה.

אין א פּרייטיק בין איך געווען דער גאַסט אין עינות, ווו עס איז אין אָוונט, נאָכן עסן, פּאָרגעקומען א מין עונג שבת אין דער פאָרם פון א „לעבעדיקער צייטונג". א חבר, וואָס איז געווען דער אָנפירער פון דעם קיבוץ, האָט געגעבן אַן איבערבליק איבער דער מעגלעך געפּלאַנטער סטראַטעגיק פון אראבישן דאָרף. א צווייטער, האָט קאָמענטירט די פּאַסירונגען פון דער לעצטער וואָך, אויף דעם פראָנט. און נישט געקוקט אויף דער אָנגעצויגענער לאַגע, האָט א חבר און א חברה, א יונג פּאָרל, וואָס זענען ערשט מיט א פּאָר טעג צוריק אָנגעקומען פון בראַזיל, איבערגעגעבן א גרוס פון בראַזיליאַנער יידישן ישוב. דאָס אַלעס איז געטון געוואָרן אויף א שטילן, באַשיידענעם אופן, אָן באָמבאַסטישע רעדעס. יעדער איז פאַרגעשטעלט געוואָרן מיט דעם נאָמען חבר... און נישט מער.

די צוהערער האָבן אויפמערקזאַם צוגעהערט זיך צו יעדן געדאַנק, צו

יעדן קאָמענטאַר און מערקווירדיק: ווען איך האָב אויפן צווייטן טאָג גע־לייענט די צייטונגען, איז אַ גרויסער טייל פון אַט די קאָמענטאַרן געווען אין דעם אָפיציעלן קריגס-באַריכט... האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען זיי געבראַכט געוואָרן אין די קבוצים פון די „הויכע פענצטער" אין תל-אביב.

יעדער פון אַט-די דערמאָנטע קבוצים און קאָלאָניעס האָט אַן איי־גענע פאַרטיידיקונגס-סיסטעם. יעדער פונקט איז אַרום און אַרום פון דרויסן באַפעסטיקט. ביים הויפּט-אַריינגאַנג, זענען די גרויסע טויערן פאַרשלאָסן און עס געפינט זיך דאָרט די הויפּט־וואַך. אַ טייל פון דעם געווער געפינט זיך גלייך ביי דעם אַריינגאַנג. אין פאַל ווען עס איז נוי־טיק. אַ שטאַרקע שמירה געפינט זיך ביים הויפּט-טויער, און אין אַלע נויטיקע פונקטן, כדי צו באַשיצן דעם גאַנצן פונקט. עס זענען אויך פאַ-ראַן אין פאַרשידענע פּלעצער טורעמס, ווו מען קען באַאָבאַכטן יעדע באַ־וועגונג פון אַ ווייטן מהלך.

די העלפט פון קבוץ האַלט שמירה און די אַנדערע העלפט, גייט-אָן מיט די ווייטערדיקע טאָג-טעגלעכע אַרבעטן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך בייטאָג. ווען די נאַכט פאַלט-צו און דאָס שיסן אַרום ווערט שטאַרקער ווערן די וואַכן פאַרטאָפּלט. די וואָס האָבן בייטאָג שווער געאַרבעט אויף די פעלדער, רוען זיך איצט אויס. און אַרום זיי שטייען פון אַלע זייטן שומרים... הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל... די אַמאָליקע העלדישע שומרים־עפּאָכע אין ארץ־ישראל, ווען מען האָט אין איין האַנט געהאַלטן אַ ביקס, און מיט דער צווייטער דאָס אַקער-אייזן, איבערחזרט זיך איצט ווידער.

גאַנץ פרי, ווען אין דרויסן הויבט נאָר אָן בלויען אויף טאָג, און די קבוצהניקעס שטייען-אויף צו דער אַרבעט, פּרוווט יעדער אויס די ביקס, און באַזאָרגט זיך מיט צידה לדרך — מיט גענוג אַמוניציע... דאָס איז אין אַ טאָג, ווען פון קבוץ איז אַוועק אַ גרעסערע אָפּטיילונג העלפן דעם צווייטן קבוץ אָדער קאָלאָניע, ווו עס איז פאָרגעקומען אַן אַטאַקע. אין נאָרמאַלער צייט, האָט דער קבוץ אַן אייגענע „שמירה", וועלכע שטייט און האַלט וואַך, דאַן ווען אַנדערע אַרבעטן.

יעדער פונקט האָט אַ פאַרבינדונג מיטן צווייטן. דאָס איז ביי די איצטיקע אומשטענדן פאַרבונדן מיט די גרעסטע שוועריקייטן, אָבער די קאָמוניקאַציע, איז אַ טייל פון דער מלחמה־סטראַטעגיק, און זי איז מי־ליטעריש אויסגעאַרבעט געוואָרן. דער הויפּט־כביש (וועג) ווערט פאַר דער קאָמוניקאַציע נישט באַנוצט. פאַראַן גענוג געהיימע וועגן, וואָס ווערן באַנוצט אין גויט־פאַלן, כדי זיך צו פאַרבינדן מיט די ווייטסטע ערטער.

אויסער די אייגענע פאַרטיידיקונגס־כוחות, וואָס יעדער קבוץ האָט, געפינען זיך דאָרט שטענדיק גרעסערע אָפּטיילונגען פון דער הגנה, וואָס באַנוצן זיך ווי אַ מאָטאָריזירטע אַרמיי מיט די שנעלסטע און מאָדערנסטע טראַנספּאָרט־מיטלען צו דערגרייכן דעם פּונקט, וואָס איז אַטאַקירט גע־וואָרן.

פון טורעם, ווערט געגעבן דער סיגנאַל צו דעם באַשטימטן פּלאַץ. פון דאָרט קומט דער אַלאַרם צום גאַנצן קבוץ און אַלע קאָמפּס־פּעאיקע נעמען זיך צום געווער. אַלטע, און קראַנקע, ווערן באַזאָרגט אויף אַ צוגעגרייטן פּלאַץ, ווו זיי זענען באַשיצט, און דער קעגן־אָנגריף הויבט זיך אָן. די גאַנצע געגנט אַרום ווייסט באַלד, אַז דאָרט, אויף יענעם פּונקט, קומט איצט פאָר אַן אַטאַקע און עס ווערט געשיקט הילף אויף די וועגן, וואָס זענען פון פריער צוגעגרייט געוואָרן, אָדער מ'זוכט נייע וועגן, ווי אַזוי צו דערגרייכן די קאָלאָניע דורך יענעם טייל, ווו זי איז פריי פון שונא.

יעדע קאָלאָניע, יעדער קבוץ, יעדער קלענסטער פּונקט, איז שוין פון לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פעסטונג. אפילו אונטערערדישע פעס־טונגען, אויסגעבויט מיט בעטאָן ווי אמתע קריגס־פּאָזיציעס, געפינען זיך אין געוויסע פּונקטן... און זיי האָבן קאָנטאַקט, און פאַרבינדונגען, מיט די אַנדערע פּונקטן, און בילדן אַזוי אַרום אַ מין פראָנט־ליניע, פאַר זיך, הינטער דער הויפּט־פראָנט־ליניע.

איר קענט היינט צו טאָג, ווען איר מאַכט אַ רייזע איבערן עמק, נישט וויסן, וואָס אַ שטייגער עס געפינט זיך אָט דאָרט, אין יענעם סקלאַד... אין וועלכן איר זעט אויבנאויף, איינפאַכן בוי־מאַטעריאַל, אָדער גאָר אַן אומשולדיק הויז, וואָס געפינט זיך גלייך ביים הויפּט־אריינגאַנג פון דער קאָלאָניע, ווו קיינער וווינט נישט.



דאָקטוירים אונטערזוכן די רעקרוטן פאַר דער יידישער אַרמיי.

די אלגעמיינע מאביליזאציע

גלייך נאך דער היסטארישער פאסירונג פון 29טן נאוועמבער, ווען ס'איז פארגעקומען די אפשטימונג פאר א יידישער מלוכה אין לייק סוקסעס, האט זיך שוין אנגעהויבן א טיילווייזע מאביליזאציע פון די קעמפנדע כוחות. דער ישוב האט פאראויסגעזען אז די אראבער וועלן דעם באשלוס נישט אויפנעמען גלאט אזוי און עס זענען געמאכט געווארן צוגרייטונגען.

אויפן צווייטן טאג נאך יענעם היסטארישן דאטום האבן זיך איבער די גאסן פון תל־אביב, חיפה, ירושלים, באוויזן יונגעלייט וואס האבן צום ערשטן מאל זינט די ענגלישע אקופאציע-ארמיי געפינט זיך אין ארץ־ישראל, געטראגן געווער, אפן, באזונדערס האט מען דאס געקאנט באמערקן אין די תל־אביבער גאסן. אין די אנדערע שטעט איז דאס געטון געווארן מיט מער פארזיכטיקייט. אין די תל-אביבער גאסן האט מען שוין דאן נישט געזען קיין ענגלענדער פאר די אויגן.

באלד נאך דעם האט זיך אנגעהויבן דער „התגיסות” פון דער יוגנט. צווישן 17 און 25 יאר, אין אלע גאסן און די הויפט-צענטערס פון די שטעט, אויף אלענבי און דיזענגאף אין תל־אביב, אויפן הדר הכרמל אין חיפה; בן יהודה, אין ירושלים האבן צענדליקער אויפשריפטן, קינסטלעריש געמאלן, גערופן די יידישע יוגנט צו דער מאביליזאציע — נוער הגיע שעתך! התגיס! און ביי די רעקרוטירונגס־סטאנציעס האט מען געזען לאנגע שורות פון יונגעלייט און מיידלעך, לאכנדיקע, פריילעכע, ווי זיי ווארטן אויף זייער „תור”. דער רעקרוטירונגס-אפאראט איז פאקטיש געווען דער ערשטער פון דער גרויסער מאביליזאציע-מאשין. און איז צוזא־

מענגעשטעלט געוואָרן פון פּאַבליִיט מיט דערפאַרונג, אויף די נויטיקע געביטן.

די רעקרוטירונג פון דער יוגנט האָט געגעבן אַ בילד וועגן געזונט-צושטאַנד פון ישוב. אַריבער אַכציק פּראָצענט פון די רעקרוטן זענען געבוירענע אין לאַנד. הונדערטער דאָקטוירים האָבן זיי גרינטלעך אונטערזוכט, און זיי זענען איינגעטיילט געוואָרן אין פאַרשידענע קאַטעגאָריעס. די וואָס זענען הונדערט-פּראָצענט געזונט, קענען טראָגן געווער. די אַנדערע, ביי וועלכע מ׳האָט געפונען עפּעס אַ חשד, אַז זיי זענען קראַנק — האָבן באַקומען בלויע קאַרטן. — פרעגט שוין גאָרנישט, זיי זענען געווען די אומגליקלעכסטע אין דער וועלט, געבעטן די דאָקטוירים רחמים, זיי זאָלן זיי נאָך אַמאָל אונטערזוכן, אַנדערש נישט, נאָר דער דאָקטאָר האָט געמאַכט אַ טעות... און אַז זייער בעטן האָט פאָרט נישט געהאָלפן, האָבן זיי צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן דעם פעלער זען וואָס שנעלער צו פאַרריכטן...

אַן אינטערעסאַנטע פּאַסירונג איז געשען אין אַ רעקרוטירונג-סטאַנציע אין תל-אביב. צווישן גאַנצן טומל און רעש פון דער ברויזנדער יוגנט, ווען עס זענען אויסגערופן געוואָרן נעמען פון אַ גאַנצער רייע רעקרוטן, האָט קיינער נישט געענטפערט... אַלע זענען שטיל געבליבן, געקוקט אַרום מיט פאַרוואונדערונג... באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דרייסיק טויב-שטומע האָבן זיך פאַרשריבן אין התגיסות, און געקומען צו דער אונטערזוכונג.... עס זענען אויך געווען אַ סך פאַלן אַז 40-יאָריקע זענען געקומען און געפּרוווט פאַרלייקענען די יאָרן זייערע. סך-הכל זענען געווען 90 פּראָצענט פולשטענדיק פעאיקע, 8 פּראָצענט פעאיקע „אָן וואָפן" און אינגאַנצן בלויז 2 פּראָצענט אומפעאיקע.

מיט דעם גלענצנדן דערפאָלג פון דער טיילווייזער מאָביליזאַציע, איז צוגעגרייט געוואָרן דער אַפּאַראַט פון דער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע, וואָס האָט געהאַט פאַרטיק אַלע נויטיקע פּלענער. דער אַמעריקאַנער פאַרראַט איז געווען דער פּאַקטישער סיגנאַל פאַר דער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע, וואָס האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אויף צו מאָרגנס, אַ טאָג נאָך דעם ווי אַמעריקע האָט זיך צוריקגעצויגן פון חלוקה-פּלאַן.

איבער אַלע גאַסן, אין אַלע ווינקעלעך האָבן רם-קולות (הויכרעדער) גערופן די פאַרבייגייער צו דער אַלגעמיינער מאָביליזאַציע — אתה — דו, דיך מיינען מיר, דו געהערסט איצט צו דער יידישער מדינה! דער גאַנצער ישוב איז מאָביליזירט. די יוגנט אין דער ארמיי, די עלטערע אין „משמר העם", אַנדערע אין „משמר האזרחי", אפילו קינדער אין די שולן זענען מאָביליזירט געוואָרן. גרויסע, פולגעפּאַקטע לאַסט-אויטאָמאָבילן מיט יונגעלייט און מיידלעך האָבן זיך געטראָגן איבער די גאַסן, אָנגעפולט מיט א הילכיקן געזאַנג, אונטער דער שטרענגער קאָמאַנדע פון אָפיצירן האָבן זיי מאַרשירט אין מיליטערישע רייען, באוואָפנטע — יונגעלייט און מיידלעך. אין אַלע געגנטן זענען געשטאַנען וואַכן, און מיט געווער אין האַנט אָפּגעהאַלטן יעדן פאַרבייגייער, אפילו „אונדזערע גוטע פריינט", די ענגלענדער זענען נישט געשוינט געוואָרן.

איך האָב בייגעוווינט א סצענע ווי א פרוי, אָנגעטון אין א ווייס-בלויען בערעט מיט אַן אָרעם-באַנד פון „משמר העם", האָט אָפּגעשטעלט א מיליטערישן אויטאָמאָביל, דער אָפיציר האָט אַן איבערראַשטער מיט גרויס פאַרוווּנדערונג געקוקט, אָבער ער האָט בלויז צייט געהאַט אַרויס-צורעדן א וואָרט און — די פרוי האָט שטרענג באַפוילן: אייערע פּאַ-פּירן, סער. און ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט ווי ווייזן זיינע פּאַפּירן...

אַזעלכע סצענעס האָבן זיך געהאַלטן אין איין איבערחזרן אין פאַר-שידענע געגנטן. אין איין פאַל איז די מאַנשאַפט פון אַן ענגלישן „דזשיפּ", ווען זיי זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון „משמר העם", אַרויסגעשפּרונגען אויפגערעגטע, געכאַפּט זיך צום געווער, אָבער די וואַך פון „משמר העם" האָט זיך גאַרנישט דערשראָקן און אויסער די ביקסן זייערע, וואָס זענען בלויז געווען א מין פאַרפּאַסטן, האָט זיך שוין פון פריער געפונען צוגע-גרייט אַן אָפּטיילונג פון דער הגנה מיט א מאַשין-געווער, „אין פאַל ווען עס וועט נויטיק זיין"... און די דערצאָרנטע העלדן האָבן קיין ברירה נישט געהאַט ווי לאָזן זיך באַזוכן דורך דער וואַך פון „משמר העם".

כדי דורכצופירן א פולשטענדיקע מאָביליזאַציע האָט מען זיך באַ-נוצט מיט אַן „עוצר בית". אין דעם און דעם טאָג, איז באַקאַנט געוואָרן, מוזן אַלע איינוווינער פון חיפה, למשל, א גאַנצן טאָג זיצן אין שטוב (א

מין הויז־ארעסט...). דער עולם איז א טאג פריער געלאפן אין די שפייז-קראמען צוגרייטן עסן און אנגענומען דעם „עוצר בית״ באהבה, א קליי-ניקייט: עס איז דער ערשטער „עוצר בית״ פון דער יידישער מלוכה...

די שטאט איז איינגעטיילט געווארן אין פארשידענע סעקציעס, יע־דע אפטיילונג מיט איר מפקד, האט איבערגענומען איין געגנט, און יע-דער הויז באזונדער איז באזוכט געווארן מיט א „שאלון״ (א פראגע־בויגן), וואס האט פעסטגעשטעלט וויפיל נפשות עס געפינען זיך אין יעדן חדר, אין וועלכן יאר-עלטער, צו וועלכער פארטיידיקונגס-ארמיי זיי געהערן און דאס איז גלייך פארבונדן געווארן מיט באשפייזונגס־קארטן. אלע שטעט, קאלאניעס האבן געארבעט כמעט אויפן זעלבן סיסטעם. באלד איז דער רעגיסטער צוזאמענגעשטעלט געווארן פון דער גאנצער באפעל-קערונג פון לאנד, וויפיל עס איז נויטיק פאר באשפייזונג, וויפיל רעזערוון זענען פאראן פאר דער ערשטער פראנט־ליניע, פאר דער צווייטער און... אלעס האט געארבעט אזוי סיסטעמאטיש ארגאניזירט מיט דער קאאפע-ראציע פון גאנצן ישוב.

נאכדעם האט זיך אנגעהויבן די באזארגונג פון טראנספארט, וואס איז שוין פון פריער באדראט געווארן צוליב די אראבישע באנדעס. הונ־דערטער געפאנצערטע אויטאבוסן, לאסט-אויטאמאבילן, האבן קורסירט אויף די געפערלעכע וועגן, כדי אנצוהאלטן דעם שטענדיקן קאנטאקט פון איין ארט מיטן צווייטן. עס זענען געשאפן געווארן געהיימע וועגן, זיי זאלן אין נויטפאל, ווען דער הויפט־וועג וועט זיין אין א סכנה, ווייטער דינען אלס פארבינדונגס-פונקטן. אזוי האט אפט פאסירט אז אין סאמע מיטן פארן פון איין פונקט צום צווייטן, איז דער פארקער אפגעשטעלט געווארן, און די באוועגונג איז ווייטער אנגעגאנגען אויף אן אנדערן וועג.

די פאנצער-אויטאבוסן זענען א גאר־גרויסע הילף פארן ישוב. די „נהגים״ (שאפערן) זענען די סאלדאטן פון דער ערשטער ליניע. עס איז אינטערעסאנט ווי אזוי עס זעט אויס א רייזע אין אזא פאנצער-אויטא־בוס: צוויי לאנגע בענק אויף וועלכע די רייזנדע זיצן, אלע ענג צוזאמענ-געדריקטע, דער פאנצער־אויטאבוס, ווארט אויף א געוויסן פונקט ביז עס קלייבן זיך אן א גרעסערע צאל פאסאזשירן, און נאכדעם ווערט אלעס

ארום פארמאכט און פארשלאסן, אפילו די קליינע פענצטערלעך, דורך וועלכע עס קומט אריין אביסל ליכט, ווערן אויך פארריגלט מיט אייזערנע לאדנס, בלויז דער נהג און די צוויי הגנה־חברה מיט געלאדענע ברען־ביקסן וואס שטייען גרייט... האבן א קליינע שפארונקע ארויסצוקוקן...

פאר אלע עפנטלעכע פלעצער שטייען יידישע מיליטער־פאליציי, פון יונגעלייט און מיידלעך, און יעדער אריינגייער מוז ווייזן זיין „תעודת זהות". פאטרולן באזוכן די טעאטערס, קאפע־הייזער, קינא־טעאטערס, קאנצערטן, און דאס פובליקום ווערט אויפגעפאדערט צו ווייזן זייערע אידענטיטעט־דאקומענטן.

אלעס ווערט געטון מיט א שטרענגער דיסציפלין און ערנסטקייט. אויב איר קענט, למשל, נישט קומען אין „משמר העם" צו אייער באַ־שטימטער וואך ערגעץ־ווו אויף א פונקט וואס מען האט אייך צוגעטיילט, מוזט איר דאס מעלדן א וואך פריער, און באקומען די דערלויבעניש. דאס קומט נישט אן אזוי לייכט, צוערשט מוזט איר בעטן די דערלויבעניש ביי אייער מפקד, דאן ווערט אייער בקשה איבערגעגעבן צום מפקד עליון, דאן ערשט קומט א מפקד, א מין קאנטראלער אין אייער הויז אויסגעפינען צו די פאקטן וואס איר האט אנגעגעבן זענען ריכטיקע... און איר ווערט באַ־פרייט פון דינסט פאר איין וואך.

דאס גאנצע עפנטלעכע לעבן איז פאקטיש געשטעלט אונטער א רעג־גירונגס־קאנטראל. באשפייזונג, באקליידונג, יעדער סארט פריוואטע אר־בעט; אלעס איז מאביליזירט אין אן אלגעמיינער מאביליזאציע. חוץ די שטענדיקע מסים איז איצט איינגעפירט געווארן א „מגבת ההתגיסות והצלה"; א „מס עם לוחם", אן אפצאל פאר יעדער זאך וואס איר קויפט פאר אייער טעגלעכן געברויך. אין האטעל, רעסטאראן, תנובה, מכולת, טעאטער, קאנצערט, אפילו רייזע־בילעטן און שטאט אדער אויסער די שטעט.

עס זענען צוגעגרייט געווארן אין דער גרעסטער אָרדענונג, די אלע נויטיקע דעפארטאמענטן פון א מלוכה־אפאראט, וואס בילדן שוין איצט די פארשידענע מיניסטעריומס. דערציאונג, עפנטלעכע ארבעט, פינאנץ, באשפייזונג, טראנספארט, פארטיידיקונג — אלעס איז איצט מאבילי־

זירט, אַלעם אַרבעט מיט דער כאַראַקטעריסטישער ארץ־ישראלדיקער קאַלטבלוטיקייט, מיט דער ספּעציפֿישער אייזערנער רואיקייט, וואָס מען זעט נאָר אין ארץ־ישראל. און מיט דער איבערצייגונג אַז דער פֿולשטענ־דיקער זיג פֿון מדינת ישראל, איז בלויז אַ פֿראַגע פֿון אַ קורצער צייט.

צווי חדשים מלחמה

יאָ, — מיר זענען אין אַ מלחמה אויף לעבן און טויט. שוין צוויי חדשים צייט, ס'איז נישטאָ טאַקע קיין פֿראָנט ליניע, ווי אין מיליטערי־שע אָפּעראַציעס, דער פֿראָנט איז דאָ איצט אין יעדן ווינקל, אין סאַמע מיטן פֿון די שטעט און קבוצים. איר קענט פֿון די פּנימער פֿון יונג און אַלט, זעען אַז עס גייט איצט אַן אַ קאַמף אויף טויט און לעבן. יונג און אַלט, דער גאַנצער ישוב איז מאָביליזירט. אַלע זענען מוטיק, אַנטשלאָסן.

עס חזרן זיך דאָ איצט איבער די זעלבע סצענעס ווי אין דער לעצ־טער מלחמה. אַט פֿאַרט אין גאַס פֿאַרביי אַן אָמניבוס געפּאַקט מיט יונגע־לייט. דאָס פֿאָרן זיי איצט אַלע צו אַ געוויסן פּונקט. און עס קלינגט זייער יונג, געזונט קול מיט אַ מלחמה ליד. פֿאַרבייגייער אַפּלאָדירן. אַט גייען אַהיים קינדער פֿון שולע, און זינגען דאָס זעלבע קריגס־ליד. באַגייסטערטע סצענעס ביי די לאָקאַלן פֿון „משמר העם", פֿון „התגיסות". אַן אַלטער פֿרומער ייִדע געזעגנט זיך מיט זיין יונגן אייניקל, וואָס שטייט איצט גרייט אוועקצוגיין פֿאַרטיידיקן דעם ייִדישן כבוד, און געזעגנט זיך מיט אַ פּסוק פֿון דער תורה. יונגע מיידלעך, אָנגעטון אין כאַקי־אוניפֿאָרמען מיט פּעק אויף די פּלייצעס, קושן זיך מיט זייערע בחורים, וואָס גייען אין אַן אַנדער ריכטונג, צו אַן אַנדערן פּונקט. ראָמאַנטישע סצענעס. מען זינגט אַלע דאָס קריגס־ליד פֿון די דריי און צוואַנציק ייִדישע העלדן, וואָס זענען אין דער לעצטער מלחמה דערטרונקען געוואָרן, ווען זיי זענען געשיקט געוואָרן אין אַ בריטישער מיסיע:

> בן עשרים, עשרים ושתים.
> ואולי רק בן יוד טית?

הוא היה בהיר עינים
הוא לצו לבו צית.

צוויי וואָכן צייט, ווי מיר זענען אָפּגעריסן פון דער וועלט, טויזנ־טער זעק פּאָסט פון אויסלאַנד, ליגן אויף דער היפהער פּאָסט. יידישע אָנגעשטעלטע, האָבן זיך אַנטזאָגט צו אַרבעטן נאָכדעם ווי מען האָט ביי די אַראַבישע אָנגעשטעלטע געפונען געווער. איצט פאָדערן זיי שמירה און געווער. יעדער איינער פילט איצט, אַז ער שטייט אין דער סאַמע פראָנט־ליניע, צוזאַמען מיטן גאַנצן יידישן ישוב.

אָט איז אַ צעטל פון די קעפּלעך פון די לעצטע נייעס וואָס צייטונגס־פאַרקויפער שרייען איצט אויס אויף זייער באַטעמטן תימנישן עבריתּ: „בערנאַרד באַרוך אין אַן אויזדיענץ צום פּרעזידענט טרומאַן וועגן ארץ־ישראל"; „ענגליש מיליטער שיסט אויף יידישע פּאַרטיידיקער, נעמט צו דאָס געווער ביי זיי, און לאָזט נישט צונעמען די פאַרוואונדעטע"; „פערציק אַראַבער דערשאָסן פון דער הגנה אין דעם זעלבן קאַמף". „אַראַבער גלייבן אַז עס וועט זיי געלונגען אין פיר יאָר צייט צו באַזיגן די יידן". און איצט, ווי דער אָפיציעלער ראַדיאָ אַנאָנסער פון דער רעגירונג, זאָגט איך דאָ טאָג-טעגלעך אָן נאָך די „קעפּלעך", וואָס הייבן זיך תמיד אָן מיטן סקאַרבאַוון ניגון „אַלעס" איז רואיק אויף דעם פּאַלעסטינער פראָנט".

כדאי צו אַנאַליזירן די איינצלהייטן: ביידע, נישט די אַראַבער, און אויך נישט די ענגלענדער, האָבן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט דעם יידישן כוח, און נאָך מער זיין ווידערשטאַנדס־פעאיקייט, און זיין אייזערנעם ווילן. עס איז איצט שוין אַזוי קלאָר, אַז די ענגלענדער העלפן די אַראַבער מיט וואָס זיי קאָנען נאָר, פּאַקטן קען מען אויסרעכענען אין די הונדערטער, און נישט געקוקט אויף דער הילף, דערלאַנגען די יידן גוטע קלעפּ. ווען מען נעמט די „אָפיציעלע" רעגירונגס-ציפערן פון די פאַרוואונדעטע און דערהרגעטע, ביז צו דעם 16טן יאַנואַר, זענען טויזנט ניין און זעכציק אַראַבער, קעגנאיבער דער צאָל פון זיבן הונדערט ניין און זעכציק יידן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז בלויז די „אָפיציעלע צאָל". דער יידישער חשבון איז אַן אַנדערער, ווייל יעדער ווייסט אַז די רעגירונג אַליין, איז פאַראינטערעסירט אין פאַרלייקענען די צאָל אַראַבישע קרבנות. און נאָך

מער, איז דער אראבישער צד, פאראינטערעסירט איננאנצן צו באהאלטן זייערע טויטע, און פארוואונדעטע. די אראבער האבן נאך גרויסע פאר־לוסטן וואס זיי האבן געליטן אין די לעצטע פאר וואכן, זיך אויפדאסניי אנגעהויבן צו רעארגאניזירן מיט דער הילף, נאטירלעך, פון די שכנייטע לענדער, פון וואנען עס גייען יעדן טאג פראנק און פריי אריבער פריי־וויליקע, אונטער דער סאמע נאז פון דער ענגלישער ארמיי. אויך דער יידישער צד שווייגט נישט, און פארלאזט זיך נישט אויף קיין נסים. און עס איז צו דערווארטן אז באלד וועט קומען די צווייטע פאזע פון דער מלחמה. ביידע: די אראבער און די יידן, האבן נאך נישט באנוצט זייער גאנצע קראפט. און ביידע זענען צוגעגרייט. עס איז בלויז אן אונטער־שיד אין דער שטימונג צווישן ביידע צדדים, און באזונדערס אין געדולד. ערשטנס ווייסן די יידן אז אט דער קאמף איז א פראגע פאר אונדז פון טויט און לעבן. אדער זיגן אדער אונטערגיין. די מאראל אין דער יידי־שער זייט איז הויך, און יידן זענען מוטיק. דאס לעבן גייט אן ווי גע־וועגלעך.

ווי זעט אויס דאס לעבן אין דער אראבישער זייט? חושך — אינ־גאנצן א פאר הונדערט מעטער פון איין צד צום צווייטן. לאמיר זאגן פון „כּכּר מגן דוד". אין תל־אביב, דער צענטער פון שטאט, ביז צו דער אראַ־בישער זייט פון יפו, איז גאר נישט ווייט. פונקט אזוי פון הדר הכרמל צו דער אראבישער זייט אין חיפה. ווען איר שטייט אויפן הדר הכרמל, קענט איר פון דארט אראפקוקן צו די אראבישע גאסן פון „ועדי רושמיא". ביי־דע צדדים, זענען אפגעטיילט איינער פון אנדערן, מיט שטרענגע פאטרול־וואכן, וואס היטן טאג און נאכט, אז עס זאל זיך נישט אריינכאפן ווער פון פיינטלעכן לאגער. פונדעסטוועגן, איז פאראן אין מלחמה צייט אזא זאך וואס רופט זיך שפיאנאזש, און די יידן האבן א גאר פיינעם שפיא־נאזש־סיסטעם, וואס ווערט הויפטזעכלעך ארויסגעהאלפן פון די „פרענקן" ווי מען רופט די ספרדישע יידן פון וועלכע דער גרעסטער טייל זעט אויס, ווי א טראפן וואסער, — אראבער. און אט האט איר די נייעס וואס זענען לעצטנס צו אונדז דערגאנגען, וועגן אראבישן צד:

יפו, זעט אויס נאך דעם ווי דער הויפט־קווארטיר פון אראבישער

יידישע סאָלדאַטן רוען זיך אויס, נאָך אַ שווערן קאַמף מיט די אַראַבישע באַנדעס.

נאציאָנאַלער וואָך, איז אויפגעריסן געוואָרן אין דער לופט, ווי א חרובֿע שטאָט. די גאַסן זענען פול מיט פּליטים, ארום דעם הויפּט־פּלאַץ ווו עס געפינט זיך דער קינאָ־טעאַטער „אַפּאָלאָ", הערשט א טויט־שטילקייט, באַזונדערס הערשט הונגער צווישן די אַנטלאָפענע פּליטים וועלכע וואַל־גערן זיך אויף די גאַסן, די אויסלאָדונג פון מאַראַנצן גייט צו זייער שווער צוליב דעם וואָס עס האָט שוין איינציקע מאָל פּאַסירט אַז ביי דעם אויס־לאָדן מאַראַנצן זענען פאַרגעקומען אויפרייסן. די פאַבריקן זענען פאַר־מאַכט, דערפאַר וואָס מען קען קיין נייע מאַטעריאַלן נישט צוברענגען. קאַפע־הייזער, וואָס זענען ביי די אַראַבער געווענלעך די צווייטע היים, זענען איינגאַנצן פאַרמאַכט, עס טראָגן זיך ארום פאַרשידענע קלאַנגען וועגן איבערפאַלן פון יידן, וועגן א „ווייסן אויטאָמאָביל", וואָס וואַרפט אַטאָמישע באָמבעס... וועגן געהיימניספולע שיפלעך מיט יידישע טעראָ־ריסטן... א סך פון די וואָס דערציילן די קלאַנגען, זענען פון דער „נע־דזשאַדאַ" וועלכע זענען באַשטראָפט און געשלאָגן געוואָרן מכות רוצח, ספּעציעל איז שווער ביי דער גרעניץ צו קאָנטראָלירן ווער עס איז אַן אַראַבער. א סך פאַלן האָט פּאַסירט אַז אַראַבער ווערן אָנגענומען פאַר יידן... טאָג טעגלעך פּאַסירן גרויסע גנבות, ברויט איז נישטאָ, די אַראַ־בישע אַרבעטער וואָס האָבן געאַרבעט אין תל־אביב, גייען ארום ליידיק. די הילף וואָס דער אַראַבישער קאָמיטעט האָט צוגעזאָגט, זעט מען דער־ווייל נישט.

דאָס זעלבע קומט פאָר אין חיפה, ווו די הויפּט אינדוסטריע שטייט איין אין יידישע הענט. די אַראַבישע געגנטן זענען אָפּגעשטאַנען, ס'זע־נען פאַראַן גאַנצע געגנטן וואָס זענען פון דער הגנה צעשטערט געוואָרן, און די באַפעלקערונג איז פון דאָרט אַנטלאָפן. אין א סך פאַלן, קלאָגן זיך אַראַבער אַז מען האָט זיי צוגעזאָגט הילף, און מען האָט זיי אָפּגענאַרט. דאָ, זענען די יידן אין א בעסערער סטראַטעגישער פּאָזיציע, צוליב דעם וואָס די יידישע געגנטן זענען אויף דעם „הר הכרמל און „הדר הכרמל"! און די אַראַבישע געגנטן, באַזונדער דאָס אַזוי טרויעריק־באַרימטע „ועדי רושמיה" צופוסנס פון די בערג. און וואָלטן די ענגלענדער נישט גע־שטערט אָפּט ווען די יידן דערלאַנגען די אַראַבער די „וועלט צו זען"

וואָלט פון יענער געגנט קיין שריד ופּליט נישט פאַרבליבן. ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק, איז אַ ספּעציעלע אַראַבישע דעלעגאַציע בראש פון אן אַראַבישן בישאָף, געפאָרן קיין קאַירא צום אַראַבישן העכסטן קאָמיטעט, בעטן אַז מ׳זאָל זיי דערלויבן אויפהערן די שיסערייען אין חיפה, ווייל די אַראַבישע געגנטן זענען אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד און די נויט וואַקסט פון טאָג צו טאָג. און לויט די צייטונגען האָבן איבערגעגעבן, האָט די דע־לעגאַציע אַזאַ דערלויבעניש באַקומען. שוין באַלד אַ וואָך, ווי מיר דאָ אין חיפה האָבן נישט געהערט קיין שאָס. פון צייט צו צייט פּלאַצט אַ באָמ־בע. אָבער דאָס איז שוין אַ געוועגלעכע פּאַסירונג אין דער איצטיקער צייט. דאָס כסדרדיקע שיסן פון די אַראַבער איז נאָך די שטאַרקע אַטאַ־קעס פון דער הגנה, ווו צענדליקער אַראַבישע הייזער זענען אָפּגעווישט געוואָרן און צענדליקער אַראַבער זענען אונטער די הייזער באַגראָבן גע־וואָרן, אײַנגאַנצן שטיל געוואָרן. אויף ווי לאַנג ווייסט דערווייל קיינער נישט. יעדנפאַלס שטייט די הגנה גרייט.

די אַראַבישע מאַסן, זענען אויך אַנטוישט, און דערוואַרטן נישט קיין „שנעלן זיג". זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז דאָס אַרײַנדרינגען פון די סי־רישע אַראַבער, און אַזוי אויך אַראַבער פון אַנדערע לענדער, איז פאַר זיי נישט אַזאַ טובה. כאָטש דאָס האָט געהאַט דעם ציל צו באַווייזן, אַז די ארץ־ישראל אַראַבער זענען נישט אַליין אין זייער קאַמף מיט די יידן, ווייסן זיי אָבער גאַנץ גוט, אַז דאָס וועט זיי טייער קאָסטן, ווייל די הגנה וועט זיך מיט זיי אָפּרעכענען פאַר די איבערפאַלן וואָס זענען פאָרגעקו־מען פון אַנדערע אַראַבער. אין אַ סך פאַלן האָט שוין פּאַסירט, אַז אַראַ־בישע דערפער האָבן געשיקט דעלעגאַציעס צו דער הגנה אַז זיי ווילן לעבן בשלום מיט די יידן, אַז די וואָס האָבן געשאָסן אויף פאַרבייפאָרנדע יידי־שע אָמניבוסן, זענען פרעמדע כנופיות (באַנדעס). אויסער דעם, האָט גראַד די אַנטדעקונג אין נאָרד אַמעריקע פון מוניציע און געווער, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר ארץ־ישראל, געמאַכט אַ דערדריקנדן אײַנ־דרוק אויף די היגע אַראַבער. זיי טענהן ווער ווייסט וויפיל געווער עס איז ביז איצט געשיקט געוואָרן וואָס מען האָט נישט אַנטדעקט, און די יידן ווי עס ווייזט אויס גרייטן זיך עס פאַר גאָר אַ לאַנגן קריג.

אין אַנדערע אַראַבישע קרייזן, ווי עס איז איבערגעגעבן געוואָרן פון פּאַרלעסלעכע קוועלן — גלויבט מען אַז די מלחמה וועט מינדעסטנס דויערן אַ פיר יאָר צייט, לויט דער פּאָרזיצער פון אַראַבישן קאָמיטעט זאָל האָבן געזאָגט, וועט אים געלונגען נאָך אַ פיר יאָר צייט צו באַזיגן די יידן. עס וועט דעם אַראַבישן צד — האָט ער צוגעגעבן קאָסטן אַ סך קרבנות, אָבער זיי וועלן אויסהאַלטן ביז עס וועט בראש פון יידישן צד קומען אַ געמעסיקטע רעגירונג וואָס וועט שליסן פרידן מיט די אַראַבער. נאַטיר־לעך אויף באַדינגונגען פון אָפּזאָגן זיך פון אַ יידישער מלוכה און פון אַן אומבאַשרענקטער אימיגראַציע.

דאָס איז מער ווייניק דער סך הכל פון די ערשטע צוויי חדשים מל־חמה אין ארץ-ישראל. ווי דער מצב זעט אויס אין לאַנד. דאָס הייסט צווישן די קעמפנדע צדדים, די יידן און די אַראַבער. וואָס איז שייך די מיינונגען אין אויסלאַנד זענען וויכטיק דאָ צו ציטירן צוויי באַזונדערע מיינונגען: די ערשטע פון מיליטערישן קאָרעספּאָנדענט פון דער „לאָנ־דאָנער טיימס", און די אַנדערע, פון אַן אויסלענדישן קאָרעספּאָנדענט אין דער „שווייצאַרישער אַלגעמיינער פאָלקס-צייטונג", ווי אַזוי ער שיל־דערט דעם ארץ-ישראל פּראָנט; דער ערשטער באַווייזט אַז די ארץ־ישׂ־ראל-פּראָבלעם איז נישט קיין לאָקאַלער ענין, און אַז די וועלט־מאַכטן, מוזן אָנווענדן אַלע מיטלען כדי צו פאַרהיטן אַ מלחמה אין ארץ-ישראל, אָנווייזנדיק די כוחות פוןביידע קעמפנדע צדדים, אַז דער יידישער צד איז בעסער אָרגאַניזירט און באַוואָפנט. דער קאָמענטאַטאָר קאַפּיטאַן סי־ריל פאַללס, וואָרנט די וועלט-מאַכטן, אַז זיי זאָלן נישט געבן סאָוועט־רוסלאַנד אַ געלעגנהייט אַריינצומישן זיך אין דער ארץ-ישראל פראַגע, ווייל אַזוי אַרום וועט ארץ־ישראל ווערן דער צינד-שטאָף פאַר אַ וועלט־שריפה.

דער צווייטער אויסלענדישער באָאָבאַכטער פון דעם ארץ-ישראל־פּראָנט, איז גראַהאַם פ. קראָלוס, וואָס לאָזט זיך גוט גיין מיט זיינע בלאָפן וועגן דער לאַגע אין ארץ־ישראל. צוערשט קומען אין דער דער־מאָנטער צייטונג גרויסע קעפּ: „אַן אַטאַקע אויף דעם העברעאישן אוני־ווערזיטעט מיט טרערן באָמבעס"... „אַן אָנפאַל אויף אַ יידישער שול אין

לוד״... (?) „אראבער דערשטעכן א ייד״ — פונקט (!) דאן ווען ער קומט פון משה שערטאקס א רעפעראט... „תל-אביב איז באַאַגערט, די גאסן זענען אינגאנצן ליידיק״... דאס זענען די קעפּלעך... נאכדעם קומט איין שטיק ליגן נאכן אנדערן: אט האט איר א בינטל שקרים פון שווייצארישן קאָרעספּאָנדענט: א יונגערמאן וואס קומט פון דייטשלאַנד זוו מען האט אים גערופן „האנס״ ווערט איצט גערופן „יוחנן״, ער פירט אַן דעם קאמף אין די גאסן פון תל־אביב. דער ווענווייזער פון אויטאָמאָביל, אויף וועלכן דער קאָרעספּאָנדענט איז געפאָרן, האָט אים מיטן פינגער אָנגעוויזן אז דאָרט געפינט זיך דער פונקט „בית חברון״...(?) פאר אונדז — דערציילט ער ווייטער — פאָרן פארביי אויטאָמאָבילן געפּאַקטע מיט אראבער, וואָס פאָרן קיין תל-אביב. ביי א יידישן פונקט — דערציילט דער סענסאציאָנעלער קאָרעספּאָנדענט — וואָס איז געבויט פון האָלץ, פירט דאָס רעדל א יידיש מיידל אין הויזן, א בלאָנדינקע, וועלכע רעדט מיט א בערלינער אקצענט, באהאָנגען מיט א רעוואָלווער אין גאַרטל. דער קאָמענדאנט פון דער הגנה דערציילט אים, אַז מען וואַרט אויף אויטאָמאטישע רעוואָלווערן, וואָס מ׳קען היינט נישט באַקומען, ווייל אַלע האָט מען געשיקט צו די יידישע פונקטן אין דער אראבישער מדינה... נאָכדעם דערציילט ער וועגן א באַגעגעניש אין דער אראבישער זייט ווי אַן אַלטער גרייז־גראָער אראבער רופט די אראבער צו א „הייליקן קריג״, קיינמאָל איז נאָך די סכנה פאר אראבישן פאָלק — זאָל דער אַלטער האָבן געזאָגט — נישט געווען אַזוי גרויס ווי איצט. די יידן וועלן אונדז פארטרייבן פון אַלע אראבישע לענדער... היינט זענען זיי דאָס שטאַרקסטע פאָלק אויף דער וועלט. האָבן זיי דען נישט באַזיגט היטלערן?... זיי וועלן אונדז פארשקלאַפן, מאַכן פון אונדז גאַסן-קערער, און אונדזערע טעכטער פאר זונות... דערפאר ווענדן מיר זיך צו דער וועלט: האַלט אָפּ דעם זיג פון משהן, אויב עס איז אייך טייער דער כבוד פון מחמדן... טאַקע אויף דער פארזאמלונג, איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַוואַרפן די אוניווערזיטעט מיט באָמבעס און פארברענען די שול אין לוד (נישטאָ קיין שול אין לוד...), און פארברענען א הויז פון א יידישן טעקסטיל פאבריקאַנט... אָט אַזעלכע נייעסן דערציילט מען וועגן אונדזער קאַמף

אין ארץ-ישראל, דער דרויסנדיקער וועלט. א געמיש פון גארישע סענ־סאציאנעלע שקרים, מיט אראבישער פראפאגאנדע.

דורכגעבראכן דעם וועג קיין ירושלים

דער וועג פון תל-אביב קיין ירושלים איז אפן! — די ווערטער האבן יענעם טאג געשוועבט אויף יעדנס ליפן. א לאנגע צייט איז יעדער פארקער געווען אפגעשניטן. גרויסע קאמפן זענען דארט אנגעגאנגען. א שורה פון 200 אויטאמאבילן, אויטאבוסן, און לאסט-אויטאמאבילן, אין א לענג פון צען קילאמעטער זענען פריי אריינגעקומען. קיין איין שאס איז אויף זיי נישט אפגעפייערט געווארן.

אלע סטראטעגישע פונקטן ארום דעם וועג, זענען באזעצט געווארן פון דער הגנה. און דער גאנצער צוגעגרייטער פלאן, איז דורכגעפירט גע־ווארן, מיט מער דערפאלג ווי מ'האט פון פריער דערווארט. ווי אזוי האט דאס פאסירט?

אויפן צווייטן טאג, נאכדעם ווי דער וועג איז פריי געווארן, זענען מיר, א גרופע אויסלענדישע קארעספאנדענטן, געווען די געסט פון יונגן הגנה-קאמאנדאנט, וועלכער האט אנגעפירט די „פעולה" ערגעץ-ווו, אין א גוט באשיצטן פונקט, פון דעם וועג, וואס שלענגלט זיך איבער א גאנצער רייע אראבישע דערפער.

נישט ווארטנדיק אויף אפיציעלע פראגן, האט ער אנגעהויבן:

— כדי דורכצופירן אזא געוואגטע אונטערנעמונג, האבן מיר געשיקט אזא ריזיקע עקספעדיציע. יעדער סטראטעגישער שריט, איז פון פריער גע־ווען גוט צוגעגרייט, מיט אלע איינצלהייטן, און פלענער.

—האט איר בדעה — האט אן אויסלענדישער זשורנאליסט אים איבערגעשלאגן די ווערטער, — צו האלטן דעם וועג אפן די גאנצע צייט, אדער איז דאס בלויז געווען א צייטווייליקע אטאקע?

— מיר — האט דער הגנה-קאמאנדאנט שנעל געענטפערט, — מיר האבן באקומען א באפעל, צו עפענען דעם וועג, האבן מיר דאס דורכגע־פירט.

א גאנצע שעה האט געדויערט אונדזער שמועס. די קווארטיר איז גע-ווען באלויכטן פון א קליין לעמפל. אין טונקעלן שיין, האט זיך אויסגע-שניטן די ברייטפלייציקע פיגור פון יונגן בחור, א צברה, וואס האט ווידער און ווידער עס איז צערעמאניע, נישט ווארטנדיק אויף פראגן, פארגע-זעצט:

— אונדזער צוועק איז נישט צו פארניכטן די אראבישע דערפער, אבער ווען זיי האבן כסדר געשטעלט אין סכנה אונדזער פרייען פארקער, אפגעשניטן ירושלים פון דער דרויסנדיקער וועלט, דאן האבן מיר קיין ברירה נישט געהאט. דער קאסטעל איז געווען די הויפט-שטערונג, און מיר זענען געווען געצוווונגען צו אקופירן אים...

— אין וועמענס הענט געפינט ער זיך איצטער? — האט א צווייטער זשורנאליסט, א נייגעריקער, א פרעג-געטאן.

— איצט — האט דער הגנה־קאמאנדאנט געענטפערט — געפינט ער זיך ביי אונדז. מיר האבן אים אקופירט מיט א קלענערער צאל קעמפער, ווי מיר האבן פאראויס אויסגערעכנט. דער שונא האט געהאט קעגן אונדז א סך מער מענטשן.

— אויב איר וועט פון דארט צוריק ארויס, וועלן די אראבער צוריק אריין?

— איך — האט ער פארזיכטיק געענטפערט — זאג נישט, אז מיר וועלן פון דארט ארויס. איך זאג נישט, — האט ער נאך פארזיכטיקער בא־מערקט, אז מיר וועלן די פאזיציע פארלאזן. זי איז פאר אונדז א וויכטיקע באזע פאר די בערג, פון וואנען אונדזערע פאטרולן דערגרייכן דעם גאנצן כביש.

— וואס הערט זיך מיט שער הגיא (באב אל וואד)? איז ער דער־אבערט, אדער געפינט ער זיך אונטער דער וואך פון פאטרולן?

— איך באדויער זייער — ווערט דער יונגער קאמאנדאנט העפלעך — איר וועט האפנטלעך גוט פארשטיין, אז דאס איז א מיליטערישער

סוד... מיט דריי וואָכן צוריק, ווי אייך איז באַקאַנט, האָבן די אַראַבער אָפּ־געשלאָסן ירושלים פון גאַנצן לאַנד. די אויבער־קאָמאַנדאָ פון דער הגנה האָט געגעבן דעם באַפעל, דורכצוברעכן די באַלאַגערונג, און מיר האָבן אָנ־געהויבן אונדזער אַנגריף אויף צוויי אופנים. צוערשט האָבן מיר ארויסגע־שיקט די גרויסע „שיירה" און גלייך אַריבער צום אַנגריף אויף דעם שונאס באַזעס, און אין דער זעלבער צייט, אויף דעם אַראַבישן טראַנספּאָרטאַציע־פּאַרקער אין דער ליניע, וועלכע איז פאַר אונדז געווען אַ לעבנס־פראַגע. אונדזערע אַטאַקעס, האָבן זיך הויפּטזעכלעך קאָנצענטרירט אויף שער הגיא (באב אל וואד), אל־קובאַס, רמלה, אבו־שושה, דע־מוחסן, בית־גיס, די אַראַבישע חולדה, אָפּשנײַדנדיק צוערשט יעדן פאַרקער פון די דערמאָנטע פּלעצער. דערקלער זיי — האָט זיך געווענדעט אין העברעאיש צום אי־בערזעצער דער פאַרבינדונגס־אָפיציר פון דער הגנה, אַז דאָס אויפרייסן די מפקדה אין חסן סאַלמה און רמלה איז אויך אַריין אין דער פּראָגראַם.

— איר האָט אייער אויסבילדונג באַקומען אין דער ענגלישער אַרמיי?

— פרעגט אַ נייגעריקער אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט.

דער יונגער קאָמאַנדאַנט שווייגט מיט אַ מערקווירדיקער באַשיידנ־קייט. ער רעדט דאָך נישט פון זיך... נאָר פון אַן אַנדערן, מער וויכטיקן און אינטערעסאַנטערן ענין... אָבער די זשורנאַליסטן באַשטייען אויף זייערן, ווערן דרייסטער, הויבן־אָן מיט כיטרע קרייץ־פראַגן. מיט דער הילף פון די ענטפערס פון אַנדערע אָפיצירן, געפינען זיי אויס, אַז דער קאָמאַנדאַנט, וועלכער האָט דורכגעפירט די גאַנצע „פעולה", איז נאָך אפילו נישט אַלט קיין 25 יאָר.

— אויב ער איז אַמאָל געווען אין חוץ לארץ? ניין, קיינמאָל נישט. ווו האָט ער געענדיקט די מיליטערישע אַקאַדעמיע? אין די בערג פון ארץ־ישראל, אין די שלאַכטן מיט די אַראַבער...

דער יונגער ערנסטער קאָמענדאַנט, ווערט איצט ווען אַלע קאָרעס־פּאָנדענטן קוקן אויף אים מיט פאַרוואונדערונג, אביסל ווייכער, און פרווט אפילו אַליין זאָגן אַ פּאָר ענגלישע ווערטער.

— יעס, אין באַטעלס (יאָ, ער האָט די מיליטערישע אַקאַדעמיע גע־ענדיקט אין די שלאַכטן מיט די אַראַבער).

מיר ווערן אריינגעפירט אין א צווייטן צימערל, ווו עס געפינט זיך א מין „יומן״ פון די אלע פעולות זייט דעם, וואס דער דורכברוך האט פאסירט. יעדער באפעל, די צייט, דער טאג. נידערלאגן און זיגן, פארמארש און צוריקמארש. אלעס פינקטלעך אין א מיליטערישן סדר שיפרירט און צוזאמענגעשטעלט.

אט הויבט זיך אן דער „יומן״ פון דער אטאקע: דעם און דעם דאטום איינס אזייגער מיט צוואנציק מינוט. צוויי גרופעס זענען אוועקגעשיקט געווארן צו פארכאפן יענעם פונקט, ביי דעם וועג. 2 אזייגער מיט 38 מינוט. אלע פונקטן, פון וואנען דער אנגריף וועט זיך אנהייבן. און די בריקן געפינען זיך אין אונדזערע הענט. 4 אזייגער ביינאכט: די שיירה געפינט זיך שוין אין „קרית ענבים״. אין איין פונקט האבן אריבער צוויי הונדערט באוואפנטע אראבער געפירט א קאמף אריבער צוויי שעה צייט. 6 אזייגער אינדערפרי: האט מען נעבן קולוניה אנטדעקט צייט־באמבעס און 6 מחסומים (פארצוימונגען). 7 אזייגער מיט פופצן מינוט: די ערשטע נידערלאגע, אונטערן דרוק פון שונא, זענען מיר ארויס פון סובא. 8 אזייגער מיט 50 מינוט: די שיירה, האט זיך אנגעשטויסן אין מחסומים. אונדזערע פאנצער-אויטאמאבילן האבן אנגעהויבן דעם קאמף. 9 אזייגער מיט 30 מינוט: מיר האבן דורכגעבראכן די אלע מחסומים. מיר פארן אין דער גרעסטער שנעלקייט קיין ירושלים.

דעם זעלבן טאג, איז געגעבן געווארן דער באפעל צו דעראבערן קאסטעל. דער שונא שיסט מיט מאשין-געווער. 12 אזייגער ביינאכט: די אראבער ברענגען פארשטארקונגען דורך רמלה, לאטרון. אונדזערע אפטיילונגען שניידן זיך איבער דעם וועג מיט מאשין-געווער און האבן דערפאלגרייך צוריקגעשלאגן. האלב נאך 4 דעם זעלבן טאג: איז געלונגען אריינצודרינגען אין קאסטעל, און די שיירה איז צום צווייטן מאל אוועק אויפן וועג קיין תל-אביב. א שעה נאכדעם איז די גאנצע דעראבערונג פון קאסטעל פולשטענדיק דורכגעפירט געווארן. 2 אפטיילונגען אונדזערע זענען נאכגעלאפן דעם שונא ביז סובא, ביז אלחוט. דארט האבן זיי באקומען א באפעל זיך צוריקצוציען צו זייער באזע, כדי נישט אפגעריסן צו ווערן.

איינס אזייגער ביינאכט, האט די הגנה געהאט אונטער איר קאנטראל

דעם גאנצן וועג. און די שיירה וואס האט געווארט אין קרית ענבים,
האט באקומען דעם באפעל ווייטער צו פארן ביז רחובות. דער „יומן” (טאג־
בוך) דערציילט ווייטער, ווי דער שונא האט אנגעהויבן שיסן מיט קאנא-
נען, אויף די מערבדיקע גאסן פון ירושלים. עס איז געגעבן געווארן א בא-
פעל ארומצוזינגלען און איינגאנצן פארניכטן די אראבישע נעסטן אין „קור־
לוניה”, וואס איז אויסגעפירט געווארן מיט דער גרעסטער פינקטלעכקייט.
דער קאמף איז געווען א שווערער, פון הויז צו הויז. א קורצער באריכט איז
דאן ארויסגעגעבן געווארן פון דער אויבערקאמאנדע פון דער הגנה, „סרקנו
אותו” — מיר האבן אים אויסגעקעמפט... און גאנץ פרי איז ארויס דער
אפיציעלער קאמוניקאט: די קריגס-אפעראציע איז געלונגען!

— וואס דענקט איר מכוח דער אראבישער קאמאנדא, און סטראטע־
גיק? — האבן די צייטונגס-פארטרעטער געפרעגט דעם יונגן מפקד. זיי —
האט ער געענטפערט — האבן אין די לעצטע קאמפן געענדערט זייערע
קאמפס-מעטאדן, און אריבער פון גערילא-טעכניק, צו וועלכער זיי זענען
פעאיקער, צו אן ארגאניזירטער מיליטערישער ליניע, אין וועלכער מען
פילט א דייטשן איינפלוס. און אויך אטאקירן זיי בייטאג, אנשטאט ווי ביז
איצט, אין די נעכט. מיר גלויבן, — האט דער קאמענדאנט ווייטער בא-
מערקט — אז 70 פראצענט פון זייערע העכערע אפיצירן, וועלכע שטאמען
פון איראק, האבן אין דער לעצטער וועלט-מלחמה געדינט אין מוסולמעני־
שער ס.ס.-דיוויזיע פון די נאצים. מיר האבן זיך אויך איבערצייגט, אז
צווישן די אראבער געפינען זיך א גרויסע צאל יוגאסלאוון, שפאניער, פא־
ליאקן, וולאסאוועצעס, און טשעטניקעס פון מיכאילאוויטשעס אמאליקע
באנדעס.

עס איז שפעט ביינאכט. איינע פון די פארבישופטע פרילינגס-נעכט
אין ארץ-ישראל.

דער פעלד-טעלעפאן קלינגט. דער מפקד רייסט איבער זיין אינטערוויו
מיט אונדז און גיט דורכן טעלעפאן באפעלן. די פונקטן און אפטיילונגען
זענען בלויז באצייכנט מיט סימבאלן. עס האנדלט זיך אין דורכפירן רייני-
קונגס-אפעראציעס, אויף א געווויסן פונקט, ווו אן איראקישע אפטיילונג
האט זיך אריינגעריסן, און שטעלן אין געפאר דעם וועג. נאך האלבער

נאכט, דער מפקד געזעגנט זיך מיט אונדז, מיר געפינען זיך אין דרויסן. לייכטע ווינטלעך בלאָזן אין דער ביינאַכטיקער שטילקייט, וועלכע ווערט אָבער איבערגעריסן פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן שאָס.

פאַר אונדז גייט איצט פאַרביי אַן אָפּטיילונג פון דער הגנה, וואָס ווערט פאַרשווונדן צווישן די פעלדער. דער מפקד באַגלייט אונדז אַ פּאָר שריט, האַלטנדיק אַן אַמעריקאַנער פּאָרטאַטיל-ראַדיאָ. מיר הערן איצט גענוי אויף דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט די פרויען-שטימע: העלאָ! העלאָ, בועז, צי האָסטו פאַרבינדונגען?

באַלד אַן ענטפער: תלם! שמיר... בועז. שיק גלייך די מאַשין. אַ צווייטע שטימע תלם. שמיר. בועז. שיק נישט די מאַשין. און באַלד, הכל בסדר גמור...

מיר דערוויטערן זיך וואָס אַמאָל מער פון דעם הויפּטקוואַרטיר, אין דער באַגלייטונג פון 2 הגנה-אָפיצירן צו דעם אויטאָמאָביל, וועלכער וואַרט אויף אונדז ביים ענדע פון וועלדל. אַרום איז שטיל. נישט ווייט אַריבער די ליניע, געפינען זיך צענדליקער אַראַבישע דערפער. אָפּגייענדיק אַ פּאָר שריט, דערהערט זיך אַ שטאַרק קנאַלן און אויפריים. אַ צווייטער, אַ דריטער...

אונדזער אויטאָמאָביל לויפט איצט מיט דער גרעסטער שנעלקייט צוריק קיין תל-אביב.

מיט דער הגנה אויף די פראָנטן

די באַזוכן פון די קאָרעספּאָנדענטן, אויף די פאָדערשטע פראָנט־ליניעס, איז גאַנץ אַנדערש ווי אין דער וועלט־מלחמה. דאָרט זענען נאָר געוואַגטע קריגס-קאָרעספּאָנדענטן, געקומען נאָענט צו דער פייער-ליניע. אַ גאַנצער אַפּאַראַט פון פרעסע־דעפּאַרטאַמענט, האָט פאַר דעם צוועק געאַרבעט איבערצוגעבן דעם קריגס-קאָרעספּאָנדענט פּאַרטיקע באַריכטן, וועלכע ער האָט באַדאַרפט טעלעגראַפירן צו זיין אַגענטור. די הגנה צערעמאָנירט זיך וועגן דעם ענין נישט אַזוי פיל. זי האָט אַ פאַרבינדונגס־

אפיציר, וועלכער איז דער אזוי־גערופענער וואַרטזאָגער פאַר דער פרע־סע. אָבער דער קאָרעספּאָנדענט, מוז אַליין קומען אויף דעם פראָנט שמעקן פולווער... נאַטירלעך מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער הגנה, וואָס ברענגט אים אַהינצו. די קאָרעספּאָנדענטן ווערן איבערגענומען פון דעם פאַרבינדונגס־אָפיציר פון דער הגנה, זיי ווערן געפירט אין אַ „משור־ין" (געפּאַנצערטן אויטאָ), אויף די פאַרשידענע פונקטן, אויף אַ זיכע־רער פּאָזיציע, וואָס איז אַזוי לאַנג זיכער, ביז די ליניע בייט זיך נישט, און ביי דער איצטיקער מלחמה טאַקטיק בייט זי זיך אָפט. נישטאָ אַזא זאַך, ווי אַ סאָלידער פראָנט ביי די קעמפנדע צדדים.

אָט געפין איך זיך מיט אַ גרופּע קריגס־קאָרעספּאָנדענטן אויף אַ פונקט „אי שם" (ערגיץ ווו דאָרט) עס איז נאָך אַ גרויסן קאַמף. אונדזערע בחורים זענען גוטמוטיקע, וויצלען זיך אויפן חשבון פון די אראַבער, וואָס זענען אַנטלאָפן ווי די האָזן. צוויי אַמבולאַנסן האָבן ערשט געבראַכט היי־סע קאַפע און צובייסנס פאַר דער חברה. אין צוזאַמענגעקלאַפּטע גרויסע בודקעס פון ברעטער, כאַפּן מיר אַ שמועס מיט אייניקע אָפיצירן. איך מוז דאָ צוהעלפן דעם פאַרבינדונגס־אָפיציר, וועלכער רעדט טאַקע אַ גוטן ענגליש אָבער די קאָרעספּאָנדענטן, באַזונדערס די אַמעריקאַנער דרייען צו פיל אַ מוח, זיי זוכן סענסאַציעס, גרויסע קעפּ פאַר זייערע צייטונגען, און ווילן פשוט אַריינלייגן ווערטער דעם פאַרבינדונגס־אָפיציר, כדי צו האָבן אויפן אַמעריקאַנער לשון אַ „סטאָרי" און מאַכן „היט" (דערפאָלג). גיין, — נישט אַזוי מיינט ער, — מוז איך זיך אַריינמישן. נישט טויזנ־טער אַראַבער זענען געפאַלן אין אָנגריף, נאַר... קוקן זיי אויף מיר מיט גזלנישע אויגן. איך האָב זיי דערהרגעט אַ סענסאַציע...

אַ קאָמענדאַנט, מיט אַ לאַנגן רעוואָלווער אויף אַ ברייטן רימען, רעדט העברעאיש מיט אַ דייטשן דיאַלעקט. די איבעריקע וויצלען זיך אויף זיין חשבון, און רופן אים „מפקד יעקי"... ער דערציילט פאַר די צייטונגס־לייט:

— איך האָב באַקומען אַ באַפעל צו קומען איבערנעמען פאַרשטאַר־קונגען, עם „היונגען", (אנשטאָט „בחורים, געפעלט אים דאָס וואָרט יונ־גען...), האָבן צוויי גרופּן אַטאַקירט דעם שונא צו צפון, אַנדערע דריי פון

מזרח און מיר האָבן זיי געשיקט אַ מתנה אַ האַלבע טוץ „רמונים" (האַנט-גראַנאַטן). אויפן צענטער האָבן מיר זיך געוואָרפן מיטן גאַנצן קראַפט, און די גאַנצע אָפּעראַציע איז אָנגעקומען אַ סך לייכטער ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט.

און אָט דערציילט אַ צווייטער, אַ מפקד, אַ תימני, וואָס רעדט מיט אַ ווייכן תימנער דיאַלעקט, — פון וואַלד האָבן מיר פּלוצים, מיט דער הילף פון שיין-וואַרפער, דערזען אַ גרויסע מחנה אַראַבער. דערזעענדיק, אַז מען האָט זיי באַמערקט, האָבן זיי זיך אין כוואַליעס אַ לאָז געטון צו אונדזערע פּאָזיציעס, ווי אונדזער שטענדיקע טאַקטיק איז, האָבן מיר זיי געלאָזט צוקומען גאַנץ נאָענט צו אונדזערע פּאָזיציעס. אַ גרויסער טייל פון זיי, — האָבן מיר באַמערקט, — האָבן געטראָגן קרוגן מיט נאַפט, און באַלד האָט זיך דערהערט דער געשריי: איטבה אל יהוד! איך האָב געגעבן דעם באַפעל: אש! און זיי זענען שוין מער נישט צוריקגעלאָפן... באַלד האָב איך אין דער געדיכטער פינצטערקייט דערזען אַ געשטאַלט, אויף מיין געשריי מי שם?, ווער איז דאָרט, האָב איך באַקומען אַן ענטפער אש פּי? (וואָס איז). איך קען גוט אַראַביש און ווייטער געפרעגט אויף אַראַ-ביש: „ערב אל ערב"? מוחמד העון הון, (קום אהער). דאָ איז דער אַראַבער געווען זיכער, אַז עס רעדט צו אים אַן אייגענער מענטש, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אונדזערע פּאָזיציעס. אַריבער 30 אַראַבער האָבן זיך מיט אים אַ לאָז געטאָן פאַראויס צו אונדזערע פּאָזיציעס און זיך געפונען אינגאַנצן, בלויז זעקס מעטער נאָענט. דאָ האָבן די בחורים געעפנט אַזאַ פייער, אַז די ערד האָט אַזש געציטערט. קיין איינער פון זיי איז נישט אַרויס אַ לעבעדיקער...

אַ שעה שפּעטער. מיר געפינען זיך אויף אַ פּאָזיציע נישט ווייט פון אַן אַראַבישן דאָרף. אַרום איז אַ געדיכטע פינצטערניש, וואָס לייגט זיך שווער אויפן געמיט. דורך אַ לאַנגן גראָב, וואָס איז פאַרבונדן מיט די פּאָזיציעס, פירט אונדז דער פאַרבינדונגס-אָפיציר צו אַ ליניע, ווו חברה וואַרטן איצט אויף אַ באַפעל אַריבערצוגיין צום אָנגריף. אָבער — וואָרנט ער אונדז — דער פונקט איז צו געפערלעך, מען קען נישט וויסן ווען די אַטאַקע וועט זיך אָנהייבן, און עס איז גאָר נישט אויסגעשלאָסן, אַז מיר

ה ת ק ד ם ! דער שונא האָט זיך באַוויזן אי־שם. יידישע נוטרים אַטאַקירן.

זאָלן פאַרכאַפּט ווערן אין סאַמע מיט פון פייער. די נײַגיריקייט איז גרויס קיינער גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון וועגן דער געפאַר, אדרבא, די אַמע-ריקאַנער קאָלעגן זענען צופרידן פון אַזאַ „אַדווענטשור" (אוואַנטורע). אַט שטייען מיר פּנים־אל־פּנים מיט די בחורים. אַלע גייען אָנגעטון אין וואַרעמע כובעי-גרב. זיי דערפרייען זיך מיט די אומגעריכטע געסט, באַ־גריסן אונדז מיט אַ „שלום", אויך די אַמעריקאַנער ענטפערן „שלום".

זיי זענען מיד בלויז פון אַ גאַנצן טאָג וואַרטן... דער מפקד, אַ יונג בחורל, וואָס טראָגט אַ שטאָל-העלם, דערציילט אונדז: „חברה בעטן זיך רחמים, מען זאָל שוין אָנהייבן די אַטאַקע, און נישט געקוקט — דער־ציילט ער אונדז ווייטער, — וואָס זיי זענען נישט געשלאָפן, איז ווען עס קומט אַרויסצושיקן אַ אויסשפּיר-פּאַטרול, רייסן זיך אַלע צו זיין די ערשטע..."

דאָ און דאָרט דערהערט זיך דאָס קנאַלן פון מאַשין-געווער, באַלד קומט פון דער אַנדער זייט אַן ענטפער. אָבער דאָס, — דערקלערט אונדז דער מפקד, איז נאָך נישט די אַטאַקע, דאָס שפּירט בלויז איין צד אויס דעם אַנדערן... אַ דושיפּ איז צוגעפאָרן, מיר הערן דייטלעך די שטרענגע פראַגע פון דער וואַך און דעם ענטפער פון „פּאַראָל" פון די געקומענע. פיר שאָטנס שפּרינגען אַרויס, באַלד שטייען זיי פאַר אונדז, און גיבן אי־בער דעם קאָמענדאַנט דעם באַפעל. דער מפקד לייענט שנעל איבער די פּאָר שורות, אַ צופרידנהייט צוזאַמען מיט אַ נערוועזיטעט שפּרייט זיך אויס אויפן יונגן פּנים... איר, — ווענדעט ער זיך צו אונדז, וועט אַזוי גוט זיין און אין אַ פּאָר מינוט פאַרלאָזן די פּאָזיציע. עס איז צו געפער־לעך... איר פאַרשטייט, אין פּונקט מינוט וועט זיך אָנהייבן די אַטאַקע, און עס איז געפערלעך. עס איז קעגן די אַרמיי־געזעצן אייך דאָ צו לאָזן, איר מוזט גיין. עס איז אַ באַפעל; ווערט ער ערנסט.

מיר פאַרלאָזן די פּאָזיציע. אַ פּאָר מינוט בלויז, און מיר דערהערן פון אַלע זייטן אַ שטאַרק-שיסן. מען קען דייטלעך זען, ווי שטיקער פייער ווי רויטע צונגען פליען צום הימל. אין דער ביינאַכטיקער פינצטערקייט זעט מען אַלעס אַזוי דייטלעך. דאָס פייער ווערט איצט פון אַלע זייטן

שטאַרקער, אַ סימן, די לאַנג דערוואַרטע אַטאַקע האָט זיך אָנגעהויבן. דער פאַרבינדונגס-אָפיציר פון דער הגנה, פירט אונדז אין אַ געפּאַנצערטן אויטאָמאָביל צוריק אין הינטערלאַנד.

אין שוק הכרמל

אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ, האָט אויף מיר געוואַרט דער אָפיציר פון דער הגנה, כדי מיך צו באַגלייטן צו קיינעמס לאַנד אין תל-אביב, ביי דעם שוק הכרמל. מיין צווייטע באַגלייטערין איז געווען די אַמעריקאַנער יידישע זינגערין, רעגינאַ שומסקאַיאַ, וואָס געפינט זיך אין ארץ-ישראל, נאָך אַ רייזע איבער די לאַגערן אין אייראָפּע, וווּ זי האָט פאַר די פּליטים געגעבן קאָנצערטן. מיר זענען זאַלבעדריט אַוועק מיטן שוק הכרמל. אַ פּאָר מינוט, און מיר געפינען זיך צווישן געדרייטע ענגע געסלעך, וואָס זענען אויבנאויפיק ענלעך צו דער אַמאָליקער וואַרשעווער סמאָטשע גאַס, און לעמבערגער „פּאַר דער שול". די זעלבע געשרייען, וואָס באַטן אייך אָן מציאות, נאָר אין אַן אַנדער שפּראַך. אַנשטאָט היימישע פּיראָגן, פאַרקויפט מען אייך דאָ דעם תימנער מאכל „פאַלאַפּול", וואָס שמעקט ווי אַ שבתדיקער טשאָלנט.

מטפחת בגרוש — שרייט אַ תימנער אויסגעדאַרטער ייד, וואָס האָט אַ פּנים ווי אַ גרוגרת דרבי צדוק. גרבים-ניילאָן, בחצי מחיר! — שרייט אַ סימפּאַטיש ספרדיש מיידל. מאַמריקה — גיט זי איצט צו דאָס וואָרט, דערזעענדיק אונדז, מציאות! מציאות בזול! בחצי מחיר!

די געסלעך ווערן וואָס אַמאָל עיגער, און צוזאַמענגעפּלאָכטן. אַ שאַרפער ריח פון פאַרשידענע שאַרפע מאכלים. און געווירץ, קיצלט די נאָז. מיר מאַכן איצט אַ זיג-זאַג, און גייען נישט דירעקט, ווייל דאָס שיסן איז איצט דאָ גאַנץ נאָענט. אַט געפינען מיר זיך אין גאָר אַן ענג געסל; די איינוווינער איז שווער צו דערקענען, צי זיי זענען יידן, אַלע פון זיי די זעלביקער ברייטע קאַליר אין פּנים. די זעלבע שוואַרצע אויגן. און די זעלבע נערוועזע באַוועגונגען. עס איז שווער צו דערקענען, אויב דאָס זענען יידן,

אייזן! אַ חברה-מאַן פאַר וועמען די אַראַבער ציטערן אימת-מות

יאָרן-לאַנג ווי זיי לעבן דאָ מיט זייערע אַראַבישע שכנים פון יפו, וואָס געפינט זיך איינגאַנצן אַ פּאָר מעטער אַוועק פון דאַנען. שטייט טאַקע אויף אַ קליין קרעמל, וואָס זעט אויס ווי אַן אָרימע היימישע בודקע, דאָס וואָרט אויף עברית: „חנות יהודי". באַלד דערזעט איר אַ מכולת מיט דער זעלבער אויפשריפט. די קעמפער פון דער הגנה זענען דאָ אין די געדרייטע, ענגע געסלעך, אָפטע געסט. האָט מען אַרויסגעהאָנגען די אויפשריפט...

דאָס שיסן ווערט איצט שטאַרקער, מען שיסט פון צוויי ריכטונגען. אויפן באַפעל פון הגנה אָפיציר, מוזן מיר זיך האַלטן ביי די עקן גאַנץ נאָענט צו די הייזער, און נישט גיין אין מיטן וועג. ביי אונדזער מיטבאַגלייטערין האָבן געפּלאַצט די נערוון... זי וויל ווייטער נישט גיין... צוריקצוגיין איז אויך נישט אַזוי אָנגענעם... דער וועג ווערט איצט באַשאָסן, גיין וויל זי באין אופן נישט, האָבן מיר זי אַריינגעפירט אין אַ תימנער קרעמל, פון דאָרט דורך די הינטערטירלעך, וואָס ווייטער אַוועק ביז צום זיכערן וועג, וו זי קען צוריקקומען צום שוק הכרמל. יעדע ווײַלע לויפט איצט פאַרביי אַ מענטשלעכער שאָטן מיט אַ בליצשנעלקייט אַיבערן ליידיקן וועג. איצט בלייבט דער אָפיציר שטיין. איך נוץ אויס די געלעגנהייט, שטעל אָן מיין פילם־אַפּאַראַט, און נעם בילדער פון די צעשאָסענע אַראַבישע הייזער. עס זעען זיך הויפנס חורבות... ווי ווייט דאָס אויג קען נאָר דערגרייכן... מיין באַגלייטער ראָט מיך נישט צו שטיין אין עק פון הויז, ווייל דאָ איז דער געפערלעכסטער פונקט. און טאַקע באַלד איז אַ קויל געפאַלן אַ פּאָר שריט פון דעם פּלאַץ. אַ מענטשלעכער שאָטן באַווייזט זיך, אויפן רוקן אַ מיליטער־זאַק, אין האַנט אַ מאַשין-געווער... באַגריסט זיך אויף שטום מיט מיין באַגלייטער און פאַרשווינדט אין אַ האַלב־צעשאָסן הויז. מיר פאַרקירעווען זיך אין אַ צווייטער ריכטונג און... אין סאַמע עק, ביי אַ צעשאָסענער וואַנט, שטייט אַ זעלנער מיט אַ ביקס אין האַנט גרייט צו שיסן. דער אָפיציר זאָגט דאָס נויטיקע פּאַראָל-וואָרט, און מיר גייען ווייטער. איצט געפין איך זיך גאַנץ נאָענט פון אַ „געוויסן פּונקט", וואָס האָט די שווערסטע אויפגאַבע נישט בלויז צו באַאָבאַכטן יעדע באַוועגונג, וואָס קומט פאָר אויף דער אַראַבישער

זייט, נאָר נאָך עפּעס שווערערס... ווייטער גיין איז אוממעגלעך. פון קענגנאיבער האָט מען געעפנט אַ שטאַרקן פייער און פּאַרזיכטיק ביי די עקן פון די האַלב-צעוואָרפענע הייזער, וואָס זענען אויס ווי הויפנס שטיי־נער, גיי איך צוריק אין שטאָט אריין. יאָ, מיר קענען זיך פאַרלאָזן אויף אונדזערע „באָיעס". איך האָב איצט דאָס געפיל, אַז דאָס, וואָס איך, און אַנדערע טויזנטער יידן, שלאָפן רואיק אין זייערע בעטן אין די נעכט, דאַרפן מיר פאַרדאַנקען יענע בחורים אונדזערע, און איך דערמאָן זיך אין פּסוק פון שיר המעלות — „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל"... דאָס איז דער שומר פון דער הגנה, דער „שומר ישראל", וואָס וואַכט איבער אונדז אַלעמען!

אין אַ געפּאַנצערטן אָמניבוס קיין חיפה

טירא, דאָס אַראַבישע דאָרף נישט ווייט פון חיפה, האָט זיך טרויע־ריק באַרימט געמאַכט נאָך אין די ערשטע טעג. דאָ ווינען די גרעסטע אַראַבישע באַנדיטן, וואָס האָבן דאַן געהאַט אַ גרויסן חלק אין די מער־דערישע אָנפאַלן אויף יידן. ביי די איצטיקע פּאַסירונגען איז דאָס דאָרף אַ צייט לאַנג שטיל געווען, ווייל אַזוי שנעל ווי דאָרט איז עפּעס פאָרגע־קומען, איז די הגנה אריין אין דאָרף אין אַ פינצטערער נאַכט און זיך אָפּגערעכנט מיט די דאָרטיקע איינוווינער. אָבער מיט אַ פּאָר טעג צוריק, זענען דאָרט פאָרגעקומען שיסערייען אויף יידישע אָמניבוסן און אויטאָ־מאָבילן און עס זענען געווען יידישע קרבנות. צוליב דעם פאָרט דער אָמ־ניבוס פון תל-אביב קיין חיפה ביז זכרון יעקב, ביז אַהין זענען בלויז פּאַ־ראַן יידישע קאָלאָניעס. דאָרט בלייבט ער שטיין און אַלע פּאַסאַזשירן פון צוויי, דריי אָמניבוסן ווערן באַגלייט פון שמירה פון דער הגנה אין אַ „משרין" (אַ געפּאַנצערטן אָמניבוס).

קודם־כל איז אינטערעסאַנט די רייזע פון תל־אביב מיט אַן אָמניבוס

ביז זכרון יעקב. פון וואס, א שטייגער, רעדן היינט יידישע רייזנדע, ווען דער וועג איז אזוי נישט זיכער? און בכלל, וואס שמועסט מען דא וועגן דעם מצב, ווי מען זאגט דא אין עברית געוועגלעך? דער שאפער שטייט איצט נאך אין דרויסן ביי דער תחנה המרכזית פון „אגד”. עס זענען בלויז פאראן א פאר פאסאזשירן. דאס רעדט ער זיך דורך מיט אנדערע „נהגים” פון די ליניעס ירושלים - תל אביב, די געפערלעכסטע ליניע איצט, און אנדערע ליניעס. די נהגים זיי זענען באמת איצט אין ארץ־ישראל די קעמפער פון דער ערשטער פראנט־ליניע, א דאנק זייער געוואגטקייט און מוט, ווערן די פארבינדונגען פון שטאט און דארף, און אלע וויכטיקע פונקטן אין לאנד, נישט איבערגעריסן. אט דערציילט איין נהג דעם אנדערן וועגן דער „טבילת האש”, וואס זיין אמניבוס האט באקומען אויפן וועג קיין ירושלים: ווי אזוי ער האט אונטער א רעגן פון קוילן מאנעווירט, געקערעוועט אין אלע זייטן און אים איז געלונגען ארויס מיטן אמניבוס, און מיט די... זיי צו ברענגען אין שפיטאל. אויב דאס זענען געווען הרוגים אדער שווער פארוואונדעטע אדער לייכט פארוואונדעטע — דאס וועט אייך א „נהג” נישט דערציילן — א מיליטערישער סוד...

דער אמניבוס איז פול געווארן. נעבן מיר זיצט א ייד, וועלכן עס האט זיך פארגלוסט צו רויכערן. ער קוקט אויף דעם אויפשריפט „אסור לעשן!”... און פארזיכערט מיר אין עברית מיט א דייטשמערישן אקצענט נישקשה, ביז דער אמניבוס וועט אנהויבן פארן, וועל איך פארענדיקן דאס רויכערן... דער אמניבוס רירט זיך פון ארט, און איך הער זיך צו צו א שמועס, וואס גייט אן צווישן מיינע צוויי שכנים. עס האנדלט זיך אין אן עלעקטרישער קיך, וואס איינער האלט ביי איינסטאלירן ביי זיך אין הויז און דער אנדערער ראט אים, ווי אזוי צו שפארן עלעקטרישע קראפט... באלד גייט מען אריבער אויף דעם נייעם סעזאן, אז ער איז נישט אזוי גוט צוליב... אבער דער אנדערער פאלט אים אריין אין די רייד: ביי מיר — איז גראד דער סעזאן א סך בעסער ווי תמיד — ער איז דער פארטרעטער פון א גרויסער פירמע פון שפייז־פראדוקטן.

א צווייטע גרופּע רעדט שוין פון פּאָליטיק. א ייד עצהט דער-הגנה אז זיי זאָלן נישט וואַרטן, נאָר גלייך פאַרכאַפּן דעם אַראַבישן טייל פון ארץ-ישראל. ווער — טענהט ער — עס כאַפּט, דער האָט... אַן אַנדערער גייט נאָך ווייטער (דאָס איז געווען דער טאָג, ווען א קליינע יידישע גרופּע האָט אָפּגעשלאָגן די שווערע אַטאַקע אויף עציון, (נאַטירלעך די ערשטע). גייט שוין, גייט, פאַלט אַריין אַן אַנדערער ייד. צו וואָס זיך נאַריש מאַכן. אויב שוין כאַפּן, איז מאַרשירן ביז דמשק, ביירוט. וואָס איז? ס'איז דען אַזאַ מהלך? און זיי האָבן דען אַן אַרמיי? אויך מיר אַן אַרמיי! „אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן" — באַנוצט ער זיך שוין אויף יידיש. א דריטער ייד, וואָס זאָגט, אַז ער איז א געוועזענער אָפיציר אין דער עסטרייכישער אַרמיי, רעדט פון סטראַטעגיע און האַלט דאָ א לעקציע וועגן די פאַרשידענע סאָרטן געווער. וואָס אַזוינס איז א „סטאַן גאַן", א „ברען גאַן", א מאַשין-געווער און פאַרזיכערט דעם עולם: קיין געווער פעלט נישט און אַז אין ארץ ישראל זענען נישט פאַראַן בלויז פאַרפומען פון „שמן" תוצרת הארץ נאָר אויך... דאָ איז א ברייטפּלייציקער בחור אים אַריין אין די רייד מיט א שאַרפן פאַרוואורף, וואָס האָט אים אין מיטן אָפּגעשטעלט: פּטפּטן (פּלאַפּלער).

מען זעט כמעט נישט קיין אַראַבישן אָמניבוס, זיי האָבן גאָר קיין חשק נישט צו פאָרן מיט זייערע אָמניבוסן אין יידישע געגנטן. גאַנץ נאָענט פון „בנימינה" האָט זיך איבערן כביש פויל געשלעפּט אַן אַראַבישער קאַראַוואַן פון קעמלען און אייזלען און אַן אַראַבער האָט אויסגעזונגען אויף זיין פייפל א טרויעריקע מעלאָדיע. איר זעט — האָט צו מיר מיין שכן געזאָגט — דאָ קען איך זיי אַלע. זיי זענען פון שכנות דאָ. אין רואיקע צייטן פאָרן זיי תמיד אין אָמניבוסן... קוקט דאָרט — ווייזט מיר מיין שכן — זעט די יונגע אַראַבערין ווי זי שלעפּט וואַסער פון א יידישן ברונעם, וואָס איז גלייך ביי דעם אַריינגאַנג פון קיבוץ. דאָס אַראַבישע דאָרף לעבט בשלום מיט די יידישע שכנים און ערשט מיט א קורצער צייט צוריק זענען זיי ביי אונדז געווען און זיך געשוווירן מיט אַלע שבועות, אַז זיי וועלן נישט אַריינלאָזן אין זייער דאָרף די רויבער-באַנדעס.

מיר זענען אָנגעקומען אין זכרון יעקב. דאָרט האָבן שוין געוואַרט

פאסאזשירן פון אנדערע צוויי אמניבוסן און א געפאנצערטער אמניבוס, וואס האט צוזאמענגענומען אלע פאסאזשירן. מיר זענען אריין אין „משר־ין", צוזאמענגעקוועטשט איינער צום אנדערן. נישטא דא די געוועלעכע באקוועמלעכקייטן. די פיס אייערע ווערן מיטאמאל צו לאנג... דער קאפ צו הויך, די הענט זענען אויך נישט „בסדר". איר מוזט זיך צוזאמענדריקן און ווערן א סך קלענער ווי איר זייט. אבער דער עולם וויצלט זיך. נישט קשה: זאגט אן עלטערער ייד אויפן קול: איבער הונדערט יאר וועט מען אזא פלאץ אויך נישט באקומען...

דער אמניבוס גייט איצט מיט אן אויסערגעוועלעכער שנעלקייט. איידער איך האב צייט געהאט זיך ארומצוקוקן צווישן די מיטרייזנדע מיינע, איז דער אמניבוס שטיין געבליבן. חיפה? — האט איינער א פרעג געטאן. נכון! — האט דער נהג גלייכגילטיק אפגעענטפערט...

מיט א קאנוואי פון תל־אביב קיין ירושלים

יעדן טאג האט מען אויף דער סטאנציע אין תל־אביב, אויף אלענבי און שדרות ראטשילד, באקומען דעם זעלבן ענטפער: „מסוכן". דאס הייסט, אז דער וועג קיין ירושלים אין געפערלעך. און דער, וואס האט באזארגט די פלעצער, האט געראטן בעסער אפצוווארטן. יעדן טאג האבן די צייטונגען דערציילט וועגן קרבנות אויפן וועג קיין ירושלים. יעדן טאג האט זיך איבערגעחזרט דאס זעלבע בילד. צענדליקער מענטשן האבן באלאגערט די סטאנציע, געווארט אויף עפעס נייעס, און יעדן טאג האבן זיי באקומען דעם זעלבן ענטפער „מסוכן"... א סך צווישן זיי, ירושלימער תושבים, וואס זענען געבליבן שטעקן אין תל־אביב. אנדערע, וואס האבן זיך וואכן לאנג, געגרייט צו פארן צוליב א וויכטיקן ענין — אלע האבן געמוזט ווארטן.

פאר דער סטאנציע זענען געשטאנען פאנצער־אויטאמאבילן, וואס

האָבן בלויז פון דרויסן געהאַט שפּורן פון אַראַבישע קוילן און אַזוי האָט זיך עס געצויגן טאָג-טעגלעך. ביז אין אַ פרימאָרגן, ווען איך בין געקומען אין סטאַנציע, האָט מיר דער סוכן (אַגענט) אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מאָרגן גייט אַ שיירה (קאָנוואָי) קיין ירושלים.

נישטאָ קיין צייט פיל צו טראַכטן. אַזוי ווי איך בין געווען דער ער-שטער, האָב איך געקויפט אַ פּלאַץ אין סאַמע מיטן.

— איר פאַרשטייט — האָט מיר דער אַגענט געזאָגט, — דאָס איז דער בעסטער אָרט. ווי אַ זאַך מאַכט זיך...

ווען איך בין מאָרגן צוגעקומען צו דער סטאַנציע פאַרנעמען מיין פּלאַץ, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן די גאַנצע „שיירה" גרייט. איך האָב זיך גוט צוגעהערט, וואָס די, וועלכע גרייטן זיך צו דער נסיעה, רעדן צווישן זיך. בלויז צוויי פון זיי האָבן אויסגעדריקט אַ נישט-זיכערקייט.

— אפשר אָפּוואַרטן? — האָט איינער געזאָגט צום צווייטן.

שטויות (נאַרישקייטן)! — האָט דער אַנדערער שנעל אָפּגעענט-פערט, — אויף וואָס וואַרטן? — האָט ער ווייטער באַמערקט — זעסט דאָך, אַז מיר זענען נישט די איינציקע.

אַ צווייטער ירושלימער ייד, מיט לאַנגע געקרייזלטע פּאות און מיט אַ שוואַרץ בערדל, וואָס איז שוין האַלב גרוי, האָט זיך אויך געישובט מיט זיין באַגלייטער, אַ ייד מיט אַ ברייט-צעקעמטער באָרד. יענער האָט אים אָבער לאַנג נישט געלאָזט רעדן, אים אַריינגעשטעקט די האַנט צום געזע-גענען זיך און אויפן קול געשריגן: ד' יצליח דרכיך! נאָכדעם, זעענדיק ווי די אַנדערע פּאַסאַזשירן קוקן אויף אים האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט: „דרכיכם"...

דער שאָפער האָט אויסגעקלונגען דעם סקאַרבאַוון „בסדר". די מאָ-טאָרן פון אַלע זייטן האָבן גענומען רוישן און מיר זענען אַוועק באַגלייט פון טויזנטער נייגעריקע בליקן פון תל-אביבער פאַרבייגייער צו דער שכונת התקוה.

די אויטאָמאָבילן האָבן זיך גענומען פאַרקירעווען איבער די געפּלאַכ-טענע און צעקרומטע געסלעך פון דעם התקוה קוואַרטאַל, פאַרנדיק לאַנג-זאַם, אַזוי אַז איך האָב געהאַט די געלעגנהייט גוט צו באַאָבאַכטן די

געגנט. אן אפּגעלאָזענע אָרימקייט. „צריפים”, קליינע, צעקרומטע הייזער, פון וועלכע ס'שרייט נאָך פון דרויסן אַראָפּ אָן אָרימקייט. צוזאַמענגע־שטעלט אָן וועלכער ס'איז אָרדענונג, גלאַט אין דער וועלט אַריין. בלאָ־טיקע געסלעך, וואָס האָבן דערמאָנט די שול־געסלעך אין די קליינע היי־מישע שטעטלעך. אַ מיש־מאַש פון מענטשן, אַ געשריי פון מציאות־פאַר־קויפער: „ניילון אמריקאי בחצי המכיר!” (אַמעריקאַנער ניילאָן פאַרן האַלבן פּרייז). חלבה! לחם לבן! (ווייס ברויט) און אנד.

יידן פון די אַראַבישע לענדער פון אַפריקע, יונגע מיידלעך מיט היים־גליענדיקע אויגן קוקן מיט פאַרוואונדערונג אויף אונדזער קאָנוואָי. צווישן זיי אַלע שפּאַצירט אַרום אַ בוכאַרישער ייד מיט אַ לאַנגן כאַלאַט, אָנגעטון אין אַ ווייסער פּעסקע. ער שפּאַנט מיט לאַנגזאַמע שריט און אין דעם גאַנצן ווירוואַר זעט ער אויס ווי אַ נביא, וואָס איז אַלעמען געקומען שטראָפן. — אָט־באַלד שאַרט ער זיך צו, און ער וועט אָנהויבן מיט אַ לייבן־שטימע זיינע שטראָף־רייד.

ביים סוף פון שכונת התקוה הויבט דער קאָנוואָי אָן פאָרן שנעלער. אָט זעגען מיר אויפן הויפּט־וועג פון יפו. מיר פאָרן פאַרביי אַראַבישע אויטאָבוסן, מאָדנע בליקן... פאַרוואונדערונג, פחד, פאַרדאַכט... אָדער גאָר אַ צוינויפמיש פון אָט־די אַלע געפילן. יעדן איינעם פון דיביידע צדדים ווייזט זיך אָפּנים אויס, אַז אָט וועט ווער אַרויסכאַפּן אַ באָמבע און וואַרפן... דעם זעלבן געפיל האָט איר, ווען איר דערזעט אַראַבער, גייענ־דיק איבער דעם וועג.

אָט געפינען מיר זיך אין ראשון לציון. אַרום איז שטיל, רואיק. אין הויפּט־צענטער איז שוין אַביסל צו רואיק. דער כביש איז כמעט אינגאַנצן ליידיק. מיינע מיטרייזנדע דערציילן מיר, אַז פאַר דעם איצטיקן מצב האָט עס דאָ אַנדערש אויסגעזען. און אָט געפינען מיר זיך אין נס ציונה. לינקס, איז די אַראַבישע קאָלאָניע, און רעכטס די יידישע. דער וועג איז אין סאַמע מיטן און איז איצט נייטראַל, ווערנדיק באַנוצט פון ביידע צדדים. עס עקזיסטירט אַ מין „דזשענטלמען־אַפּמאַך”. איינער טשעפּעט דערוויל נישט דעם צווייטן. אַראַבישע קרעמלעך און קאַפע־הייזער שטייען אָפן. פעלאַכן זיצן אויף די טרעפּלעך ווי אין אַ היימישן שוויצבאָד און רויכערן

די גאַרגילאַ, פון וואַנען עס שלענגלט זיך אַ קרייזלדיקער רויך. אַלעס אַרום איז רואיק.

און אָט פאָרן מיר פאַרביי אַ גאַנצע שורה פּרדסים, וואָס זענען ערשט אויסגעוואַקסן, ווי מ'זאָגט מיר, אין די יאָרן צווישן 1936 — 1939. די אַמעריקאַנער פאָטאָגראַפן כאַפּן שנעל אַראָפּ בילדער פון די פּרדסים.

— איך — באַרימט זיך פאַר מיר אַן אַמעריקאַנער פאָטאָגראַפיסט — וועל מיין בילד פון אַ פּרדס מיט אָראַנזשן שיקן קיין אויסלאַנד מיט דער באַמערקונג: „זיי וועלן ברענגען דעם פרידן אין ארץ־ישראל"...

כדי צו זיין זיכערער, פאָרט מען אויף יעדער נסיעה מיט אַן אַנדערן וועג. דאָ דערוויסן מיר זיך, אַז מיר וועלן פאַרבייפאָרן אַן אַראַביש דאָרף. באַלד באַווייזן זיך שווייגנדע אַראַבישע פאַסטוכער. די אויגן פון די רייזנדע הויבן אָן מיטאַמאָל, קוקן מיט מאָדנע בליקן, אַזוי ווי זיי וואָלטן דאָ עפּעס אויסגעפונען... אָבער פּלוצלינג וואַקסט אויס ביי דער זייט פון אונדזער קאָנוואָי אַ טענדער מיט יידישע נוטרים (היטער). אָט לויפט ער פאָראויס פון אונדז און אָט איז ער אין סאַמען מיטן פון אונדזער קאָנוואָי. אַזוי זענען מיר מיט פאַראַד, אין דער באַגלייטונג פון די שומרי ישראל, אַריינגעפאָרן אין אַן אַראַבישן דאָרף, וואָס איז געווען פול מיט פעלאַכן. מיר פאָרן פאָראויס, אָבער דער טענדער איז אָפן... וואָס עס קען אַלץ פּאַסירן.... אין פאַל פון אַ באָמבע אָדער גאָר אַ האַנטגראַנאַט...

אַ מאָדנער באַוואָקסענער אַראַבישער טיפּ גייט פאַרביי און קוקט אויף אונדז מיט גזלנישע בליקן, ווי איינער רעדט: עס וועט נאָך קומען אייער צייט... מיר זענען אַרויס פון אַראַבישן דאָרף און אַ סך פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעהויבן אָטעמען אַביסעלע פרייער.

אָבער אינגאַנצן רואיק זענען די פּאַסאַזשירן ווייטער נישט. מיר געפינען זיך איצט ווייט אין דרום. די היטער מוזן איצט, לויט אַ באַפעל, אוועק, און מיר זענען ווידער אַליין. אַלע קוקן איצט מיט דאַנקבאַרקייט צו דעם טענדער מיט די נוטרים וואָס פאַרשווינדט.

— טייערע בחורים! — זאָגט דער שאָפער. — אַ סך פון זיי האָבן אוועקגעגעבן זייער לעבן, באַשיצנדיק די קאָנוואָיס.

פּלוצים קומט דער באַפעל פון דעם ערשטן אויטאָמאָביל, זיך אָפּצו-

שטעלן. ער האָט באַמערקט, אַז איינער פון די אויטאָמאָבילן אין קאָנוואָי האָט אָנגעצונדן די לאָמפּן. דאָס איז אַ סימן, אַז עפּעס האָט דאָ פּאַסירט... אַלע אויטאָמאָבילן דאַרפן אין דעם פאַל אָנצינדן די לאָמפּן און אַזוי אַרום איז דער גאַנצער קאָנוואָי שטיין געבליבן.

„עס האָט זיך אָנגעהויבן!" — טראַכט איך זיך. — „ווער ווייסט, וואָס עס האָט דאָרטן גאַנץ אין אָנהויב פון קאָנוואָי פּאַסירט".

אונדזער שאָפער איז שנעל אַרויסגעשפּרונגען, כדי צו זען ווי די לאַגע זעט אויס. מיר וואַרטן מיט קלאַפּנדיקע הערצער אויף די נייעס. אָבער ער קומט צוריק אַ רואיקער: עס האָט גאָרנישט פּאַסירט. מ'האָט זיך בלויז געוואָלט איבערצייגן, צי דער קשר (פאַרבינדונג) פון דעם גאַנצן קאָנוואָי אַרבעט ריכטיק...

אָט געפינען מיר זיך שוין אין באַקאַנטן מיליטערישן לאַגער פון לאַטרון. דאָרט פּאַקט מען זיך איצט... באַלד, נאָך אַ פּאָר טעג, און די ענגלענדער וועלן פאַרלאָזן דעם לאַגער. צו אונדזער גרויסן וווּנדער דער־לויבט מען אונדז פאַרבייפאָרן דעם מיליטערישן לאַגער. ווען מיר געפי־נען זיך שוין אין סאַמע מיטן פון לאַגער, דערהערן מיר פּלוצים די העב־רעאישע באַגריסונגען פון די יידישע אַרעסטירטע. צו די טויערן פון די דורכזיכטיקע אייזערנע דראָטן, שטופּן זיי זיך, און גיבן אונדז צייכנס מיט די הענט און שרייען: הידד! הידד־ באַלד דערהערט זיך אַ קרעפטיק געזאַנג, וואָס פּאַסט זיך גאַנץ גוט פאַר אונדזער קאָנוואָי, וועלכער פאָרט אין דער גרעסטער סכנה, כדי נישט איבערצורייסן די פאַרבינדונג: „לא ננתקה השלשלת!" (מיר וועלן נישט איבעררייסן די קייט).

נאָך לאַטרון, ווערט די סכנה שטאַרקער. מען זעט נישט קיין שוטר אָדער פּאָליציי פאַר אַ רענדל. דאָ קומען אָפּט די געפערלעכסטע אַטאַקעס. אַרום דעם וועג געפינען זיך די פאַרבאָרגענע וועגן, פון וואַנען די אַראַ־בישע כנופיות (באַנדעס) באַשיסן די יידישע קאָנוואָיען. די אויטאָבוסן הויבן איצטער אָן צו פאָרן לאַנגזאַמער. שפּאַן ביי שפּאַן. אַלעמענס אויערן זענען איצט געווענדט צו די צענדליקער טורעמס פון ירושלימער געביי־דעס, וועלכע מען זעט שוין איצט גאַנץ דייטלעך... ווען מיר טאַקע דאָרט באַלד זיין?...

איך האָב קיין צייט נישט מער צו טראַכטן. די אויטאָמאָבילן הויבן אָן פאָרן שנעלער און אָט — עס באַווייזן זיך די ערשטע רואיקע געס-לעך פון ירושלים... און דאָס האַרץ טאַנצט פאַר פרייד און זינגט אַ ליד: דו לעבסט! דו לעבסט!

פנימער אַרום באַקומען איצט אַן אַנדער אויסדרוק. איך הער דייט-לעך ווי דער פרומער ירושלימער ייִד, וואָס האָט אַ גאַנצן וועג מיט כוונה געזאָגט תפילת הדרך, בענטשט איצט אויפֿן קול גומל...

אַ פּשוטער ייִד פון גאַס איז דער ערשטער, וועלכער דערזעט אונדז. איך זע ווי זיינע אויגן ווערן ברייטער און גרעסער און קוקן אויף אונדז מיט אַ צופרידענעם שמייכל. דער שאָפער שרייט צו אים מיט פיל פרייד „בסדר"!... נאָכדעם ערשט פּלאַצט דער ייִד אַרויס מיט אַ „שלום עליכם, יהודים!"

מיר שטעלן זיך אָפּ ביי דער סטאַנציע פון „אגד". דער יידישער שוטער באַגריסט אונדז מיט אַ שלום! נאָכדעם די שאָפערן פון אַלע טראַנספּאָרט־געזעלשאַפטן, וועלכע באַגריסן אונדז, און צענדליקער קרו־בים פון אונדזערע פּאַסאַזשירן, כאַפּן זיך אַרום מיט זייערע משפחות ווי מיט נייגעבוירענע, וואָס זענען נאָר-וואָס געקומען פון יענער וועלט... מען לאַכט, מ'וויינט פאַר פרייד און אין סאַמע טומל דערהערט מען דאָס זינ־גענדע געשריי פון די תימנער טרעגער „סבל בשילינג". איך רוף גלייך צו דעם ערשטן פון זיי און היים אים נעמען מיין באַגאַזש צום האָטעל און איך הער איצט דייטלעך ווי עס זינגט ביי מיר אין האַרץ אַ ליד: הנך חי! הנך חי! (דו לעבסט!).

יידישע קאָמאַנדאָס אויפן פראָנט

מיר זענען געזעסן אַ קליינע גרופּע אויסלענדישע צייטונגס-לייט, אין אַ קליין קאַפע־הויז פון די תל-אביבער הינטערגעסלעך, ווייט אַוועק פון שטענדיקן רויש און אימפּעט פון די הויפּטגאַסן.

דער בעל הבית, אַן אייגענער מענטש האָט אונדז באַזאָרגט מיט אַ טישל אין אַ ווינקל, כדי זייטיקע זאָלן זיך נישט צוהערן צו אונדזער שמועס. דריי יונגע בחורים. אונדזערע געסט, מיט קאַקי־אוניפאָרמען, די הויזן ביים סאַמע עק פאַרבונדן אויף שמאָל. פון הינטער די „כובעי גרב" (זאָקן היטלען) האָבן אַפּירגעקוקט געזונטע, אָפּגעברענטע, לאַכעדיקע פּני-מער מיט אַ בראָנז קאָליר. זיי האָבן מסכים געווען אונדז צו דערציילן וועגן זייער לעצטער אַטאַקע, דורכשניידנדיק דעם שונאס ליניעס. אונטער דער סאַמער נאָז פון פיינטלעכע טאַנקען, האָבן זיי צעשטערט די אָנגע-צייכנטע פונקטן, און בשלום צוריקגעקומען צו זייער באַזע.

פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז פאָרגעקומען בהסכם מיט דעם פאַרבינ־דונגס־אָפיציר פון דער „הגנה", וועלכער האָט אויף אונדזער בקשה, אונדז געגעבן די דערלויבעניש אויף דער דערמאָנטער באַגעגעניש, נאָר בתנאי אַז דאָס זאָל נישט זיין קיין פרעסע קאָנפערענץ ווו מען שטעלט די סעמ-פער קלאָץ קשיות און מ'נודיעט צופיל און אויך מיר האָבן מסכים געווען צו הערן אַז וועלכע עס איז פראַגן.

דער עלטסטער פון זיי, וואָס האָט גערעדט עברית מיט אַ דייטשן אַקצענט, האָט אָנגעהויבן:

די אַטאַקע אונדזערע איז געווען זייער אַ געוואַגטע, די גאַנצע געגנט וווּ מיר האָבן באַדאַרפט דורכשניידן כדי צו דערגרייכן אונדזער ציל איז געווען פול מיט אַראַבישע מיליטערישע וואַך-פּאָליציי־סטאַנציעס. דאָס

הויז צו וועלכן מיר האָבן געצילט, איז געווען דער הויפּט פּונקט פון וואַגען אונדזערע פּאָזיציעס זענען כסדר באַשאָסן געוואָרן. דער באַפעל איז געווען: צוקומען צום הויז פאַר יעדן פּרייז, אויפרייסן עס און אָפּטרעטן.

אין אַ רעגנדיקער פינצטערער נאַכט, זענען מיר דורך זייטיקע סטעזשקעס צוגעקומען צו אַ פּאָר געפערלעכע פּונקטן, אַ סך שנעלער ווי מיר האָבן דערוואַרטעט, צום הויפּט־ציל. אונדזער קאָמענדאַנט איז אַראָפּ דער ערשטער, נאָך אים די אָפּטיילונגען וואָס האָבן באַדאַרפט דעקן אונדזער אָנגריף. זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף צוויי פּונקטן וועלכע זענען געווען גאַנץ נאָענט צו די אַראַבישע הייזער. גלייך נאָך זיי איז אַראָפּ די אויפרייס גרופּע, און די אַנדערע אָפּטיילונגען וואָס האָבן באַדאַרפט דעקן דעם לינקן פליגל און דעם צענטער, כדי צו זיכערן אונדז פאַר אַן איבעראַשונג פון כביש, וואָס איז געווען נאָענט צו די פּאָזיציעס.

אַן עלעקטריש לעמפּל האָט אַ בליץ־געטאָן, און באַלד נאָכדעם אַ שטרענגע שטימע אין אַראַביש: מאַן האדיו? (ווער איז דאָס?) אַן אויטאָמאַטישער רעוואָלווער, וואָס שיסט שטיל, האָט אים אָפּגעענטפערט, און מער קיין פראַגן האָט ער נישט געפרעגט...

דאָס אַריינדרינגען אין הויז האָט זיך אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש. פאַרזיכטיק זענען מיר זאַלבע דריי, אַריין אין טויער... אַן אַראַבישער סאָלדאַט איז געשטאַנען אויף דער וואַך און געדרימלט... בליץ־שנעל און מיר האָבן אים אויך ליקווידירט מיט דעם אויטאָמאַטישן רעוואָלווער. דאָס זענען געווען די איינציקע צוויי שטערונגען וואָס מיר האָבן געהאַט די גאַנצע צייט. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו שפּאָרן אַמוניציע און דער עיקר צו זיין וואָס רואיקער...

דער גאַנצער מאַטעריאַל איז אונטערגעלייגט געוואָרן. עס איז געגעבן געוואָרן דער סיגנאַל אָנצוצינדן די מעכאַניזמען און אַרויסגיין פון דער געביידע. דער מפקד איז איבערגעבליבן אויף אַ קורצן קאָנטראָל, ער אַליין האָט אָנגעצונדן די פאַרבינדונגען פון דעם צינד־שטאָף, און געגעבן דעם באַפעל: „צוריקציען זיך!”. אונדזער גרופּע האָט אַ שפּרונג געטון כדי אַריבערשפּרינגען דעם פלויט. קומענדיק אַ פּאָר שריט פון כביש, האָבן מיר פלוצים דערזען צוויי מיליטערישע פּאַנצערס פון שונא... דאָ זענען

אַ געוואַגטער יידישער סאָלדאַט.

מיר געווען אין א געפּאר פון פאַרשידענע זייטן. רעכטס אויפן כביש פּאַנ־צערס, הינטער אונדז אונדזערע וואָס האָבן זיך באַדאַרפט וואָס שנעלער אָפּטראָגן צוליב די אויפרייסן וואָס האָבן באַדאַרפט קומען יעדער סעקונדע, און פון פאָרנט פאַר אונדז א דראָט-פאַרצוימונג איבער 4 מעטער הויך. עס איז נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן. די פּאַנצערס קומען נענ־טער. פּלוצים האָבן מיר דערזען אז דער פּלויט האָט א טויער, זענען מיר געלאָפן אין דער ריכטונג, אָבער צום שלים מזל איז דער טויער געווען באַ־שיצט מיט שטעכיקע דראָט־פאַרצוימונגען. אָט זענען די פּאַנצערס שוין נעבן אונדז... קיין אַנדער ברירה איז פאַר אונדז נישט געבליבן ווי צו־פאַלן צו דער ערד און וואַרטן. די פּאַנצערס זענען צוגעקומען צו דעם ווינקל פון פּלויט ווו מיר זענען געלעגן, און מיטאַמאָל זענען זיי שטיין געבליבן. דער ערשטער, צוויי מעטער פון אונדז, דער צווייטער פינף מע־טער הינטער דעם ערשטן. דאַן איז געגעבן געוואָרן דער צווייטער באַ־פעל צו בלייבן צוגעשמידט צו דער ערד און נישט רירן מיט קיין אבר — איך פאַרזיכער אייך, ווערט דער בחור מיטאַמאָל ערנסט, אז דער באַ־פעל איז הונדערט פּראָצענט אויסגעפאָלגט געוואָרן. דער חבר וועלכער האָט געהאַט די שער, האָט באַקומען א באַפעל איבערשניידן דעם דראָט. איז אָבער די שער אויפן וועג פאַרלוירן געגאַנגען.

עס איז איצט פאַרבליבן צוויי ברירות: ווייטער אזוי ליגן אומבאַ־וועגלעך, אָדער צו מאַכן א דורכברוך מיט ליידיקע הענט... אָבער אין דעם מאָמענט האָט דער שיסער פון פּאַנצער ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ און אונדז אַנטדעקט. דאָ האָבן מיר דערזען אז אַלעס איז פאַרלוירן... מיט איין שפּרונג פאַראויס האָבן מיר מיט אונדזערע קעפּ דורכגעבראָכן דעם דראָ־טענעם פּלויט סיי ווי איז נישט געווען וואָס צו פאַרלירן... אין דעם מאָ־מענט האָט פּאַסירט אַזוינס וואָס איך וועל אָנרופן „מזל"... עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע אויפרייסן, באַגלייט מיט ריזיקע פייערצונגען פון אַלע זייטן. די פּאַנצערס האָבן זיך אויף שנעל צוגעדעקט מיט זייערע אייזערנע דעקן און אַנטלאָפן. אַן ערך פופציק מעטער פון כביש, זענען זיי שטיין געבליבן און אויף אונדז געשאָסן אָבער זיי האָבן פאַרשפּעטיקט... ווייטער צו, איז שוין געווען לייכטער, כאָטש מיר האָבן נאָך באַדאַרפט

נאָך אַמאָל שפּרינגען איבער אַ פּלויט און דורכלויפן אַן אַראַביש דאָרף ווו עס האָט זיך געפונען דער „אַראַבישער לעגיאָן”. אָבער מיר זענען פאָרט אָנגעקומען בשלום צו אונדזער באַזע, מיר זענען טאַקע געווען די ערשטע פון דער גאַנצער עקספּעדיציע.

די אַנדערע חברים אונדזערע האָבן אויך נישט געהאַט קיין לייכטע אַרבעט. ווען עס איז נאָכדעם ווי מיר האָבן אָפּגעטון אונדזער שטיקל אַר־בעט געגעבן געוואָרן דער באַפעל אויף צוריקציען זיך צו דער באַזע, נאָכ־דעם ווי עס איז פאָרגעקומען דער אויפרייס האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אין אַ גרעסערער גרופּע פאַנצערס און האָבן קיין אַנדערן אויסוועג נישט גע־האַט ווי אַריינצוכאַפּן זיך אין אַ האַלב צעשאָסענעם אַראַבישן הויז און דאָרט אָפּוואַרטן ביז אויף אַ צווייטן באַפעל. דאַן איז געקומען דער דער־וואַרטעטער באַפעל, אַז העלפט מענטשן צוזאַמען מיטן קאָמענדאַנט פון דער אַטאַקע זאָלן לויפן אין דער ריכטונג פון אונדזער באַזע, פון דרום זייט, און די אַנדערע אין דער ריכטונג פון מערב, כדי אַרומצורינגלען די פאָזיציעס.

די לעצטע גרופּע האָט זיך ביי דעם לויפן צוזאַמענגעשטויסן אויפן לופט-דרוק פון אויפרייס. איינער פון די מפקדים פון דער גרופּע איז אומ־געפאַלן אויפן כביש, אָבער ער איז שנעל געקומען צו זיך, און אויך זיי האָבן געמוזט שפּרינגען איבער צוויי פּלויטן ביז זיי זענען צוריקגעקומען בשלום צו דער באַזע.

די גרופּע וואָס האָט באַדאַרפט דעקן אונדזער אַקציע האָט זיך אָנגע־שטויסן אויף אַ פייער פון אַראַבישן לעגיאָן און איינער פון די בחורים איז פאַרוווּנדעט געוואָרן און מיטגעבראַכט געוואָרן צו דער באַזע.

די לעצטע גרופּע וועלכע איז געווען געצווונגען דורכצומאַכן דעם לענגסטן וועג האָט געהאַט די שווערסטע אַרבעט. זיי זענען געלאָפן צו דער באַזע, לענגאויס פון כביש. די פאַנצערס וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין שיסן, האָבן געטראָפן אין עלעקטרישן סלופּ. דאָס האָט פאַראורזאַכט אַ גרויסן פלאַם, גראָד דאַן ווען אונדזערע מענטשן האָבן זיך געפונען ביי דעם סלופּ. די לאַגע איז געוואָרן ערנסט, די בחורים זענען געשפּרונגען מיט איבערמענטשלעכע כוחות איבער פּלויטן וואָס זענען העכער ווי פינף

פוס, אלע פון זיי גוטע, באַרימטע ספּאָרטלער וואָס האָבן יאָרן לאַנג זיך געאיבט אין די ערשטקלאַסיקע ספּאָרט פאַראיינען. און אַזוי — האָט דער בחור אָן אַ וועלכע עס איז צערעמאָניעס פאַרענדיקט אין זיין העב־רעאיש מיט דייטשן אַקצענט:

חזרנו בשלום לבסיסנו.

ענגלישע „נייטראַליטעט"

עס זענען שוין אַריבער עטלעכע וואָכן נאָכן 15־טן פעברואַר, דער טערמין אין וועלכן די אַראַבער האָבן געסטראַשעט אָנצוהייבן זייער גרויסן פאַרניכטונגס־קאַמף אויפן יידישן ישוב, וואָס האָט געזאָלט אָפּשניידן אַלע פאַרבינדונגען, צו איזאָלירן דעם ישוב אין קליינע גרופּעס, כדי אים פאַרניכטן. גישט מער און נישט ווייניקער... און אָנשטאָט די לאַנג דער־וואַרטעטע אַראַבישער אָפענסיווע, האָט זיך גאָר אָנגעהויבן אַן אַנדערע אָפענסיווע... אַ „צייטונגס־אָפענסיווע". מיר פאַרמאָגן איצט אין תל־אביב, גאַנצע זיבן נאָכמיטאָג־צייטונגען, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַן אָפענ־סיווע אויף די לייענער בתופים ובמחולות. פון איין אָוונט־צייטונג „ידי־עות אחרונות" זענען געוואָרן צוויי „ידיעות מעריב". דער „הארץ" האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ נייע נאָכמיטאָג צייטונג „יום־יום". נאָך אַ נייע אָוונט־צייטונג האָט זיך באַוויזן אין די גאַסן מיטן נאָמען „מברק". „חדשות הערב" די נאָכמיטאָג־אויסגאַבע פון „דבר", און „הבקר", האָט איר דאָ גאַנצע זיבן נאָכמיטאָג־צייטונגען... אַנשטאָט דער קאָמאַנדע פון מיליטערישע אָפּטיילונגען, הערט איר גאָר דאָס געשריי פון די תימנער יינגלעך אויף אַלע גאַסן „יום יום", „ידיעות אחרונות", „ידיעות מע־ריב", „חדשות הערב", „מברק" און מיט זייער ווייכן, חנעוודיקן ניגון, שרייען זיי אויס די לעצטע נייעס: „אַראַבער דערשאָסן אין חיפה", „אַראַ־בער דערשאָסן אין שכונת התקוה". אַ באַמעמטער בחורל האָט זיך אַליין אויסגעקליבן אַן אייגענעם קאָפּ: „המופתי בגן החיות!"... דאָס פּובליקום האָט הנאה און מען כאַפּט די צייטונג ווי מצה־וואַסער...

איך גיי גראד פארביי דעם געפערלעכן פונקט אויף אלענבי, אין סאַמע הארץ פון תל-אביב, קענגאיבער דעם „באסין בעק מעטשעט”, פון וואַנען די אראבישע באנדעס באשיסן טאג־טעגלעך די יידישע פארבייגייער אין שטאט. פון דער יפוער זייט דערהערט זיך א שטארקער אויפרייס, א צווייטער, א דריטער... וואס הילכט אפ ארום מיט א שרעקלעכן קנאלן. דאס פובליקום גייט ווייטער רואיק, ווי געבטן, ווי אייערנעכטן, ווי די גאנצע צייט, כאטש דער פראנט קומט דא פאר, א פאר שריט אוועק פון די גאסן פון דער יידישער שטאט.

די היגע צייטונגען זענען איצט פול מיט נייעס פון „דיפלאמאטישן פראנט”. די אמתע קאמפס-נייעס זענען איצט נישט אזוי וויכטיק. אט האט פאסירט, אז די הגנה האט אין חיפה אויפגעריסן אן אראביש הויז, פון וואנען מען פלעגט כסדר באשיסן די יידישע געגנטן, און די צאל טויטע אראבער האלט שוין אריבער פופצן, חוץ שווער פארוואונדעטע...

אט דערציילן די צייטונגען וועגן נייע ענגלישע שפיצלעך: די פאסט האלט ביים אפגעשטעלט ווערן קיין ארץ ישראל... נאכדעם ווי ענגלאנד האט אונדז ארויסגעשטעלט פון „שטערלינג בלאק”. יעדן טאג נייע באַפעלן. וואס זוכן צו דענערווירן דעם ישוב, און אים ברענגען אין א פאר־צווייפלונג, ער זאל זיך פשוט בעטן אדוני! בלייבט ווייטער ביי אונדז. מיר האבן מורא... פאר די אראבער... פרעזידענט טרומאן האט זיך איצט גע-נומען צו זיין אלטער פראפעסיע פון פארקויפן העמדער... אין אמעריקע איז פאראן א מין „פיפיקער סיילסמאן”, וואס וועט אייך פארקויפן א פאר זאקן דאן ווען איר דארפט גאר א העמד... טרומאן איז אפילו דאן, ווען ער איז אין קענזאס סיטי געווען א העמדער-פארקויפער, אויך געווען א שלים־מזל. א שאד וואס ער האט געהאט א יידישן שותף און יענער האט אים אויסגעלערנט די מלאכה... אמעריקע טרייבט איצט אויף אונדזער חשבון פאליטיק... אט זעען מיר שוין איצט קלאר ווהין דאס אלעס צילט. אונדזערע פריינט, ביידע: אמעריקע, און אפילו רוסלאנד, האבן לכתחילה נישט געמיינט אונדזער טובה. געהאט חשבונות, אויסרעכענונגען, און מיר זענען פאר זיי ביידן נאר א מיטל בלויז...

איך ווייס נישט, ווי די לאגע וועט אויסזען אויף דעם פאליטישן

פראָנט שפּעטער. אַ קעמפער אויפן פראָנט זעט געווענלעך קיינמאָל נישט די ריכטיקע לאַגע, ווי זי זעט אויס פון דרויסן. מיר האָבן געזען אין לעצטן שפּאַנישן בירגער־קריג, נישט געקוקט אויפן העלדישן קאַמף פון די רעפּובליקאַנער, וואָס די גאַנצע וועלט האָט באַוווּנדערט, זענען זיי שרעקלעך פאַרראַטן געוואָרן פון דרויסן. מען האָט אַרום זיי, אויף זייער חשבון, געטריבן פּאָליטיק. יאָ, עס איז איצט נישט אויסגעשלאָסן, לויט די לעצטע פּאַסירונגען, וואָס קומען דאָ פּאָר טאָג־טעגלעך, אַז ענגלאַנד זאָל פאַרוואַנדלען ארץ־ישראל אין אַ צווייטער שפּאַניע, כדי אויף דעם חשבון צו פּראָפּיטירן. עס שפּילט דאָ נישט קיין ראָלע ווי די ווייטערע אַנטוויקלונגען אַרום אונדזער העלדישן קאַמף זאָלן אויסזען, איינס האָט אָבער די וועלט געזען, אַז דער ישוב אין ארץ־ישראל האָט זיך אָוועקגעשטעלט פעלזנפעסט, און יונג און אַלט קעמפן ווי לייבן. אונדזער העלדישער ווידערשטאַנד, האָט דער וועלט איבערראַשט. דאָס האָט פּאַסירט, פאַרשטייט זיך, אונטער דער בריטישער „נייטראַליטעט”, ווו אונדזערע קעמפער האָבן אָפט געמוזט קעמפן אויף צוויי פראָנטן, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרטריבן די אַראַבער, האָבן זיי געמוזט באַהאַלטן דאָס געווער, כדי נישט געכאַפּט צו ווערן פון די „נייטראַלע” ענגלענדער...

דריי הדשים צייט און די אַראַבער האָבן נישט געוווּנען קיין איין שפּאַן יידישן באָדן, צוריקגעשלאָגן געוואָרן מיט שווערע פאַרלוסטן אויף שריט און טריט. אין דער רעליגיעזער קאָלאָניע פון „מזרחי”, „טירת צבי”, ווו זיי האָבן פאַרלוירן צענדליקער טויטע, אין שכונת התקוה, ביי די גרעניצן פון תל־אביב, אין שוק הכרמל, וואָס טיילט־אָפּ תל־אביב פון יפו, אַרום הדר־הכרמל, אין חיפה, און אין דער אַלטער שטאָט אין ירושלים. — „נאָ פּאַסאַראַן!” קיין שריט ווייטער! דער ארץ־ישראלדיקער ישוב האָט גאָרנישט אין זינען צו שטאַרבן מיט אַ ראָמאַנטישן שמע־ישראל אויף די ליפּן.

איך קען מיט רעכט זאָגן: אַז פאַר מיינע אויגן האָבן איצטער אויפגעוואַקסט די העלדישע קאַפּיטלען פון דער גלאָררייכער יידישער פאַרגאַנגענהייט. יאָ! איך זע זיי איצט טעגלעך אין די גאַסן פון די שטעט און מוש־

בות, אויפן כביש, און אין די קבוצות. איך הער דאס געזאנג פון דער גע־זונטער יוגנט — טוב למות בעד ארצנו!

און די ענגלישע „נייטראליטעט" אין אונדזער בלוטיקן קאמף — זוי האלט עס מיט איר? איצט קען שוין יעדער זען איר טאקטיק. איצט זעט די גאנצע וועלט, אז עס גלוסט זיך איר נישט ארויס פון ארץ־ישראל. ווי־ניק אויסגעזויגן דעם ישוב! עס איז איר א שאד צו פארלירן אזא פעטן ביסן, ווייל זי איצט מיט איר „ניימראליטעט" ברענגען צו אזא כאאטישן צושטאנד, מען זאל זי בעטן, אז זי זאל בלייבן...

אט האט איר א מוסטער פון ענגלישער „נייטראליטעט" אין די לעצטע פאר וואכן: דער אויפרייס אויף דער גאס בן־יהודה פון ירושלים, וואס האט געקאסט פופציק יידישע קרבנות; דער אויפרייס פון דער „פא־לעסטיין פאסט", וואס די ענגלענדער אליין גיבן צו, אז ער איז מעגלעך דורכגעפירט געווארן פון ענגלענדער, אבער אז דאס זענען געווען דעזערט־טירער... דאס איז שוין אן אלט־באקאנטער אויסגעפרוווטער מיטל. פוילן האט עס פראקטיצירט בעת זי האט פארכאפט ווילנע פון די ליטווינער. גענעראל זשעליגאווסקי איז דאן מיט זיין ארמיי מיטאמאל געווארן א דעזערטירער... עס האט זיך נאך נישט געענדיקט דער פראצעס פון אן ענגלישן אפיציר, וואס האט ארעסטירט פיר יידישע מיטגלידער פון דער הגנה, אויף זייער פארטיידיקונגס־פאזיציע, און זיי איבערגעגעבן שפע־טער צו די אראבער, וועלכע האבן זיי אויף א שרעקלעכן אופן דערמאר־דעט.

און ווידער א פאסירונג, ווו ענגלישע סאלדאטן האבן אנטוואפנט יידישע קעמפער אויף א צווייטער פאזיציע, זיי געגעבן א שטרענגן בא־פעל נישט צו פארלאזן זייערע פלעצער, ביז צוויי מינוט נאכדעם ווי זיי וועלן פארשווינדן, ביז... עס זענען אנגעקומען אראבער, און זיי קאלטבלו־טיק דערמארדעט. דער אורטייל פון פראצעס, וועט ווארשיינלעך פאלגן די ביז־איצטיקע פראצעדור, אז די טאט האט פאסירט אין זעלבסט־פאר־טיידיקונג... ביים דערפילן די מיליטערישע פליכטן. עס וועט זיך גאר ארויסווייזן, אז די יידן האבן געשאסן אויפן מיליטער פון „זיין מאיעס־טעט"...



ענגלישע נייטראַליטעט... אַ „הגנה" קעמפער וועמען די ענגלענדער האָבן שווער פאַרוואונדעט
און אַרעסטירט... פאַר פאַרטיידיקן דעם כבוד פון זיין פאָלק.

מיר האָבן דאָ געגוג אַזעלכע דערפאַרונגען.

אָט ערשט נישט לאַנג האָט דער ענגלישער קעניג אפילו דעקאָרירט דעם טרויעריק־באַרימטן מאַיאָר פאַראַן, וואָס האָט דערמאָרדעט אַ יידיש יינגל און איז שפּעטער אַנטלאָפן... אַ סך אַזעלכע פאַלן זענען דאָ פאָרגעקומען אין די לעצטע פאָר וואָכן, דורכגעפירטע דירעקט פון ענגלישן מיליטער, אָדער פון זייערע ארויסהעלפער, דעם „אַראַבישן לעגיאָן". אין די אַלע דערמאָנטע פאַלן האָבן נאַטירלעך די יידן געשאָסן די ערשטע... אַזוי איז דער נוסח פון אָפיציעלן ענגלישן קאָמוניקאַט. עס האָט שוין אפילו איינציקע מאָל פּאַסירט, ווי ענגלישע סאָלדאַטן כאַפּן אומשולדיקע יידישע פאַרבייגייער, שלעפּן זיי אין די אַראַבישע געגנטן און די אַראַבער לאָזן זיי גאָר פריי... אַזוי האָבן ענגלישע סאָלדאַטן געטון מיט אַן אַלטן מאַן אין חיפה, ווען זיי האָבן פאַרשלעפּט אין דער טרויעריק־באַרימטער געגנט פון ועדי רושמיא און גראָד האָבן אים די אַראַבער געלאָזט פריי...

אָבער נישט געקוקט אויף דעם דאָפּלטן שונא, נישט געקוקט דערויף וואָס אין דיפּלאָמאַטישן אַספּעקט איז די לאַגע אין די לעצטע טעג נישט אַזוי פריילעך און מען האַנדלט מיט אונדז, כדי אויף אונדזער חשבון וואָס מער אַליין צו געווינען, שטייט דער ישוב מוטיק, פעלזנפעסט. יונג און אַלט, קעמפט ווי די אַמאָליקע מכבים. דער טאַטע אין משמר־העם, ערגעץ־ווו אויף אַ שמירה ביי דער אַראַבישער גרעניץ פון שטאָט, אָדער מושבה. די מאַמע אין דינסט, אין „מגן־דוד אדום". דער זון און די טאָכטער — ערגיץ־ווו אויף די פּאָזיציעס אין די ענגע זיג־זאַג־געדרייטע געסלעך פון שוק הכרמל, שכונת התקוה אָדער אַ ווייט־אָפּגעלעגענעם פונקט אין נגב, אָדער גליל.

איך האָב זיי, אונדזערע בחורים און מיידלעך, געזען פאַרנדיק אין פּאַנצער־וועגענער, איבער אַלע וועגן. באַוווּנדערט דעם מוט, וואָס שטראַלט אַרויס פון זייערע יונגע פּנימער, איינגעזאַפּט אין די שטילע, פאַרצטערטע נעכט, זייערע ראָמאַנטישע קריגס־לידער, וואָס זענען פול מיט מסירת־נפש, און מיט קידוש־השם, פאַרן לאַנד און פאַרן פאָלק. איך זע זיי איצט ערגיץ־ווו אויף אַ פונקט, אַ פּאָר גאַסן אַוועק פון ככר מגן דוד,

— דער סאַמע צענטער פון תל־אביב, אין אַ פּייכטער שטאָקפינצטערער נאַכט, ווען אַ שטורעם־ווינט פּאַטשט אין אַלע זייטן מיט געדיכטע טראָפּן רעגן, ווי זיי פאַרשווינדן גרופּעסווייז צו אַ „געפערלעכן פּונקט", נאָענט צו די אַראַבישע געגנטן, מיט געווער אויף זייערע יונגע, כמעט נאָך קינ־דישע פּלייצעס. און איך טראַכט, אַז אַזאַ פאָלק, וואָס האָט אַזאַ יוגנט איז נישט פאַרלוירן.

עס שפּילט איצט נישט קיין ראָלע ווי אַזוי די פּאָליטישע לאַגע וועט זיך אויסוויקלען. אַ פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיל איבערגעלעבט, קען אי־בערלעבן אַזאַ תקופה אויך. די ענגלישע „סאָציאַליסטישע" לייבאָר־רעגי־רונג איז נישט קיין אייביקייט. מיר וועלן אויף איר אַמאָל קוקן דורך די גלעזער אין מוזעאום, פּונקט ווי מיר קוקן היינט אויף אונדזערע אַמאָליקע שונאים, די רוימער, דורך אַ פאַרגרעסערונגס־גלאָז אין אַ מוזעאום.

מיליטעריש האָבן מיר געזיגט. נאָ פּאַסאַראַן! קיין איין שפּאַן יידי־שער באָדן איז פון די אַראַבער נישט פאַרכאַפּט געוואָרן און דער גאַנצער ישוב שטייט אויף דער וואַך.

I

העלדן און העלדישע מאמענטן

א פאר שריט פון מוגרבי, דארט, וווּ אַלענבי ווערט איבערגעהאקט פון בן־יהודה־גאס, געפינט זיך א קאפע, וואס איז אי א „תנובה" אי א קאפע, — א מין היימיש שענקל. נאך האלבער נאכט, ווען די גרויסע קא־פעען זענען שוין לאנג געשלאסן, קאנט איר דארט טרעפן אן אייגנארטיקן פובליקום: „עמך", צום גרעסטן טייל „נהגים", ווי א טראפן וואסער זע־נען זיי ענלעך צו די היימישע בעלי־עגלות. מען רעדט אפילו די ספעצי־פישע בעל־עגלהשע שפראך, פארשטייט זיך אין עברית... עס פעלן אפילו נישט קיין קללות אויפן בעל־עגלהשן שטייגער — יכנס רוח באביך וב...! — שרייט אוים איין נהג צום אנדערן, וואס דאס קען מיינען אויף יידיש — א רוח אין דיין טאטנס טאטן אריין, ביז אדם הראשון...

אלע פולבלוטיקע פנימער, געזונט, ווי מען זאגט אין ארץ, אייזן (דאס ווארט איז אריין אין ארץ־ישראלדיקן העברעאיש). די הגנה־קעמ־פער, וואס קומען קיין תל־אביב אויף אורלויב, זענען דארט שטענדיקע געסט. זיי קענען נישט פארטראגן דעם לוקסוס אין די קאפע־הייזער אויף בן יהודה. זיצן זיי דארט און דערציילן וועגן זייערע איבערלעבונגען.

יוסקה — א בחור מיט ברייטע פלייצעס, א רויט פנים פון ווינט און נאך רויטערע אויגן פון נישט־דערשלאפענע נעכט, איז דעם אוונט דער העלד פון אלע געסט. יוסקה קומט ערשט פון פראנט, אנגעטאן אין אן אוניפארם פון דער הגנה, מיט א לאנגער אראבישער שאל, וואס קוקט־אוים ווי דער באבעס האנטוך, ארומגעוויקלט ארום האלדז, דעם קאפ פארבונדן מיט אן אראבישער פעסקע. ביים רעוואלווער זיינעם באמבלט זיך א שפיציק אראביש מעסער. „דאס, זאגט יוסקה, איז דער „שלל" מיינער פון דעם פראנט. עמיצער האט אים אנגעוויזן אויף מיר:

עתונאי מאמריקה (אַ זשורנאַליסט פון אַמעריקע...) און יוסקה האָט זיך אָן צערעמאָניעס אוועקגעזעצט ביי מיין טיש.

— שמע — הויבט ער אָן, נישט פאַרשטעלנדיק זיך, — פאַרוואָס זעסטו נישט, אַז אייערע אַמעריקאַנער יידן זאָלן קומען דאָ אַהער און קעמפן צוזאַמען מיט אונדז?

איך בעט יוסקהן ער זאָל מיר עפּעס דערציילן וועגן דעם קאַמף אויפן פראָנט. יוסקה לאָזט זיך לאַנג נישט בעטן און הויבט־אָן אין אַ שפּראַך, וואָס איז געפּעפּערט מיט וויצן:

— אורי, זאָג איך, לויף נישט אַרויס פון גראָבן. עס איז געפערלעך... אָבער אורי לויפט נאָך די תרנגולת. יאָ מלחמה, נישט מלחמה, אָבער עסן דאַרף מען... אָט האָט ער אים שוין אין זאַק... ער ברענגט אַ־ם אריין און איך עפן אויף דעם זאַק — די תרנגולת איז אַנטלאָפן... חברה האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער און מיר האָבן קיין ברירה נישט געהאַט ווי צו עסן אייער... אָבער דער אנדערער חברה איז יאָ געלונגען צו כאַפּן אַ פּאָר עופות און מיר האָבן געהאַט דעם בעסטן „ארוחת הערב". אפילו אין „גן רמון" באַקומט איר נישט אַזאַ ארוחה...

„אַפּגעגעסן אַזאַ סעודה — דערציילט יוסקה ווייטער, — דערהער איך אַן אַליאַרם. מיר לויפן אַרויס פאַרכאַפּן די „עומדות". איך און שלמה ליגן נעבן אַ באַרג שטיינער צו מערב, פון וואַנען די אַראַבער, תיפח רוחם... האַלטן אין איין ש סן. איך דריק פעסט דעם קאָפּ צו דער ערד. אַ מינוט, ווען עס איז שטיל, הויב איך אויף מיין קאָפּ, קוק אַרויף צום דאַך און... אַן אומבאַוועגלעכער קערפּער ליגט דאָרט. פּלוצלינג רירט זיך דער קערפּער און איך הער דייטלעך ווי ער רופט מיך: „יוסקה! קריך אַרויף אויפן דאַך. דאָ איז זיכערער... צוערשט האָב איך זיך אַביסל גע־שראָקן. דער דאַך איז אָפן פון אַלע זייטן און מען קאָן אונדז פון דאָרט באַמערקן. אָבער... איך האָב לאַנג נישט קיין צייט צו טראַכטן, ווייל אַ בינטל אַראַבישע קוילן האָבן פּונקט געלאַנדעט לעבן מיר... (זיין שפּראַך). בוץ... אַ מיניט בלויז, און איך בין אויפן דאַך און זיך גלייך מסדר געווען, צווישן צוויי ברעטער און ליג זיך איצט ווי אַ מלך אין אַ ווייגגאָרטן...

„יוסקה! זאָגט צו מיר אורי מיין חבר, דאָרט דערנענטערט זיך אַ

תעודת זהות אדוני... אָט די מיידל איז עס מיר אַזוי
דערגאַנגען די יאָרן...

פאנצער-אויטאָבוס. קוק זיך צו, אויב ס'איז נישט אונדזערער, לאָמיר אים מכבד זיין מיט אַ פּאָר רמונים... (האַנטגראַנאַטן). איך שטרענג זיך גוט אָן, און דערקען, אַז עס איז אונדזערער... איך קען גוט דעם טיפּ... אונדזערער אָן וועלכן ס'איז ספק. אָבער ער גייט נישט אין דער גלייכער ריכטונג, נאָר דרייט זיך אויס. איך האָב נישט קיין צייט ווייטער צו טראַכטן, און אַהאַגל קוילן פליט איבער אונדז... לעזאזל (צום טייוול)־ — ווערט יוסקה ערנסט, גלייך ווי עס זאָל דאָ איצט דאָ אין קאַפּע פּאַסירן די סצענע — אָן אַראַבישער משרין, פון די, וואָס זיי האָבן ביי אונדז צוגענומען נאָך אין עציון... מיר וואַרטן איצט נישט אויף אַ וועלכעס עס איז קאָמאַנדע. איך און אורי, ביידע, וואַרפן מיר אַהינצו אַ פּאָר רמונים און ווער פון אונדז ביידן עס האָט געטראָפן, ווייס איך נישט, אָבער דער אַראַבישער משרין האָט זיך אַ הייב געטאָן אין דער לופט, נאָכדעם — בום! דער משרין מיט די אַראַבער אינעווייניק האָבן געמאַכט אַ שפּאַציר אין דער לופט... און פון דאָרט אויף יענער וועלט (זיין שפּראַך)...

II

דאָס מיידל וואָס וויל נישט הערן מיינע קאָמפּלימענטן

איך געפין זיך אָפּט אין אַ געגנט וואָס איז אין דער קריגס-זאָנע. איך האָב ביי זיך נאָך די ענגלישע פּרעסע-קאַרטע, וואָס דערלויבט מיר אַלס אַ צייטונגסמאַן, אַרומצוגיין אין יעדער קריגס-זאָנע. איך קום צו צו אַ גרויסן פּאַרקאַן. דאָרט געפינט זיך די „שמירה". אַ יונג מיידל, לויטן אויסזען נאָך נישט קיין 20 יאָר אַלט אין לאַנגע אָוועראָלס (הויזן), ווי מען רופט עס אין אַמעריקע, וואָס מאַכן איר אויסזען אַ סך עלטער, באַהאַנגען מיט צוויי האַנטגראַנאַטן, האַלטנדיק אַ „סטען" געצילט גלייך צו מיר, און שטעלט מיך אָפּ מיט אַ שטרענגן קול, און פאַרלאַנגט מיין תעודת זהות (אידענטיטעטס-קאַרטע). איך קוק זיך צו צו איר יונגן פּנים: צוויי קויל-שוואַרצע אויגן, וואָס זענען אַמאָל אַ סך געפערלעכער ווי די צוויי האַנטגראַנאַטן, מיט וועלכע זי איז באַהאַנגען... סימפּאַטיש,

אמת־הארציקע יידישע שטריכן, די האָר נישט פארקעמט, אונטער דעם „כובע גרב (זאקן־היטל), האָט זי טויזנט חנען די יידישע טאָכטער. דאכט זיך א תימנער. פארגלוסט זיך מיר אביסל שפאסן, הויב איך אָן:

— מיין תעודת זהות האָב איך פארגעסן אין דער היים...

אָבער דאָ קומט א שטרענגער באפעל:

— אדוני! בבקשה תעודת זהות...

זאָג איך איר, אז איך דארף נישט קיין תעודת זהות, איך בין דער אמעריקאנער קאָנסול...

— אדוני, — ווערט זי נאָך ערנסטער, ווי די וועלט וואָלט דאָ אונטערגעגאנגען. — איך האָב נישט קיין צייט אויף צו דרייען א ספאָדיק, מאכט עס וואָס שנעלער, אָדער... גברת! צי איך די ווערטער: איר הערט דאָך, איך רייד העברעאיש... איר, אזא סימפאטיש מיידל, מיט אזעלכע שיינע אויגן און אזוי שטרענג!

— איך שטיי דאָ נישט צו באקומען קאָמפלימענטן, — ענטפערט זי שנעל, — אדוני.

— אָבער איך רייד דאָך העברעאיש. פארשטייט איר דאָך, אז איך בין חלילה נישט קיין שפיאָן.

— יאָ, ענטפערט זי, — די אראבער קאָנען אויך העברעאיש און ווער ווייסט ווער איר זענט?

— איך האָב אָבער פארט נישט די תעודת זהות! פארגעסן זי אין דער היים...

— עס טוט מיר לייד. וועט איר מוזן צוריקגיין. דאָ קאָנט איר אָן אייער תעודת זהות נישט דורכגיין.

ענדלעך ווייז איך איר מיין קאָרעספאָנדענטן־קארטע. זי ווערט אָבער נישט נתפעל. ערשטנס, זאָגט זי מיר, איז די קארטע ארויסגעגעבן פון ענגלישן אינפאָרמאציע־ביורא. און צווייטנס, אויב אפילו זי זאָל מיך שוין יאָ דורכלאָזן, מוז זי מיך באזוכן.

איך גיי־איין אויף איר לעצטער פאָדערונג. זי פירט איבער מיר דורך א שטרענגע רעוויזיע, די קעשענעס פון מאנטל, פון רעקל, פון די הויזן

און נאָכדעם ערשט אַן אַלגעמיינע רעוויזיע. דאַן ערשט קומט דער „הכל בסדר"!

ווען זי ווערט פאַרטיק, מאַך איך איר ווידער אַ קאָמפּלימענט.

— גברת, איר ווייסט, די האַנטגראַנאַטן פּאַסן זיך זייער צו אייערע שוואַרצע אויגן... את תימנית? (איר זענט אַ תימנער?)

— נאָר אַמעריקאַנער — ענטפערט זי שוין אַביסל ווייכער — האָבן אַזאַ חוצפּה...

— אַ שווערער ענין — קלאָג איך זיך פאַר אַ צווייטן ייד אויף יידיש, וואָס איז גראָד אָנגעקומען און באַקומט אויך דעם באַפעל צו ווייזן זיין „תעודת זהות".

— אויב איר וועט אַזויפיל נישט נודיען, — ענטפערט דאָס מיידל אויף יידיש, — וועט דער ענין נישט זיין אַזוי שווער...

— אַ היימישע יידישע טאָכטער? — ווער איך שוין מוטיקער, — מגליציה? — וויל איך דווקא טרעפן, — אַ לאַנדסמיידל?

— לאַ, — ענטפערט זי שוין מיט אַ שמייכל, — דווקא אַ ליטוואַטשקע...

III

דאָס תימנער צייטונגס־יינגל איז געפאַלן אויף זיין פּאָזיציע

אויף לעווינסקי־גאַס, דאָ וווּ די אָמניבוסן דרייען זיך אוים צו דער הויפּט־גאַס אויף אַלענבי, איז געווען זיין קאַמפּס־פּאָזיציע. טאָג־טעגלעך, ווען איך פלעג פאַרבייגיין, פלעג איך הערן אויסשרייען די נייעס פון די קעפּ פון די צייטונגען: „מאה ערבים הרוגים (100 דערהרגעטע אַראַבער) בגרוש (פאַר איין גרוש). „המופטי בגן החיות" (דער מופטי אין זאָאָלאָגישן גאָרטן...) אַליין, פלעגט ער זיך טאָג־טעגלעך מאַכן אייגענע קעפּ פאַר די נייעס.

ווען מיר האָבן זיך ביידע נענטער באַקאַנט, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער, נסים, איז אינגאַנצן אַלט 10 יאָר און אַז דאָס האַלט ער אויס זיין שוועסטער און אַ מאַמען אַן אַלמנה. זיי קומען פון עדן, און געפינען זיך שוין דאָ יאָרן לאַנג, און ער, נסים, ווי ער האָט זיך פאַר מיר באַרימט, איז שוין אַ יליד הארץ... געבוירן אין לאַנד. אַ בלאַס פּנים, געקרייזלטע האָר, און אַ פּאָר לאַבנדיקע אויגן, פון וועלכע עס פלעגט אַרויסקוקן אַ באַהאַלטענער צער... ווען איך פלעג פאַר אים פאַרבייגיין אין די מיטאָג-שעהן, ווען די אַרבעט איז נישט געווען אַזוי שווער, פלעגט נסים פאַר מיר אויסגיסן זיין פאַרווייטיקט קינדיש האַרץ. אַ געשיכטע פון אָרימקייט, פון נויט און הונגער. נסים פלעגט זיך פאַר מיר באַרימען, אַז נאָכדעם ווי ער שטייט דאָ אַ גאַנצן טאָג, לערנט ער ביינאַכט ביי אַ „חכם" און ווען ער וועט גרויס ווערן, וועט ער אַריינגיין אין דער הגנה.

אַזוי זענען מיר אין משך פון דער צייט, וואָס איך בין געווען אין תל-אביב, געוואָרן גוטע באַקאַנטע. איך פלעג נאָר קויפן מיינע צייטונגען ביי נסימען און זיך מיט פאַרגעניגן צוגעהערט ווי ער פלעגט אויסזינגען מיט אַ ניגון פון אַ מין תפילה די נייעס פון טאָג: מאה ערבים הרוגים בגרוש!"...

דער פּלאַץ, וווּ נסים איז געשטאַנען, האָט אָנגעהויבן ווערן געפערלעך. עס פלעגן דאָרט אָפט פליען קוילן פון דער אַראַבישער זייט, און עטלעכע מענטשן זענען דאָרט דערהרגעט געוואָרן. אָבער נסים איז ווי אַ סאָלדאַט געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן. ווען איך האָב אַמאָל אין אַ נאָכמיטאָג געקויפט ביי אים די צייטונגען, און נישט ווייט פון אונדז איז אַ פרוי פאַרוווּנדעט געוואָרן פון אַן אַראַבישער קויל, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן, פאַרוואָס ער בייט נישט זיין פּלאַץ.

— דאָ איז נישט אַזוי זיכער... — האָט נסים מיר געענטפערט, — אָבער אין ארץ טאָר קיינער נישט פאַרלאָזן זיין פּאָזיציע...

אין אַ נאָכמיטאָג, ווען נסים האָט ווי תמיד אויסגעזונגען „מאה ערבים הרוגים בגרוש... האָט אַן אַראַבישע קויל דורכגעלעכערט זיין קינדיש האַרץ און ער איז געפאַלן אין אַ טייך בלוט... ווען איך בין דעם אַנדערן טאָג פאַרבייגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם פּלאַץ, איז אַן אַנדער

יינגל ווי נסים, אין זיינע יאָרן, געשטאַנען און געזונגען מיטן זעלבן ניגון:
„מאה ערבים הרוגים בגרוש!" און איך האָב זיך דערמאָנט אין נסימס
ווערטער, אַז אין ארץ ישראל פאַרלאָזט קיינער נישט זיין פּאָזיציע...

IV

טאַטעס געזעגענען זיך מיט זייערע געפאַלענע זין...

א פאַרוואָלקנטער האָט דער הימל אַראָפּגעקוקט אויף די תל־אביבער
גאַסן יענעם טאָג. די שוואַרצע ראַמלעך פון די תל־אביבער צייטונגען
זענען דעם טאָג גרעסער אין ברייטער געוואָרן... און האָבן אויסגעזען ווי
די געדיכטע וואָלקנס, וואָס האָבן פאַרטונקלט די שטענדיק לויטערע
ארץ־ישראל־הימלען. איך האָב געציילט די ליסטע פון די גבורים יענעם
טאָג, וואָס האָבן צוועקגעגעבן זייער לעבן אין קאַמף מיט דעם שונא, און
די צאָל איז געווען אריבער פערצן... די לוויה איז פאָרגעקומען אין „בית
הקורא", א מאַסן־לוויה פאַר אַלע קדושים צוזאַמען. א סך אַזעלכע לוויות
האָב איך שוין געזען אין ארץ־ישראל. זעלטן־ווען הערט מען דאָרט וויי־
נען. דאָס זעלבע בילד: די ארונות אַרומגעהילט מיט דער ווייס־בלויער
פאָן, ערן־וואַכן פון דער הגנה. קיין הספדים ווערן נישט געהאַלטן. א פּאָר
קורצע ווערטער, וואָס דינען ווי א געזעגענונג פון די קרובים און חברים
און באַלד דילכט די קאָמאַנדע פון דער הגנה. די ארונות ווערן מיט מילי־
טערישן פּאַראַד אַרויסגעטראָגן אויף די אַקסלען פון די חברים. אין דער
אַרומיקער שטילקייט הילכט־אָפּ די קאָמאַנדאָ פון דעם מפקד, און פּאָר־
אויס מאַרשירט די אָפּטיילונג פון דער הגנה, נאָכדעם די אַנדערע באַ־
גלייטער.

איך אַנטלויף פון לוויות. אָבער גראָד אין דער איצטיקער סי־
טואַציע ווייס איך נישט: צי דאָס איז א זינד. א מאָדנער געפיל —
עס האָט מיך געצויגן צו גיין צו די לוויות פון אַט די קדושים...

צווערשט האָט מיך געלאָקט די נייגעריקייט, שפּעטער האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז גראַד ביי לוויות האָב איך דערזען דעם אויסערגע־וועגלעכן מוט פון ישוב. אין יענע לעצטע מינוטן, ווען נאָענטע קרובים האָבן זיך געזעגנט מיט דעם, וואָס איז זיי אַזוי טייער און ליב געווען, האָב איך באַוווּנדערט און געבויגן מיין קאָפּ מיט דרך־ארץ, פאַר דער שטאַרקייט, וואָס טאַטעס און מאַמעס האָבן אַרויסגעוויזן, אין יענע לעצ־טע מינוטן...

אַ סך אַזעלכע סצענעס זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון. צוויי פון זיי קען איך שווער פאַרגעסן. דער ערשטער איז, ווען דער העברעאישער דיכ־טער, ראובן גרויסמאַן, האָט זיך געזעגנט מיט זיין זון נועם, וועלכער איז געפאַלן אין שווערן קאַמף אין עציון. ער האָט אָנגעהויבן מיט די ווער־טער: נועם בני, נפלת בעד המולדת... (ביסט געפאַלן פאַרן פאָטערלאַנד) און אָנשטאָט אַ הספד, איז דאָס געווען אַ מאָנונג צו דער יידישער יוגנט, אַז זי זאָל קעמפן ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט, פאַר אונדזער פרייהייט.

אַ צווייטע נאָך מער דראַמאַטישע געזעגענונג־סצענע, האָב איך ביי־געוווינט טאַקע אויף יענער מאַסן־לוויה פון די קדושים, וואָס איז פאָר־געקומען אין בית־הקורא. דער טאַטע, אַ תימנער פרומער ייד, איז געזעסן ביי דעם אָרון פון זיין זון, וועלכן ער האָט באַלד געדאַרפט אַוועקטראָגן צו זיין אייביקער רו. דער זון, וועלכער איז געפאַלן אין איינער פון די געוואַגטסטע אַטאַקעס, אַ חבר פון אירגון צבאי לאומי, האָט געהייסן ציון. נאָכדעם ווי אַ חבר פון אירגון האָט געזאָגט עטלעכע געזעגענונגס־ווערטער, איז צוגעגאַנגען דער אַלטער טאַטע צום אָפענעם אָרון און אָנ־געהויבן מיט די ווערטער: ציון בני, נפלת בעד ציון ארצנו (ציון, מיין זון, ביסט געפאַלן פאַר אונדזער לאַנד ציון). אַרום האָט געהערשט אַ היי־ליקע שטילקייט. אַלע זענען געשטאַנען ערנסטע, מיט געבויגענע קעפּ...

דער טאַטע האָט זיך אָנגעשטרענגט צו כאַפּן דעם לעצטן בליק אויף זיין זון. פּלוצים האָט זיך די קליינע דאַרע פיגור פון דעם תימנער ייד אויסגעגלייכט, און מיט אַ פעסטער שטימע האָט ער מיט אַ ניגון פון אַ תפילה אַ געשריי־געטון: ציון בני, לא אבכה! (ציון, מיין זון, איך וועל

נישט וויינען!) נאָכדעם איז געקומען דער סיגנאַל. דער מפקד האָט גע־געבן אַ באַפעל. די ערן-וואַך האָט אויפגעהויבן דאָס געווער און פערצן ארונות האָבן יענעם טאָג מאַרשירט איבער די פּאַרוואַלקנטע תל־אביבער גאַסן צו זייער אייביקער רו.

V

מאַמעס, אין קאַפּע־הויז... די זין, אויפן פראָנט...

ערגיץ-ווו אויף בן יהודה געפינט זיך דאָס קאַפּע-הויז. די שטאַם־געסט, דער גרעסטער טייל דייטשע יידן, וואָס האָבן זיך ביז איצט נישט אויסגעגרינט אין ארץ ישראל אָדער נישט געוואָלט אויסגרינען. מען „שפּריכט" נאָך „דויטש", אָפט ווארפט מען שוין אריין אַ העברעאיש וואָרט, אָבער עס קומט אַרויס ווי צעקאַליעטשעט. די הויפּטזאַך, נאָך יע־דער פראַזע באַנוצט מען זיך מיט דעם אַזוי פּאָפּולער־געוואָרענעם „אדוני".

— זי פערשטעהען דאָך, אדוני — קלאָגט זיך אַ נעט־געקליידטער הער — זי פערשטעהען דאָך, דער יונגע איסט יאַ פערריקט געוואָרען! נאָך קיין 16 יאר נישט אַלט, און איז אַנטלאָפען צו דער הגנה! איך פראַ־גע זי — הויבט ער שוין אָן ערנסטער — איסט דאָס איין צוועק?...

איך האָב אָפט אָנגעהויבן אריינקומען אין קאַפּע, זיך כלומרשט פאַר־טיפן אין דער צייטונג „באַזעלער נאַכריכטן", אָבער די אויערן און די אויגן מיינע זענען געווען אָפן און וואַכזאַם און אַזוי האָב איך יעדן טאָג זיך צוגעהערט צו שווערע הערצער פון אָט-די „גאַליציאַנער דויטשען" פון טאַרנאָפּאָל אַם רהיין... און דאַמען פון שאַרלאָטענבורג און קורפיר־סטענדאַם, וואָס פילן זיך נישט אַזוי באַקוועם אין ארץ... אַ דאַמע מיט אַ קליין הינטעלע, אויסגעפּוצט ווי אַ יונגע כלה־מיידל, דערציילט איר שכנה:

— ביטע, — זאָגט זי — ווי קען מען דאָס אויסהאַלטן פון היינטיקע קינדער. א מיידל פון 18 יאָר זאָל נישט זוכן א צוועק ווי איך, ווי די... אין אָנהויב האָב איך זיך געשראָקן, ווען זי האָט אָנגעהויבן אויספּעלן נעכט פון שטוב... איינמאָל קומט זי אהיים שפּעט און — שטעל דיר פאָר מיין שרעק: מיט איר איז געקומען עפּעס אַן אָפּגעריסענער פראַנט מיט אַ מאָדנע היטל און קורצע הויזן און מיט ברייטע שיך און ביידע האָבן אויסגעפּאַקט אַ מאַשינגעווער... פאַרשטייסט? ביי מיר אין שטוב... מאָרגן, זאָגט זי צו מיר, גייט זי אוועק אין נגב. אַ באַפעל, זאָגט זי פון דער הויפּט-קאָמאַנדע. און דערנאָך ערשט דערמאָנט זי זיך: יאָ, זאָגט זי, מאַמאַ, איך האָב פאַרגעסן דיר פאָרצושטעלן. דאָס איז יוסף, מיין מאַן... איך קען זיך נישט פאַרשטעלן ווי אַזוי איך בין אין דעם מאָמענט נישט געפאַלן חלשות...

ביי אַ צווייטן טיש רעדט מען וועגן די פאַרמעגנס, וואָס מ׳גיט צו־ריק אין עסטרייך... און יעדער רעכנט אויס ווי פיל עס וועט אויסקומען אויף זיין חלק. ווען ער וועט צוריקקומען קיין ווין, וועט ער זיין אַ גביר...

— יאָ, מישט זיך אריין אַן אַנדערער — וואָס טוט מען מיט דער הגנה, וועלכע לאָזט נישט אַרויספאָרן?

— אַמאָל, אין אויסלאַנד — כאַפּט אונטער נאָך אַן אַנדערער — האָט מען זיך געקאָנט אַן עצה געבן אין אַזאַ פאַל. אין בערלין, אַז מען האָט אונטערגעשמירט, איז מען געפאָרן... דאָ, וועמען זאָל מען שמירן?...

ביי דער אָפענער טיר באַווייזן זיך מיטאַמאָל דריי הגנהיסטן. זיי קומען צו נענטער צו דער חברה לײדיקגייער.

—שלום, אבא!

— שלום, פריץ! — ענטפערט דער טאַטע מיט אַ זויערער מינע.

— מה? — ווערט דער יונגער בחור צעקאָכט, — כמה פּעמים אמרתי לך: שמי אפרים! (וויפיל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז איך הייס אפ־רים!)...

— זאָל זיין אפרים! — ווערט דער טאַטע ווייכער. — ווען זעט מען דיך שוין אַמאָל אין אָוונט אין דער היים? — קרעכצט דער טאַטע אַרויס.

דער מחבר מיט זיין פרוי ביים „כותל המערבי".

— אין פנאי! (נישטאָ קיין צייט). היינט אוונט דערוואַרטן מיר עפּעס נייעס...

נייעס? מ'ווייסט שוין די נייעס — אַ גליק האָט מיך געטראָפן, — ענטפערט דער טאַטע.

— אבא! — ווערט דער זון גאַנץ ערנסט — איך האָב דיר שוין הונדערט מאָל געזאָגט, אַז איך וויל אַזעלכע גלות־רייד נישט הערן. זיבער ווידער געוואָרן הייזער און פאַרמעגנס אין ווין, האַ?

דער טאַטע שווייגט און אַלע אַרומיקע שווייגן... אַזוי ווי מ'וואָלט זיי געוועזן געכאַפּט ביי אַ גנבה...

דער יונגער הגנהיסט אפרים־פריץ האָט אָנגעהויבן רעדן אין אַן ערנסטן טאָן אַלע מאָל העברעאיש:

— זעקס מיליאָן פאַרברענטע און דערמאָרדעטע יידן אין די גאַז־אויוונס זענען פאַר אייך ווייניק?... שעמט זיך! וואָס טוט איר אין אַ נאָכמיטאָג דאָ אין קאַפעהויז? פאַרוואָס גייט איר נישט צום משמר העם? דאָס לאַנד איז אין סכנה און איר זיצט דאָ און רעדט פון ווינער „גליקן"...

די ווערטער זיינע, וואָס זענען געוואָרן אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ ווייטיק און געפיל, האָבן זיך אָראָפּגעלאָזט איבער די פאַרזאַמלטע אַרום טישל ווי בייטשן און אַלע זענען אַרויס אין גאַס ווי אָפּגעשמיסענע חדר־יינגלעך...

VI

די העלדן פון פאַנצער־אויטאָבוס אויפן וועג קיין גליל

מיר געפינען זיך אַ פּעריציק מענטשן, אויפן וועג אין דער אַרגענטינער קאָלאָניע „נאות מרדכי". די „שיירה" אונדזערע האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון אילת השחר. עס איז איינער פון די געפערלעכסטע פּונקטן. די אַראַבער זוכן מיט געוואַלד איבערצורייסן דעם פאַרקער, כדי דעם ישוב אַריינצוּוואַרפן אין אַ כאַאָס. דאָ האָבער קומען אָן גרופּעס, וועלכע מוזן

פאָרן ווייטער און דאָ וואַרטן זיי אָפּ אויף אַ פּאַנצער-אויטאָבוס, וועלכער וועט זיי פון דאַנען פירן ווייטער.

מיר זעצן זיך אוים אויף די לאַנגע צוויי בענק צוזאַמענגעפּרעסט איינער צום צווייטן, די קליינע פענצטערלעך ווערן צוגעמאַכט מיט אײַזערנע קליינע לאָדנלעך, אויך אויפן פענצטער פון שאָפער לאָזט זיך אַראָפּ אַן אײַזערנער לאָדן, און עס בלײַבט אָפן בלויז אַ קליינע שפּאַרונקע, דורך וועלכער ער קען בלויז זען דעם ארום. איצט איז פאַר מיר אינטערעסאַנט ווי אַזוי יידן פילן זיך און פון וואָס זיי רייִדן אין אַ געפּאַנצערטן אויטאָבוס.

דערציילט איין ייד דעם אַנדערן:

— שטעלט אײַך פאָר — איך האָב געקויפט אַ גאַדאַוויון און עס גייט אַוועק אַ ים מיט גאַז.

עצהט אים דער צווייטער ווי אַזוי איינצושפּאָרן גאַז.

אַ פרוי דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי איר איז געלונגען צו באַקומען אַ ידיעה פון איר זון, וועלכער געפינט זיך אין נגב. אַ צווייטע פרוי מוסרט זי, אַז אַזעלכע זאַכן דערציילט מען נישט אין אַן עפנטלעכן פּלאַץ, אין אַ משרין. אָבער די ערשטע פרוי פאַרטיידיקט זיך: מען זיצט דאָך צווישן יידן... ענטפערט איר גלייך די צווייטע פרוי:

— לקירות יש אזנים... (די ווענט האָבן אויערן). האָט זי שוין קיין ברירה נישט און שווייגט, און אַלע פּאַסאַזשירן הויבן מיטאַמאָל אָן צו שווייגן...

דער פּאַנצער-אויטאָבוס האָט עפּעס אָנגעהויבן פאָרן לאַנגזאַמער. איינער קוקט אויפן צווייטן און וויל פון אים עפּעס ארויסלייענען. אָבער אַלע פּנימער האָבן איצט כמעט איין אויסזען — ערנסטע, שווייגנדע, אָן וועלכן עס איז אויסדרוק...

דער פּאַנצער-אויטאָבוס פאָרט איצט טריט ביי טריט און מיטאַמאָל גיבן מיר זיך אַ שטאַרקן וויג. דער אויטאָבוס בלײַבט פּלוצים שטיין. דער „נהג" האָט אַ צי-געטון דאָס הענטל, געעפנט דעם לאָדן און... איך האָב בלויז געכאַפּט אַ שנעלן בליק אויף אים און דערהערנדיק ווי שווער ער

קוועטשט ארויס די עטלעכע ווערטער זיינע: „אין דבר!" (עס איז גאַר־נישט), איז עס פאַר מיר געוווּנג צו פאַרשטיין, אַז די לאַגע איז ערנסט.

— וואָס האָט פּאַסירט? — פרעגן עטלעכע שטימען מיטאַמאָל.

— הכל בסדר! (אַלעס אין אָרדענונג) — קוועטשט שווערלעך ארויס דער שאָפער, אָבער דווקא איז אַלעס נישט בסדר... אַ קנאַל פון אַ מאַשין־געווער, וואָס גייט אריבער אין אַ גאַנצן רעגן, איז אַ באַווייז דערפון.

דער שאָפער כאַפּט זיך ווידער צום ראָד און לאָזט דעם מאָטאָר, אָבער...

— מחסום! (אַ פאַרצוימונג) — טראָגט זיך איצט דאָס וואָרט נער־וועז פון מויל צו מויל. מחסום! — ווערט אַ פרוי היסטעריש און הויבט־אָן שרייען אויפן קול. איינער פון די באַגלייטער פון דער הגנה שרייט אויף איר און זי ווערט שטיל. דער מאָטאָר זשומעט, דער אויטאָבוס דרייט זיך אויף אַלע זייטן. עפּעס איז מיר מיטאַמאָל היים געוואָרן... איך דערפיל ווי אַ קאַלטער שוויים באַגיסט מיך אין האַלדז, אויפן שטערן. צום שוואַרצן יאָר, אין דרויסן איז דאָך נאָך נישט אַזוי היים... הייסט עס, טראַכט איך זיך, אַז ס'איז איצט געקומען אַ סוף צו דיינע וואַנגטורעס!... די פראַגע איז בלויז, נעם איך איצט טראַכטן, ווי אַזוי עס וועט זיין דער סוף. געטראָפן ווערן פון אַ קויל איז, נאָך אַלעמען, נישט אַזאַ שלעכטער טויט... אָבער וואָס טוט מען, אַז...

איך האָב נישט קיין צייט צו ענדיקן מיין טראַכטעניש, די טיר פון אויטאָבוס האָט זיך געעפנט. אונדזערע בחורים, וועלכע האָבן באַגלייט דעם פּאַנצער־וואָגן, האָבן זיך ארויסגעלאָזט, באַוואָפנטע. איצטער הער איך דייטלעך ווי דאָס שיסן איז שטאַרקער געוואָרן און אַז עס קומט פון צוויי ריכטונגען. די מינוטן ציען זיך אַזוי לאַנג... איך באַטראַכט די פּני־מער פון די פּאַסאַזשירן. אַלע זענען אַזוי מאָדנע אויסגעקרימט...

די טיר האָט זיך ווידער געעפנט. דריי בחורים זענען צוריק אריין מיט די מאַשין־געווערן. ביי איינעם פון זיי איז די האַנט אין גאַנצן פאַר־בלוטיקט. ער האַלט זי אין דער הויך און שרייט „בדמיך חיי!" דער נהג לאָזט שנעל דעם מאָטאָר, כאַפּט אויף גיך דאָס ראָד און מיר פאָרן, און עס קלינגט דאָס רויקע געזאַנג פון דער חברה אונדזערער: „עלה! עלה!

VII

תימנער זינגען אַ ליד...

די תימנער, וואָס זענען יאָרן-לאַנג אין די אַראַבישע לענדער געפּיי-ניקט געוואָרן, ביי זיי איז די גרינדונג פון דער יידישער מלוכה איינע פון די גרעסטע היסטאָרישע פּאַסירונגען אין זייער לעבן. דער תימנער, אַליין פון די טראָפּישע לענדער, פאַרמאָגט ער די זעלבע עקזאָטיק און טעמפּעראַמענט ווי זיינע אַראַבישע שכנים, צווישן וועלכע ער האָט דורות לאַנג געלעבט. פול מיט התלהבות, צינדט ער זיך ביי יעדער געשעעניש אָן אין אַ העלישן פייער, וואָס ווייסט נישט פון קיין גרעניצן. אַן אַראַבער וועלכער פאַלט אריין אין די הענט פון אַ תימנער, גייט שוין קיין לעבעדיקער נישט אַרויס.

לכבוד דער היסטאָרישער פּאַסירונג פון דער יידישער מדינה האָבן די תימנער כסדר געזונגען אַ ליד, מיט אַזאַ ברענענדיקער התלהבות, ניט בלויז מיטן מויל אַליין, נאָר מיטן גאַנצן קערפּער, מיט אַלע רמ״ח אבָרים, דאָס לידל ווערט געזונגען אויף פאָלגענדן אופן: צענדליקער שטימען פרעגן אין אַ מעלאָדישן כאָר:

— מי אנחנו? (ווער זענען מיר?)

— ישראל! — ענטפערן צענדליקער שטימען מיט אַ גרויסער התלהבות.

פרעגן ווידער די ערשטע:

— ומי במשטרה? (ווער איז אין דער פּאָליציי?)

— ישראל! — ענטפערן די צווייטע.

— ומי בצבא? (ווער איז אין דער אַרמיי?) — פרעגן ווידער נאָך שטאַרקער די ערשטע שטימען.

— ישראל! — קומט ווידער אַן ענטפער מיט אַ ווילדער באַגייסטערונג.

און אַזוי גייט אַוועק אַ גאַנג כסדר. מי הנשיא? (ווער איז פּרעזידענט?) און אויף אַלץ קומט דער זעלבער ענטפער: ישראל! אָבער דאָס ווערט נישט גלאַט אַזוי זיך געזונגען.

איך האָב אַזאַ סצענע געזען אויפֿן ככר מגן דוד, אָדער ווי מען רופֿט אים „ככר פֿאַלאַפֿול״ (צוליב דעם מאכל, וואָס שמעקט ווי טשאָלנט, וואָס די תימנער פֿאַרקויפֿן), ווי אַ גרופּע תימנער, האָבן פּשוט טויב צו ווערן, פֿאַרהילכט די לופֿט מיט זייערע באַגייסטערטע געשרייען אין פֿראַגן, אויף וועלכע, עס איז כסדר געקומען דער ענטפֿער — ישראל! ישראל!

VIII

אויסגעמיטן אַ מלחמת אחים

דער אירגון האָט אָנגעהויבן זיין געוואַגטע אַטאַקע אויף יפו. דאָס איז געווען אַ פּאָר טעג נאָך דעם גרויסן זיג פֿון דער הגנה אין חיפה. די אַראַבער האָבן זיך געפֿונען אין אַ דעמאָראַליזירטן צושטאַנד, און דער „אירגון״ האָט פֿאַרשטאַנען, אַז איצט איז די צייט אויסצונוצן דעם פּאַסיקן מאָמענט. פּונקט אַ שעה פֿאַר מיטאָג־צייט, ווען די תל־אביבער געשעפֿטן שליסן זיך אויף אַ צוויי שעה, האָבן זיך פּלוצים אויף הערצל־גאַס און אויף אַלע אַנדערע גאַסן, וועלכע פֿירן אויפֿן וועג קיין יפו, באַוויזן הונדערטער באַוואָפֿנטע אירגוניסטן, מיט היטלען און אָרעם־בענדער, וועלכע האָבן געטראָגן די באַקאַנטע אויפֿשריפֿט „רק כך״, אַלע אין פֿולער מיליטערישער אויסשטאַטונג. יידן פֿון אַרום האָבן געקוקט מיט ניינגעריקייט און געוואוּרט, וואָס דאָ וועט פּאַסירן.

די באַוואָפֿנטע אירגוניסטן האָבן אָנגעהויבן אָפּשטעלן דעם גאַנצן פֿאַרקער, און פֿאַרוואַנדלט די גאַנצע געגנט אין אַ קריגס־זאָנע. די פֿריד־לעכע גאַסן, וועלכע גרעניצן זיך מיט יפו, האָבן אין איינציקע מינוט בלויז פֿאַרלוירן די שטענדיקע רואיקייט. לאַסט־אויטאָמאָבילן, באַלאָדן מיט גע־ווער, האָבן אויף גיך אָנגעהויבן פֿליען אין אַלע זייטן. מיליטערישע פּאָסטנס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַלע ווינקלען. ביקסן מיט אָפֿענע מיילער זענען געשטאַנען גרייט און געוואַרט אויף אַ באַפֿעל.

פֿון אַלע זייטן האָט אָפּגעקלונגען די קאָמאַנדע: עמוד! מי שם! (שטיי, ווער איז דאָרט?), וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט דער באַפֿע־לערישער קאָמאַנדע: התקדם! (פֿאָרווערטס). דאָס קנאַלן פֿון די ערשטע

שאָסן האָט זיך דערהערט. דער מאַרש קיין יפו האָט זיך אָנגעהויבן. פון אַנדערע גאַסן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען פאַרשטאַרקונגען, און אַזוי ווי דאָס איז געווען מיטאָג־שעה, האָט זיך אַ נייגעריקער פּובליקום פאַרזאַמלט און צוגעקוקט פון ווייטן אויף די אירגוניסטן, וועלכע האָבן מאַרשירט אין געשלאָסענע מיליטערישע רייען.

די הגנה איז געווען איבערראַשט פון דער אַטאַקע אויפן אייגענעם חשבון. דאָס איז געווען אַ פּאָר טעג נאָכדעם ווי עס איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך פון אַ פאַרייניקונג צווישן דער הגנה און אירגון, און אַזאַ געוואַגטער שריט האָט באַדאַרפט דורכגעפירט ווערן אין הסכם פון ביידן צוזאַמען.

די נאָכמיטאָג־צייטונגען זענען אַרויס מיט אַ שאַרפער אַטאַקע, אַז דער „אירגון" האָט נישט געהאַט קיין רעכט אָנצוהויבן אַן אַטאַקע אויף אייגענער אחריות, און אַז ער האָט אויך נישט געהאַט קיין רעכט אָפּצושליסן די אַלע גאַסן און זיי פאַרוואַנדלען אין אַ קריגס־זאָנע.

באַלד האָבן זיך אין שכנות פון דער קריגס־זאָנע, ווו דער אירגון האָט פאַרנומען זיינע פּאָזיציעס, באַוויזן גרעסערע אָפּטיילונגען פון דער הגנה, אויך אין פולער אויסשטאַטונג. יידן פון אַלע גאַסן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן, פילנדיק אַז דאָ קאָן חלילה פּאַסירן עפּעס שרעקלעכס. עטלעכע מינוט בלויז און די באַוואָפנטע הגנה־אָפּטיילונגען האָבן זיך געפונען אויף אַ דיסטאַנץ פון 20 מעטער פון די אָפּטיילונגען פונעם אירגון. די דיסטאַנץ איז וואָס אַמאָל געוואָרן קלענער און נענטער און די לופט אַרום איז געוואָרן וואָס אַמאָל הייסער... די פּנימער פון די יידן אַרום נאָך רויטער און אָנגעגליטער... יעדער האָט געפילט, אַז דער מאָמענט איז אַ זייער ערנסטער. די הגנה־אָפּטיילונגען מאַרשירן ווייטער און די אירגון־אָפּטיילונגען רירן זיך נישט פון אָרט...

פּלוצים האָבן זיך פון אַלע זייטן אָנגעהויבן אַריינרייסן יידן פון די צושויער, נישט געקוקט אויף די שטרענגע באַפעלן פון ביידע באַוואָפנטע אָפּטיילונגען, זיך פעלזנפעסט אוועקגעשטעלט צווישן ביידע אַרמייען און אויפן הויכן קול געשריגן: אנחנו לא חפצים מלחמת אחים! (מיר ווילן נישט קיין ברודער־קריג) און ביידע אָפּטיילונגען האָבן אַראָפּגעלאָזט די ביקסן און אונטער די געשרייען פון זייטיקן פּובליקום זיך צוריקגעצויגן...

חיפה — נאָכן גרויסן יידישן זיג

חיפה, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען אַ געפערלעכער פּונקט, און ווו צענדליקער יידן האָבן פאַרלוירן זייער לעבן פון אַראַבישע קוילן, איז איצט אַ יידישע שטאָט, אונטער דער רעגירונג פון דער הגנה-קאָמאַנדאָ. און יידן גייען איצט אַרום פראַנק און פריי, אין יענע געפערלעכע פּלע־צער ווי ועדי רושמיא, ועדי ניסנעט, און אין אַנדערע אַראַבישע געגנטן. יאָ, איר זעט דאָ און דאָרט אַראַבער, אָבער איינגעקאָרטשעטע אין דרייען, מיטן קאָפּ אַראָפּ, (וואָס שעמען זיך צו קוקן אייך אין די אויגן אַריין...) די שטאָט איז איצט באַוואַכט פון ענגלענדער און הגנה. יעדער פּונקט איז באַזעצט פון צוויי וואַכן — אַן ענגלישער, און אַ יידישער. יעדער פאַר־דעכטיקער אַראַבער ווערט אויסגעפרעגט און באַזוכט, צי ער האָט נישט קיין געווער, און צי ער האָט די דאָקומענטן זיינע, וואָס ווערן אַרויסגע-געבן פון דער קאָמאַנדאָ.

דער יידישער זיג אין חיפה, איז אָן צווייפל איינער פון די גרעסטע אין אונדזער באַפרייאונגס־קאַמף, און וועט זיכער אַלס אַזעלכער פאַר־שריבן ווערן אין אונדזער היסטאָריע. ווי איינער, וועלכער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען די געפּלאַנטע און סטראַטעגישע „בליץ-אַטאַקע", מיטגעגאַנגען מיט דער הגנה אין פאַרשידענע וויכטיקע פּאָזיציעס און אין אַלגעמיין טאָג-טעגלעך נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון דעם גרויסן זיג, וויל איך דאָ איבערגעבן וויכטיקע מאָמענטן און איינדרוקן פון די גאַסן־קאַמפן און אין אַלגעמיין אַן איבערבליק וועגן די פּאַסירונגען אין חיפה.

די לעצטע וואָך, אָנהויבנדיק פון 20טן אַפּריל, האָבן די אַראַבישע באַנדעס פון ועדי רושמיא און אַנדערע געגנטן שטאַרק באַשאָסן די יידי-שע געגנטן פון הדר הכרמל. עס איז פּשוט נישט מעגלעך געווען אַרויס-צוגיין אין גאַס. די קוילן זענען געפאַלן אפילו אין דער הערצל־גאַס,

דער געשעפטלעכער געגנט פון הדר הכרמל. מאַנטיק, דינסטיק און מיט־וואָך האָט די אַראַבישע שיסעריי דערגרייכט אפילו די ווייטסטע יידישע געגנטן. קיינער איז נישט געווען זיכער אַז ער וועט נישט געטראָפן ווערן פון אַ קויל. דאָס פייער איז געקומען פון אַלע ריכטונגען. דאָס איז געווען אַ קרייץ-פייער, באַזונדערס מיטוואָך. דריי יידישע פרויען זענען דערשאָסן געוואָרן פון קוילן אויף דעם באַלקאָן פון זייערע וווינונגען. פאָרן אין אַנדערן טייל פון שטאָט, אין מרכז מסחרי, אָדער אין אַנדערע יידישע געגנטן, איז נישט געווען מעגלעך. מיטוואָך פאַרנאַכט, ווען דאָס אַראַבישע פייער האָט דערגרייכט דעם העכסטן פונקט, האָבן זיך פלוצים באַוויזן אונדזערע „בחורים" אין די יידישע געגנטן און שטילערהייט באַפויקן די פאַרבייגייער אריינצוגיין אין די הייזער און אָנגעזאָגט אויסדריקלעך זיך צו באַזאָרגן מיט עסן און פאַרבלייבן אין שטוב...

פונקט זעקס אַזייגער אין אָוונט האָט זיך, ווי אויף אַ קאָמאַנדאָ, אָנגעהויבן אַ שיסעריי אויף די אַראַבישע געגנטן פון אַלע זייטן פון שטאָט. איך האָב זיך דאַן געפונען קעגנאיבער דעם קינאָ־טעאַטער „אורה", אויף הערצל־גאַס, ווו מיר, אַ גרופע זשורנאַליסטן, האָבן דערוואַרט וויכטיקע נייעס, ווייל פיר אַזייגער נאָכמיטיק, האָט די ענגלישע קאָמאַנדאָ פאַרלאָזט אירע פּאָזיציעס ביים סוף פון דער הערצל-גאַס. און אַזוי שנעל ווי די ענגלישע סאָלדאַטן זענען אַרויס, זענען פון דער אַנדערער טיר אריין הגנה־אָפּטיילונגען. באַלד האָט מען אונדז אויך איבערגעגעבן, אַז די פּאָליציי-סטאַנציע, איז אין יידישע הענט, און אַז עס גייט־אָן אַ קאַמף ביי דער תחנה המרכזית.

ווי פון אונטער דער ערד, זענען פלוצים אויסגעוואַקסן אַ 200 בחורים באַלאָדן מיט מאַשין-ביקסן, אָנגעטון אין די באַרימטע „זאָקן-היטלען". אַלע פעסט געשלאָסן אין אַ מיליטערישער ריי, ערנסטע און שווייגנדיקע... עטלעכע מינוט באַוווּנדערונג פון די נייגעריקע פאַרבייגייער, און עס האָט אָפּגעהילכט די קאָמאַנדאָ: התקדם! בליצשנעל האָבן די חברה מיט די ביקסן אין די הענט, זיך געלאָזט לויפן אַראָפּ די טרעפּ פון דער הערצל־גאַס, צו די אַראַבישע געגנטן.

די ערד האָט פשוט געציטערט, פון די כסדרדיקע אויפרייסן און

די אראבישע קאפיטולאציע פון חיפה ווערט אונטערגעשריבן אין דער „עיריה"

עקספּלאָזיעס. עס איז איצט קלאָר געוואָרן, אַז דאָס שיסן קומט פון אַלע געגנטן, וואָס רינגלען אַרום די אַראַבישע שטאָט־טיילן. אַ גאַנצע נאַכט האָט עס אויסגעזען ווי אַן ערד־ציטערניש אין שטאָט. דאָנערשטיק אינדערפרי, האָט די ראַדיאָ „קול ישראל" פון דער הגנה, איבערגעגעבן, אַז די אַראַבער בעטן שלום. אַן אַראַבישע דעלעגאַציע פון אַלע ריכטונגען, איז דערשינען אין דער „עיריה" און געבעטן שלום־באַדינגונגען. פון דער יידישער זייט זענען געקומען דער מפקד פון דער הגנה: מאיאָר שבתי לעווי, פאָרשטייער פון ועד העיר, און אַנדערע גרופּירונגען. די באַדינגונגען פון יידישן צד זענען געווען פאָלגנדע: איבערגעבן דאָס גאַנצע געווער דער הגנה, איבערגעבן אַלע אויסלענדישע אַראַבישע באַנדעס, און אויך די פינף נאַציישע אָפיצירן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט די דאָזיקע באַנדעס, צו דער הגנה. די אַראַבישע דעלעגאַציע האָט געבעטן צייט, כדי זיך צו באַראַטן, און נאָך אַ האַלבער שעה איבערגעגעבן, אַז זיי קענען דעם וואָפנשטילשטאַנד נישט אונטערשרייבן, ווייל זיי ווייסן נישט, צי די אַראַבער וועלן אויספאָלגן. זיי האָבן דעריבער געבעטן פאַר דער אַראַבישער באַפעלקערונג די דערלויבעניש צו פאַרלאָזן חיפה. אַזאַ דערלויבעניש איז זיי געגעבן געוואָרן, אָבער אויך מיט אַ באַדינג, אַז אַלע אַראַבער, וואָס פאַרלאָזן חיפה, מוזן באַזוכט ווערן, אויב זיי נעמען נישט מיט זיך קיין געווער.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־פּאַניק. טויזנטער אַראַבער זענען אַנטלאָפן אין קליינע שיפלעך קיין עכו. דער אַראַבער איז בטבע, ווען ער פאַרלירט זיך, זייער האָפענונגסלאָז. צענדליקער זענען געשפּרונגען אין די קליינע שיפלעך אַריין, אַנדערע האָבן געוואָרפן זייערע קינדער פריער מיט ווילדע געשרייען און היסטעריע, נישט אָרגאַניזירט, אָן וועלכער עס איז אָרדענונג און נישט איינער פון זיי איז פאַרשלונגען געוואָרן פון די ים־כוואַליעס... אַריבער 30.000 אַראַבער זענען אַנטלאָפן פון חיפה. די אַראַבישע ראַדיאָ האָט באַרואיקט די אַראַבער, אַז עס קומט פאַרשטאַרקונגען, און מען וועט זיך אָפּרעכענען מיט די יידן. אָבער... דער אַראַבישער לעגיאָן, וועלכער האָט געפּרוווט דורך יגור זיך דורכרייסן אַ וועג

קיין חיפה, איז אפגעשניטן געוואָרן און דערנאָך צוריקגעשלאָגן געוואָרן מיט גרויסע פאַרלוסטן.

דאַנערשטיק, זענען אין די גאַסן פון חיפה געהאָנגען די באַפעלן פון דער הגנה, אונטערגעשריבן פונעם מפקד פון חיפה, וועלכער האָט געוואָרנט די באַפעלקערונג נישט אָנצורירן דאָס אַראַבישע פאַרמעגן, וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן אויף הפקר ביים אַנטלויפן. „מיר — האָט זיך אין דעם באַפעל געזאָגט — האָבן דורות לאַנג געלעבט צוזאַמען מיט אונדזערע פרידלעכע שכנים, די אַראַבער. די באַנדעס, וואָס האָבן געפירט דעם קאַמף קעגן די יידן, זענען פרעמדע, וואָס זענען געקומען פון די שכנישע לענדער". עס ווערן נאָך אַמאָל אויפגעפאָדערט די אַראַבער צוריקצוקומען אין שטאָט אַריין, ווו עס וועט זיי געזיכערט ווערן רו.

דער זעלבער באַפעל, איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך דער הגנה-ראַדיאָ אין אַראַביש. ביסלעכווייז האָט די היסטעריע, וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט די אַראַבער, אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. א טייל האָט זיך אומגעקערט אין שטאָט און אַנדערע זענען פאַרבליבן אין די ריין־אַראַבישע געגנטן, וועלכע זענען פון דער הגנה באַשטימט געוואָרן אַלס אַן אַראַבישע זאָנע, ווו די אַראַבער מעגן וווינען.

אין די יידישע געגנטן האָט עס אויסגעזען יום־טובדיק. חברה איז אַרומגעפאָרן אין „דזשיפּס". יעדער פון זיי האָט געטראָגן איבערבלייבעכצער פון דער אַראַבישער נידערלאַגע. ווער אַן איראַקישע פאָן, ווער אַן אַראַביש מעסער, און ווער אַן אַראַבישע אַלטמאָדישע שווערד. קרעפּטיקע געזאַנגען פונעם מאַרש-ליד „רותי רותי" האָבן געשפּאָלטן די לופט.

איך האָב באַטראַכט די זינגער. א טייל פון זיי זענען נאָך קינדער, אָבער כדי זיך צו „גרויסן", האָבן זיי זיך פאַרלאָזט וואָנצעס. עס איז בכלל געוואָרן א מאָדע ביי אונדזערע בחורים אין ארץ-ישראל, צו פאַרלאָזן זיך וואָנצעס, און לויט דעם ווי זיי זענען פאַרקעמט, דערקענט איר פון וואַנען זיי זענען: אויב פון אונטן אַרויף, זענען זיי פון גליל העליון, און אויב פון אויבן אַראָפּ — פון גליל התחתון...

פרייטיק אינדערפרי, האָבן זיך הונדערטער נייגעריקע, א לאַז געטאָן אין די ערשט-נעכטן געפּעגלעכע אַראַבישע געגנטן פון בורטש, וועדי

רושמיא, און ועדי ניסנעט, כדי מיט די אייגענע אויגן צו זען, ווי אזוי די געגנטן זענען איצט אויס נאָכן גרויסן דורכפאַל פון די אַראַבער. דער „בורטש" האָט איצט אויסגעזען ווי נאָך אַ חורבן. האַלב־צעשאָסענע הייזער און פאַרלאָזענע דירות זעט מען אומעטום. אַ סך פון די הייזער זענען נאָך געשטאַנען מיט אָפענע טירן און פענצטער, פון וועלכע די איינוווינער זענען אין איילעניש אַנטלאָפן און אפילו נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרשליסן. אויף אַ טייל באַלקאָנען האָבן זיך געוואַלגערט שטובזאַכן, וואָס די אַנטלויפנדע האָבן נישט אויספייעט מיטצונעמען מיט זיך. איר דערזעט ערשט דאָ ווי גרויס ס'איז געווען די בהלה אין די אַראַבישע געגנטן. אַ האַלב צעשאָסן הויז שטייט אַלס סימן פון אַ שווערן קאַמף. אַ כנופיה פון איראַקער האָט זיך דאָ באַפעסטיקט און באַשאָסן אָן אויפהער די פּאָזיציעס פון דער הגנה, ביז אַ חברה מוטיקע יאַטן אונדזערע, האָט זיך אויף אַלע פיר צוגערוקט צום הויז, און עס מיט האַנטגראַנאַטן און „מאָלאָטאָווס" באַשאָסן, פאַרלירנדיק דערביי פיר חברים. קיין איינער פון דער איראַקער באַנדע איז נישט אַרויס לעבעדיק פון דאָרט... אַ צווייט הויז, וווּ עס איז פאָרגעקומען אַן אויסערגעוויינלעכער העלדישער קאַמף פון אונדזערע בחורים, איז דאָס הויז פון דער „נאַדזשאַדאַ" (אַראַבישע אַרמיי) וווהין חברה איז צוגעקומען מיט צוויי פּאַנצער־אויטאָמאָבילן אין איינער פון די געוואַגטסטע קריגס־אָפּעראַציעס. זיי איז טאַקע געלונגען צו פאַרכאַפּן דאָס הויז, אָבער עס איז באַלד אָנגעקומען אַראַבישע פאַרשטאַרקונג, און די חברה זענען אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן, אָפּגעשניטן יעדע פאַרשטאַרקונג. האָבן זיי געקעמפט ווי די לייבן, נישט קענענדיק אפילו ברענגען קיין הילף די פאַרוווּנדעטע זייערע. גאַנצע פיר און צוואַנציק שעה האָבן זיי אָנגעפירט דעם קאַמף קעגן די אַראַבישע באַנדעס, ביז ענדלעך איז געקומען הילף פון נוה שאנן און די אַראַבער האָבן געמוזט אָפּטרעטן.

דער יידישער אָנגריף איז געווען סטראַטעגיש גוט צוגעגרייט און מיליטעריש גוט אָרגאַניזירט, אַז אפילו קיין פעלד־טעלעפאָנען האָבן ניט געפעלט. די הויפּט־קוואַרטיר פון דער הגנה, איז די גאַנצע צייט פון קאַמף געווען אינפאָרמירט וועגן יעדער איינצלהייט אין אַלע געגנטן און

אין נויטיקן פאל האָט מען געוווסט ווען מ׳מוז שיקן פארשטאַרקונגען, וועלכע זענען טאַקע געקומען באַציַיטנס. די גאַנצע אָפּעראַציע אויפן פראָנט אין חיפה, איז געווען ווי אין אַן אמתער מלחמה. דער שונא איז אַריינגעקוועטשט געוואָרן אין אַ לאַנגער צוואַנג, וועלכע האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ ענגער צוזאַמענגעדריקט און אים דערשטיקט. אין פאַרשידענע געגנטן האָבן זיך יידישע אָפּטיילונגען פאַראייניקט נאָכדעם ווי זיי האָבן אָנגעהויבן זייער אָנגריף, פון גאַנץ ווייטע פאַרשידענע ריכטונגען.

עס איז אינטערעסאַנט ווי אַזוי די צייטונגען אין ענגלאַנד, האָבן אויפגענומען דעם יידישן זיג אין חיפה. „ניוס קראָניקל" האָט געשריבן: „ביז די „און"-באַשלוסן וועלן פאַרטיק ווערן, וועלן זיי פאַר זיך האָבן די חלוקה און שטיין פאַר אַ געשעענעם פאַקט". „דיילי טעלעגראַף" שרייבט וועגן אַ שרעקלעכער פאַניק אין יפו, נאָך דעם גרויסן יידישן זיג אין חיפה. דער קאָרעספּאָנדענט פון „ריינאָלד ניוס" זאָגט אין זיין באַריכט וועגן דעם חיפהער זיג, אַז אפילו די ענגלענדער באַוווּנדערן די העלדישקייט, מיט וועלכער די הגנה האָט געפירט דעם בליץ-קריג אין חיפה. גענעראַל-מאַיאָר סטאָקוועל, וועלכער האָט גלייך נאָכדעם ווי דער אַראַבישער פאַרטרעטער אין לייק סוקסעס האָט זיך באַקלאָגט, אַז יידן האָבן געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף אַראַבער אין חיפה, געלייקנט די דערמאָנטע באַשולדיקונג און מינימיזירט די פּאַסירונגען, צוגעבנדיק, אַז די אַראַבער זענען געווען די וואָס האָבן אָנגעהויבן.

חיפה האָט זיך איצט אינגאַנצן צוריקגעקערט צו אַ נאָרמאַלן לעבן. אַריבער צוואַנציק טויזנט אַראַבער זענען פאַרבליבן אין שטאָט, און ביסלעכווייז גייט יעדער צוריק צו זיין אַרבעט. אַ יידישע בעקעריי, „אחדות", אין דער השומר-גאַס פון חיפה, וואָס ליגט נעבן דער אַראַבישער געגנט און איז די גאַנצע צייט געווען דער ציל-פּונקט פון די אַראַבער, באַקט איצט פריי ברויט פאַר דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין חיפה, אויף אַן אויפפאָדערונג פון דער הגנה. דער אַראַבישער קאָמיטעט, וואָס אַרבעט אין נאָענטער קאָאָפּעראַציע מיט דער הגנה צוריקצובריינגען דעם נאָר-

מאַלן צושטאַנד אין די אַראַבישע געגנטן, פאַרזיכערט די אַראַבער, אַז זיי קענען רואיק צוריקקומען אין זייערע הייזער. די הגנה גיט אויך איבער דורך ראַדיאָ טעגלעכע נייעס אויף אַראַביש.

פסח — 1948

אַ גליקלעכער צופאַל האָט פּאַסירט: אַז דער ישוב זאָל נאָך אַזויפיל אַנטוישונגען אויף דעם פּאָליטישן פראָנט, פייערן דעם היי־יאָריקן פסח, דער יום־טוב וועלכער סימבאָליזירט די יידישע באַפרייאונג, מיט אַ ביסל מער פריילעכע הערצער...

די לעצטע דריי וואָכן פאַר פסח, זענען געווען כסדרדיקע זיגן פאַר די יידן אויף אַלע פראָנטן. אָנהויבנדיק פון ערשטן זיג וואָס „אונדזערע בחורים", האָבן דורכגעבראָכן די אַראַבישע בלאָקאַדע אויף ירושלים נאָכדעם, איז גלייך געקומען דער צווייטער זיג איבער די אַראַבער אין טבריה, ווו בלויז מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט דער ענגלישער קאָמענדאַנט פון שטאָט אויפגעפאָדערט די הגנה צו פאַרלאָזן די שטאָט, און ער וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער זיכערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג. פאַרשטייט זיך, אַז די הגנה האָט די פאָדערונג צוריקגעוויזן, און באַוויזן אַז זי קען זיך אַליין אַן עצה געבן... היינט איז טבריה אַ ריין יידישע שטאָט, פון וואַנען די אַראַבער זענען אַנטלאָפן. באַלד נאָכדעם, דער העלדישער זיג פון משמר העמק, ווו קאַוקאַדזשי מיט זיינע באַנדעס האָבן געליטן גרויסע מפּלות, אַז אַפילו זיין אייגענער פּריוואַטער אויטאָ איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער הגנה, און אונדזערע בחורים האָבן מיט אים פּאַראַדירט איבער די גאַסן פון תל־אביב... דער אומפאַרגעסלעכער זיג פון רמת יוחנן, ווו אַריבער טויזנט דרוזן זענען צוריקגעשלאָגן געוואָרן מיט גרויסע פאַרלוסטן. און ערב פסח: דער גרעסטער זיג פון אַלע, וואָס וועט זיכער פאַרשריבן ווערן אין אונדזער באַפרייאונגס היסטאָריע, אַלס איינער פון די העלדישסטע, ווען די הגנה האָט באַפרייט חיפה.

קיין גאָר גרויסן אונטערשיד אין ערב פּסחדיקן סעזאָן, ווי אין די היימישע שטעטלעך, אָדער די ניו-יאָרקער איסט סאיד, איז דאָ אין ארץ ישראל נישטאָ. די זעלבע בילדער, די זעלבע סצענעס, נישט מער, די מציאות פאַרקויפער פון די פּסחדיקע אַרטיקלען, רופן אויס צום גרעסטן טייל זייערע סחורות אויף העברעאיש. דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס די הויפּט באַשעפטיקונג ביי דער ערב פּסחדיקער אינדוסטריע, זענען ספרדישע יידן, און אויך תימנער יידן. אָבער איר הערט גאַנץ געשמאַק מאַמע לשון. דריי וואָכן פאַר פּסח, האָבן אַלענבי, שדרות ראָטשילד, אפילו בן יהודה גאַס, אָנגענומען דעם אויסזען פון אַ היימישן ערב פּסח סעזאָן. תימנער צייטונגס פאַרקויפער, האָבן אָנשטאָט זייער שטענדיקן פּזמון „מאה ערבים הרוגים, בגרוש, (הונדערט טויטע אַראַבער פאַר איין גרוש)... דאָס איז דער פּרייז פון די אָוונט-צייטונגען, וואָס פאַרפלייצן איצט די גאַסן, דאָס מאָל האָבן זיי אויסגעזונגען מיט זייער נגינה: „הגדה של פּסח בשני גרוש... יעדער פאַרשטייט זיך, האָט געלויבט זיין סחורה, אַז זי איז פון בעסטן סאָרט. לאַנגע שטעלעס אויפן „שוק הכרמל" מיט פּסחדיקע אַרטיקלען, כריין און חרוסת... מרור? דער אַרטיקל האָט אָראָפּגעשריגן פון די ווענט, אין דער פאָרם פון צענדליקער מודעות מיט שוואַרצע ראָמען. „אונדזער ברודער", „אונדזער זון", „אונדזער חבר", „אונדזער שוועסטער", איז געשטאָרבן אין קאַמף פאַר אונדזער מולדת...

די קאָנפערענצן און לעקציעס, וואָס זענען באַקאַנט געוואָרן דורך פּלאַקאַטן אויף די ווענט, אפילו די פאַרווייַלונגען פאַר דער פּסח-וואָך, האָבן כמעט אַלע געטראָגן אַ פּסחדיקן כאַראַקטער. אייניקע וועגן פּסחדיקן פאָלקלאָר, אַנדערע, גאַנץ אָפּן וועגן לעקציעס „מעניני דיומא". צווישן די אַלע מודעות, האָט איר געקענט זען בריימלעך די באַקאַנטמאַכונגען פון ראַבינאַט, און די גרויסע אויפשריפטן „כשר לפּסח" פון וויין, מצות, פלייש, אפילו פּסחדיקע שאָקאָלאַד. די און די קצבים, האָט זיך אין די מודעות פון ראַבינאַט געזאָגט, זיי קענען פאַרקויפן כשר פלייש פאַר יום-טוב, די און די „מכולת" (שפּייז קראָם) איז אונטער דער השגחה פון ראַבינאַט... און זיי זענען כשר למהדרין מן המהדרין...

(פאראן אזעלכע קיין עין הרע גענוג אין דער פארשייטער שטאט תל-אביב) דאקעגן האט דער רבנות הראשית געאסרט דאס געפרוירענע פלייש וואס קומט פון אויסטראליען, און עס איז טריפה. וואס דארפט איר מער, אפילו שמירה מצות האט הײ־יאר נישט אויסגעפעלט אין תל-אביב. צום גליק, האט פונקט דריי וואכן פאר יום־טוב, די הגנה דורכגעריסן די בלאקאדע פון ירושלים, און מיט א קאנוואי פון פאנצער אויטאבוסן, אויך געבראכט שמירה מצות, אן א וועלכן עס איז חשש, אפגעהיטן „משעת קצירה". ווער זאגט עס אז אין תל-אביב זענען ניטא קיין פרומע יידן? איר האט אפילו געקענט לייענען מודעות, וועגן כשר געשיר אויף פסח, מיט א באזונדערער „ספעציאליטעט", אז דאס געשיר זאל נישט פארדארבן ווערן. דאס ווערט נאטירלעך געטון ווי אין דער באקאנטמאכונג זאגט זיך — פון א „ספעציאליסט פון פראנקפורט אם מאין".

אזוי האט אויך דער חזנים יאריד פארנומען א גאנץ בכבודיקן פלאץ. איר האט דא נישט געזען די בילדער פון די גארנדיקע חזנישע היטלען מיט זייער אמעריקאנער נוסח, וועגן זייער גרויסן חזנישן טא-לאנט... חזנים וואס האבן אלע אן אויסנאם נישט פיינט קיין פובלי-סיטי, זענען אין דעם פאל אין ארץ ישראל „אין גלות ביי יידן"... נישטא אזא זאך נאך אין ארץ ישראל, אבער איר האט פארט געקענט זען, אז אין אלע שולן וועלן דאווענען חזנים, אנטשולדיקט „בארימטע" חזנים. אין דער גרויסער שול אין תל־אביב, אויף אלענבי, און אחד העם, דאווענט דער חזן יהושע דלין, אויף וועלכן מען זאגט אפילו דא אין ארץ ישראל, אז ער איז בארימט. אין דער צווייטער שול, האט געדאווענט דער חזן דוד רעזניק. אין היפה האט געדאווענט דער חזן יצחק מאן. ווייסט איר ווער דער חזן מאן איז? גאליציאנער יידן אין אמעריקע וועלן זיך זיכער דערמאנען אין דעם בארימטן אפערע-זינגער איגנאטצי מאן, וואס איז אזוי בארימט געווען אין דער פוילישער אפערע. דא מאכט מען מיט אים נישט קיין גרויסע צערעמאניעס. א חזן, און ווי זאגט מען דארט אין אמעריקע און דאטס אל".

די דאזיקע פרומאקעס האלטן נישט אזוי פון מאדערנע חזנות, און

יעדער שול פֿאַרמאָגט זיך דאָרט איר בעל תּפֿילה. אַזוי איז פּסח געדאַוונט געוואָרן אין צענדליקער שולעכלעך, און חסידישע שטיבלעך וואָס געפֿינען זיך דאָ אין אַלע שטעט פּונקט ווי אויף ניו־יאָרקער איסט סאַיד. פֿאַראַן דאָ איצט קיין עין־הרע אַ היפּש ביסל חסידישע רביים.

דער יום־טוב איז געפּראַוועט געוואָרן אויף דעם ריכטיקן אַמעריקאַנער שטייגער. אין ערשט־קלאַסיקע האָטעלן אויפֿן „ירקון" ביים ים, ווי עס האָט זיך אויך אויסגעוויזן, אַז דאָס געפֿינט איר זיך ערגעץ ווו אין אַטלאַנטיק סיטי, אָדער בעלמאַר ניו זשוירזשי, עפּנטלעכע סדרים פֿון יידישע אַרבעטער, זענען געפּראַוועט געוואָרן אויף אַ מאָדערנעם שטייגער. די סדר־אַפּריכטער אין די האָטעלן, זענען אַנשטאָט, ווי אין ניו־יאָרק איז דאָס אַ מאָדע, אַז עס זאָל זיין די אַרבעט פֿון רבנים אָדער ראַביים (אַזעלכע וואָס באָרגן זיך אויס דעם טיטול ראַבי פֿאַר פּסח), דאָ געפּראַוועט געוואָרן פֿון דאָקטוירים. אָבער מען וועט מיר מוחל זיין, מען טאָר נישט רעדן קיין לשון־הרע אויף ארץ ישראל.

תּל־אביב האָט שוין אַביסל צו פֿיל דאָקטוירים... איר האָט דאָ אַ דיפּלאָמירטן („מדופלם") דאָקטאָר אַפֿילו אויף הינער־אויגן אָראָפּצונעמען... אַ דאָקטאָר צו פֿאַרקויפֿן מגרשים... אַ דאָקטאָר אַפֿילו אויף שדכנות... וואָס אַנאָנסירט זיך, אַז ער פּאַסט אייך צו אייער זיווג, אויף אַ פּסיכאָלאָגישן אופֿן, און אַפֿילו מיט אַנדערע פֿאַמיליען פּראָבלעמען קענט איר קומען צו אים... דער שדכן־דאָקטאָר גיט אַרויס אַן אייגענעם פּסיכאָלאָגישן זשורנאַל. אַזוי אַז הייַ־יאָר האָבן מיר געהאַט אַ נייעם דאָקטאָר „מדופלם" אין תּל־אביב, „דאָקטאָר סדר־אַפּריכטער"...

זעט איר, ווייניק מזל האָט געהאַט תּל־אביב הייַ־יאָר מיט איר חמץ פֿאַרקויפֿן. נישט געווען קיין גוי, וועמען צו פֿאַרקויפֿן דאָס חמץ... יפֿו איז אינגאַנצן אָפּגעשניטן פֿון תּל־אביב, נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ צוואַנציק טויזנט אַזעלכע חמץ־קאָנטראַקטן זענען הייַ־יאָר געווען אין תּל־אביב. אַ גרויסע צאָל רבנים האָבן פֿון חמץ־פֿאַרקויפֿן אַ גאַנץ פֿיינעם יערלעכן איינקונפֿט. ווען יעדער חמץ־פֿאַרקויפֿער צאָלט בלויז צוואַנציק פּיאַסטער, קומט דאָס אויך אויס צו אַ סומע פֿון עטלעכע טויזנט פֿונט... עס איז הייַ־יאָר געווען אַ דאָפּלטע סכּנה: ערשטנס, אַז די רבנים

בן־גוריון פראַוועט אַ סדר מיט יידישע סאָלדאַטן אין ירושלים נאָכן זיג פון חיפה. נישט אַזוי די הגדה ווי די „קניידלעך״... וואָס האָבן געהאָלפן דעם יידישן זיג.

זאָלן פאַרלירן זייער הכנסה; צווייטנס: די זאַפּאַסן סחורה וואָס באַטרעפן אין די שווערע טויזנטער פונטן, און וואָס זענען צוליב דעם איצטיקן צו־שטאַנד אַזוי נייטיק, זאָלן געאָסרט ווערן אַלס „חמץ שעבר עליו הפסח״, ביז ענדלעך איז געקומען די ישועה, מען האָט אין תל־אביבער פּאָרט אַנטדעקט אַ נאָרוועגישן מאַטראָז, אַ ריינער נאָרדיק פון געבוירן, אָן אַ טראָפּן יידיש בלוט, און ער האָט געראַטעוועט די סיטואַציע, און אויך נישט צוגעלייגט צום געשעפט... ביז מיט ערשט נישט לאַנג צוריק, איז דער חמץ־קויפער פון תל־אביב געווען אַן אַראַבער מיטן נאָמען איברהים, אַ גרינס־פּאַרקויפער פון שוק־הכרמל, וועמען די יידן פלעגן רופן איברהים־קע, וועלכער האָט גערעדט העברעאיש ווי אַ וואַסער. ער האָט פון די הכנסות געלעבט ווי אַן אמתער עפענדי... אָבער אפילו אַן עפענדי לעבט נישט אייביק. נאָך זיין טויט האָט אַ צווייטער אַראַבער איבערגענומען די חמץ־טראַנזאַקציע. אויך ער איז געווען אַ יודע־ספר, און גערעדט העברעאיש. ביז צו די איצטיקע געשעענישן האָט ער געמאַכט אַ שיינעם לעבן פון קויפן חמץ ערב פסח ביי די יידן. איצט אָבער איז אוממעגלעך געווען זיך מיט אים צו פאַרבינדן, און עס איז געווען אַ סכנה אַז די גאַנצע טראַנזאַקציע זאָל נישט דורכגעפירט ווערן...

אויך די צייטונגען, אָן אויסנאַם, האָבן געהאַט פּסחדיקן מאַטעריאַל. די אָוונט־צייטונגען האָבן אָנגעהויבן לכבוד פסח נייע ראָמאַנען אויפן אופן ווי עס פירט זיך אין ניו־יאָרק. מיט דער זעלבער אַמעריקאַנער פּו־בליסיטי און פּיפּיקער קאָנקורענץ. איין צייטונג האָט אָנגעהויבן דרוקן טשיירטשילס מעמוארן „ספּעציעל פאַר איר״, די צווייטע דרוקט ווידער קאַפּיטלען פון געבעלס טאָג־בוך... אסור, אויב די אָוונט־צייטונגען האָבן זיך צו שעמען קעגן דער געשעפטלעכער דערפאַרונג פון אַמעריקע...

תל-אביב — די גרעסטע יידישע שטאָט אין דער וועלט

ווען דער אָמניבוס פון „אגד" איז, קומענדיק פון חיפה, שטיין געבליבן אויף דער תחנת המרכזית, (צענטראַל-סטאַנציע אין תל-אביב), און איך בין אַרויס, האָב איך דערפילט ווי דער קאָפּ מיינער דרייט זיך. איך האָב, דאַכט זיך, גאַרנישט געטרונקען, און דאָך האָב איך אין יענעם מאָמענט געפילט, אַז איך בין פאַרשיכורט... דאָס האַרץ האָט געטאַנצט פון דערהויבנקייט, און שמחה. כאָטש נעם און צעטאַנץ זיך דאָ גלייך ביי דער סטאַנציע.

פון אַלע זייטן קיין עין־הרע יידן. אַרבעטער מיט די קורצע כאַקיהויזן און אויף די האַלב-נאַקעטע פיס האָט מען נאָך דייטלעך געקאָנט זען דעם שטויב פון זאמד. דאָס קומען זיי איצט פאַרנאַכט פון דער אַרבעט ביי בנין. יונגע בחורים און מיידלעך, פשוטע יידן, יידישע שוטרים, יידישע טרעגערס, קאָנדוקטאָרן, אַ רעש און אַ טומל. אָמניבוסן קומען און גייען. אין גאַנצן טומל האָט זיך געהערט אַ פרויען־שטימע אויפן מעגאַפאָן: אָמניבוס מספר... לבני ברק בשעה... כניסה... לחיפה מספר...

איך געפין זיך אין האָטעל „הירדן" אויף בן-יהודה. אַ פּאָר שריט פון שדרות קרן קימת. די ערשטע נאַכט אין דער הונדערט פּראָצענטיקער יידישער שטאָט. אין מיין צעהיצטן מוח פלאָנטערן זיך אַזוי פיל געדאַנקען... אַזוי פיל... שווער צו גיין שלאָפן. איך קוק־אַרויס דורכן פענצטער אויף די גאַסן, וואָס זענען איצט באַלויכטן מיט טויזנטער ליכט און קוקן־אויס ווי אַ פאַרכישופטער אויסגעחלומטער פּאַלאַץ. יעדעס הויז איז באַהאַנגען פון אַלע זייטן מיט באַלקאָנען, פון וואַנען עס פינקלט אַ ים פון ליכט.

און אָט שפּאַציר איך אויף בן-יהודה. גרויסע אויפשריפטן מיט

קידוש-לבנה־אותיות: „ציגרות גלבוע" צינדן זיך אָן און לעשן זיך אויס. און אָט באַלויכטענע גרויסע אותיות פון אַ קול-נוע (קינאָ-טעאַטער) „אש צולבת" דאָס אַמעריקאַנער בילד (קראַספּייער) ווייטער־צו אויפשריפטן „תנובה", „מסעדה גליל" (רעסטאָראַנט גליל) און אַזוי גייט עס כסדר.

אַרום קלינגט אויף שריט און טריט עברית, וואָס האָט דאָ טויזנט חנען. באַלד דערטראָגן זיך צו מיר זינגענדיקע קינדישע קולות: „הוצאה מיוחדת! הוצאה מיוחדת!" (עקסטראַ אויסגאַבע). און אַזוי שפּאַן איך פון איין גאַס צו דער אַנדערער, קוק און זאַפּ־איין אין זיך אַלעס ווי אַן אויסגעהונגערטער.

דאָס זענען געווען מיינע ערשטע מינוטן אין תל-אביב. דאָס זענען די ערשטע איינדרוקן פון יעדן ייִד, וואָס קומט צום ערשטן מאָל אין דער הונדערט פּראָצענטיקער יידישער שטאָט תל-אביב.

טאָג־טעגלעך, ווען איך בין אַרומגעגאַנגען איבער תל-אביב, געזוכט, געגנישטערט אין אַלע ווינקעלעך פון די הויפּט-גאַסן, ביז צו די ווייט-פּאַרוואָרפנסטע געגנטן, האָב איך יעדן טאָג זיך געפילט שטאָלצער. אויך איך האָב דאָ אַ חלק. איך האָב אָפּגעשטעלט יעדע ווייל אַ פאַרבייגייער מיט אַ פראַגע אָדער גלאַט־אַזוי — געפילט אַ באַדערפעניש צו רעדן מיט אַ ייִד אין תל־אביב...

— תלך ימינה, שם תבוא ישר לכבר דיזנגוף (גיי רעכטס, דאָרט קומסטו גלייך צום דיזענגאָף פּלאַץ) — זאָגט מיר אַ יונגער שוואַרץ־חנעוודיקער בחור מיט אַ בראָנז-ברוינעם פּנים, וועמען איך האָב אָפּגע-שטעלט מיט אַ פראַגע. אָבער איך בין אַלץ נישט צופרידן. איך לאָז מיינע אויגן פון אים נישט אַראָפּ... איך קוק אויף זיין יונגן קערפּער, וואָס איז צעוואַקסן ווי אַ הויך־צעבליטע סאָסנע...

— צברה? — טו איך אים אַ פרעג.

— כן, אדוני! — ענטפערט ער און זיינע וואַרימע אויגן קוקן אויף מיר פריינטלעך.

— אדוני אמריקאי? (דו ביסט אַן אַמעריקאַנער?) — פרעגט ער מיך.

— כן, חביבי! (יאָ, מיין ליבער).

— כמה זמן בארץ? (ווי לאנג אין לאנד?)
— שבוע — א וואך, — ענטפער איך.
— ומדבר עברית? (און רעדסט שוין העברעאיש?) — וווּנדערט ער זיך.

נאכדעם קומט די פראגע, וואס מען פרעגט געוועגלעך יעדן ניי־אנ־געקומענעם, — ווי עס געפעלט אים דאס לאנד.

אנשטאט אן ענטפער שמייכל איך און דער יונגער צברה צעלאכט זיך, ווי איינער רעדט: מיר האבן עפעס אויפגעטון!

לאבן מיר ביידע און קוקן איינער אויפן אנדערן ווי נאענטע, אלט־באקאנטע, און ער לאזט מיך שוין נישט אפ, פירט מיך צום ככר דיזענ־גאף, און האלט זיך אין איין וווּנדערן: אז אמעריקאנער און רעדט עברית!

תל־אביב האט אין זיך די מעלה, וואס זי איז געבויט פון יידן, וועל־כע זענען אהינגעקומען פון אלע עקן וועלט. יעדער ייד האט מיט זיך מיטגעבראכט איינגעארטיקס און ספעציפישעס פון דעם לאנד, פון וואנען ער איז געקומען. דער ניי־געקומענער דערפילט דאס גלייך, ביים ערשטן אנבליק. ווען איר גייט פארביי די געשעפטס־גאסן, נחלת בנימין, בן־יהודה, הערצל־גאס.

קוקנדיק אויף די שויפענצטער פון דרויסן, דערקענט מען גלייך פון וועלכער גרויסער אייראפעאישער שטאט דער געשעפטס־אייגנטימער איז געקומען. אלעס איז אזוי פינקטלעך און געשמאקפול צונויפגעשטעלט אז איר קענט נישט גלאט־אזוי פארבייגיין און זיך נישט אפשטעלן. עס שפילט נישט קיין ראלע, צי ווילט איר יא קויפן אדער נישט. למשל די לעדער־געשעפטן און בכלל די דאזיקע אינדוסטריע האבן מיט זיך גע־בראכט קיין ארץ־ישראל די דייטשע יידן פון אפענבאך, איינער פון די גרעסטע צענטערן פון דער לעדער־אינדוסטריע אין דייטשלאנד. דאס זעל־בע די פאטאגראפישע און פערפום־געשעפטן. די רעסטאראנען האבן איינגעפירט די פוילישע און אונגארישע יידן. די „תנובות" — גאליציא־נער יידן; גזוז, (סאדע־וואסער־בודקעס) — ליטווישע יידן; די קאפעען — צום גרעסטן טייל ווינער יידן. אפטישע געשעפטן — טשעכישע יידן; קליידער־געשעפטן — לאדזשער יידן. און אזוי איז יעדע נייע אינדוסטריע

„ימינה! שמאלה!” — א יידישער פּאָליציסט רעגולירט דעם פאַרקער אין דער גרעסטער יידישער שטאָט.

אין ארץ-ישראל אריינגעבראַכט געוואָרן פון דערפאַרענע פּאָבליִיט, וואָס האָבן אין די לענדער, פון וואַנען זיי זענען געקומען, געהאַט אַ דערפאַ-רונג פון צענדליקער יאָרן, און וואָס האָבן זייערע געשעפטלעכע פּעאַי־קייטן איבערגענומען בירושה מדור דורות. דאָס גיט די תל־אביבער הויפּט־גאַסן צו אַן אייגנאַרטיקן געשמאַק מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלן אויסזען.

דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגן וועגן דער תל-אביבער איינוווינער-שאַפט — נישט געקוקט דערויף, וואָס קיין גרעסערע עליה איז אין די לעצטע יאָרן נישט געקומען און די געקומענע עולים האָבן שוין דורכגע-מאַכט דעם פּראָצעס פון „קליטה", פון איינגלידערן זיך אין ישוב, קענט איר נאָך ביזן היינטיקן טאָג הערן אין די תל-אביבער גאַסן אויך אַנדערע שפּראַכן חוץ עברית.

אַמבעסטן צו באַקענען זיך מיט די תל-אביבער יידן, איז אין אַ שבת נאָכמיטאָג, ווען מ'כאַפּט אַ שפּאַציר אויפן ירקון, וואָס ציט זיך מיילן לאַנג ביים ים, אָדער אין אַ מוצאי־שבת, ביי די קינאָ־טעאַטערס. לויט מיין אָפּשאַצונג האָבן אַ 70 פּראָצענט גערעדט עברית. די אַנדערע 30 פּראָצענט רעדט על פּי רוב דייטש. יידיש, האָט פאַרנומען דעם דריטן פּלאַץ.

דעם ערשטן פּלאַץ אין דער תל-אביבער איינוווינערשאַפט פאַרנע-מען די פּוילישע יידן. נאָכדעם קומען די רוסישע יידן, דאַן: ליטע, רו-מעניע, תימן, גריכנלאַנד און אַנדערע. פּוילישע און רוסישע ווי אויך אַלע מזרח-אייראָפּעאישע עולים האָבן זיך שפּראַכלעך שנעל פאַרשמאָלצן. צוליב דעם, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי זענען געווען חלוצים מיט אַ געננוגנדער צוגרייטונג פאַר ארץ־ישראל און פאַר דער שפּראַך, בעת פאַר די דייטשע יידן, וועלכע זענען געקומען מאַסנווייז מיט דער דריטער עליה, איז דאָס שווערלעכער. דער גרעסטער טייל פון זיי געהער צום מיטלשטאַנד און עס איז זיי שווערער זיך אריינצופּאַסן אין דער עקאָנאָ־מישער סטרוקטור פון לאַנד און נאָך שווערער איז פאַר זיי אין דער ערש-טער צייט געווען מיט דער שפּראַך. העבראַיש איז פאַר זיי געווען אַ

גאַנץ פּרעמדער באַגריף, בעת פאַר די מזרח-יידן, אפילו פאַרן עלטערן דור, איז העברעאיש נישט געווען אינגאַנצן פרעמד.

אָבער דאָס רעדט זיך בלויז פון עלטערע און מיטליאָריקע מענטשן. זעלטן וועט מען היינט צו טאָג הערן יונגע מענטשן אין תל־אביב רעדן אַן אַנדערע שפּראַך ווי עברית.

תל־אביב, וואָס פאַרמאָגט היינט אַ פערטל מיליאָן איינוווינער, און וואָס מאַכט אויף דעם ניי-אָנגעקומענעם מיט איר שטענדיקן טעמפּאָ און רויש, דעם איינדרוק פון אַ מיליאָנען-שטאָט, איז נאָך נישט אַלט קיין גאַנצע פערציק יאָר. זי איז אַן עדות פון יידישער עקשנות, פליים און שווערער אַרבעט. אין יאָר 1909 האָט אַ גרופּע פון 60 יידן אין יפו אויסגעבויט אויף אַ זאַמדיקן געגנט 60 צריפים, וועלכע זיי האָבן דאַן גערופן „אחוזת בית”. און דאָס איז היינט צו טאָג די גרעסטע יידישע שטאָט אין דער וועלט און די שענסטע אין נאָענטן מזרח. אין 20 יאָר שפּעטער, אין 1929, האָט תל-אביב שוין פאַרמאָגט 40.000 יידן און זינט יענער צייט האָט זי אָנגעהויבן שפּאַנען מיט ריזיקע טריט פאָראויס. אין 1933, אין פעריאָד פון דער דריטער עליה, איז קיין ארץ-ישראל געקומען אַן אימיגראַציע פון דערפאַרענע טעכניקער, פּראָפעסאָרן, אינדוסטריאַלן, מיט לאַנגיעריקער דערפאַרונג אין זייערע לענדער, און אויך אימיגראַנטן מיט קאַפּיטאַל. זיי האָבן אַ גרויסן חלק אין ריזיקן וווקס פון תל־אביב.

די שטאָט מאַכט דעם איינדרוק, פון איינער פון די שענסטע אייראָפּעאישע שטעט. און דער געמיש פון עקזאָטיק גיט איר נאָך צו מער חן. תל-אביב פאַרמאָגט באַקוועמע מאָדערנע האָטעלן, וואָס האָבן זיך נישט צו שעמען מיט די גרעסטע אייראָפּעאישע שטעט. אין תל-אביב, געפינט זיך מער ווי אַ העלפט פון דער אינדוסטריע און פאַבריקאַציע פון גאַנץ ארץ-ישראל. טעקסטיל, קליידער, דיאַמאַנטן, שפּייז, לעדער, לייכטער מעטאַל, אפילו אַ בערזע פאַרמאָגט שוין תל-אביב. אין 1936 איז זי געוואָרן דער גרעסטער מאָדע-צענטער פון אָריענט.

די ערשטע געביידע פון שטאָט איז געווען די „הרצליה”-שולע, וואָס געפינט זיך אויף רחוב אחד־העם. די הויפּט-גאַסן, וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג מיט זייער שיינקייט, זענען שדרות רוטשילד, אלענבי, בן יהודה, די-

זעננאַף. דאָרט רוישט און ברויזט עס אַ גאַנצן טאָג ווי אויף אַ ניו-יאָרקער בראָדוויי. פון די הויפט-גאַסן שניידן זיך גאַסן, וווּ עס וווינט די באַפעלקערונג ווייט אַוועק פונעם רוישיקן צענטער. דאָס זענען מאזה, באַלפור, שיינקין, אחד-העם, וווּ עס געפינט זיך דאָס אחד־העם-הויז, וועלכעס פאַרמאָגט אין זיין ביבליאָטעק אַריבער 20.000 ביכער. נישט ווייט פון דאָרט געפינט זיך די שטאָט-ביבליאָטעק מיט אַ 60.000 ביכער. נאָכדעם קומט אַ נייער געשעפטלעכער צענטער, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין די לעצטע עטלעכע יאָר. דאָס איז נחלת בנימין. דאָרט געפינט זיך די קליידער-אינדוסטריע. און גלייך נעבן איר די הערצל-גאַס, וואָס איז ווידער אַ געשעפטלעכער צענטער. רעכטס פון אַלענבי זעט זיך אָן די גרויסע שול. שבת, ווען מ׳דאַוונט דאָרט, ווערט דער וועג אַרום אָפּגעשלאָסן. קיינער טאָר דאָרט נישט פאַרבייפאָרן. אייניקע בלאָקן ווייטער געפינט זיך די געביידע פון דער הסתדרות, די פּאָסט-געביידע, דער אימיגראַציע־דעפּאַרטאַמענט.

אינטערעסאַנטע פּלעצער אין תל-אביב זענען דער מוזעאום, דאָס בית ביאַליק, וואָס געפינט זיך גלייך קעגנאיבער דער עיריה, וואָס איז היינט צו טאָג אַ ביאַליק-מוזעאום. די געביידע פון דער „הבימה", וואָס איז איינער פון די שענסטע בנינים אין דער וועלט. אַרכיטעקטאָניש: אַ געמיש פון אייראָפּעאישן און פון אָריענטאַלישן סטיל. און צענדליקער אַנדערע געביידעס, וואָס מען באַגעגנט אויף שריט און טריט.

ווייט אַוועק פון תל-אביבער הויפט-צענטער, געפינען זיך שטילע גאַסן, וואָס מאַכן מיט זייער אויסזען דעם איינדרוק, פון ווילאַס אין אַ שווייצאַרישער שטאָט, ערגעץ אין די אַלפּן־בערג. דאָס זענען גאַסן מיט נעמען פון יידישע און העברעאישע שרייבער: מענדעלע, פייערבערג, שלום-עליכם, און צענדליקער אַנדערע. דאָס זענען די געגנטן צום וווינען, וווהין מען קומט זיך אָפּרוען נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט אין פאַבריק אָדער ביי בנין.

פאַראַן צענדליקער שטעטלעך אַרום, וואָס זענען פאַראייניקט געוואָרן מיט דער שטאָט. צוליב דעם, וואָס זי האַלט אין איין וואַקסן און אויסברייטערן זיך, ווערן די שטעטלעך אַ טייל פון דער שטאָט.

גראַד איצט, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה, איז אין תל-אביב אָנגעגאַנגען אַ פיבערהאַפטע בוי-טעטיקייט. עס זענען געבויט געוואָרן צענדליקער נייע פּראַכטפולע בנינים, און די שטאָט האָט זיך געהאַלטן אין פאַרגרעסערן מיט אַ נייער געגנט, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן פון יענער זייט ירקון.

אין דער עיריה פון תל-אביב

די געגנט ווו עס געפינט זיך די תל-אביבער „עיריה", פּונקט קעגן-איבער דעם „בית ביאַליק", איז אפשר דער רוישיקסטער פּלאַץ פון דער שטאָט. אַ גאַנצן טאָג קענט איר דאָרט טרעפן יידן פון אַלע קלאַסן: ווער עס קומט מיט אַ הזמנה פון מחלקת המסים, ווער עס האָט נאָך נישט באַצאָלט קיין מס און וויל בעטן אַ פאַרלענגערונג פון טערמין, ווער עס וויל בעטן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש אויף בויען אַ נייע דירה, אָדער אַרויפציען אַ שטאָק העכער אויף דער אַלטער דירה. איר דאַרפט וויסן, אַז ארץ ישראל וואַקסט איצט נישט בלויז אין דער לענג און ברייט, נאָר אויך אין דער הויך, און עס איז לעצטנס שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן דאָס אַרויפציען אַ שטאָק איבער די אַלטע הייזער, וואָס זענען אין אָנהויב גע-בויט געוואָרן, ווען תל-אביב איז נאָך געווען אַ שטעטל, אָדער ווער עס בעט אַ קאָנצעסיע פאַר אַ קיאָסק פון גזוז אָדער ציגאַרעטן, אָדער גלאַט אַזוי אַ ייד האָט אַן עוולה, אָדער אַ טענה צו דער שטאָט, קומט ער זיך אויסטענהן אָדער פאַרקלאָגן. אַלעמען מוז מען אויסהערן, און פאַר יעדער באַזונדערער טענה, אָדער עוולה, זענען פאַראַן באַזונדערע מחלקות, מיט באַזונדערע פקידים. מען שרייבט פּראָטאָקאָלן, מען לעגאַליזירט דאָקו-מענטן, מען שרייבט איבער דאָקומענטן, אַלץ נאַטירלעך אין עברית. יע-דער ייד צאָלט שטייערן ווייל ער איז אַ בירגער פון דער גרעסטער יידי-שער שטאָט פון דער וועלט. ער האָט אַ רעכט צו קומען אין דער עיריה און פאָדערן זיין רעכט, (און אַז אַ ייד האָט אַ רעכט, ווייסט איר דאָך שוין, אַז ער וועט זיך פון דעם נישט אָפּזאָגן...).

גלייך ביי דעם ארויפגיין אויף די טרעפ פון דער „עיריה" וועלכע געפינט זיך אין סוף פון רחוב ביאליק, קענט איר לייענען מיט גרויסע אותיות די אויפשריפט: „בירגער פון תל-אביב! דו ביסט א בירגער פון דער גרעסטער יידישער שטאט, ווייסטו, וואס מען טוט מיט די מסים (שטייערן) וואס דו צאלסט? ,

עס איז ערשט ניין אזייגער אין דער פרי. ארום דער „עיריה" דרייען זיך שוין קיין עין הרע א היפש ביסל יידן. איך הער זיך צו פון וויטן צו זייערע רייד. יעדער האט אן אנדער פראבלעם, איינער האט א טענה, אז די „עיריה" האט אים פארבאטן צו נעמען „דמי מפתיח" (שליסל געלט), רעדט ער זיך דערוויל אויס דאס הארץ, ביז ער וועט קומען צו דעם פארהער פון דעם דעפארטאמענט צו וועלכן דער ענין געהערט. לויט זיינע טענות האט איר גארנישט קיין צווייפל, אז דאס איז ער דער גערעכטער... א צווייטער קומט וועגן א שכן, וואס האט אן קיינעמס דערלויבעניש ארויסגעהאנגען אזא גרויסן שילד, גרויס ווי דער יידישער גלות... גע-הערט א מעשה, — קלאגט ער זיך אין עברית, — א שילד וואס פאר-שטעלט די פענצטער פון מיין דירה. וויל איך — טענהט ער, — וויסן, אויב ער האט אזא דערלויבעניש פון דער „עיריה"... היינטיקע צייטן, — מישט זיך אריין א דריטער ייד, ווען עס איז איצט אויפן הארצן פריילעך — ווען עס איז אזא וווינונגס-מאנגל אין תל-אביב, קען מען אויך, מיט אזא שילד בויען א נייע דירה...

נישט אלע אבער רעדן, אנדערע האלטן דאקומענטן און שווייגן. די באוועגונג פון דרויסן ווערט וואס אמאל שטארקער. אויך אינעווייניק, אין די ביוראס, קלאפן שוין די שרייבמאשינען פון אלע זייטן, און יעדער דא אין דרויסן, ווארט אויף זיין „תור". א פאליציסט האט אויסגערופן מיין נאמען, און אין א מינוט שפעטער האב איך זיך געפונען אין דער ביורא פון גענעראל-סעקרעטאר פון דער עיריה, יהודה נדיבי. אויף די ווענט הענ-גען אייל-בילדער, צווישן וועלכע מען קען זען די פריערדיקע בירגער-מייסטערס פון תל-אביב: מאיר דיזענגאף, דוד בלאך, א גרויס בילד פון ד"ר הערצל הענגט גלייך נעבן דעם בילד פון ענגלישן קעניג. יהודה נדיבי רוקט מיר צו א בענקל מיט א „בבקשה לשבת".

— ווי אזוי רעדן מיר, — פרעגט ער מיך, — עברית? אנגלית?

— ביידע, — ענטפער איך.

יהודה נדיבי מאכט א זייער סימפאטישן איינדרוק מיט אלע מאַנירן פון א געשולטן דיפלאָמאַט. איך האָב שוין אויף מיין „זשורנאַליסטישן געוויסן" א היפש ביסל אינטערוויוס מיט דיפלאָמאַטן, מיניסטאָרן, שטאַטסלייט, אפילו מלוכה-פרעזידענטן פון א גאַנצע רייע לענדער, און איך דערשמעק גלייך די „פּאָמפּע", וואָס אייניקע מאַכן, בעת אַן אינטערוויו און די געוועלנלעכע נאַטירלעכקייט פון די אַנדערע.

יהודה נדיבי צייכנט זיך אויס מיט דער רואיקייט און פּינקטלעכקייט מיט וועלכע ער ענטפערט אויף די פראַגעס און אין אַלגעמיין אפילו אין זיין אויסערלעכקייט, פאַרמאָגט ער אַריסטאָקראַטישעס. ער האָט א צייט לאַנג שטודירט אין אָקספאָרד, און רעדט טאַקע ענגליש, אָבער אָן פּאַראַדע...

איך, — שמייכלט ער גוטמוטיק, — האָב פאַר אייך באַשטימט אַן אינטערוויו מיטן בירגערמייסטער רוקח, אָבער ער האָט נאָר וואָס געמוזט אוועקפליען קיין אַמעריקע אין די אינטערעסן פון קרן קימת, אַזוי אַז אייך וועט אויפנעמען זיין פּאַרטרעטער, דער וויצע-בירגערמייסטער ה' א. ל. פּערלסאָן. א ווײַלע — און מיר זענען אריין אין כפּעציעלן צימער, וווּ עס איז געזעסן דער וויצע-בירגערמייסטער פון תל-אביב, א. ל. פּערלסאָן, א ליבלעך סימפּאַטישער מאַן, וואָס האָט מיך מכבד געווען מיט א שלום חבר... א. ל. פּערלסאָן איז אַן אָנגעזעענע פיגור אין דער „הסתדרות" און מען שמועסט וועגן אים א סך אַלס דער צוקונפטיקער „ראש עיריה" פון תל-אביב.

— לאָמיר עס נישט מאַכן אַזוי פיל אָפיציעל, — האָט חבר א. ל. פּערלסאָן געשמייכלט, — פאַרוואָס זאָלט איר עס אָנרופן אינטערוויו? לאָמיר זיך דורכרעדן ווי א ייד מיט א צווייטן ייד פון מרחקים... איר דאַרפט וויסן, — האָט א. ל. פּערלסאָן זיך צו מיר געווענדעט — אַז תל-אביב איז היינט צו טאָג די איינציקע שטאָט, וואָס האַלט זיך אויס פון די מסים (שטייערן) פון אירע בירגער. די „עיריה" קאָנצענטרירט איר אַרבעט הויפּטזעכלעך אויף די געביטן דערציאונג, געזונטהייט, היגיענע

און סאָציאַלע הילף. די מסים אונדזערע זענען פון אַלע מעגלעכע קוואַלן. אויסער דעם, וואָס יעדער בירגער צאָלט נאַטירלעך אַ מס פון זיינע פאַר־דינסטן ווי אין יעדער שטאָט, קומען נאָך צו מסים אויף דירות (נאָך דער צאָל פון דירות וואָס יעדער פאַרמאָגט), מסים פון עסן און האָטעלן און מסים פון שילדן, נאַטירלעך, זענען מיר איצט אונטער דער ענגלישער מאַכט באַשרענקט. (אונדזער אינטערוויו איז פאָרגעקומען אַ פּאָר טעג איידער די ענגלענדער זענען אַוועק, און האָבן שוין דאַן נישט געוואַגט צו קומען אויפמאָנען די שטייערן קיין תל־אביב)... אונדזער אינטערוויו האָט כסדר געהאַלטן אין איין פאַרלירן זיין אָפיציעלן כאַראַקטער, און וואָס אַמאָל מער געטראָגן אַ ריין אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער. מיר האָבן אין זינען געהאַט, — האָט א. ל. פערלסאָן ווייטער באַמערקט, — אַז אונדזערע פונקציעס פאַר דער צוקונפטיקער תל־אביב רבתי (גרויסע תל־אביב), וואָס וועט זיך פאַרגרעסערן צוויי מאָל ווי זי איז איצט שוין. איצט רעכענען מיר אַריין דריי קילאָמעטער צפון פון ירקון, „הקריה", „שכונת מונטיפיורו", „נחלת יצחק" און „שכונת תל־חיים" אַלס אַ טייל פון „תל־אביב רבתי". אונדזער ציל איז פאַרשענערן די שטאָט, איר אויס־פערלעכן אויסזען זאָל זיין אַ מוסטער ווי עס פּאַסט פאַר דער הויפּט־שטאָט פון אונדזער יידישער מלוכה.

— תל־אביב, — האָב איך אויף אַ ווייל איבערגעריסן דעם שמועס, — איז שוין איצט אַ שיינע שטאָט.

— זיכער, — האָט פערלסאָן געענטפערט, — זענען מיר צופרידן וואָס אונדזער שטאָט מאַכט אַזאַ פיינעם איינדרוק אויף אייך, — אָבער מיר האַלטן אונדזער אַרבעט ערשט אין אָנהייב. איר דאַרפט וויסן, אַז תל־אביב איז שנעל געוואַקסן, און יידן פון פאַרשידענע לענדער האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט יעדערער זיין געשמאַק, זיין סטיל פון דעם לאַנד וווּ ער האָט געוווינט. מיר מוזן איצט דערפאַר זאָרגן, אַז עס זאָל גע־שאַפן ווערן אַן איינהייטלעכער אויסזען פון דער שטאָט, וואָס זאָל איר געבן אַ פּאַסיקן פּנים. עס האַלטן זיך אין אויסבויען נייע געגנטן וועלכע מיר פאַראייניקן מיט דער שטאָט. דאָס מוז געטאָן ווערן פון אינזשע־ניערן־פאַכלייט, וואָס זאָלן פאַרבינדן איין געגנט מיט דער אַנדערער.

אזוי אויך איז מיט דעם אויסערלעכן אויסזען פון די הייזער, אַלייען, שפּאַציר-גערטנער, שפּיל-פּלעצער פאַר קינדער און עפנטלעכע פּאַרקן. זיי מוזן אַלע צוגעפּאַסט ווערן אַזוי, אַז זיי זאָלן האַרמאָניזירן מיט אונדזער פּובליקום און מיט זייערע פאָדערונגען.

געוויסע גאַסן, למשל, — האָט ער ווייטער באַמערקט, — וועלכע מיר האָבן בדעה אין צוקונפט צו פאַרוואַנדלען אין געגנטן ווו עס זאָלן זיך אײַנגאַנצן נישט געפינען קיין געשעפטן, זיי זאָלן בלויז זײַן פאַר מענטשן, וואָס וווינען דאָרט, און וועלכע ווילן זיך אָפּרוען נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין ביורא, פאַבריק, אָדער אַנדערע אַרבעטן, אויף דעם סיסטעם ווי איר געפינט עס היינט צו טאָג אין אַ סך גרויסע רוישיקע וועלטשטעט, — האָט ער אונטערגעשטראָכן — מיר פאַרמעסטן זיך זייער גרויס מיט אונדזערע צוקונפטיקע פּלענער, און דער איצטיקער רויש און באַוועגונג אויף די תּל־אביבער גאַסן, וועט זיכער מיט דער צייט פאַרגרעסערט ווערן.

אזוי איז דאָס אויך, — האָט ער ווייטער באַמערקט, — מיט די אַלע פונקציעס, וואָס מיר פירן דורך פאַר די אַריבער צוויי הונדערט טויזנט בירגער פון אונדזער שטאָט, וואָס וועט מיט דער איינוואַנדערונג פון נייע עולים, פאַרגרעסערט און אויסגעברייטערט ווערן, דאָס זענען: דערציאונג, קולטור, היגיענע, געזונטהייט, סאָציאַלע הילף, און אַ סך אַנדערע געביטן, וואָס וועלן להבא אויסוואַקסן מיט די טאָג-טעגלעכע באַדערפענישן פון די תּל-אביבער איינוווינער.

פאַרשטייט, — איך בעט אייך, — האָט א. ל. פּערלסאָן ווידער איבערגעריסן, — אַז דאָס רעדן מיר נישט פון איצט. פאַרגעסט אויף אַ ווייל, אַז תּל-אביב און אַזוי דאָס גאַנצע לאַנד געפינט זיך איצט אין אַ מלחמה און מיר זענען נאָך אין אַ סך פון אונדזערע פּלענער באַשרענקט... נאָך אַלעמען איז אונדזער מלחמה שוין אַ פאַקט. דאָרט, — האָט ער מיר דורך דעם פענצטער אָנגעוויזן דעם „בכּר מגן דוד", וועלכער איז אײַנגאַנצן אַ פאָר גאַסן ווייטער פון עיריה, דאָרט האָבן די תּל-אביבער בירגער אין דער נאַכט פון ניין און צוואַנציקסטן נאָוועמבער, באַשטימט די יידישע



דר. משולם לעווענטאן, משה פרענקל, פירער פון „מגן דוד אדום" אין דער באַגלייטונג פון
בירגערמייסטער ישראל רוקח, ריידן אויף אַ מיליטערישן פּאַראַד איבער די תל-אביבער גאַסן.

מלוכה און אונדזער גאנצער אפאראט, מיט אלע זיינע פונקציעס, זענען שוין פון לאנג צוגעגרייט געווארן, בכדי צו פארווירקלעכן דעם פלאן.

דער אפאראט פון דער גרעסטער יידישער שטאט, תל־אביב, האט פארשידענע פונקציעס, יעדע אפטיילונג פירט דורך אן אנדער פונקציע, און צוזאמען בילדן זיי א ריזיק־גרויסע מאשין, וואס ארבעט מיט דער גרעסטער פינקטלעכקייט, און ווו יעדער שרייפל געפינט זיך אויפן ריכטיקן פלאץ, און ארבעט צום טאקט. קודם־כל, קומט די ארבעט פון די אינזשעניערן, וואס זוכן צו פארשענערן דעם אויסזען פון דער שטאט: פלאנצן ביימער, פאראייניקן גאסן, פלאסטערן כבישים, אויסברייטערן וועגן, וועלכע פארבינדן תל־אביב מיט די פארשטעטלעך, אזוי, אז זיי זאלן נוצן פאר דעם טאג־טעגלעכן וואקסנדיקן פארקער און טראנספארטאציע, באזארגן די שטאט מיט וואסער און ליכט־אינסטאלאציעס, וועלכע ציען זיך איבער דער לענג און ברייט פון דער גרויסער שטאט און וועלכע מוזן כסדר פארלענגערט און אויסגעברייטערט ווערן.

זייט 1931, איז די וואסער־ליימונג אין תל־אביב פארגרעסערט געווארן אויף צען מאל אזוי פיל. אזוי איז אויך מיט באלויכטונג. תל־אביב האט וואסער און ליכט מיט דער גרעסטער שפע. מיט אירע וואסער־אינסטאלאציעס האט זי זיך נישט צו שעמען קעגנאיבער דער גרעסטער וועלט־שטאט. א באזונדערער סאניטארישער דעפארטאמענט, וואס האט דעם צוועק אויפצופאסן אויף די סאניטארע באדינגונגען פירט אויס זיינע פונקציעס מיט דער גרעסטער פינקטלעכקייט לויט די אנגעצייכנטע פארשריפטן. אין דער אפטיילונג געפינט זיך אויך א וועטערינארישער דעפארטאמענט פאר די שעכט־הייזער און יאטקעס.

זעקס און ניינציק כבישים אויף א שטח פון טויזנט מייל זענען אויסגעפלאסטערט געווארן פון דער עיריה. אויף די וועגן זענען געפלאנצט געווארן טויזנטער ביימער, גערטנער און אלייען, און עס איז אויך דערמוטיקט געווארן דאס פלאנצן ביימער און גערטנער דורך טויזנטער יחידים, אזוי, אז תל־אביב באדט זיך א גאנץ יאר אין א ים פון גרינסן, און די ביימער נוצן אויך אין די הייסע זומער חדשים פאר אפקילן זיך אין זייער שאטן. עס זענען געבויט געווארן אלייען און פארקן פאר שפאצירן

און אַפּרו, ספּעציעלע עפּנטלעכע קינדער-פּאַרקן, ווו קינדער האָבן די נויטיקע שפּיל-זאַכן. אַזוי זענען לעצטנס געפּלאַנצט געוואָרן, אַריבער דרייסיק טויזנט בוימער אין רשות הרבים פון תל-אביב. אויסער דעם, זענען אין אַנדערע געגנטן געפּלאַנצט געוואָרן בלומען און גערטנער, וועלכע זענען אַ צירונג פאַר דער שטאָט און פאַרשענערן איר אויסזען. ספּעציעל איז פאַרשענערט געוואָרן די גאַנצע לענג פון „ירקון", וואָס ציט זיך מיילן, און וואָס ווערט איצט וואָס אַמאָל מער אַריינגעקוועטשט אין שטאָט אַריין, אַזוי אַז די גאַנצע לענג פון ברעג פון „ירקון", האָט איצט באַקומען דעם אויסזען פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן ים־כטראַנד, וואָס נוצט פאַר אַ שפּאַציר, און אַפּרו-פּלאַץ אין די שבתדיקע טעג פאַר די תל־אביבער איינוווינער, און אין דער זעלבער צייט, איז ער אויך אַ באָד-פּלאַץ, פאַר טויזנטער מענטשן אין די הייסע זומער-טעג.

חינוך, און תרבות, (דערציאונג און קולטור) זענען פון די וויכטיקסטע פונקציעס פון דער עיריה. דער בודזשעט פון חינוך קאָסט דער שטאָט זיבן און צוואַנציק פּראָצענט פון איר אַלגעמיינעם בודזשעט.

צוויי און דרייסיק פאָלקס-שולן געפינען זיך אין שטאָטישע געביידעס, וועלכע זענען געבויט געוואָרן פון ספּעציעלע אַרכיטעקטן. און די אַנדערע געפינען זיך אין געדונגענע געביידעס. 30 פּראָצענט פון דער צאָל קינדער פון תל־אביב, לערנען נאָך אַלץ נאָכמיטאָג, ביז מ'וועט פאַר זיי אויסבויען נייע שולן. 700 תלמידים פון נישט-פאַרמעגלעכע עלטערן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין זייערע לימודים, לערנען שפּעטער אין די מיטעלע-שולן אויפן חשבון פון דער עיריה. די עיריה האָט אויך געגרינדעט שולן פאַר אַלגעמיינער און רעליגיעזער דערציאונג. זי גיט אויך אַ גאַנצע רייע סטיפּענדיומס פאַר תלמידים, וועלכע לערנען אין אַנדערע שולן, וואָס געהערן נישט צו דער עיריה. זי האָט אויך אויסגעברייטערט אין די שולן דעם אונטעררעכט פון פאַרשידענע פּראָפעסיעס: שלאָסעריי, סטאָלעריי, איינבינדעריי, נייען און „משק בית", (הויז-ווירטשאַפט). זי האַלט אויך אויס אַ ספּעציעלע פאַך-שולע, מיט זעקס קלאַסן, ווו עס לערנען הונדערטער תלמידים. אויסער דעם האָט זי שולן פאַר ספּעציעלע דערציאונג פון קינדער מיט שווערע פעלערן, טויב־שטומע און אַנדערע דע־

פעקטן, אָוונט-שולעס, פאַר די וועלכע אַרבעטן. אַ ספּעציעלע דערציאונג ווערט געגעבן פאַר די נייע עולים וועלכע האָבן וויניק אָדער אינגאַנצן נישט קיין ידיעות אין העברעאיש.

צוזאַמען מיט די שולן עקזיסטירן אויך געזונטהייטס-אינסטיטוציעס, פּסיכאָלאָגישע אָפּטיילונגען וואָס שטודירן די פעאיקייטן פון יעדן קינד, צו וואָס פאַר אַ פּראָפעסיע ער איז פעאיק. ער ווערט באַאָבאַכטעט פון דער פריסטער יוגנט אָן, כדי אַזוי אַרום צו וויסן זיינע פעאיקייטן. עס זע-נען אויך דאָ פאַרשידענע מועדונים פאַר קינדער, שפּיל-פּלעצער, ספּאָרט־פּלעצער, שפּייז-קיכן, וווּ די שטאָט גיט אַריבער צוויי מיליאָן מאָלצייטן אַ יאָר, ווי אויך קליידער און שיך. די עיריה האָט אויך אָן אָפּטיילונג וווּ קינדער ווערן צוגעגרייט פאַר בר-מצוה. ס'זענען אויך פאַראַן ביאָלאָגישע, און זאָאָלאָגישע מוזעאומס, און צענדליקער אַנדערע אינסטיטוציעס, וועל־כע האָבן איין ציל: צו דערציען אַ יונגן דור מיט אַ געזונטן קערפּער און ממילא אויך אַ געזונטע נשמה.

צו דער נעץ שולן וואָס די עיריה פאַרמאָגט, קומען נאָך צו שולן פון דער „אגודה למפעלי החינוך", וועלכע זענען אויך אָנגעשלאָסן אין דער עיריה. אַנדערע צוואַנציק חינוך־אינסטיטוציעס, וועלכע זענען נישט אָפיציעל אָנגעשלאָסן אין דער עיריה, באַקומען אויך אַ תמיכה פון דער עיריה. אַריבער צוויי און דרייסיק טויזנט פונט שטערלינג, גיט די עיריה, אויסצוהאַלטן די חינוך־אינסטיטוציעס. אויסער דעם, האָט זי אַ בודזשעט פאַר ביבליאָטעקן, פאָלקס-לעזע-זאַלן, אין אַלע געגנטן פון שטאָט, אַ בוד־זשעט פאַר טעאַטער, די וויכטיקסטע אין שטאָט מוזעאומס, און בתי זכרון, ווי, דער „בית ביאליק", „בית אחד העם", „בית מיכה יוסף לע-ווענסאָן", קולטור-הייזער, גן החיות, און אַנדערע אַזעלכע אינסטיטוציעס. יערלעכע סטיפּענדיעס ווערן אויך געגעבן צו תלמידים אין העברעאישן אוניווערזיטעט און אַנדערע הייכע אַנשטאַלטן. פרייע מגרשים (פּלעצער) האָט די עיריה געגעבן צו דעם „בית העתונות", „בית הסופר", „בית הצייר", „בית הרופא", „בית הילד", פון דער „וויצא".

אין דער קולטורעלער אַרבעט גייען אויך אַריין די פּרסים (פּרעמיעס), וואָס די עיריה גיט יאָר-יערלעך צו די וואָס צייכענען זיך אויס אין לי־

טעראַטור, אָדער קונסט, וואָס אַ סך שרייבער, מאָלער און קינסטלער, אויף פאַרשידענע געביטן, האָבן שוין באַקומען.

איצט קומט געזונטהייט, און היגיענע. אויפן ערשטן פּלאַץ פון געזונטהייט, וואָס די עיריה טוט פאַר אירע בירגער, איז דער שטאָטישער שפּיטאָל, וועלכער איז אין יאָר 1931 אַריבער פון דער „הדסה" צום רשות פון דער עיריה. פיר הונדערט דאָקטוירים, די בעסטע אין דער מעדיציניִשער וועלט, געפינען זיך דאָרט. אַ פּערסאָנאַל פון דערפאַרענע קראַנקן־שוועסטער און מעדיציניִשע אָפּטיילונגען מיט יעדער נייער דערפינדונג אויפן מעדיציניִשן געביט, געפינט איר אין דעם שטאָטישן שפּיטאָל. אין יאָר 1946 זענען צען טויזנט קראַנקע באַהאַנדלט געוואָרן אין די צען אָפּטיילונגען, וואָס דער שפּיטאָל פאַרמאָגט. עס געפינט זיך אויך דאָרט אַ ספּעציעלע שולע פון קראַנקן־שוועסטער.

צוליב דעם וווּקס פון דער שטאָט, האָט די עיריה איצט אָנגעצייכנט אַ פּלאַן פאַר אַ נייעם שפּיטאָל מיט טויזנט בעטן. דער פּלאַן איז שוין פאַרטיק, און באַלד הייבט זיך אָן די אַרבעט. די עיריה האַלט אויך אויס דיספּענסאַרן פאַר זויג־קינדער, און פאַר פרויען, וועלכע דאַרפן זיך באַראַטן מיט דאָקטוירים פאַר זייער געבורט. די עיריה האַלט אויך אויס אָפּטיילונגען פאַר דער אויפזיכט „פון קינד און מוטער". פאַרשידענע עקספּערימענטן ווערן געמאַכט אויף דעם געביט, כדי צו דערציִען אַ געזונטן דור. זעכציק טויזנט קינדער זענען דורכגעגאַנגען די קינדער־קליניקס אין אַ קורצע צייט, וועלכע האָבן צום גרעסטן טייל געליטן אויף אויגן־קראַנקייט. 71 טויזנט קראַנקע זענען באַהאַנדלט געוואָרן אין די פאַרשידענע מעדיציניִשע אָפּטיילונגען.

סאָציאַלע הילף איז אויך איינע פון די פונקציעס, וואָס דער אַפּאַראַט פון דער תל־אביבער עיריה פירט אויס. אין יאָר 1946 האָט דער בודזשעט פון סאָציאַלער הילף, באַטראָפן די סומע פון 365 טויזנט פונט קעגנאיבער דער סומע פון בלויז דריי טויזנט פונט אין יאָר 1933. פון דער סומע, זענען הונדערט צוואַנציק טויזנט אויסגעגעבן געוואָרן פאַר עלטערע, די אַנדערע גרעסערע העלפט איז אַוועק פאַר „טפול בילד" (קינדער פאַרזאָרגונג). אין דער סאָציאַלער הילף גייט אויך אַריין הילף פון



דער „מוגרבי" טעאַטער, אין תל־אביב.

געלט און שפּייז, קאָנסטרוקטיווע הילף, הילף פאַר קראַנקע, וועלכע קע-נען נישט אַרבעטן, פרייע וואַקאַציעס פאַר די קינדער אין די זומער-חדשים, מעדיצינישע הילף, אונטערשטיצונג פאַר פאָלקס-קיכן, טיי-סטאַנציעס, מושב זקנים, בית יתומים, הילף פאַר נייע עולים, כדי זיי צוצוגרייטן צו דעם נייעם לעבן, אינסטיטוציעס פאַר צוריקגעשטאַנענע קינדער, שולן פאַר זיי, ווו זיי זאָלן לערנען פאַכן, אַלגעמיינע פאַך-שולן. ספּעציעל איז די סאָציאַלע הילף פאַרגרעסערט געוואָרן ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אָנפאַלן פון די אַראַבער קעגן יידן, ווו צענדליקער איינ-וווינער פון „שכונת הספר” און „שוק הכרמל” האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע וווינונגען, און די עיריה האָט זיי באַדאַרפט באַזאָרגן מיט נייע וווינונגען.

צו דער סאָציאַלער הילף קען מען אויך צורעכענען דעם בוי פון נייע וווינונגען, וועלכע די עיריה האָט אויפגעבויט פאַר די נייע עולים. 1545 נייע וווינונגען פאַר נייע עולים און חילים משוחררים (באַפרייטע סאָלדאַטן) זענען היי-יאָר אויסגעבויט געוואָרן דורך דער עיריה. דאָס איז אַ טייל פון דעם צוגעגרייטן פּלאַן אויף צו בויען הייזער פאַר נייע עולים אויף גאָר אַ גרויסן מאַסשטאַב, וועלכן די עיריה האָט אויסגעאַרבעט און וועלכן זי הייבט איצט אָן צו פאַרווירקלעכן.

אָט דאָס זענען מער־ווייניק — פאַרענדיקט א. ל. פּערלמאַן, וויצע-בירגערמייסטער פון תל־אביב, — אַ טייל פון די פונקציעס, וועלכע דער ברייט-פאַרצווייגטער אַפּאַראַט פון דער עיריה פירט דורך פאַר דעם וווּל-זיין פון די בירגער פון דער גרעסטער יידישער שטאָט תל-אביב.

איך האָב אַ קוק געטון אויף דעם זייגער, די שעה וועלכע איז פאַר מיר באַשטימט געוואָרן איז שוין אַריבער מיט אַ פינף און צוואַנציק מי-נוט. איך האָב זיך אַנטשולדיקט, פריינטלעך זיך געזעגנט מיט דעם ווי-צע-בירגערמייסטער פון תל־אביב, מיט אַ להתראות!. „להתראות במדינת ישראל!” — האָט ער מיר אָפּגעענטפערט.

אַ באַזוך אין תל-אביבער פּאָרט

די וואַך אַרום תל-אביבער פּאָרט, איז יענעם טאָג געווען אַ שטרענ-גע. נאָך אַ וואָך פון שיסערייען פון דער יפוער זייט, ווו אַראַבער האָבן אויך באַנוצט אַרטילעריע, באַשיסנדיק ספּעציעל די געגנט פון פּאָרט. נישט געקוקט וואָס איך האָב געהאַט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש, האָט די פּאָרט-וואַך, ביי מיר דורכגעפירט אַ שטרענגע אונטערזוכונג.

— חביבי, — האָט צו מיר האַלב-ערנסט האַלב-שמייכלענדיק, גע־טענהט אַ סאַלאָניקער מאַטראָז, וואָס איז אויסער זיין געווער, געווען באַוואָפנט מיט אַ מעסער, וועלכער האָט אַרויסגעגלאַנצט פון דער הינ־טערשטער הויזן־קעשענע, ווי ביי אַן אַרגענטינער „גאַוטשאָ", — עס איז מלחמה, חביבי! מען ווייסט נישט ווער עס איז ווער...

מיין בריוו-טאַש מיט אַלע דאָקומענטן, האָב איך געמוזט איבערלאָזן אין וואַך-צימער, און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

דעם ערשטן ברוך-הבא, האָב איך באַקומען פון אַ פישער־קאָאָפּע-ראַטיווע פון באַפרייטע סאָלדאַטן, מנחם פוקס, פון פּרעראַו (טשעכאָ-סלאָוואַקיע), מנשה זיסקינד, מאַנפרעד קעניסבערג, מאיר לוביאַנסקי. אַלע אין קליידער פון דיגים (פישער). זיי האָבן מיר געהאָלפן אַרויפשפּרינגען אויף זייער מאָטאָר-שיפל, וואָס האָט מיך באַדאַרפט פירן כאַפּן אַ שפּאַ־ציר איבער אַלע אינסטאַלאַציעס פון פּאָרט, און פון דאָרט כאַפּן אַ בליק צום אָפענעם ים. אַלע ברייט-פּלייציקע הויכגעוואַקסיקע י ו נ ג ע בחו-רים. וואָס האָבן אין די איינפאַכע פישער-קליידער אויסגעקיקט אַ סך ברייטמער און צשוואַקסענער, די פּנימער באַדעקטע מיט סאַזשע און סמאָ־לע. האָבן זיך איצט אין אַ הייסן זוניקן נאָכמיטאָג געשפּיגלט אין דער זון. וואָס איז דאָ ביי דעם ברעג אַ סך שטאַרקער. געזינטע יאַטן, פון יע-דער באַוועגונג זייערער האָט געאָטעמט מיט זאַרגלאָזיקייט און פרייד. דאָס געזונטע אַרבעטנדע ארץ ישראל. יעדער פון זיי האָט מיר דערלאַנגט

א האַנט אויסגעשמירט מיט אויל און סמאָלע און איך האָב זיך אין זיי פּעסט איינגעקלאַמערט מיט א — „תודה, חברים!“.

דער מאַטאָר פון שיפל האָט אָנגעהויבן אַרבעטן, א פּאָר מינוט בלויז, און מיר שניידן זיך לאַנגזאַם דורך א וועג דורך צענדליקער באַלאַדענע שיפן פון אַלע סאָרטן. חברה ווילן מיר ווייזן אַלע אינסטאַלאַציעס, די הייב-מאַשינען, די אַנדערע איינריכטונגען און נאָכדעם: דערקלערט מיר איינער פון זיי, וועלן מיר מאַכן א טיול צום אָפענעם ים. פון ווייטן האָט מען געקאָנט זען דעם אָפענעם פּאָרט פון יפו, און אַפילו די רויכערנדיקע קוימענס פון צוויי גרויסע שיפן. איך האָב אָנגעשטרענגט מיין בליק אויף דעם ים-פלאַך, וואָס פירט צום יפוער פּאָרט און איינער פון דער חברה האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען מיינע געדאַנקען.

— אין דבר! איר דאַרפט זיך גאָר נישט שרעקן, די אַראַבער דאָרט האָבן יענע נאַכט געהאַט אַזעלכע מפּלות פון אונדזערע בחורים, אַז זיי זענען איצט זיכער פאַרקראָכן אין די מייזנלעכער, און אַפילו יאָ, איז וואָס? איר האָט נאָך נישט געשמעקט דעם ריח פון פּולווער דאָ אין ארץ? — ווינצלט ער זיך אויף מיין חשבון, און ווייזט מיר אויף דעם מאַשינען-געווער וואָס איז צוגעשרויפט צום מאָטאָר-שיפל.

דאָ הויבט ער מיר אָן דערקלערן די באַדייטונג פון יעדער ווינקל אין פּאָרט. דאָרט, — ווייזט ער מיר — ווערן אויסגעלאָדן סחורות, וואָס קומען אַהער, און דאָרט, — ווייזט ער מיר, — ווערן אויסגעלאָדן אַנדערע זאַכן. — דאָרט זענען די סקלאַדן, דאָ זענען די שלעפּ-מאַשינען. דאָרט איז די ים-פּאָליציי, וואָס פּאַטרולירט דעם פּאָרט און דאָרט ווידער, צאָלט מען מס (שטייער) פאַר די סחורהס וואָס מ׳ברענגט אריין, און אַזוי גייט כסדר איין אָפּטיילונג נאָך דער צווייטער. נאָכדעם קומט די געשיכטע פון דער קאָאָפּעראַטיווע זייערע, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געגרינדעט געוואָרן אויפן מוסטער פון אידערע אַזעלכע וואָס עקזיסטירן שוין יאָרן. די „שועלים“, „אופיר“, „מכמורת“. אַלע נאַטירלעך באַשעפטיקן זיך מיט כאַפּן פיש, אָבער עס מאַכט זיך אַמאָל, — שמייכלט דער געזונטער בחור, וואָס זעט אויס ווי א ריז, — אַז מען פאַרוואַרפט א נעץ אויף עפּעס אַנדערש, און מען כאַפּט עס...

— גלויבט מיר מען כאָפּט. ערשט, מיט אַ פּאָר טעג צוריק ביי־נאַכט, — קוקט ער אויף מיר און מאַכט איין אויג צו — מיר, געוועזענע קעמפּער, וואָס האָבן מאַקע געדינט ביי דער ים־פּלאָט, און האַנדלס־מאַרינע אין פאַרשידענע אַרמייען, ווייסן ווי אַזוי מען דאַרף אין אַ פינצטערער נאַכט אָפּטון אַ שטיקל אַרבעט, אָבער דערוויייל מוז מען שווייגן...

— הבינות? (פאַרשטאַנען?) — קוקט ער מיך ליבלעך אָן.

— בודאי! — צי איך מיין ענטפער.

מיר זענען אַרויס צום אָפענעם ים. אַ גרעסערע האַנדלס־שיף מיט אַ דענישער פאָן, האָט זיך איצט דערנענטערט צום פּאָרט, קומענדיק נענטער צו אונדזער מאָטאָר־שיפל, האָט זי אָנגעהויבן געבן סיגנאַלן. אַ סימן, זי וויל אַריין אין פּאָרט. פון ווייטן האָריזאָנט האָט זיך אַרויסגעשיילט דער קרייזלדיקער רויך פון אַנדערע צוויי שיפן. די חברה דערקלערן מיר אַז די צוויי שיפן פאָרן פון ביירוט קיין אַלעקסאַנדריע, זיי מוזן באַנוצן דעם־אָ וואַסער וועג, אין דער צוקונפט וועט אונדזער יידישער פלאָט האָבן עפּעס וועגן דעם צו זאָגן. אויב זיי וועלן מיט אונדז נישט וועלן לעבן בשלום.

די געשיכטע פון תל־אביבער פּאָרט, וואָס איז אַזוי שנעל אויסגעוואַקסן, איז כמעט אַזוי ענלעך צו דער געשיכטע פון גאַנצן ישוב. אין סאַמע מיטן פון די געשעענישן פון 1936, דאַן ווען די אַראַבער פון יפו האָבן כסדר געמאַכט אָנפאַלן אויף יידן, און סאַבאָטירט דעם יידישן האַנדלס־פאַרקער. זיי האָבן דערקלערט אַ פּאָרט־שטרייק, וועלכער האָט געדויערט זעקס מאָנאַטן צייט. דאַן איז געקומען דער פאַרלאַנג פון דעם ישוב פאַר אַן אייגענעם פּאָרט, אין דער הונדערט פּראָצענטיקער יידישער שטאָט. דער ערשטער שריט איז געמאַכט געוואָרן אין דער געגנט, ווו עס איז דאַן פאָרגעקומען די „לעוואַנט אויסשטעלונג", אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען פינף און דרייסיק לענדער, און וואָס האָט געהערט צו דער תל אביב דעוועלאָפּמענט קאָמפּאַניע", די געגנט איז פון דער „עיריה" געדונגען געוואָרן ביי דער רעגירונג פאַר דעם נייעם פּאָרט.

אין יוני פון יאָר 1940, ווען איטאַליע איז אַריין אין דער מלחמה, איז דער תל־אביבער פּאָרט געשלאָסן געוואָרן פאַר גאַנצע פיר יאָר צייט.



דער מחבר אויף אַ מאָטאָר-שיפֿל מיט יידישע מאַטראָסן, אין תּל־אביבער פּאָרט.



דער תל-אביבער פּאָרט.

דער גאנצער פארקער איז דאן פאקטיש אפגעשטעלט געווארן, אבער נישט קוקנדיק אויף די שוועריקייטן האט זיך דער פארט כסדר אנט־וויקלט, און היינט צו טאג באשעפטיקט דער תל־אביבער פארט איבער טויזנט ארבעטער. צו דעם קומען נאך צו די צאל־באאמטע, שיף־אגענטן, טראנספארט־אגענטן, פאליציי־וואך, און אנדערע וועלכע זענען באשעפ־טיקט ארום פארט, דערגרייכט די צאל אריבער פינף טויזנט, וואס ציען זייער חיונה פון תל־אביבער פארט.

דער תל־אביבער פארט, האט דער ענגלישער רעגירונג געבראכט א סך נוצן, נישט געקוקט וואס זי האט כסדר געשטערט דער אויסברייטע־רונג פון פארט. צוויי ענגלישע שיפן פון האנדלס־פלאט זענען געראטע־וועט געווארן פון דער יידישער מאנשאפט פון תל־אביבער פארט. די ענגלישע שיף „עמפייר קרעסט”, איז שטארק באשעדיקט געווארן פון א טארפעדא און די יידישע מאנשאפט פון פארט, האט זי ארויסגעראטע־וועט, די הויפט־קאמאנדא פון ענגלישן האנדלס־פלאט, האט דאן צוגע־שיקט א דאנק צו דער יידישער מאנשאפט,, וועלכע האט געראטעוועט די שיף, אין וועלכן עס זאגט זיך צווישן אנדערס:

„דא באקומט איר די סומע פאר דער רעטונגס־ארבעט, און מיר שיקן אייך דא א טיפן דאנק און אויסצייכענונג פאר אייער טאלאנט, פלייסיקייט, און שווערער ארבעט, אונטער דער פירערשאפט פון קאפי־טאן ליבערמאן. נאר צוליב אייער אפפערווילִיקייט, איז די רעטונגס־ארבעט געלונגען!”. אונטערגעשריבן אונטער דעם דאנק־בריוו, איז דער ענגלישער מיניסטעריום פון שוץ און האנדלס־פלאט.

אין כאמע מיטן קאמף צווישן די יידן און אראבער אין אפריל, האט דער ענגלישער זשורנאל „פעיער פלעי”, געשריבן אז אין תל־אביבער פארט גייט אן דער גרעסטער „בום” אין דער היסטאריע, א האלבע לענג קעגנאיבער דער שטאט אנקערן שיפן פון דער גאנצער וועלט. אין איין טאג — האט דער זשורנאל געשריבן — זענען צוגעקור־מען צום פארט צוואנציק שיפן. אלס ביישפיל פון דער אנטוויקלונג פון תל־אביבער פארט, איז וויכטיק דער פאקט, אז אין איין טאג זענען פון זעכצן שיפן אין תל־אביבער פארט אויסגעלאדן געווארן קרוב צו צוויי

טויזנט טאָן, און אויפגעלאָדן אויף די שיפן זענען יענעם טאָג געוואָרן זיבן טויזנט קעסטלעך מאַראַנצן און הונדערט טאָן אייער. דורכשניט־לעך קען מען רעכענען אַז אין תל־אביבער פּאָרט זענען טאָג־טעגלעך אַריינגעקומען אַ צוואַנציק שיפן. דאָס איז געווען ווען ענגלאַנד האָט נאָך אָנגעהאַלטן איר מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל. און זי האָט פאַר־שטייט זיך נישט געהאַט אַזאַ גרויסן אינטערעס, אַז דער פאַרקער אין תל־אביבער פּאָרט זאָל פאַרגרעסערט ווערן.

עס איז אויך וויכטיק דער פאַקט, אַז סוף פון יאָר 1942 ווען דער ענגלישער פלאָט האָט בסדר געליטן פאַרלוסטן, האָט אַ ספּעציעלע קאָ־מיסיע באַזוכט דעם נאָענטן מזרח כדי צו געפינען אַ פּאַסיקן פּלאַץ, ווו צו בויען מינען־ריינעקער.

נאָך אַ פולשטענדיקער אונטערזוכונג האָבן זיי באַשלאָסן, אַז תל־אביבער פּאָרט איז דער פּאַסיקסטער פּלאַץ פאַר דעם צוועק, און די יידישע פירמע ז. כהן, האָט פאַר זיי אויסגעבויט די צוויי מינען־קלוי־בער וואָס זענען אַרויסגעענדיקט געוואָרן אין אָנהויב פון יאָר 1943. אַרבעטער און מאַטעריאַלן האָבן דאַן אויסגעפעלט אין ענגלאַנד, און זי האָט ביידע באַקומען אין תל־אביבער פּאָרט. ווען די אַרבעט פון די צוויי שיפן איז פאַרטיק געוואָרן און זענען איבערגעגעבן געוואָרן דעם ענגלישן פלאָט, האָבן זיי באַקומען די ברכה אין העברעאיש — „סעו בשלום!״ (פאָרט געזונטע!) אַ יאָר שפּעטער איז איינע פון זיי, נומער 311, געקומען פאַר אַ פריינטלעכן וויזיט קיין תל־אביב, נאָכדעם ווי זי האָט אַ יאָר צייט אָנטיילגענומען אין מלחמה־אָפּעראַציעס, און האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ סך בעסער געבויט, ווי די וועלכע זענען געבויט געוואָרן אין די ווערקשטאַטן פון דעם ענגלישן פלאָט. יעדער שטיקל פון די צוויי מינען־קלייבערס, פון קלענסטן שרייפל ביז צו די ריזיקע מאָ־טאָרן און אַלע איינריכטונגען זענען געמאַכט געוואָרן מיט ארץ־ישראלער מאַטעריאַלן און ריינע „תוצרת הארץ״.

אויב יידן האָבן דאַן נאָך אין יאָר 1942, געקאָנט אויסבויען שיפן פאַר ענגלאַנד, איז פאַרשטענדלעך, אַז זיי קענען היינט צו טאָג פאַר זיך אַליין אויסבויען אַ סך בעסערע און גרעסערע שיפן.

איבער די תל־אביבער קאַפע־הייזער

אין די תל־אביבער קאַפעען קענט איר זיך אַמבעסטן באַקענען מיט ייִדן פון אַלע עקן וועלט. דאָרט קומט צום אויסדרוק די ספּעציפישע אייגנשאַפט, וואָס ייִדן פון פאַרשידענע לענדער האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט קיין ארץ ישראל. אַ געמיש פון אַמאָליקער ווינער קאַפע־הויז, געמיטלעכקייט און בודאַפּעשטער ציגיינער־מוזיק; פון דעם אַמאָליקן „אונטער דען לינדען" קאַפע „שטאַם גאַסט", וואָס האָט אייך אונטערגעטראָגן דעם קלינגענדיקן גוט מאָרגן! זופּענדיק זיין טאַסע קאַפע, האָט ער ליידנשאַפטלעך דורכגעלייענט די גאַנצע פרימאָרגנדיקע צייטונג, וועלכע דער קעלנער האָט אים הכנעהדיק אונטערגעטראָגן. דאָ האָט מען דעם גוטמאָרגן פאַרביטן אויף שלום! און מען נעמט זיך אַליין די צייטונגען.

תל־אביבער קאַפעען זענען נישט בלויז פאַר אונטערהאַלט און פאַרווײַלונג אַליין. פאַראַן קאַפעען וווּ מען פירט דורך געשעפטלעכע טראַנזאַקציעס, פּאָליטישע באַראַטונגען, ליטעראַרישע ענינים. איבערהויפּט אין דער צייט פון דער ענגלישער אָקופּאַציע, זענען די קאַפעען געווען דער פּלאַץ פאַר געהיימע באַראַטונגען, פון פאַרשידענע ריכטונגען, און בכלל גיבן די קאַפעען צו דער שטאָט אַן אויסערלעכן און אינערלעכן פאַרב און קאָליר, אויסגעבויטע מיטן געשמאַק פון אַ געמיש פון אייראָפּעאישער מאָדערניסטיק און אָריענטאַלישן סטיל און צוגעפּאַסטע רעקלאַמעס, כמעט אַלע מיט ווערענדעס צו דער גאַס.

פריהערדיקע יאָרן, זענען די קאַפעען אין גאַנצן מזרח, געווען טיפּיש אָריענטאַליש. די צווייטע עליה פון פּוילישע ייִדן האָט געענדערט דעם אויסזען פון די תל־אביבער קאַפעען, מער באַוועגונג און רירעוודיקייט. מיט דער „עליה חדשה" פון די דייטש־רעדנדע לענדער, האָט די צאָל קאַפע־הייזער אַ וואַקס געמאַן צוזאַמען מיט די קאַפע־באַזוכער, אַזוי, אַז היינט צו טאָג קען מען זאָגן, פאַרנעמט תל־אביב מיט אירע קאַפע-

הייזער פּראָפּאָרציאָנעל לויט אירע איינוווינער, דעם ערשטן פּלאַץ אין דער וועלט.

די סיבות זענען אין ערשטער רייע בכלל דאָס זיצן אין קאַפעען זייער פאַרשפּרייט אין די מזרח-לענדער; צווייטנס, איז דאָס צוליב דער ענג־שאַפט פון די היימען, ווו יעדער אַנטלויפט בעסער אין קאַפע־הויז; דריטנס, ווי אין יעדער אימיגראַציע־לאַנד, זענען אויך קיין ארץ ישראל געקומען די גרעסטע צאָל בחורים, וואָס אַנטלויפן ביי דער ערשטער גע־לעגנהייט פון איינזאַמען בחורישן צימערל אין קאַפע-הויז, ווו מעז גע־פינען זיך צווישן יידן. אויסער דעם, איז יעדער ארץ ישראל־ייד אַ גע־שמאַקער לייענער, באַזונדערס די דייטש-רעדנדע יידן. פאַר צען גרוש אין אַ קאַפע, האָט ער אַ געלעגנהייט אויסצולייענען די גאַנצע ארץ ישראל־פּרעסע אין קאַפע־הויז, וואָס מאַכט אים אַ סך ביליקער אויס.

יעדער געגנט פאַרמאָגט אַן אַנדערן סאָרט קאַפע, ווו עס בייטן זיך אַ פאָר מאָל אין טאָג די באַזוכער. די קאַפע־הייזער, וואָס האָבן אַ צוגאָב אַ „מסעדה", דאָס איז אַ האַלבע קאַפע-הויז און אַ האַלבער רעסטאָראַן. אָדער קפה־צמחוניה, — דאָס איז אַ האַלבע קאַפע און אַ האַלבער וועגע־טאַריאַנער רעסטאָראַן. אָדער „נקניקיה וקפה", דאָס איז אַ קאַפע, ווו איר קענט באַקומען ווורשט אויפן אַמעריקאַנער סיסטעם, אפילו „כלבים חמים" (האָט דאָגס), דאָרט קענט איר אַ חוץ קאַפע אויך איבערבאַפן דאָס האָרץ.

עס זענען פאַראַן קאַפעען פאַר שאַך־שפּילער, פאַר ברידזש-שפּילער. און אויב עס איז אייך גוט אויפן האַרץ, קענט איר אין אַ טייל תל-אביו־בער קאַפעען אפילו כאַפּן אַ טענצל אונטערן קלאַנג פון דזשאַז־אָרקעס־טער, וואָס שפּילט ריין ארץ ישראלדיקן דזשאַז, אפילו אַ „סווינג" און אַ „באָגי באָגי" — ריין תוצרת הארץ.

ווען איר גייט פאַרמיטאָג פאַרביי מוגרבי, דאָס ווינקל ווו עס הייבט זיך אָן „רחוב ביאַליק", אַ פאָר שריט פון מוגרבי-טעאַטער, זעט איר ווי אויסגעפּוצטע דאַמען צו אַ באַנקעט, גייען נאָר-וואָס אַרויס פון „סלון היופי" מיט אַ פריש־געבאַקענעם סלסול תמידי (פּערמאַנענטע אָנדולאַ־ציע) און שפּיציק רויט־געפאַרבטע נעגעלעך, זיצן אויף דער וועראַנדע

פון קאפע „נוגה", זופן געמיטלעך א קאפע און הערן זיך צו רואיק צו אן ארקעסטער, וואס שפילט „ווין, ווין, נור דו אליין". א צווייטע קאפע פון דעם סארט איז דאס קאפע „ניצא", אויף בן יהודה. דארט טרעפט איר אין די בייטאג-שעהן, צום גרעסטן טייל פרויען אנגעטאן נאך דער לעצטער מאדע און עס דאכט זיך אייך, אז דאס זענט איר אריינגעפאלן אין א „טריקאטאזש-פאבריק"...

פון וואס א שטייגער רעדן די פרויען? און בכלל, ווער זענען זיי? זייט זיכער, אז פון גאר הויכע ענינים רעדט מען דארט נישט. אין א פארדייטשטן העברעאיש, אדער האלב דייטש און האלב העברעאיש, רעדט מען וועגן די לעצטע מאדעס, וועגן א רייזע קיין אייראפע דעם זומער, אין דער שווייץ, אדער פראנצעסבאד, און אז די ווארט-זאגערין פון די מאדעס אין תל־אביב, איז נאר־וואס צוריקגעקומען פון פאריז, מיט די לעצטע מאדעס. דאס זענען צום גרעסטן טייל פרויען פון גוט-שטייענדיקע געשעפטסלייט, מערסטן געקומענע מיט דער „עליה חדשה" פון די אייראפעאישע לענדער, אימפארטערס, וואס מאכן אין ארץ ישראל נישט קיין שלעכטע געשעפטן, און אין וועלכע דאס לאנד נייטיקט זיך, פונקט ווי אין ארבעטער. נאכאלעמען קען מען א לאנד נישט אויפבויען מיט ארבעטער און אידעאליזם אליין. שטעלט אייך פאר, ווי אזוי א קיבוצניק קוקט אויף אזא סארט קאפע, און אויף די מענטשן פון דארט... איך האב אמאל ספּעציעל געמאכט א באגעגעניש מיט מיינעם א באקאנטן קיבוצניק אין אזא קאפע, כדי צו זען וואס פאר אן איינדרוק אזעלכע סצענעס וועלן אויף אים מאכן. אין אנהייב איז ער געווען נערוועז, עפּעס האט ער זיך געפילט אומבאקוועם און נישט זיכער, אבער באלד האט ער מיר איינגערוימט אין דער שטיל: איך קען דא נישט זיצן, איך קען נישט זען אט די „פאראזיטישע לײדיקגייער". נא־דיר אן אנשיקעניש — האט ער גע־טענהט, — נישט אומזיסט רופט מען תל-אביב „תל אוו בלאף"... ווען איך זאל האבן מאכט — האט ער ווייטער געטענהט, — וואלט איך זיי געשיקט אין קבוץ אקערן און זייען.

א פּאר גאסן אוועק, אויף שדרות ראטשילד און אלענבי, געפינט זיך דאס קאפע „שדרות". דארט פירט מען ווידער דורך געשעפטלעכע טראנ־

זאקציעס, ווער עס קויפט אָדער ווער עס פאַרקויפט אַ מגרש, אַ הויז, אָדער גלאַט אַזוי אַ מסחר. די באַזוכער זענען דאָרט צום גרעסטן טייל סרסו־רים (מעקלערס), וואָס פירן דורך געשעפטלעכע טראַנזאַקציעס. אָבער איר געפינט דאָרט אויך די בעלי־בתים פון די מגרשים, אָדער הייזער. דאָ קענט איר אויך געפינען קבלנים (קאָנטראַקטאָרס) וואָס נעמען אָן די אַרבעט פון בויען אַ הויז, אָדער אינסטאַלירן עלעקטריק און וואַסער־ליי־טונג. איר קענט דאָ אויך קויפן אַ דירה אין אַ „בית־משותף" אָדער דינ־גען אַ געשעפט אָדער אַ דירה.

אין קאַפע „פּאַלאַטין" אויף הערצל־גאַס און אין „רמה", דאָרט ווי־דער איז די בערזע פון דיאַמאַנטן און אויסלענדיש געלט. די לעצטע טעג פון דער ענגלישער אָקופּאַציע, פונקט דאַן ווען ענגלאַנד האָט אַרויסגע־וואָרפן ארץ ישראל פון דעם סטערלינג־בלאָק, האָט די יידישע בערזע זיך אָפּגערעכנט מיט דעם ענגלישן פונט, און אים געהאַלטן אין איין אַראָפּ־וואַרפן... נאָכדעם קומען קאַפע־הייזער מיט אַזעלכע נעמען ווי „דינה", „דיצה" „מחיה נפשות", „טעם גן־עדן", „אררט", „שניר", „פאר", „פינתי", „עטרה", וואָס האָט צווייגן איבערן גאַנצן לאַנד, „תבור", „בוסנאי", אַ קאַפע־הויז וואָס איז געעפנט געוואָרן פונקט דאַן, ווען אין לאַנד זענען פאָרגעקומען די צוזאַמענשטויסן צווישן די יידן און אַראַבער, אַ קאַפע וואָס האָט אָפּגעקאָסט איבער אַ מיליאָן פונט, און איז אויס־געבויט מיטן שענסטן לוקסוס און פּראַכט, אַז אפילו אין פּאַריז, אָדער ניו־יאָרק, וואָלט אַזאַ קאַפע אַרויסגערופן באַוווּנדערונג. אַן אינטערעסאַנ־טער ווינקל איז אויך דער ביר־קעלער, וואָס רופט זיך „מרכז הבירה", אויף אַלענבי פינת יונה הנביא. דער בעל־הבית, פעניגשטיין, אַ פרומער ייד מיט אַ ווייס־פּאַטריאַרכאַלישער באָרד, וועלכן די דייטשע עולים רופן מיט דעם צונאָמען „דער ליבער הער גאָט". דער ביר־קעלער איז ביי זיי אַ מין טרעף־פונקט, וווּ מען באַגעגנט זיך. „וויר טרעפען אונז ביי דעם ליבען הער גאָט" — קענט איר אָפט הערן צווישן די יעקעס אין תל־אביב.

די תימנים האָבן זייערע אייגענע קאַפע־הייזער. צווישן זיי איז אינ־טערעסאַנט דאָס קאַפע „שרעבי" אויף דעם נאָמען פון מקובל שלום שרע־בי, וואָס געפינט זיך אין „כרם התימנים", וווּ איר קענט זען אַזעלכע סצע־

נעס, ווו עס קומען תימנישע יידן מיט קויל־שווארצע בערד און פאות, און נאך שווארצערע ברענענדע אויגן, זיצן אויף אלע פיר און רויכערן די גארגילא, און אונטערן קרייזלדיקן רויך, רעדט מען וועגן קבלה און גמט־ריאות, וואס באווייזן בפירוש, אז ד״ר הערצל ז״ל איז געווען דער אמתער משיח. איצט קומען די קאפע־הייזער פון שפת הים, וואס זענען אפט אויך האלבע מסעדות, ווו איר קענט אפילו אין די הייסע זומער־חדשים בא־קומען א קאיומע אויף איבערצוטאן זיך, כדי צו כאפן א שווים, און די לוקסוס־קאפעען, ווו מען זיצט אויף די ווערענדעס, אין שאטן פון די מילדע מחיהדיקע ים־ווינטלעך, וואס בלאזן פון אפענעם ים. דאס זענען ווידער שוין קאפעען פון גרויסע האטעלן ווי „גן רימון", דער האטעל פון אריסטאקראטן און דיפלאמאטן און אנדערע עדלעכע קאפעען, וואס ציען זיך איבער דער גאנצער לענג פון ירקון ביים ברעג ים. דא קענט איר אין די פריוויט־פארנאכטן און שבת פארמיטאג, געפינען די גאנצע עלי־טע פון תל־אביב.

די ליטעראַרישע קאפעען און קיביצאַרניעס אין ארץ ישראל זענען דאס אינטערעסאנטסטע ווינקל פון ישוב, ווי אין אלע שרייבערישע קא־פעען זענען די שרייבער דארט נישט אליין: מאלער, צייכנער, זינגער, אר־טיסטן, פקידים, געוועזענע שרייבער, איצט פארטיי־פירער, חסידים פון דעם אדער יענעם שרייבער, יונגעליים וועלכע האבן אנגעהויבן שרייבן, און זוכן אן הסכמה פון דעם אדער יענעם שרייבער, אויסלענדישע קאָ־רעספאנדענטן, אדער סתם געסט וואס קומען אהין, זוכן אטמאספערע.

אזוי שנעל ווי איר טרעט נאר אריבער אזא מין קאפע, דערפילט איר דעם ברויזנדן אומרואיקן טעמפעראמענט פון די וואס וואנדערן פון טיש צו טיש און זוכן עפעס... אפילו פון די וואס זיצן פארטיפט אין צייטונגען, אין מאנוסקריפטן אדער די, וואס פירן א געמיטלעכן שמועס ביי א גלעזל קאווע, שפורן פון אמאליקן בערלינער ראמאנען־קאפע, פון א פאריזער רעטאנדע, און אפילו פון ניו־יארקער קאפע „ראיאל".

א פאר שריט פון „מוגרבי"־טעאטער, אין סאמע צענטער פון קאָ־ביקן תל־אביב געפינט זיך דאס קאפע „גינתי". דאס איז דער אריסטאָ־קראטישער קאפע־הויז, ווו עס פארברענגען בשותפות שרייבער, קינסט־

לער, רעגירונגס־באַאַמטע און די תל-אביבער אינטעליגענץ. דאָרט בייט זיך דאָס פּובליקום אַ פּאָר מאָל אין טאָג; נאָך מיטאָג באַגעגנט איר דאָרט גלאַט אינטעליגענטע באַזוכער וואָס קומען אַהין כאַפּן אַ שמועס ביי אַ גלעזל קאַפע; פאַרנאַכט־צו קענט איר ביי די טישלעך באַגעגענען דעם דיכטער יעקב כהן, ווו ער פּראַוועט אַ טיש פאַר זיינע חסידים, רעדט גע-ציילטע ווערטער מיט הומאָר; אפילו אין זיין אָנטאָן קענט איר אויך גלייך באַמערקן אַז ער איז אַ קפדן.

שנעל ווי אַ ווינט, באַווייזט זיך די שלאַנקע פיגור פון ד״ר עזריאל קאַרלבאַך, דער רעדאַקטאָר פון „ידיעות מעריב״. ער שפּרייזט אַ פּאָר מאָל דורך דאָס קאַפע, כאַפּט שווייגנדיק, על רגל אחת אַ קוק אויף אַלע־מען און פאַרשווינדט ווידער.

באַלד באַווייזט זיך די שטיל־פאַרחלומטע פיגור פון ז. סעגאַלאָוויטש: ער זעצט זיך אַוועק אייגער אַליין און קוקט אויף אַלע זייטן ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט... אַ פּאָר דייטש-יידישע זשורנאַליסטן, מיטאַרבעטער פון „ידיעות חדשות״ און „הארץ״ פירן צווישן זיך אַ שמועס, אַ געמיש פון עברית און דייטש.

י. מ. ניימאַן, דער אַמאָליקער חשובער מיטאַרבעטער פון „היינט״, וואָס קוקט אויס ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער, שמעקט אַרום אַלע טישלעך, כדי אויסצוגעפינען אַ פּאַסיקן פּלאַץ ווו זיך אַנידערצוזעצן, אָבער ער באַשליסט ביי זיך שנעל, אַז נישטאָ אַזאַ טיש און פאַרשווינדט.

אַ פּאָר אַרטיסטן פון „הבימה״ רעדן וועגן זייער געפּלאַנטער רייזע קיין אַמעריקע, דווקא אין יידיש. מ'וויצלט זיך אויפן חשבון פון די אַמע־ריקאַנער עמי־הארצישע אַלרייטניקעס; עס באַווייזט זיך די קליין-געוויק-סיקע פיגור פון דוד ורדי, און חברה, ווי זיי וואָלטן זיך אויף אים אַרויפ-געוואָרפן — ורדי, וואָס איז דער נייער וויץ פון טאָג? און איידער וואָס־ווען, לאַכט מען שוין...

אין גאַנצן טומל שפּרייזט זיך בנעימותדיק ווי אַ חסידישער רבי, אַ פיגור אָן אויסגעאיידלט פּנים מיט ווייכע פריינטלעכע סאַמעט־אויגן און לאָזט זיך גלייך צו מיר. — אַ גאַסט אין ארץ ישראל און קענסט נאָך נישט מרדכי גאַטפּריד?... ווייסט אוודאי נישט אַז נחום סאָקאָלאָוו האָט מיך

אָנגערופן „קל שבקלים”... צוליב דער לייכטקייט פון מיין סטיל... באַלד איז ער מיך מכבד מיט אַ מתנה — דאָס זענען בלויז אַ צענטל טייל פון מיינע חבורים; איך צייל אָפּ צוואַנציק קליינע בראָשורן. צווישן זיי אַזעלכע מליצהדיקע נעמען „מוחי ולבי”, „שירי קודש”, „תפילת הנש־מות”, „זמר נשמתי”, „מראות וחזיונות”, „תמונות קוסמולוגיות”.

ביי די טישלעך באַווייזט זיך „ח.נ.א”, וואָס האָט אין ארץ באַקומען דעם נאָמען „חנא הידוע”, מיט זיינע צוויי קלאַפּטערדיקע פיס און באַ־קלאָגט זיך וואָס קיינער דערקענט אים נישט... — ס'טו געזען אַ מעשה... ווי זיי בלאָזן זיך... מ'דערקענט גאָר נישט חנאן, געוואָרן גרויסע מענ־טשן...

די ריין-ליטעראַרישע קאַפּעען און קיביצאַרניעס געפינען זיך אויף ככר דיזענגאָף, וואָס איז שפּעט ביינאַכט אַזוי ענלעך מיט זייער אויס־זען צו דעם ניו־יאָרקער קינסטלער פּערטל גרינדיזש ווילעדזש, אָדער פּאַ־ריזער פּלאַס דע אָפּעראַ. „כסית” איז אַ קאַפּע מיט אַ ריין קינסטלערישער אַטמאָספער. דער בעל־הבית פון כסית, כאַצקל, האָט געוויסע ענלעכקייטן צו הערמאַנען פון קאַפּע „ראָיאַל”, אין ניו־יאָרק. כאַצקל, דערציילט מען, איז געווען קעלנער ביי ד״ר חיים וויצמאַן, און איצט, ווען ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַן אייגענעם קאַפּע, איז ער אַן אמתער „נאַש בראַט” מיט דער גאַנצער שרייבערישער משפּחה. חברה, וואָס האָבן אַמאָל נישט אויף קיין אָונגט־מאָלצייט, און דאָס פּאַסירט אָפּט, עסן ביי אים אויף באָרג, אויף „לכשירחיב”... אין „כסית” פירט דער דיכטער א. שלונסקי די מלוכה. געווען אַ צייט ווען צווישן אים און אורי צבי גרינבערג איז אָנגעגאַנגען אַ מלחמה וועגן דער דיכטער־קרוין פון פּאָעזיע אין ארץ יש־ראל, ווען אורי צבי גרינבערג האָט באַקומען די פּרעמיע פון דער שטאָט תל־אביב פאַר זיינע לידער איז די מלחמה פאַרשטאַרקט געוואָרן; אורי צבי גרינבערג איז אַריבער אין קאַפּע „תמר” אויף רחוב אחד־העם, און קומט איצט זעלטן אין „כסית”. די מלחמה איז, פאַרשטייט זיך, נאָך אַלץ נישט פאַרענדיקט... אַרוםביידע קעמפנדיקע דיכטער האָבן זיך גע־שאַפן צדדים. די קאַפּע האָט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש אָפן צו האַלטן אַ גאַנצע נאַכט. נאָך האַלבער נאַכט קענט איר דאָרט געפינען אַ גאָר אינ־

טערעסאַנטן פּובליקום, שרייבער פון אַלע רעדאַקציעס, טענצערינס וואָס זענען נאָר וואָס געקומען פון חוץ לאָרץ, אָדער די וואָס גרייטן זיך צו פאָרן — ווער קיין פּאַריז, ווער קיין פּראַג, אָדער ניו-יאָרק; מאָלער, צייכנער, אַקטיאָרן פון „הבימה", פון „אוהל", פון „מטאטא", „לי לו לה". אַט זיצט ביי אַ לאַנגן גרויסן טיש חנה ראַווינאַ, וואָס איז ערשט נאָר־וואָס געקומען פון אַ „הבימה"-פאָרשטעלונג און פאַרגייט אין אַן אמת־רבייאישן דביקות און זינגט חסידישע ניגונים מיטן אמתן התלהבות, און דאָס גאַנצע קאַפע זינגט מיט. עס דאַכט זיך אייך, אַז מיטאַיינמאָל געפינט איר זיך גאָר ערגעץ־ווו ביים רבינס טיש, אין אַ קליין היימיש שטעטל. חנה ראַווינאַ זינגט אַ סטראָף און נאָך איר בציבור — אַלע.

„כסית" איז אויך דער פּלאַץ פון די, וואָס שניידן זיך אויף קינסטלער. צוקונפטיקע און געוועזענע טענצערינס, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט צייטונגס-אויסשניטן. יונגעלייט וואָס האָבן אָנגעשריבן אַ ליד אָדער אַ דערציילונג און קומען דאָ אַהער זוכן די הסכמה פון אַ שרייבער; אַזעלכע וואָס קומען זיך אַהער וואַרימען און אַזעלכע וואָס זענען טאַקע דאָ פאַרברענט געוואָרן פון צופיל וואַרימקייט. אַט זיצט ביי אַ טישל נתן אלתרמאַן, דער שרייבער פון „טור השביעי", אין „דבר", וואָס איז אַזוי באַליבט ביים ארץ ישראלדיקן לייענער, און לייענט פאַר זיין „טור השביעי", וואָס וועט דערשיינען אין אַ וואָך אַרום. דער רעוויזיאָניסטישער שריפטשטעלער אחי מאיר, היצט זיך ביי אַ טישל וועגן אַן אויפרוף, וואָס שרייבער האָבן אונטערגעחתמעט; אייזיק רעמבאַ, דער רעדאַקטאָר פון „המשקיף", העלפט אים אונטער. ביי אַ צווייטן טישל זיצן די מיטאַרבעטער פון „משמר", זיי שווייגן צוערשט, אָבער פון צייט צו צייט מאַכן זיי אַ וויציקע באַמערקונג, און דער עולם אַרום לאַכט גוטמוטיק; אויך דער צעהיצטער אחי מאיר ווערט רואיקער; אַט באַווייזט זיך יהודה גאָטהעלף. געהילפס-רעדאַקטאָר פון „דבר", וואָס קוקט אויס ווי אַ ספרדישער ייד, הערט זיך צו צו די באַמערקונגען, וואָס מען וואַרפט זיך צו איינער דעם צווייטן פון די טישלעך — נישט דאָ, חברים, מישט ער זיך אריין — פּאַרטיי־מלחמה פירן מיר אויף די שפּאַלטן פון אונדזערע צייטונגען, נישט אין קאַפע — נכון! הערן זיך אויסרופן פון אַלע זייטן.

א פּאָר שריט פון „כסית״ געפינט זיך דאָס קאַפע „קנקן״, דאָרט איז תמיד אַן ענגשאַפט און איר מוזט לאַנג וואַרטן ביז איר באַקומט דאָרט אַ טישל — אַ ליטעראַרישע קיבעצאַרניע פון גרינינטש ווילעדזש, דאָרט טרעפט איר שטענדיק דעם יידישן דיכטער פּאַפּיערניקאָוו, צוזאַמען מיט דעם דיכטער אַלכסנדר פּען, אָנגעטאָן ווי אַ רוסישער אָפיציר מיט שטיוול פון הויכע כאָלעוועס; מען רעדט וועגן אַ ליד פון אַ יונגן דיכטער, וואָס איז מיט אַ פּאָר טעג דערשינען אין אַ ליטעראַרישער זאַמלונג און איר דערהערט דאָ אַ קריטיק וואָס איז אַזוי ענלעך צו „קאַפע ראָיאַל״... באַלד קומען אַריין יונגע חברה מיט אַ געפּילדער, מען פאַרכאַפּט די אָפּגעליידיקטע טישלעך, אויף וועלכע איר און אַנדערע האָבן געוואַרט אַ שעה צייט... אַ זיד־אַפריקאַנער טוריסט, וואָס איז דאָ־אַהער געקומען זוכן אַטמאָספער, פּראָטעסטירט, אָבער מיר באַרואיקן אים — צברות... אַזוי זענען זיי, און מען מוז זיי מוחל זיין... באַלד צעזינגען זיי זיך אין די נייע מלחמה־לידער און אַפילו דער אויפגערעגטער זיד־אַפריקאַנער האָט אויך הנאה. לאַנג בלייבן זיי נישט. מיט אַן אויסערגעוויינלעכן אימפּעט הייבן זיי זיך אויף פון די פּלעצער, באַצאָלן און שרייען אויפן קול — נלך לכסית!

פונקט קעגנאיבער געפינט זיך דער „סאַמאָוואַר״, ווו עס ווערט דורכגעפירט אַ יידישער פּראָגראַם, אַ געמיש פון אַ קאַבאַרעט און קאַפע; דאָרט ווערט דורכגעפירט אַ בשותפותדיקער פּראָגראַם פון יידיש און העברעאיש (שפּעטער איז דער נאָמען פאַרביטן געוואָרן אויף „אמנות״). ככר דיזענגאָף איז דער פּערטל פון תל־אביבער נאַכט־לעבן.

אויסער אין די קאַפע־הייזער קענט איר די שרייבער־משפחה טרעפן אין אַ סך אַנדערע פּלעצער, אין קאַפע „שניר״. אויף אַלענבי איז ביז מיט אַ צייט צוריק געווען די רעדאַקציע פון „גליונות״, דאָרט פּלעגט דער רעדאַקטאָר, דאַכט זיך, יצחק למדן, האָבן זיינע רעדאַקציע־שעהן, ווו ער פּלעגט אויפנעמען די מיט־אַרבעטער זיינע; אַ סך שרייבער אין ארץ ישראל זענען ליבהאָבער פון קאַפע, למשל דער באַרימטער שריפטשטעלער יעקב פיכמאַן, ווייסט יעדער, אַז ער האָט ליב צו שרייבן אין די שטילע ווינקעלעך פון די תל־אביבער קאַפעען.

אין „תמר", אויף אחד העם, פינת שיינקין, טרעפט איר ווידער א ספעציעלע גרופע שרייבער. אין א באשטימטער שעה קענט איר דארט טאג-טעגלעך טרעפן דעם בארימטן דיכטער אורי צבי גרינבערג, ראובן גרויסמאן, דער אמעריקאנער געבוירענער דיכטער, וואס וווינט אין ארץ ישראל, וועלכער האט ארויסגעגעבן אן אנטאלאגיע פון אמעריקאנער פאעזיע און וועלכער האט פארלוירן זיין איינציקן זון, נועם, אין דער איצטיקער מלחמה, דארט טרעפט איר אויך דיכטער און אדוואקאטן, וואס האבן א שוואכקייט אומטערצווינגדיקן מיט דער פען; דער דיכטער שניאור ז. כאסין, א צייט לאנג געלעבט אין ניו־יארק, וועלכער האט אנגעשריבן א בוך געדיכטס-לידער „טרערן און געלעכטער". אדוואקאט ד"ר זילבערג, דעם דייטש-יידישן שארפזיניקן הומאריסט סעמי גראנעמאן, וואס האט שוין געהאט א חזקה אויף די ציוניסטישע קאנגרעסן צו פיגורירן אלס ריכטער און האט ערשט נישט לאנג ארויסגעגעבן זיינס א זאמלונג מיט נאמען „מזכרונותיו של יעקי".

א באזוך אין בית ביאליק

פונקט קעגנאיבער דער עיריה, אין סאמע צענטער פון שטענדיקרוישיקן און קאכעדיקן תל-אביב, אויף דער גאס וואס טראגט טאקע דעם נאמען פון פארשטארבענעם משורר, דערהייבט זיך מאיעסטעטיש דער „בית ביאליק", ווו עס געפינט זיך די גייסטיקע ירושה פון חיים נחמן ביאליק ז"ל, וואס איז היינט צו טאג דער „אבן השואבת" פון גאנצן ישוב. יידן אין גאנץ ארץ ישראל דערציילן זיך נאך ביזן היינטיקן טאג די פלאי פלאים פון דעם ערן-בירגער פון דער ערשטער יידישער שטאט; יעדע באוועגונג זיינע, יעדעס ווארט, יעדע שיחת חולין איז פרעזערווירט געווארן לדורות צווישן אלע קלאסן יידן פון ישוב. א זעלטענע ליבע און פארערונג איז פארבליבן אין ארץ ישראל צו דעם פארשטארבענעם העברעאישן דיכטער, חיים נחמן ביאליק ז"ל.

די ליבע צום נאציאנאלן דיכטער איז כמעט ביי אלעמען געווען ענג

פארבונדן מיט דער ליבע צום יידישן היימלאנד, וואס ח. נ. ביאליק האט אויפגעוועקט ביי דער יידישער יוגנט בכל תפוצות ישראל. מיט זיין תחזקנה אויף די ליפן זענען זיי געקומען פון די פארוואָרפנסטע ווינקלען פון דער וועלט, געטראָגן זיך איבער שטורמישע ימען, אויף אומלעגאלע שיפן צו די ברעגן פון ארץ ישראל, און איצט טראָגן זיי זיך ווי די אמאליקע מכבייער איבער די פראָנטן און פארטיידיקן מיט זייער בלוט דעם יידישן כבוד מיטן זעלבן תחזקנה!

און דערפאר איז חיים נחמן ביאליק ז"ל אזוי טיף איינגעבאקן אין די הערצער פון גאנצן יידישן פאָלק, וואס וועט אים קיינמאָל נישט פארגעסן. נישט געקוקט אפילו ווי אזוי דאָס יידישע לעבן וועט זיך אויספאָרמירן אין דער צוקונפט אין די גלות-לענדער, וועט חיים נחמן ביאליק שטענדיק פארבלייבן דער נאציאָנאַלער יידישער דיכטער.

מען דערציילט אין תל־אביב, אז בעת חיים נחמן ביאליק האט געבויט זיין הויז, אייגנטלעך איז צו דער ארבעט אָנגעשטעלט געוואָרן דער בארימטער אינזשעניער מיגור, אָבער ביאליק אליין האט געגעבן דעם פלאן. א סך יידן — דערציילט מען — זענען טאָג-טעגלעך געקומען אים געבן עצות... און מ'דערציילט אויך אז ער האט זיך גערן צוגעהערט צו אַלעמענס עצות, און אז נאָך ביי זיין לעבן איז דאָס הויז שוין נישט מער געווען א רשות היחיד. יעדער ייד האט דאָרט שוין דאן געהאט א חלק. בפרט איצט, נאָכן טויט פון נאציאָנאַלן דיכטער, איז דער „בית ביאליק" דאָס „בית האומה" פארן ישוב און פאר אַלע יידן בכל תפוצות הגולה. א מין פאָלקס-ירושה פארן גאנצן יידישן פאָלק.

גאנצע צוועלף צימערן פארמאָגט דאָס „בית ביאליק". יעדער צימער האט הינטער זיך א באזונדערע תקופה אינעם לעבן פון נאציאָנאַלן דיכטער. אין בלויען צימער האט ער אויפגענומען ווייטע פריינט און שרייבער-געסט. איצט געפינט זיך אין דעם צימער די ביבליאָטעק, וווּ איר קענט טאָג-טעגלעך זען זיצן איבער ביכער הונדערטער מענטשן לייענען און אנדערע וועלכע נישטערן און זוכן וויכטיקע מאטעריאַלן פאר זייערע ווערק. יעדן טאָג קומען דאָרט צו נייע ביכער. דאָס גרינע צימער, וואס איז געווען דאָס שפייז-צימער פון פארשטאָרבענעם דיכ-

טער, איז איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון די אגודת הסופרים. דאָרט קענט איר אָפט טרעפן די באַרימטע העברעאישע שרייבער, אַ סך פון זיי די נאָענטע פריינט פון חיים נחמן ביאַליק ז״ל. דאָרט שאַפן זיי זייערע ווערק; פון דעם צימער פלעגט שטראַלן פרייד איבער גאַנץ תל־אביב; דאָרט פלעגט מען פראַווען שמחות כיד המלך מיט אמתן ברייטן פאַר־נעם, איבערהויפּט איז דאָרט געווען פריילעך שמחת תורה, ווען ח. נ. ביאַליקס נאָענטע קאָלעגן און סתם יידן פלעגן טאַנצן ביזן העלן טאָג אריין און פון דאָרט אויך מיטטראָגן מיט זיך דאָס געזאַנג איבער די תל-אביבער גאַסן.

אויפן זעלבן גאָרן געפינט זיך דער אַרכיוו פון ח. נ. ביאַליקס ירושה, כתבי־יד און בריוו-מתנות פון אַלע וועלט־טיילן; אין אַ קינסטלעריש אויס-געשטאַטן אייזערנעם קאַסטן געפינען זיך בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון יענעם טאָג אָן ווען ער האָט געלערנט אין ישיבה ביז זיין לעצטן טאָג. אַריבער זעכצן טויזנט בריוו האָט ער געשריבן און עלף טויזנט האָט ער באַקומען פון דער גאָרער וועלט. דאָס איז אַ גאָר וויכטיקער בייטראָג צו דער „תקופת ביאַליק״. דריי הונדערט כתבי-יד, זעכצן הונדערט ביל־דער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר איינע פון די וויכטיקסטע אַלבומען אין דער וועלט; בילדער פון ח. נ. ביאַליק צוזאַמען מיט באַרימטע וועלט-שרייבער, מיט העברעאישע שרייבער, צווישן זיי אויך אַ בילד פון טאָל־סטאָי און ח. נ. ביאַליק, און אַ רייע קונסט-מאָלערייען, וועלכע סימבאָ-ליזירן דעם דיכטערס טעמעס, געמאָלן פון באַרימטע וועלט־מאָלער. איי־נע פון זיי, וואָס ציט באַזונדערס די אויפמערקזאַמקייט, איז די מאָלעריי „המתמיד״, אין וועלכער דער מאָלער האָט קינסטלעריש אַרויסגעבראַכט דעם בענקענדיקן אויסדרוק פון ישיבה-בחור און די שוואַרץ-פאַררויכערטע ווענט פון בית־המדרש.

אַ צווייטע מערקווירדיקע אויפשריפט, אונטער אַ ריזיק־גרויסן פאָר־טרעט פון ח. נ. ביאַליק איז די אויפשריפט פון מאָלער: „דו, מענטשן-זון! דו האָסט געזען דיין פאָלקס אונטערגאַנג און זיין לייד, זאָלסטו אויך זען זיין אויפגאַנג און פרייד״... אַ שאָד וואָס דער נאָמען פון דעם מאָ־לער, וועלכן איך האָב פאַרנאָטירט, איז פאַרלוירן געגאַנגען. דאָרט געפינען

זיך אויך זיבן פילמען וועגן די וויכטיקסטע מאָמענטן פון זיין לעבן, א מתנה פון פאַרשידענע יחידים און פילם־געזעלשאַפטן.

אויף טרעפּ־ארויף אויפן צווייטן שטאָק אין פאָרצימער געפינט זיך דאָס בוך פון די באַזוכער, ווו יעדער וועלכער באַזוכט דאָס „בית ביאַ־ליק" מוז פאַרשרייבן דעם נאָמען און אויב ער וויל, אויך עפּעס א צו־גאָב... דאָס בוך פאַר זיך אַליין איז איינס פון די אינטערעסאַנטסטע לעק־סיקאָנס. דאָ זענען שוין פאַראַן פינף טויזנט אונטערשריפטן און באַמער־קונגען פון יידן פון דער גאַנצער וועלט. אונטערשריפטן פון קינדער מיט א באַזונדער קינדערישער ליבשאַפט צום פאַרשטאָרבענעם דיכטער. ח. נ. ביאַליק איז, ווי באַקאַנט, געווען א גרויסער ליבהאָבער פון קליינע קינדער און ער פלעגט מיט זיי אָפט פאַרברענגען. אָט האָט איר אַן אונ־טערשריפט פון קאַפּיטאַן נאָרמאַן הערצל, וועלכער האָט מיט אַן ערך צוויי יאָר צוריק באַזוכט ארץ ישראל און א יאָר שפּעטער נאָך זיין באַזוך איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין ניו־יאָרק. אָט האָט איר די אונטערשריפט פון גלאַט א ייד מיט טענות אלם צוגאָב. „מיר יידן, — שרייבט דאָרט דער ייד אין זיין באַמערקונג — דאַרפן האָבן אזא גענעראַל ווי גאַנדי אָדער חרון אל ראשיד"... א צווייטער גאַסט, וואָס איז לויט זיין אונ־טערשריפט, פון נאָרד־אַפריקע, גיסט־אויס זיין ביטער האַרץ נעבן דער אונטערשריפט אויף די פּאַרטיי־רייסענישן, וואָס הערשן איצט אין ארץ ישראל... איר זעט דאָ פאַקטיש, אַז דאָס פאָלק איז אזוי געווען איינגע־ליבט אין דעם פאַרשטאָרבענעם דיכטער, אַז אפילו נאָכן טויט קומט מען אויסרעדן זיך די שווערע הערצער פאַר אים, פּונקט ווי גלויביקע חסידים קומען צום קבר פון זייער רבין.

דורך א זייטיקער טיר קומט מען צו דער רייכער פּריוואַט־ביבליאָ־טעק פון ח. נ. ביאַליק. פון דאָרטן טאָר קיינער נישט ארויסנעמען קיין בוך. דאָרטן געפינען זיך דריי טויזנט פיר הונדערט ביכער, אַלע אויפן זעלבן אָרט ווו עס האָט זיי איבערגעלאָזט דער משורר, אַלע פון זיי יקר־מציאות, וועלכע ער האָט דערוואָרבן מיט שווערער מי און אָנשטרענגונג. 2.000 פון זיי זענען פערזענלעך פון די מחברים געווידמעט ביאַליקן. דאָרט זעט איר אויך נייגצן בענד כתבי־ביאַליק, די באַרימטע דע לוקס־אויס־

גאבע פון „ועד היובל" אין בערלין, וועלכע מען קען היינט צו טאָג מער נישט באַקומען. מען זעט דאָרט אויך גאַנצע צוויי און פערציק איבערזע־צונגען פון ח. נ. ביאַליקס ווערק, אָנהויבנדיק פון זשאַבאָטינסקיס רוסי־שער איבערזעצונג ביז פּראָפעסאָר קאַטוזשעס יאַפּאַנישע איבערזעצונג. די גאַנצע סעריע פון ביאַליקס ספרי לימוד, אַרויסגעגעבן פון „מוריה"־פאַרלאַג אין אָדעס, דער ספר אגדה אין רוסיש, יידיש, ענגליש, דייטש, ספרי קודש, תלמוד, משנה שירים פון מיטלאַלטער, צענדליקער בענד פון „השלוח", וועלכן ער אַליין האָט רעדאַגירט. גאַנצע זעכצן טויזנט אַרטיק־לען פון די פינף און דרייסיק טויזנט וועלכע ח. נ. ביאַליק האָט אין זיין לעבן געשריבן.

פון דאָרט קומט איר אין מוזעאום, וואָס איז אַ מין פאָלקס־אַרכיוו. אַלעס איז דאָ אַזוי צוזאַמענגעשטעלט, אַז די פאַרב פון די ווענט האַר־מאָנירט מיט די זעלטענע אוצרות, וואָס געפינען זיך דאָרט. אונטער גלע־זער באַשיצט קענט איר זען דעם מאַנוסקריפּט פון זיין ערשטן ראָמאַן אין די ישיבה־טעג פון וואָלאָזשין. אָט האָט איר די כתבי־יד פון „אל הצפור", פון „המתמיד", פון „אם יש את נפשך לדעת". און אָט איז זיין לעצטער „שיר פרידה", אַ נומער פון דער צייטונג „הארץ", וואָס ביא־ליק האָט געלייענט אין די לעצטע מינוטן פון זיין גסיסה. איר זעט דאָרטן אפילו די תקנות (סטאַטוטן) פון אַ שטילער אָרגאַניזאַציע, וועלכע ח. נ. ביאַליק האָט געגרינדעט מיטן נאָמען „נצח ישראל", וועלכע האָט געהאַט דעם צוועק צו דערמוטיקן די חלוצישע באַוועגונג צווישן דער יידישער יוגנט אין די גלות־לענדער. הונדערטער בריוו פון יידישע קינדערלעך פון וואַרשע, לאָדזש, קאָוונע, לעמבערג, באַצירט מיט פאַפּירענע פייגעלעך און מגן־דודלעך, וואָס קינדישע הענטלעך האָבן מיט אַ הייליקן ציטער אין די הערצער געמאָלן און געשיקט זייערע ברכות צום גרעסטן יידישן דיכטער. גאַנצע פּעק בריוו פון פאַרערער פון אַלע וועלט־טיילן. צוזאַמען מיט צענדליקער ספר־הזהבם און יער הערצל דיפּלאָמען. די דעקלאַראַציע פון דער תל־אביבער עיריה וואָס מאַכט אים פאַרן ערשטן ערן־בירגער פון שטאָט צו זיין זעכציק־יעריקן יובל, מיט דער אונטערשריפט פון ראש עיריה, דיזענגאָף; דער דאָקטאָר־דיפּלאָם, פון מדרש לחכמת ישראל אין

ניו־יאָרק, פון בית מדרש לרבנים אין אַמעריקע; אַן ערן־דיפּלאָם פון שפּאַ-נישן אוניווערזיטעט, קונסט-בילדער פון באַרימטע וועלט-מאָלער: פּאַס-טערנאַק, גליקסבערג, ליפשיץ; בילדער ווי אַזוי ביאַליק האָט אויסגעזען אין זיינע יונגע יאָרן, אין די באַרימטע אָדעסער טעג; מיט יידישע און העברעאישע שרייבער.

און אָט איז ח. נ. ביאַליקס באַרימטער שטעקן, וועגן וועלכן גאַנץ ארץ ישראל דערציילט אַזוי פיל מעשיות, ווען ביאַליק האָט אים איינמאָל פאַרלוירן און דורך אַ מודעה אין די צייטונגען צוריק געפונען. און אָט איז דאָס לעצטע תנב״ל, וואָס ביאַליק האָט געלייענט פאַר זיין טויט; און די מאַסקע, וואָס מ׳האָט אַראָפּגענומען פון זיין פּנים נאָך זיין טויט.

איך געפין זיך אין ביאַליקס אַרבעט-צימער און אַ מיסטישער געפיל נעמט מיך אַרום. מיר דאַכט זיך, ווי פון ערגעץ-ווו וויגט זיך אין דער אַרומיקער הייליקער שטילקייט דער פאַרבענקטער גמרא-ניגון פון ח. נ. ביאַליקס „המתמיד״. דער שרייב־טיש שטייט אויפן זעלבן אָרט ווי אין די לעצטע טעג, ווען ער האָט אים פאַרלאָזט. קיינער האָט אים נישט גע־וואַגט אָפּצורוקן. אַ תנ״ך, אַ פּען, עטלעכע פאַרגעלטע נישט געענדיקטע בריוו ליגן נאָך אויפן טיש. זיין באַרימטע ליולקע ליגט נאָך אויפן שטול. עס ליגט דאָרט אויך אַן אויסשניט פון אַ צייטונג, אַ שאַכטל שוועבעלעך. מען קוקט אויפן ליידיקן שטול און עס דאַכט זיך, אַז ח. נ. ביאַליק איז בלויז פאַרשוווּנדן אויף אַ ווייל, אַוועק אין מוזעאום. אָט באַלד קומט ער צוריק פון דאָרט און וועט זיך צוריק אַוועקזעצן דאָ אויף זיין שטול.

איך שטיי מינוטן לאַנג און קוק מיט אַ געפיל פון יראת הכבוד אויף דער מאַסיווער שטול... און פאַר מיר וואַקסט איצט אויס די ריזיקע גע-שטאַלט פון ח. נ. ביאַליק ווי איך האָב אים געזען אויף אַ פאַרזאַמלונג אין ניו-יאָרק. און מיר דאַכט זיך, אַז איך הער זיין קרעפטיקע שטימע, וואָס האָט דאַן אין זיך געהאַט אַ מאָדנעם קלאַנג, ווי ער איז דאַן גע-שטאַנען אויף דער בינע ווי אַ נביא און געשטראָפט די וווּלגאַרע עם-הארצותדיקע אַמעריקאַנער יידן.

„איש לפי כוחו זלזלתם. סבאתם. שגלתם. אכלתם עולמכם, אכלתם משיחכם. ומה לכם עוד"...

פון מוזעאום האָבן פלוצים מוזיק־קלאַנגען איבערגעריסן מיינע פּאַר־טיפטע געדאַנקען. דער באַרימטער זייגער האָט אויסגעקלונגען 12 און געשפּילט די התקוה...

העברעאישער טעאַטער אין ארץ ישראל

דער העברעאישער טעאַטער אין ארץ־ישראל האָט אין די לעצטע יאָרן דורכגעמאַכט ענדערונגען פּונקט ווי דער ישוב אַליין. ארץ־ישראל איז נישט מער היינט צו טאָג אין יענער „חלוצישער תקופה". זינט דעם יאָר 1933 איז דאָס לאַנד געוואָרן אַן אימיגראַציע־לאַנד פון אַ פאַרשידנ־אַרטיקן עלעמענט און שטעלט מיט זיך פאָר איצט אַ מין „שמעלץ־טאָפּ", וואָס האַלט ביים פאַרשמעלצן די טויזנטער ניי־געקומענע יידישע אימי־גראַנטן מארבע פינות העולם. אמת, אַלע זענען באַזעלט מיט איין אי־דעאַל און מיט איין גלויבן, אָבער יעדער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַנ־דערע ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון דעם לאַנד, אין וועלכן ער איז גע־בוירן און יאָרן לאַנג געלעבט. די פאָדערונגען פון דעם איצטיקן יידישן אימיגראַנט אין ארץ־ישראל זענען גאַנץ אַנדערע ווי די פאָדערונגען פו־נעם אַמאָליקן חלוצישן טיפּ, וועלכער איז געקומען אין לאַנד מיט אַ חלו־צישער אידעאָלאָגיע צוגעגרייט נאָך אין די גלות־לענדער.

ממילא האָט דער טעאַטער געמוזט שאַפן די נויטיקע קאָמבינאַציע צווישן די „ותיקים" און דעם איצטיקן נייעם אימיגראַנטן־שטראָם. דער טעאַטער אין ארץ־ישראל איז היינט פאַרן ניי־געקומענעם דער פאַרבינ־דונגס־פּונקט מיט דער העברעאישער קולטור, שפּראַך און ליטעראַטור. דאָס העברעאישע טעאַטער מוז אויך דערביי אינזינען האָבן דעם געשמאַק פון דעם פאַרשידנאַרטיקן פּובליקום. אויב אַ ייד, פון וואַנען ער זאָל נישט קומען, געפינט זיך שוין אין ארץ־ישראל, דאַרף מען אים פון דער בינע נישט מער געבן ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע.

אזוי האָט זיך אין די לעצטע יאָרן געשאַפן אין ארץ-ישראל אַ פאַר־שידנאַרטיקער העברעאישער טעאַטער, וואָס באַפרידיקט יעדן סאָרט טעאַטער-גייער.

גאַנצע פינף טעאַטערס פאַרמאָגט ארץ-ישראל. יעדער פון זיי האָט זיך זיין סאָרט פובליקום, בעסער געזאָגט, יעדער פון זיי האָט זיין אייגנאַרטיקן רעפּערטואַר פאַר אַ ספּעציעלן טיפּ טעאַטער-גייער.

דעם ערשטן פּלאַץ אין טעאַטער פאַרנעמט די באַרימטע „הבימה". זינט איר ערשטן אויפטריט דאָ, און שפּעטער, נאָכדעם ווי זי האָט זיך אויף שטענדיק באַזעצט אין ארץ ישראל, האָט די „הבימה" אויסגעבילדעט אַ בעסערן העברעאישן טעאַטער-עולם. פון יענער צייט, ווען די „הבימה" איז, אין 1913, אַ יאָר פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה, אויפגעטראָטן ביים ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין, אין אָסיפּ דימאָווס „אייביקן וואַנדערער (היהודי הנצחי), ביז היינט, איז די „הבימה" אויסגעוואַקסן צו אַ וועלט־באַרימטן טעאַטער, וואָס האָט שוין נישט איינמאָל טריאומפירט אין די גרעסטע אייראָפּעאישע שטעט און געלויבט געוואָרן פון די אנערקענטסטע קריטיקער. די גרופּע פיאָנערן פון מאָדערנעם העברעאישן טעאַטער, וועמענס לערער עס זענען געווען סטאַניסלאַווסקי און וואַכטאַנגאָוו, אין מאָסקווע, האָבן נישט בלויז אויסגעבויט דעם מאָדערנעם העברעאישן טעאַטער, נאָר זיי האָבן אַ גרויסן חלק אין דער אויפּלעבונג פון דער העברעאישער קולטור אין די לעצטע 30 יאָר.

אין די יאָרן צווישן 1925 - 1928, נאָך איר גרויסן זעקס-יאָריקן דערפאָלג אין מאָסקווע, האָט די „הבימה" געמאַכט אַ טורנע איבער אמעריקע און אייראָפּע, באַזוכט 22 לענדער און אין 125 שטעט געגעבן קרוב צו 2.000 פאָרשטעלונגען. אַזאַ טורנע איז געווען די בעסטע פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער העברעאישער שפּראַך און קולטור אין די גלות-לענדער, געוועקט דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פון די יידן אפילו אין די האַלב און גאַנץ-אסימילירטע לענדער.

דער שרייבער פון די שורות דערמאָנט זיך, וואָס פאַר אַן איינפלוס די פאָרשטעלונגען פון דער „הבימה" האָבן געהאַט אין די יאָרן 1930 - 1931 אויף דער אסימילירטער דייטש-יידישער יוגנט אין דער דייטשער

הויפּטשטאָט. דער אָנהייב פון שפּעטערדיקן היטלעריזם האָט זיך שוין דעמאָלט גוט געפילט אין דייטשלאַנד. די דייטש-יידישע יוגנט וואָס האָט זיך דאַן געפילט ביטער אַנטוישט און אָנגעווייטיקט, זענען די פאָרשטעלונגען פון דער „הבימה", דאָס לעבעדיקע העבּרעאישע וואָרט, פאַר זיי אין יענע שווערע טעג, געווען אַ טרייסט און אַן אָנזאָג פון אַ ניי לעבן אין אַן אייגענעם לאַנד.

אַ סך פון יענע צושויער ביי די פאָרשטעלונגען אין בערלין און אין אַנדערע שטעט אין אייראָפּעאישע לענדער געפינט איר היינט צו טאָג אין ארץ ישראל און די פאָרשטעלונגען פון דער „הבימה" זענען געווען די, וואָס האָבן זיי צו דעם באַוויגן.

זינט פעברואַר 1931, ווען די „הבימה" איז צום צווייטן מאָל געקומען קיין ארץ ישראל, כדי זיך צו באַזעצן, איז דער רעפּערטואַר באַרייכערט געוואָרן מיט די בעסטע ווערק פון יידישע, העברעאישע און וועלט-באַרימטע דראַמאַטורגן, וואָס האָבן נישט בלויז באַגייסטערט דעם טעאַטער-גייער אין ארץ, נאָר אים דערצויגן צו אַ בעסערן געשמאַק. די „הבימה" האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו באַלעבן אויף דער בינע די העראָאישע מאָמענטן פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע, אַרויסברענגענדיק דערביי דעם גלאַרייכן יידישן עבר, מיט אַן אויג צו די ענדערונגען, וואָס זענען די לעצטע יאָרן פאָרגעקומען אין לאַנד, האָט די „הבימה" געשאַפן אַ מין קאָמבינאַציע פון עבר, הוה און עתיד.

דורכבלעטערנדיק דעם רעפּערטואַר פון דער „הבימה" זינט זי איז אין 1931 געקומען קיין ארץ ישראל, זיך צו באַזעצן, קענט איר געפינען אַ פילפאַרביקע גאַלעריע פון וועלט-באַרימטע דראַמאַטורגן ווי בערנאַרד שאָו, סאָמערסט מאָהאַם, מאָליער, פראַנטשישעק לאַנגער, ליאָן פויכטוואַנגער, אומבערטאָ נאָטרי, ראָמאַן ראָלאַן, האַנס שייער, עמיל בערהאַרד, דזשאָן גאַלסוואָרטי, גדינוואַוד, שעקספּיר, קאַרל טשאַפּעק און אַנדערע. דאָס זענען די פּיעסן מיט אַ וועלטלעכן אינהאַלט, אַ צוגאָב צו איר שטענדיקן ריין-יידישן רעפּערטואַר פון שלום-עליכם, ח. נ. ביאַליק, פּרץ הירשביין, אַנסקי, לייוויק. צווישן זיי אַ היפּש ביסל איבערזעצונגען פון יידיש. די פּיעסן פון די וועלט-באַרימטע דראַמאַטורגן זענען גע-

געבן געוואָרן, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, בכדי צו קענען באַפרידיקן די באַדערפעניש פון דעם נייעם אימיגראַנטן־שטראָם, וואָס איז שוין אַהערגעקומען מיט אַ פאַרשטענדעניש און בעסערן געשמאַק פאַר אַזעלכע קינסטלערישע אויפפירונגען.

דער צווייטער העברעאישער טעאַטער אין ארץ ישראל איז דער „אוהל". ער איז געשאַפן געוואָרן מיט דער מיטהילף פון דער „הסתדרות" און זיין רעזשיסאָר איז משה הלוי. „אוהל" איז אַ ריין אַרבעטער-טעאַטער מיט אַ סאָציאַלער טענדענץ און ברענגט על פי רוב צום אויסדרוק דעם קלאַסן־קאַמף. ער ספּעציאַליזירט זיך אין פאָרשטעלונגען פאַר אַ יונגערן טעאַטער-גייער, וואָס האָט צווישן זיך אַ גאָר גרויסן טייל „צברות", דער צווייטער דור פון לאַנד. פאַר זיי זענען פרעמד אַזעלכע סצענעס פון „קדוש השם" אָדער אַנסקים „טאָג און נאַכט". דאָס איז פאַר זיי אַן אומפאַרשטענדלעכע וועלט. דער רעפּערטואַר פון „אוהל" איז, ווי מען זאָגט אין אַמעריקע, „פיפטי פיפטי" — העלפט אָריגינעלע פּיעסן פונעם ארץ ישראלדיקן לעבן און די אַנדערע העלפט איבערזעצונגען. מיט אַ צייט צוריק האָט דער „אוהל" געשפּילט „בר-כוכבא" און נישט געהאַט קיין דערפאָלג. דאָס איז געווען פּשוט דערפאַר, ווייל פאַר דעם יונגען ארץ ישראלדיקן טעאַטער-גייער דאַרף מען נישט באַווייזן קיין יידישע העלדן, כדי אים צו פריידיקן ציוניזם און העלדישקייט. ער זעט דאָס טאָג-טעגלעך אין יידישן רעאַלן לעבן, נאָך פון זיין קינדהייט. אַזוי האָט אויך אַ פּיעסע מיטן נאָמען „דן השומר" פון ארץ ישראלדיקן לעבן און מיט מוזיק פון ארץ נישט געהאַט קיין דערפאָלג, ווייל די טיפּן זענען אים צו נאָענט. אויסער דעם וויל די יידישע יוגנט אין לאַנד זען אַן אַנדער לעבן און נישט זיין איזאָלירט אין אירע באַגריפן. דערפאַר אָבער האָבן די פּיעסן גאָלדפאַדענס „מכשפה" און די האָלענדישע קאָמעדיע „מעשה בחיט" געהאַט דעם בעסטן דערפאָלג אין „אוהל". און נישט קיין ערגערן דערפאָלג האָבן די פּיעסן, וואָס ווערן הײַ־יאָריקן סעזאָן געשפּילט אין „אוהל": מאָליערס „קאַרגער" און עלמער רייס „סטריט סאַינס" און „בפרברי ניו-יורק", ביידע איבערזעצונגען.

„אוהל" האַלט זיך אין דער ליניע, אַז מען דאַרף איצט מאַכן נייע

עקספּערימענטן אין העברעאישן טעאַטער, נאָכדעם ווי ציוניזם איז אַ ווירקלעכקייט און מען דאַרף נישט מער פון דער בינע פּראָפּאַגאַנדירן נאַציאָנאַליזם.

דער דריטער העברעאישער טעאַטער אין ארץ ישראל איז דער „קאַמער-טעאַטער". דאָס איז אַ נייער עקספּערימענט, אינגאַנצן צוויי יאָר אַלט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון ליבהאָבער, אַלע יינגע מענטשן מיט אַ העכערער בילדונג. זיין רעזשיסאָר איז יוסף פּאַסאָווסקי. דער טעאַטער האָט זיך געשטעלט אַלס אַ ציל צו געבן אַ רעפּערטואַר לויטן גייסט פון דער צייט, אַ מין נאָכקאָפּירונג פון יודזשין אָ'ניעל, דזשאָן שטיינבעק א. אנד. אַ קלאַסיש העברעאיש טעאַטער, וואָס אונטערשיידט זיך פון „אוהל" מיט דעם, וואָס „אוהל" האָט מער סאָציאַליסטישע טענדענצן און שפּיגלט אָפּ דעם געראַנגל צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, בעת דער „קאַמערי-טעאַטער" איז מער נאַטוראַליסטיש.

אָנגעהויבן האָט די גרופּע מיט דריי יאָר צוריק אין חיפה מיט צאַפּעקס אַ פּיעסע. אַלע האָבן געשפּילט אָן געלט, טאַקע בלויז לשם קונסט. דער עקספּערימענט האָט זיך איינגעגעבן. אויפן דריטן יאָר פון דעם באַשטייענעם אָנהויב איז זיי געלונגען צו שאַפן אַ בינע פאַר אַן אינטעליגענטן יונגן טעאַטער־פּובליקום, וואָס האָט ליב אַן אוניווערסאַלן און אַקטועלן רעפּערטואַר.

צווישן רעפּערטואַר פון „קאַמערי-טעאַטער" אין היי-יאָריקן סעזאָן, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, זענען פאַראַן „נערת הפקר" פון בומאַראַשאָ; „באַרבער פון סעוויל" און איצט גרייט דער „קאַמערי-טעאַטער" אַ פּיעסע פון ארץ ישראלדיקן לעבן, גענומען דעם סיוזשעט פון אַ ראָמאַן פון קיבוץ: „הוא הלך בשדות".

דער דאָזיקער טעאַטער האָט אַ ספּעציעלן טעאַטער־גייער פון דער לעצטער איינגעוואַנדערטער יוגנט-עליה און פון אַ פּובליקום, וואָס זוכט עפּעס נייעס.

„לי-לו-לה" איז אַ סאַטירישער העברעאישער טעאַטער, אַ מין קליין־קונסט-בינע, וואָס שפּיגלט אָפּ די טאָג־טעגלעכע געשעענישן אין לאַנד און וועלט־פּאַסירונגען מיט אַן ארץ ישראלדיקער אויסטייטשונג,

נאַטירלעך, אויב עס איז „גוט פאַר יידן". הומאָריסטישע לייכטע סקע־טשן, פּאַכמעניש־קינסטלעריש צוזאַמענגעשטעלט, כדי אונטערצוהאַלטן דאָס פּובליקום אויף אַ פיינעם און גוטמוטיקן אופן, וואָס פּאַסט זיך איצט, ווען די נערוון זענען אַזוי אָנגעשטרענגט. דער ליבלינג פון פּובלי־קום איז די תימנישע טאַלאַנטפולע זינגערין שושנה דאמארי.

„מטאטא" — דער פינפטער העברעאישער טעאַטער — איז אויך אַ הומאָריסטישער טעאַטער, אָבער פון אַ גאַנץ אַנדערן זשאַנר. ער דערמאָנט דעם „בלויען שפּיגל" אין די אייראָפּעאישע שטעט, אַ מין „קרומער שפּיגל" אויפן גאַנצן ישוב. ווער ווערט דאָרט נישט אָפּגעשמיסן? די „סוכנות", די „הסתדרות", אַ גאַלעריע פון כלל־טוער, קינסטלער, שריי־בער, יידישע דיפּלאָמאַטן ווערן אויף דער בינע אַרויסגעפירט און אוועק־געזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק.

אַלע טאָג־טעגלעכע פּאַסירונגען, באַזונדערס איצט, אַפילו דער קאַמף, וועלכן דער ישוב פירט קעגן ביידן; די אַראַבער און די ענגלענ־דער ווערן דאָ, אויף די ברעטער פונעם „מטאטא", געשילדערט אויף אַ הומאָריסטישן אופן. אַ וועלט־גאַלעריע, קאַריקאַטורן פון פיגורן ווערן אויף אַ קינסטלערישן אופן פאַרבייגעפירט פאַרן פּובליקום, אַפילו די זיצונגען פון דער „יון" און פון דער צוקונפטיקער יידישער מלוכה... די יידישע מי־ניסטאָרן — יעדן ווערט אויף אַ פיינעם אופן אָרייינגעקיבעצט. דער הו־מאָר איז אַ געזונטער, אַ געשליפענער און פּאַכמעניש צוגעגרייט. באַזונ־דערס ווערט דאָ אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן אין ארץ ישראל.

אויסער די פינף טעאַטערס פאַרמאָגט ארץ ישראל אַ העברעאישע אָפּערע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן מיט עטלעכע יאָר צוריק אונטער דער רעזשי פון גאָלענקין. ער גרייט איצט צו אַ נייעם סעזאָן מיט אדים פיליפּ אַן אַמעריקאַנער זינגערין, אין דער הויפּט־ראָלע. עס וועלן גע־שטעלט ווערן „דער באַרבער פון סעוויל", „ריגאָלעטאָ", „לאַ באָהעם", „שמשון און דלילה" און „המכבים". די אָפּערע ווערט אָנגעפירט פון ועד למען האופירה הארצי־ישראלית און מיט אַ כאָר פון די פועלי ארץ ישראל.

צו דעם קומט נאָך דער סימפאָנישער אָרקעסטער, וואָס שפּילט איצט אונטערן האָגל פון שיסערייען זיין סעזאָן פאַר אַבאָנענטן אַפילו אין די

פראווינץ-שטעט, ווי אין חיפה און אין די קאלאניעס און וואס האט נאר-וואס געהאט א גאסט, מאעסטרא מאלינארי, אלס דיריגענט.

דער סך־הכל איז, אז פארגלייכנדיק דעם העברעאישן טעאטער אין ארץ ישראל, צו דעם יידישן טעאטער אין נארד-אמעריקע, וואס איז בלויז א פלאץ פארן אלטן אימיגראנטן-דור, ווו ער קומט זיך אונטערהאלטן אדער אויסוויינען, קען מען מיט רעכט זאגן: דער העברעאישער טעאטער אין ארץ ישראל, ענדערט זיינע פארמען, און אינהאלט, לויט די נייע פאדערונגען פון דער צייט, און ער שטייט אויף א פעסטן באדן.

באגעגענישן מיט שרייבער

שדרות ראטשילד 27 איז די היים פון העברעאישע זשורנאליסטן אין ארץ ישראל. דער טעמפא און רויש אינעווייניק, דערמאנט א סך אין דער אמאליקער טלאמאצקע 13. אויסערלעך אבער איז פאראן א גרויסער אונטערשיד. די אגודת עתונאים, געפינט זיך אין דער שענסטער געגנט פון שטאט, אויף שדרות ראטשילד, איינע פון די שענסטע בולווארן, א פאר שריט אוועק פון אלענבי, די קאכעדיקסטע און באלעבטסטע גאס פון תל-אביב.

ווען איר זאלט דא נישט אריינקומען, וועט איר דא געפינען די מיטארבעטער פון די תל-אביבער צייטונגען. ווער עס קומט גלאט א שמעק טאן וואס מען הערט, פארן אנשרייבן דעם ארטיקל פאר דער מארגנדיקער צייטונג, אדער פאר דער נאכט־אויסגאבע. אמאל קען מען צוליב א שמועס אין „שדרות ראטשילד" איינגאנצן ענדערן דעם אינהאלט פון אן ארטיקל, און אמאל קען מען דא כאפן א טעמע. דא זיצן צוזאמען זשורנאליסטן און שרייבער פון אלע צייטונגען, וואס געהערן צו אלע פאליטישע ריכטונגען אין לאנד. ביי דעם גרויסן טיש, אויף וועלכן עס געפינען זיך אלע צייטונגען, אויך פון אויסלאנד, זיצן צוזאמען דער מיטארבעטער פון רעוויזיאניסטישן „המשקיף" מיט דעם מיטארבעטער פון מפ׳אישן „דבר", דער מיטארבעטער פון קאמוניסטישן „קול העם", מיט דעם מיטארבעטער



ייִדישע זשורנאַליסטן וואַרטן אין „זיו" האָטעל אין רחובות, פאַר אַן אינטערוויו מיט פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן. פון רעכטס אויף לינקס: מ. דאַנציגערקאָרן, סעקר. פון אגודת העתונאים. גרשון שוקן, רעדאַקטאָר פון „הארץ". עזריאל שוואַרץ, מיכאל אסף פון „דבר", גרשון אגראָנסקי פון „פּאַלעסטין פּאָסט", יוסף העפטמאַן, פּרעז. פון „אגודת העתונאים" און רעדאַקטאָר פון „הבוקר".

פון בירנגערלעבן „הבוקר". מען זאָגט זיך אַריין אויף אַ גוטמוטיקן אופן איינער דעם אַנדערן, וועגן אַ „קאָפּ" למשל, וואָס דער „דבר" האָט אוועקגעשטעלט וועגן אַ שטיקל אַרבעט פון אירגון. אייניקע גלויבן, ער איז געווען צו שאַרף, אַנדערע ווידער מיינען, אַז ער איז געווען צו לייכט, אָבער אַלע האַלטן זיך ביי דער קאַלטבלוטיקער קאָנטראָל, וואָס גוייטיקט זיך פאַר צייטונגסלייט. ווען די דיסקוסיעס ווערן שאַרפער, ברענגט מען אַריין טיי און מען רעדט זיך דורך ביי אַ גלעזל טיי. אַממערסטן, פאַרשטייט זיך, זענען די שמועסן וועגן פּראָפעסיאָנעלע פראַגן. אַט הער איך זיך צו, ווי איין זשורנאַליסט באַקלאָגט זיך, וואָס די „יעקעס" האָבן פאַרכאַפּט דעם „הארץ", — געהערט אַזאַ מעשה, פאַראַן אַזויפיל זשורנאַליסטן, וואָס קענען עברית, נעמט מען אַזעלכע מיטאַרבעטער, וואָס שרייבן דייטש און מען איבערזעצט עס ערשט אויף העברעאיש... אַן אַנדערער האָט אַ טענה, פאַרוואָס מען דערלויבט אין תל־אביב גאַנצע צוויי צייטונגען אין דייטש... אויב דייטש — טענהט ער — פאַרוואָס נישט יידיש? דאָ וויל אים דער שכן זיינער איבערצייגן, אַז עס איז עפּעס אַנדערש, דייטש איז נאָר אויף דערווייל, זיי וועלן אַריבערגיין אויף עברית. אַ סימן, אַז די צייטונגען האָבן שוין העברעאישע זייטן, בעת יידיש וואָלט טאַקע אויף שטענדיק פאַרבליבן... נו, — ווערט יענער נישט נתפעל, — וואָס זשע וואָלט געווען אַזאַ גרויסער אומגליק?...

יענעם טאָג איז אין תל־אביבער געריכט פאָרגעקומען אַ צייטונגספּראָצעס צווישן ז. מאָזעס, דער אַרויסגעבער פון דער אָוונט־צייטונג „ידיעות אחרונות" און זיין רעדאַקטאָר, דער באַקאַנטער ארץ ישראלדיקער זשורנאַליסט, עזריאל קארלבאך, וועלכער איז אוועק פון דער צייטונג און מיטגענומען מיט זיך כמעט דעם גאַנצן שטאַב מיטאַרבעטער און אַליין אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַן אָוונט־צייטונג „ידיעות מעריב". דער פריערדיקער אַרויסגעבער האָט דווקא געוואָלט מען זאָל זיין געוועזענעם רעדאַקטאָר פאַרבאָטן צו באַנוצן דאָס וואָרט „ידיעות", אָבער דער אינטערעס, וואָס האָט דאָ אין דער „אגודת העתונאים" אַרויסגערופן, איז נישט געווען די פראַגע וועגן דעם נאָמען, דאָ האָט זיך געהאַנדלט אין

דעם, אז די צייטונג דארף דאָך זוכן נייע מיטאַרבעטער, איז ווער וועט דאָרט פאַרנעמען אַ שטעלע?

אין אַ באַזונדערן ווינקל זענען געזעסן די געקומענע שרייבער פון די גלות-לענדער. זיי רעדן צווישן זיך יידיש. אַ טייל פון זיי האָבן גאַנצע אָדער האַלבע שטעלעס אין דער ארץ ישראלדיקער פּרעסע, אָבער עפּעס פילן זיי, ווי זיי האָבן זיך אַריינגעקוועטשט אין אַ צו ענגן ווינקל. עס דאַרף אייך נישט נעמען לאַנג אויסצוגעפינען, אַז קנאת סופרים, איז דאָ נישט קלענער ווי אין די גלות-לענדער. די שנאה פון איין שרייבער צום אַנדערן ווי אין די גלות-לענדער איז דאָ נישטאָ. אָבער די קנאה — אוי, פילט איר זי.. עס איז אַ פּשוטער ענין, די מורא פאַר קאָנקורענץ, נישט געקוקט, וואָס די צאָל צייטונגען האַלטן אין איין וואַקסן. בעת מיין זיין אין ארץ ישראל האָט שוין געהאַלטן ביי ניין טעגלעכע צייטונגען, דריי נאָכמיטאָג אויסגאַבן: פון „דבר", „הארץ" און „הבוקר". און וואָסערע זעקס אָוונט-צייטונגען. דאָס איז אין תל־אביב אַליין, און עס וואָלט דאָך לויט דער צאָל צייטונגען באַדאַרפט זיין אַרבעט פאַר אַלעמען, איז אָבער אין ארץ ישראל דער ענין אַן אַנדערער. ערשטנס, למשל, זענען די רעדאַק-ציע-מיטאַרבעטער נישט ווי מיר שטעלן זיך עס פאָר אין אַמעריקע. איין טעגלעכע צייטונג למשל, דער „עתון עממי", ווערט אַרויסגעגעבן און רע־דאַגירט פון איין זשורנאַליסט, וואָס פילט אַליין אויס די גאַנצע צייטונג, אויסער אַן איבערזעצער, וועלכער זעצט איבער זיינען זאַכן אויף העברע־איש... די נאָכמיטאָג און אָוונט־צייטונגען, ווערן צום גרעסטן טייל אַרויס-געגעבן פון די טעגלעכע צייטונגען. וועט איר זיך אַזוי אַרום משער זיין, אַז עס זענען אין תל-אביב פאַראַן גענוג אַרבעטסלאָזע זשורנאַליסטן. אין דער אינדוסטריע פון „תורה און חכמה" — האָט מיר מיינער אַ פריינט געזאָגט, — האָבן מיר אין ארץ ישראל אַן איבערפּראָדוקציע. אַ צווייטער פריינט מיינער, אַ פּקיד אין אינפאָרמאַציע-ביוראָ פון דער רעגירונג האָט מיר געזאָגט: „מיר נוטיקן זיך אין ארץ ישראל אין פּשוטע סאָלדאַטן, נישט אין קיין אָפיצירן..."

די „צברות", די יונגע מיטאַרבעטער פון ארץ ישראלדיקע צייטונ־גען, זיי זענען לויט מיין מיינונג, אינגאַנצן פריי פון דעם געפיל פון

קנאה. ביי זיי איז עס מער א פראגע פון יאגן און אריבעריאגן איינער דעם צווייטן, אויפן אמתן אמעריקאנער אופן. אט איז נאר וואס אריין אין זאל א יונגער בחור, א מיטארבעטער פון א טעגלעכער צייטונג. חברה ארום האבן דערשמעקט, אז ער האט עפעס נייס, האט מען אים גענומען אויפן צייטונג־לשון דיפלאמאטיש „פאמפען", באנוצט פארשי־דענע קונצן, אבער ער מאכט זיך נישט וויסנדיק, ווי נישט אים מיינט מען. זיי, די צברות, גיבן דער העברעאישער פרעסע צו יונגקייט און פריש־קייט, סיי מיט זייער לעבעדיקן רעפארטאזש, סיי מיט זייערע דערציי־לונגען און בילדער פון ארץ ישראלדיקן לעבן.

די העברעאישע צייטונגען אין ארץ ישראל, האבן אין דער לעצטער צייט אנגעהויבן ענדערן זייער אינהאלט, באזונדערס טוען דאס די אוונט־צייטונגען. ביז מיט א צייט צוריק האבן די טעגלעכע צייטונגען אויסגע־זען ווי א ליטערארישער מאגאזין, א מדרש, אנגעפיקעוועט מיט חכמת ישראל. ספעציעל אין די פארטיי-צייטונגען, האט די פארטיי־פראפאגאנ־דע פארנומען דעם אויבנאן. דער לייענער היינט צו-טאג איז נישט מער ווי אמאל. תל־אביב איז איצט א גרויסע שטאט מיט אלע אירע מעלות און חסרונות. אונטער דעם אימפעטיקן גערויש און בראזג, קען דער לייע־נער נישט אזוי לייכט פארדייען א וויסנשאפטלעכן ארטיקל. נאך א טאג ארבעט, קלעפט זיך אין אים שווער פארטיי־פראפאגאנדע. בכלל זענען אין ארץ ישראל אוועק די צייטן פון ענגע איינגעשלאסענע פארטיי קרייזן. דער ארץ-ישראל ייד, איז א בירגער פון לאנד, ווי אן אמעריקאנער, אדער אר־גענטינער, און אינטערעסירט זיך אין פארטיי־פראפאגאנדע, דאן ווען עס קומט צו וואלן, פאר וועמען ער זאל אפגעבן זיין שטימע. זוכט ער איצט אין דער צייטונג אינטערעסאנטן מאטעריאל. אין דער ערשטער ריי אינ־טערעסירן אים די טעגלעכע נייעס און פארשטייט זיך, דער אופן ווי אזוי זיי ווערן איבערגעגעבן פון דער צייטונג. ווען ער פארט גאנץ פרי צו דער ארבעט אין א פול געפאקטן אמניבוס, זוכט ער צוערשט אויף דער ער־שטער זייט די נייעס.

די אוונט־צייטונגען דרוקן היינט צו טאג „שפאנענדע ראמאנען", און ווי מען רופט עס אויפן אמעריקאנער צייטונגס-לשון — „פיטשור אר־

טיקלען", אייגענע, אָדער אפילו איבערזעצטע פון דער וועלט־פרעסע און האָבן בכלל אריינגעבראַכט גרויסע ענדערונגען אין די ארץ ישראלדיקע צייטונגען. פאַרשטייט זיך, אַז עס האָט נאָך נישט אַזוי ווייט פון „צו־פּאַסן לעזער שטאָף פאַרן ליבן לעזער" און פאַר דער צירקולאַציע ווי אין די גלות לענדער. דאָס האָט אויך צו טאָן מיט דעם, וואָס אין די לעצטע יאָרן האָט זיך אין ארץ ישראל נישט בלויז דער לעזער אליין געענדערט, אַ גאַנץ באַדייטנדע צאָל שרייבער און זשורנאַליסטן פון פאַרשידענע אייראָפּעאישע לענדער און פון אַמעריקע האָבן זיך באַזעצט אין ארץ יש־ראל, און זיי האָבן אַ געוויסן איינפלוס אויף די ארץ ישראל צײ־טונגען.

אין אַ באַזונדער צימער פון דער „אגודת העתונאים" מיט דער אויפ־שריפט „מזכירות", איז אייך דער סעקרעטאַר מ. דאַנציגערקאָרן, מכבד מיט אַ „שלום" און אַ פריינטלעכן שמייכל. דער שמועס מיט דאַנציגער־קאָרן ווערט יעדער ווייל איבערגעריסן. דער טעלעפאָן האַלט אין איין קלינגען. אָט הערט איר ווי ער רעדט מיטן פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט, מאַכט מיט משה שערטאָקן אליין, וועגן צוגרייטן אַ פרעסע־קאָנפערענץ פאַר אַן אויסלענדישן דיפּלאָמאַט, און אָט רופט מען פון „לשכת מודעין" פון סוכנות, אַן אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט פון דער „יונייטעד פּרעס", בעט אַן אינטערוויו מיט בן־גוריונען. דאַנציגערקאָרן אַנטשולדיקט זיך ווידער, דער תל־אביבער מוזעאום לאַדט איין אַלע זשורנאַליסטן אויף אַ באַזוך. די ארץ ישראלדיקע אָפּערא, וואָס וועט מאָרגן אָוונט האָבן איר פּרעמיערע, בעט די זשורנאַליסטן צו אַ מסיבה נאָך דער פאָרשטעלונג. אַ ייד האָט זיך צוגעטשעפּעט צום טעלעפאָן, רופט יעדע ווײלע און לאָזט נישט קיין מנוחה. ער וווינט שוין צוואַנציק יאָר אין תל־אביב, אַ גע־טרייערביישטייערער פאַרן קרן היסוד, וויל ער אַז די „אגודת העתונאים" זאָל רופן אַ פּרעסע־קאָנפערענץ. וואָס איז? דער בעל־הבית פון דעם הויז וווּ ער וווינט גיט די שכנים קיין וואַרעם וואַסער...

דאָרט ווערט צוגעגרייט דער „עתון עתונאים", די צייטונג פון די שרייבער, וואָס ווערט בעל פה רעדאַגירט יעדער צווייטע וואָך אין תל־אביבער „מוגרבי" טעאַטער. עס טרעטן אַרויס באַקאַנטע שרייבער, זשור־



יוסף העפטמאַן, פּרעזידענט פון „אגודת העתונאים" נעמט אויף רבי הלל סילווער
פון אַמעריקע, אין דער היים פון „אגודת העתונאים".

נאַליסטן, פּאַרטיי פירער, געסט. דער אָנפירער פון דעם „עתון עתונאים" איז יוסף העפטמאַן, דער אַמאָליקער רעדאַקטאָר פון וואַרשעווער „מאָמענט" און טעגלעכן „היום", דער איצטיקער רעדאַקטאָר פון „הבוקר", און דער פּרעזידענט פון „אגודת העתונאים". די פאַראַנשטאַלטונגען, וועלכע קומען פאָר אין די פּרייטיק אָוונטן, ציען צו א גרויסן פּובליקום. יוסף העפטמאַן האָט מיט זיין הומאָר און גוטמוטיקייט די אינסטיטוציע אַזוי באַרימט געמאַכט, אַז זי איז היינט צו טאָג די פּאָפּולערסטע טריבונע אין לאַנד. אַלס גאַסט, האָב איך באַקומען די איינלאַדונג אויפצוטרעטן ביי דער דערעפענונג פון סעזאָן. איך האָב דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן דערפילט אַן „אימת הציבור". א קלייניקייט, אַן ארץ ישראל פּובליקום און דאָס נאָך אויף איין בימה צוזאַמען מיט יצחק גרינבוים... מיין העברעאיש איז א גלות העברעאיש... האָב איך געבעטן מען זאָל מיר דערלויבן אָנצוהויבן אין העברעאיש און אַריבער אויף יידיש... יוסף העפטמאַן האָט מיך פאַרגעשטעלט מיט דער באַמערקונג, אַז איך וועל אָנהויבן מיין פאָרטראָג אויף העברעאיש און שפּעטער רעדן יידיש. אין יידיש — האָט יוסף העפטמאַן געזאָגט מיינט פערזאָן, עס איז דאָ, און אין ענגליש מיינט דאָס פונקט פאַרקערט... (דער אָפיציר פּעראַן וואָס האָט דערמאָרדעט א יידיש יינגל, איז פונקט דאַן אַנטלאָפן פון ארץ ישראל). איך האָב אָנגעהויבן אויף העברעאיש, זיך אַנטשולדיקט וואָס מיין העברעאיש איז נישט אַזוי ארץ ישראלדיק און אַז איך וועל רעדן יידיש, פון צווישן פּובליקום האָבן זיך געהערט אויסרופן: דבר עברית! אתה יודע!... ווען איך בין אַריבער אויף יידיש, זענען בלויז פון די גאַלעריען אַוועק די „צברות" וואָס פאַרשטייען נישט. דער גאַנצער עולם האָט זיך צוגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט און איך האָב דערפילט אַן אמתע וואַרעמע און פריינטלעכע פאַרבינדונג צווישן מיר און דעם פּובליקום. א פּאָר וואָכן בלויז, און איך האָב אויסגעלופטערט מיין עברית פון דער גלות־לופט, און אויף א „מוסף לשבת" אין בית עם אין חיפה, שוין גערעדט אינגאַנצן עברית.

שרייבער מיט א וועלט־נאָמען, זיילן פון דער העברעאישער ליטעראַטור, וועלכע געפינען זיך אין ארץ ישראל, גרופּירן זיך צום גרעסטן טייל

אַרום דער „אגודת הסופרים", וועלכע געפינט זיך אין בית ביאַליק. אין קעגנזאַץ צו דעם רויש און טומל, וועלכער באַגעגנט אייך אין „שדרות ראָטשילד" 27, הערשט דאָ אין דער אגודת הסופרים אַ זאַנפטע שטילקייט, וועלכע איר דערפילט גלייך אַזוי שנעל ווי איר שפּרייזט איבער די טרעפּ אין בית ביאַליק.

איך האָב אויסגעקליבן צו באַזוכן די אגודת הסופרים פּונקט בין השמשות, די באַליבטסטע צייט פון פאַרשטאָרבענעם גרויסן דיכטער חיים נחמן ביאַליק ז"ל, ווען די ברענענדיקע זון האָט דערגרייכט די שפּיץ בוימער אַרום דער „עיריה" און לייכטע ווינטלעך האָבן געבלאָזן. איך האָב איצט דערפילט דעם ציטער, וואָס איך טראָג אין זיך פון מיין קינדהייט צו די, וואָס האָבן אין מיר אָנגעצונדן די ליבע צו מיין לאַנד און שפּראַך.

דער ערשטער וואָס האָט מיך באַגעגנט איז דער שרייבער מ. אונגערפעלד, דער פאַרוואַלטער און ביבליאָטעקאַר פון „בית ביאַליק". דער שטענדיקער הייסער חסיד פון פאַרשטאָרבענעם דיכטער, וואָס איז אים פאַרבליבן געטריי אפילו נאָכן טויט, און היט זיין ירושה ווי אַן אויג אין קאָפּ. ער זיצט צווישן גאַנצע בערג ביכער, צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט, און זאַמלט פאָרזיכטיק יעדעס וואָרט, וואָס האָט נאָר אַ שייכות מיט ח. נ. ביאַליק ז"ל. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף דעם צימער, וו עס געפינט זיך די מזכירות פון דער „אגודת הסופרים", וואָס איז אַמאָל געווען ח. נ. ביאַליקס באַליבסטער צימער, און דער מזכיר, דער דיכטער אברהם ברודעס, אַ פּאַרהלומטער, מיט אַ זאַנפטן, שטילן שמייכל האָט מיר אין געציילטע ווערטער געענטפערט אויף מיינע פראַגן. די שרייבער קומען זיך נאָר צוזאַמען אין אַן אויסערגעוויינלעכן פאַל. כדי צו זען זיך מיט זיי, מוז מען פריער באַשטעלן אַ באַגעגעניש מיט יעדן באַזונדער...

מיין ערשטע באַגעגניש, האָב איך געהאַט מיט יעקב פיכמאַן, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין כפּעציעלע באַגעגניש. איך בין געפאָרן פון „ועד הפועל" מיט כפּעציעל צוגעגרייטע אָמניבוסן צו דער חגיגה פון „בית אנציו סערעני", אין גבעת ברענער, האָב איך צוריקפאָרנדיק, דערקאַנט דעם באַקאַנטן שריפטשטעלער לויט די בילדער פון אַמאָל. האָב איך מיר צוהילף גענומען, מיין אַמעריקאַנער זשורנאַליסטישע דרייסטקייט, און אַ

צערעמאָניע אוועק צו דער באַנק און זיך פֿאַרגעשטעלט. יעקב פֿיכמאַן האָט מיך איינגעלאַדן צו זעצן זיך אויף זיין באַנק.

— ווי אַזוי — האָט יעקב פיכמאַן מיך געפרעגט, — האָט איר גע־ווּוסט אַז איך בין עס?

— כמה פיכמאנס איכא בשוקא? — האָב איך אים געענטפערט. ער האָט געשמייכלט. צוערשט האָבן מיר גערעדט העברעאיש, אָבער איך גע־דענק נישט ווער עס איז פריער אַריבער אויף יידיש... יעקב פיכמאַן האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק מיט זיין פשטות, אַן אַ ברעקל פון גדלות, אַזוי פּשוט הארציק, ווי עס פּאַסט פאַר אַ בעסאַראַ־בער ייד. ווען דער אַמניבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט, נאָך אַריבער אַ שעה פאָרן און ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט, האָב איך זיך פשוט נישט גע־גלויבט, אַז דאָס זענען מיר שוין אין תל אביב...

— כאַפּט זיך אַריין צו מיר אין די אָוונטן אויף אַ גלעזל טיי... — האָט ער זיך מיט מיר געזעגנט.

אשר באראש, איז געווען דער צווייטער שרייבער, מיט וועמען איך האָב זיך באַגעגנט. אשר באראש, וועמען איך האָב נאָך אין מיין פריסטער יוגנט אין גאַליציע געלייענט אין „סגולות", „העברי הצעיר" און כמעט אַלע העברעאישע אויסגאַבן, איז אפשר דער איינציקער, וואָס האָט נישט געענדערט זיין אויסזען. מיט דעם ברייטן פּאַנאַמאַ קאַפּעליוש און די שוואַרץ־געדיכטע וואָנצעס, געגוי, ווי איך פלעג אים זען אין מיינע סעמי־נאַר יאָרן פון „בית מדרש למורים" אין לעמבערג. אשר באראש, האָט מיך אויפגענומען ביי זיך אין הויז אויף רחוב מענדעלע. ער איז איצט דער פרעזידענט פון „אגודת הסופרים", דער רעדאַקטאָר פון אַ רייע זשורנאַלן און פאַרנעמט אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער העברעאישער ליטעראַטור. אָשר באַראָש, דערמאָנט די גאָלדענע עפּאָכע פון דער גאַליציאַנער יוגנט און די העברעאישע באַוועגונג מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק אין די שטעט און שטעטלעך, און האָט בעת אונדזער שמועס אַרויסגענומען אַ בילד פון זיינע אַמאָליקע סטודענטן יאָרן, אויף וועלכן עס האָט זיך צווישן אַ גרויסע גרופּע ציוניסטישע סטודענטן אויך געפונען זיין אַמאָליקער קאָלעגע און לאַנדסמאַן פון סאַסוב, ד"ר יוסף טענענבוים, דער פרעזידענט פון „פאַר־

באנד פון פוילישע יידן" אין אמעריקע. מיר האבן פארבראכט אין זיין סטודיע ביי א היימיש גלעזל טיי. ער האט בארירט וויכטיקע ליטערארישע ענינים, אויך ארויסגעוויזן א חוש און פארשטענדעניש פאר די טאג־טעגלעכע פאליטישע אנטוויקלונגען. „דער שרייבער אין ארץ ישראל — האט באראש געזאגט — דארף איצט ביי דעם געבורט פון דער יידישער מלוכה קעמפן נישט בלויז מיט דער פעדער אליין".

אורי צבי גרינבערג, ווענען איך געדענק נאך פון מיינע יונגע יארן אין לעמבערגער „תקות ציון", א חסידישער בחור, אין א שווארצן סאמעטן קאפעלוש, מיט רויט־גאלדיקע פאות איז פאר מיר זייער שווער אנגעקומען צו זען. גייט אין „כסית" האבן מיך מיינע באקאנטע געראטן אין די שפעטע נאכט־שעהן... אבער אין „כסית" האט מען מיר געזאגט, אז שוין וואכן ווי אורי צבי גרינבערג קומט דארט נישט... גייט אין „קנקן", — האט מען מיר ווידער געזאגט, — אבער קיין באשטימטע שעהען האט ער דארט נישט. ער כאפט זיך אמאל אריין אהין... גייט אין קאפע „אררט". אבער אויך דארט איז אים שווער געווען צו געפינען. אויב אזוי, גייט אהיים אין זיין וווינונג אויף רחוב יהודה הלוי... האט מען מיר געעצהט. גאנץ פרי וועט איר אים געפינען אין דערהיים. אבער גיי, און פאל גלאט אריין צו יענעם גאנץ פרי... און קיין טעלעפאן האט אורי צבי גרינבערג נישט. א פאר מאל בין איך געקומען ספעציעל פון חיפה קיין תל-אביב און געגישטערט אלע ווינקלען וו מען קען באגעגענען אורי צבי גרינבערג. ענדלעך האט אונדזער לאנדסמאן, בן ציון צאנגען, אן אמאליקער מיטארבעטער פון לעמבערגער „מארגן" פון „נאווי דזשענניק" אונדז צוזאמענגעפירט אין „תמר" קאפע אויף אחד העם פינת שיינקין. אורי צבי גרינבערג זעט נאך אוים יוגנטלעך. דא און דארט מערקט זיך א ווייס־זילבערנער שטרייף אין זיין פלאמיק רויטן קאפ; די זשעסטן, לעבעדיקע ווי ביי א יונגן בחור. איר פארשטייט — מענהט ער צו מיר — א ועד הפועל האלט אפ אזא היסטארישע זיצונג, עס קומען דעלעגאטן פון דער גאנצער וועלט און מען לאדט אפילו נישט איין קיין איין שרייבער... מילא איך... מיך האלטן זיי פאר א פאשיסט, אבער זיי האבן דאך אן איינענעם מענטש אין דער הסתדרות, דעם דיכטער דוד שמעוגוויטש,

אַט דאָרט קענגנאיבער. איר זעט? — ווייזט ער מיר... האָט אַ דייטשער ייד גלייך נעבן דער יאַטקע פון כשר פלייש, אַ יאַטקע פון חזיר-פלייש... איר פאַרשטייט — חזיר־פלייש אין תל-אביב, — ווערט ער שטורמיש, — און אַז איך וויל דאָס נישט ליידן, בין איך אַ פאַשיסט! — צעשרייט ער זיך. איך רייס אים איבער אַ ווייל: מען האָט אין גלות — זאָג איך אים — גערעדט און געשריבן, אַז איר זאָלט אַמאָל ערגעץ וווּ האָבן באַליידיקט די יידישע שפּראַך.

— חס וחלילה — לאָזט ער מיך נישט פאַרענדיקן, — עס הייבט זיך גאָרנישט אָן! דער בראָנד־רויטער קאָפּ ווערט נאָך רויטער, דאָס פּנים אָנגעצונדענער: איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, ווער עס האָט די געשיכטע אויסגעטראַכט, באַוואיקט ער זיך ביסלעכווייז, אַזאַ חשובער שריפטשטעלער ווי דער פאַרשטאָרבענער י. י. זינגער איז געשטרויכלט געוואָרן און האָט ערגעץ־ווו וועגן דעם געשריבן. שפּעטער — דערציילט מיר אורי צבי גרינבערג — ווען איך בין געווען אין וואַרשע, האָט ער מיט דעם טונקעלן, פאַר מיר געמאַכט אַ שמחה און מיך מכבד געווען מיט צוויי טוץ קראַוואַטן... פאַרביקע, מיט פּינטעלעך... איר פאַרשטייט? — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט — איך האָב ליב קראַוואַטן...

ווען אונדזער שמועס האָט זיך געענדיקט, האָט מיך אורי צבי גרינבערג איינגעלאַדן איך זאָל אים באַגלייטן אַהיים. עס איז געווען שפּעט ביינאַכט. פון דער אַראַבישער זייט האָט מען געשאָסן מיט פּגזים, וואָס זענען איצט געפלויגן צום הימל ווי רויטע שטיקער פייער... ווען מיר זע־נען געקומען אויף רחוב יהודה הלוי, איז דאָס שיסן שטאַרקער געוואָרן, און מיר האָבן זיך געמוזט האַלטן נאָענט צו די ווענט.

— גייט בעסער אַהיים, — האָט ער מיך געראָטן, — אָבער גע־דענקט, איר מוזט זיין מיין גאַסט פרייטיק צו נאַכטס, איר פאַרשטייט. איך פיר זיך ווי מיין טאַטע זצ״ל אין פּידקאַמין, אַן אמתן חסידישן היי־מישן פרייטיק צו נאַכט...

איך האָב באַקומען די איינלאַדונג פון „אגודת הסופרים” צו אַ יובל פון דוד ורדי אין בית הקורא, אַזוי אַרום האָב איך געהאַט די געלעגנ־הייט זיך צו באַקענען מיט אַ גרויסער טייל פון דער שרייבער משפּחה.

דער פאַרזיצער איז געווען דער באַקאַנטער שריפטשטעלער אליעזר שטיינ־מאַן. אויבנאַן זענען געזעסן י. ד. בערקאָוויטש, מאַדאַם מאַניאַ ביאַליק, דער דיכטער דוד שמעונאָוויטש, חנה ראווינא, ד"ר באַגראַטשאַוו, לאה דגנית פון אוהל, בערטאָאַ פון הבימה, יעקב פיכמאַן, אשר באַראַש, דער בעל היובל מיט זיין פרוי. דאָס שמנה וסלתה, פון דער שרייבער און קול־טור-משפחה אין ארץ ישראל, אליעזר שטיינמאַן, האָט אויף מיר אַלס טאָסטמייסטער מיט זיין התפעלות געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ חסידי־שער רבי וואָס זאָגט תורה און פאַרגייט יעדער ווײַלע אין דבקות. דער אינהאַלט פון די רעדעס זענען געווען כמעט דער זעלבער, ווי איר הערט זיי אויף אַ באַנקעט פון אַ שרייבער אָדער קינסטלער אין ניו־יאָרק. מען קען מיט אים האָבן אַ גאַנץ יאָר חשבונות, אָבער ווען עס קומט אַ יובל און מען איז פייערלעך, שפּאָרט מען נישט קיין קאָמפּלימענטן און דאָס מוט זיכער אין יענעם דערהויבענעם מאָמענט, יעדער מיטן גאַנצן האַר־צן... כאַראַקטעריסטיש איז אָבער, וואָס אַ טייל האָבן אין זייערע רעדעס באַדאַרפט זאָגן אַ גלייך-ווערטל אָדער אַ וויץ. האָבן זיי געמוזט אָנקומען צו יידיש... ווען ד"ר באַגראַטשאָוו האָט דערציילט וועגן בעל-היובל, זיין אַמאָליקן תלמיד, וואָס פאַר אַ קונדס ער איז אין גימנאַזיע געווען, האָט ער אַ פּאָר מאָל געמוזט אָנקומען צו יידישן וויצן.. ווען דוד ורדי האָט אימיטירט דעם פאַרשטאָרבענעם ח. נ. ביאַליקס אַ רעדע, האָט ער אויך געטאָן דאָס זעלבע נישט דורכלאָזנדיק די אָריגינאַליטעט פון פאַרשטאָר־בענעמס אויסדרוקן, וועלכער פלעגט תמיד בעת זיין רעדן, זיך באַנוצן מיט יידישע גלייכווערטלעך און וויצן. ער האָט אפילו נאָכגעמאַכט די זשעסטן און באַוועגונגען, וואָס דער פאַרשטאָרבענער דיכטער פלעגט מאַכן, קומענדיק צו אַ שטעלע, וווּ ער האָט זיך באַדאַרפט באַנוצן מיט אַ וויץ און זיך ראַטעווען מיט דעם אויסדרוק „כמו שאומרים ביידיש"...

מיט מיין לאַנדסמאַן דוב שטוק, אָדער ווי מען רופט אים אין ארץ „בערעלע", האָב איך פאַרבראַכט אַן אָוונט אין זיין היים אין דער סביבה פון זיין משפחה־קרייז, צו וועלכע איך האָב אויך אַ שטיקל קרובהשאַפט. איך האָב זיך ערשט ביי אים דערוווּסט, אַז ער האָט פאַראייביקט מיין מומע מאַליע פון בראָד אין וועמעס הויז ער איז געבוירן געוואָרן, מיט

א ספעציעלער דערציילונג, אונטערן נאָמען „בביתה של הגברת מאלצי״. דוב שטוק האָט אויף מיר געמאַכט א באַזונדערן סימפּאַטישן איינדרוק. ער איז פון די מענטשן, מיט וועלכע איר קענט שעהן לאַנג רעדן און זיך נישט לאַנגווייליקן. א געמיש פון זאַפטיקן הומאָר און וואַרימקייט. דוב שטוק, שרייבט אין אַלע ליטעראַרישע אויסגאַבן אין ארץ ישראל אויף אַלע געביטן: קריטיק, חכמת ישראל, דערציילונגען, זכרונות, פּאָלקלאָר און אפילו הומאָר. ער איז א „גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע״, בפרט, ווען עס קומט צו גאַליציע. נישטאָ קיין היסטאָרישע פּאַסירונג, נישטאָ קיין פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געלעבט ווער ווייסט מיט וויפל הונדערטער יאָרן צוריק אין גאַליציע, ערגעץ־ווו אין אַן עיר הנדחת, אז בערעלע שטוק זאָל נישט וויסן אַלע אייכצלהייטן וועגן אים. שטוק וועט אייך אפילו זאָגן, ווער עס איז געווען דער גבאי ראשון אין דער סאַדיגורער קלויז, איר געשיק־טע מיט פּופּציק יאָר צוריק... אָדער, אז דער גלח פון זאַלאַזיעץ, האָט מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק געשריבן א חבור אויף העברעאיש... בלי ספק, איז ער דער צוקונפטיקער היסטאָריקער פון די יידן אין גאַליציע.

די פּלעיאַדע פון דער „ביאַליק תקופה״ יעקב כהן, יעקב פיכמאַן, דוד שמעונאָוויטש, פאַרנעמען נאָך ביזן היינטיקן טאָג דעם אויבן־אָן אין דער העברעאישער ליטעראַטור אין ארץ ישראל. פון דער נייער תקופה זענען: אורי צבי גרינבערג, ש. שלום, ש. שלונסקי, יצחק למדן, נתן אל־תרמן, יהודה קרני, אברהם ברודעס, נתן גרינבלאַט, לאה גאָלדבערג, בת מרים, אַנאַ פינקערפעלד און אַנדערע. א טייל פון זיי, זענען אויסגעוואַקסן אין ארץ ישראל, אַנדערע האָבן זייער טאַלאַנט אַנטוויקלט אין ארץ. פון די באַרימטע פּראָזאַיקער אין ארץ ישראל רעכנט מען היינט צו טאָג: ש. י. עגנון, י. י. בערקאָוויטש, אשר באַראַש, חיים הזוז. צווישן די יינגערע פּראָזאַיקער פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם אָרט יצחק שיינבערג, יוסף אריכא, יהושע בר יוסף, עבר הדני. די יינגסטע, דאָס זענען די צברות, וועלכע האָבן אין דער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט דאָס קבוץ לעבן זענען: מ. אלוף, משה שמיר, יגאל מוסינזון, עמוס מוסינזון, מנחם תלמי, נתן שהם און ארי טבק. איצט אין מלחמה־צייט האָבן זיי באַרייכערט די העברעאישע ליטעראַטור מיט מלחמה־דערציילונגען. מייסטנס זענען עס אייגענע אי־

בערלעבונגען אויף דעם פראַנט, כמעט אַלע קעמפן אין די רייען פון דער אַרמיי.

די צברות זענען פאַרשטייט זיך, דער ווייטערער המשך פון דער ארץ ישראלדיקער העברעאישער ליטעראַטור. זייערע שאַפונגען שילדערן דאָס איצטיקע ארץ ישראל און זענען זיכער אַ געווינס פאַרן ישוב. עס פעלט זיי אָבער דער המשך מיטן אַלטן יידישן קוואַל. זיי זענען אָביעקטיוו צו די אוצרות פון אַ יידישן עבר. ניט קענענדיק די גלות-ליטעראַטור, שאַפט זיך ביי זיי אַ מיינונג למשל, אַז יענע טיפּן, וואָס מענדעלע, פּרץ אָדער שלום עליכם האָבן געשאַפן און וואָס חוזקן אָפּ פון זייערע העלדן, נאָר מיט דעם צוועק, כדי זיי צו לייטערן און רייניקן דאָס יידישע לעבן, אַז זיי זענען עס דער טיפּ גלות-ייד, און אַז אַלע גלות יידן זענען קליינע מענ־טשעלעך, פּחדנים און מאָדנע ברואים... דאָס איז אויך טיילווייז די סיבה פון „שלילת הגלות" פון יונגן ארץ ישראלדיקן דור.

עס האָט זיך לעצטנס אין ארץ ישראל שטאַרק אַנטוויקלט די עסיי און ליטעראַרישע קריטיק. דער גרעסטער טייל פון זיי קאָנצענטרירן זיך אַרום די פאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס: „מאזנים", „גליונות", „גזיז". און אַרום די פּרייטיקדיקע נומערן פון דער טעגלעכער העברעאי־שער פּרעסע. דעם בעסטן פּלאַץ פאַרנעמט אין ארץ ישראל די וויסנשאַפט-ליטעראַטור, דער געביט האָט מער מזל ווי אַלע אַנדערע. די וויסנשאַפט־ליטעראַטור האָט אין די לעצטע יאָרן שטאַרק אַ וואַקס געטאָן און מען קען זאָגן, אַז אין ארץ ישראל געפינט זיך שוין היינט-צו-טאָג אַן איינגע-פונדעוועטע העברעאישע וויסנשאַפט-ליטעראַטור, וואָס ציט איר הויפּט-יניקה פון העברעאישן אוניווערזיטעט.

אין יידישן געריכט פון תל-אביב

אויף רחוב ליליענבלום, אין סאַמע האַרץ פון תל-אביב, אַ פּאָר גאַסן אַוועק פון אַלענבי, געפינט זיך דער „בית משפט השלום", דער פרידנס־געריכט, אָבער אין מלחמה צייט האָט דאָס געריכט אויך די אויפגאַבע שטרענג צו באַשטראָפן די, וואָס האָבן געטריבן „ספסרות", דאָס הייסט, זיי האָבן גענומען העכערע פּרייזן פאַר פאַרשידענע סחורות.

די דערמאָנטע גאַס איז געדיכט פאַרבויט. אכסניות, האָטעלן, קאַפע־הייזער, רעסטאָראַנען, ביכער־געשעפטן. פּונקט קעגנאיבער דעם „בית־משפט השלום" געפינט זיך די אָרטאָדאָקסישע אינסטיטוציע פון „היכל התורה" ווו עס האָבן, דאַן בעת עס זענען אָנגעגאַנגען די קאַמפן צווישן די אַראַבער און יידן, געוווינט די יידישע פּליטים פון שוק הכרמל. זיי האָבן מיט זייער אומרואיקייט, און אָריענטאַלישן אימפּעט, נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם טומל. פון צעבראָכענע מעבל, האָט מען אויפגעשטעלט פּראָוויזאָרישע קרעמלעך, בענקלעך און טישלעך, פון וועלכע מען האָט פאַרקויפט חלבה, אַלע סאָרטן קאַלטע געטראַנקען, און דעם באַרימטן מאכל וואָס שמעקט ווי היימישער טשאָלנט „פאַלאפּול" וואָס איז אַזוי ענלעך צו דער אַרגענטינער „פּיצא". און אין גאַנצן טומל און גערויש, האָב איך אין דרויסן פאַרן געריכט, באַמערקט טישלעך מיט העברעאישע שרייבמאַשינקעס, ביי וועלכע עס זענען געזעסן ווינקל-שרייבער, און גרייט געווען צו דינען דעם פּובליקום.

סיי אָנגעקלאָגטע, און סיי אָנקלאָגער, האָבן פאַרן ווינקל-שרייבער, איבערגעגעבן אַלע איינצלהייטן, און ער האָט די „בקשה" אָנגעשריבן. איך האָב לאַנג געדאַרפט וואַרטן, ביז צו כאַפּן אַ שמועס מיט איינעם פון די ווינקל-שרייבער, נאָכדעם ווי איך האָב אים געזאָגט אַז איך דאַרף קיין

שום בקשה, נאָר איך וואָלט וועלן גלאַט אינפאָרמאַציע, ווייל איך בין אַן „עתונאי חוץ” (אויסלענדישער זשורנאַליסט). האָט ער מסכים געווען מיט מיר צו כאַפּן אַ שמועס, און אַגב מיר געוויזן אַז ער איז אויך איינער „משלנו”, האָט שוין ארויסגעגעבן דאָס צווייטע בוך שירים, און מיר אָנגעוויזן אַז דער צווייטער ווינקל־שרייבער דאָרט, איז אַן אַמאָליקער באַרימטער ציוניסטישער גאַליציאַנער אַדוואָקאַט. דער ווינקל־שרייבער דערפילט נישט בלויז די פונקציע פון שרייבן בקשות, נאָר ער איז אויך אָפּט אַ מין עורך דין, מיט וועלכן מען איז זיך שואל עצה, ער ווייסט ווי אַזוי אָנצושרייבן די בקשה, אָדער ווי אַזוי צו ענטפערן דעם געריכט אויף אַן אויסערגעוועגלעכער „הזמנה”. כאָטש ער איז נישט קיין אָפיציעלער אַדוואָקאַט.

איך בין אַריין אין דער געריכטס־געביידע, וואָס האָט פאָרנט אַ גאָרטן, וועלכער געהערט צו דעם קאַפע־הויז, טאַקע אַ קאָנצעסיע פון געריכט. דאָ קענט איר זיך אונטערכאַפּן דאָס האַרץ מיט איבערבייסן, און דאָ קענט איר הערן די הייסע דיסקוסיעס פון די עורכי־דין (אַדוואָקאַטן), פאַר דעם געריכטס־אורטייל, און נאָכדעם. דאַכט זיך, אַז אַדוואָקאַטן אויף דער גאַנצער וועלט, האָבן איין פּנים... צווישן זיך שמועסט מען פריינטלעך, פאַרן אורטייל, אָדער נאָכן אורטייל... כאָטש בעת די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען קעמפט מען ווי בלוטיקע שונאים, יעדער פאַר זיין צד... איך זיץ אַלס אַ זייטיקער צושויער, און איך הער ווי די אַדוואָקאַטן אונטערהאַלטן זיך אויפן חשבון פון זייערע קליענטן... שלמה — טענהט איין יונגער עורך דין, צום צווייטן — וואָס מאַכסטו דיך נאַריש, האָסט אָנגענומען אַזאַ אָנקלאַגע, בעת דו ווייסט אַז איך בין דער פאַרטיידיקער פון צווייטן צד, — אין דבר — ענטפערט אים יענער, מירן זען דאָרט אין געריכט ווער עס וועט געווינען.

איך בין אַריין אין געריכט־זאַל, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געוועגלעכן זאַל פון אַ געריכט ווי אין בוענאָס־איירעס, אָדער ניו־יאָרק. דער אונטערשיד בלויז, וואָס דער ריכטער האָט געטראָגן אַן אוניפאָרם אויפן ענגלישן סיסטעם, און פון דער וואַנט האָט נאָך אַראָפּגעקוקט דאָס בילד פון ענגלישן קעניג. דער ריכטער הארקאווי, אַ סימפּאַטישער יונגער־

מאַן, איז געזעסן אין אַן ערנסטער פּאָזע, זיך צוגעהערט צו דעם עדות-זאָגן פון אַ פּאָליציסט, וואָס איז געזעסן אויפן עדות־שטול, און באַשולדיקט אַ יידן, ביי וועמען אין געשעפט מען האָט געפונען אַ געגנבעטן אפנים (ביציקלעט). דער פּאָליציסט, אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, מיט שטרענגע אַרויפגעדרייטע וואָנצעס, ווי האַרטע דראָטן, האָט אויף דער פראַגע פון ריכטער, דערציילט וואָס האָט פּאַסירט: „איך האָב געהאַט מיין דינסט אויף רחוב לעווינסקי, דריי נאָכמיטאָג דעם און דעם טאָג, איז צו מיר צוגעקומען דער באַשולדיקער — נאָמען... און מיר אָנגעוויזן, אַז ער האָט דערקאָנט זיין געגנבעטן אפנים ביי דעם פאַרבייפאָרער... און מיר אפילו געוויזן זיין תעודת זהות, וואָס שטימט מיט די נומערן פון דער דערלויבעניש פאַר דעם אפנים. האָב איך דעם פאַרבייפאָרער אַרעסטירט. און דער ווידער האָט מיר געוויזן די באַשטעטיקונג, אַז ער האָט דעם אפנים געקויפט ביי אָט דעם... תודה — באַמערקט דער ריכטער, אַ סימן אַז ער האָט פאַרענדיקט זיין עדות-זאָגן, דער ריכטער רוימט איין דעם געריכט-דינער עפּעס אין אויער, און באַלד דערהערט זיך אַ באַסאָווע שטימע, יעלה אדון... מיר דאַכט זיך אַז דאָס טיילט מען דאָ עליות ווי ביי קריאת התורה, אין אַ היימישער שול. דער אמתער אייגנטימער פון „אפנים" גייט אַרויף אויפן עדות־שטול, דערציילט ווי אַזוי מיט אַ דריי חדשים צוריק, האָט מען ביי אים צוגעגנבעט דעם אפנים, און ער האָט אים די גאַנצע צייט געזוכט, ביז מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט ער דעם אפנים דערקאָנט אויף רחוב לעווינסקי. ער האָט גלייך צוגערופן דעם פּאָליציסט, און אים איבערגעגעבן דעם „בעל-הבית" פון אפנים. ווידער דערהערט זיך די באַסאָווע שטימע פון געריכטס-דינער: יעלה אדון... אויפן עדות־שטול איז אַרויף דער, וועמען דער פּאָליציסט האָט אַרעסטירט. איך — טענהט יענער, האָב גאָרנישט געוווסט, אַז דאָס איז אַ געגנבעטער אפנים, פון וואַנען זאָל איך דאָס געוועהן וויסן? ער, ווייזט ער אָן אויף דעם ייד, וואָס האָט אַ געשעפט פון אפנים, האָט מיר אים פאַרקויפט; און אָט ווייזט ער אפילו די רעכענונג וואָס ער האָט באַצאָלט... דער געריכטס-דינער דערנענטערט זיך צו אים אויפן באַפעל פון ריכטער, נעמט ביי אים דאָס פּאַפּיר, און טראָגט עס צום ריכטער־טיש.

-- איר האָט נאָך עפּעס צו זאָגן — פרעגט אים דער ריכטער. ניין, ענטפערט ער שנעל. ובכן גמרת? הייסט האָסט פארענדיקט? כן גמרתי (איך האָב פארענדיקט). אויב אזוי פרעגט אים דער ריכטער; ווי קומט דאָס וואָס דו האָסט געקויפט אַן „אפנים" אָן א תעודה? ווייסטו דען ניט, אז יעדער אפנים מוז האָבן א דערלויבעניש פון טראנספּאָרט-דעפּאר-טאַמענט. ניין! ענטפערט ער שנעל. איך בין א נייער עולה, ערשט צוויי חדשים אין לאַנד... תודה — ענטפערט דער ריכטער און דער יונגערמאַן פארלאָזט דעם עדות-שטול. איצט רופט מען דעם הויפּט באשולדיקטן, דער ייד וואָס האָט אים פארקויפט דעם געגנבעטן „אפנים".

כדי צו מאַכן שטאַרקער די אָנקלאַגע, רופט מען ווידער אמאָל דעם פּאָליציסט איבערצווחזרן זיין פּראָטאָקאָל; און אַלע דאָ אין געריכט זענען איצט זיכער, אז דער הויפּט באשולדיקטער איז נאַטירלעך דער ייד. יעלה אדון — רופט דער געריכטס-דינער אויס, און אויפן עדות-שטול, גייט איצט ארויף דער ייד, א מיטליעריקער מענטש אין די פופציקער, קענטיק א שווערער ארבעטער. דער ריכטער הייסט אים שווערן. דער געריכטס-דינער, זאָגט פאַראויס דעם נוסח פון דער שבועה, דער ייד זאָגט נאָך אין א געבראָכענעם אשכנזישן העברעאיש, און דער ריכטער הויבט אָן מיט זיינע פראַגעס: ווי קומט עס אז דו האָסט געקויפט און פארקויפט א גע-גנבעטן „אפנים"? דער ייד הויבט אָן אין א געבראָכענעם קול זיך צו פאר-טיידיקן, אז ער האָט נישט געוווסט פון די געזעצן, וועגן ספּעציעלע דער-לויבענישן, פאר קויפן אַן אַלטן „אפנים". ער אַליין קויפט פארשידענע אַלטע זאַכן, איז ווען מען האָט אים אָנגעבאָטן צו קויפן דעם אפנים, און ער האָט געזען אַז מען קען דאָ פאַרדינען א פאָר פיאַסטער, זעט ער נישט די עולה וואָס ער האָט געטון... ווער האָט געקאָנט וויסן אז דער אפנים איז א געגנבעטער?... פרעגט דער ייד. אָבער דער ריכטער לאָזט אים ווייטער נישט רעדן. דו וועסט אזוי גוט זיין און נישט האַלטן קיין דרשות, נאָר ענטפערן אויף דעם וואָס איך פרעג דיך! איך כאַפּ א קוק אויפן פּאָ-ליציסט, וועלכער שטייט פּנים-אל-פּנים מיטן באשולדיקטן און איך זע ווי ער לאַכט א מאָדנע געלעכטערל, ווי איינער רעדט — מיר קענען שוין אזעלכע אומשולדיקע לעמעלעך... מאַכט זיך געפּגרט... רוימט ער איין א

צוויטן פּאָליציסט וואָס שטייט נעבן אים. אַן אומשולדיקער מענטש...
— ענטפערט אים דער צווייטער...

איך זע, אַז דעם פּאָליציסט גייט ממש אין לעבן, דער ייד זאָל באַקומען אַ האַרבע שטראָף. דער ריכטער נעמט דעם אָנגעקלאָגטן, אויף אַ קרייץ-פאַרהער. דער ייד ענטפערט אויף אַלע פראַגן מיט אַ געבראָכענער שטימע. פלוצים שטעלט זיך דער ריכטער אויף אַ ווייל. האָסט דאָ נישט קיין עורך-דין? ניין, ענטפערט דער אָנגעקלאָגטער. איך קען זיך אַזאַ זאַך נישט פאַרגינען. איך... נו, מילא, לאָזט אים דער ריכטער ווייטער נישט רעדן. עס איז נישט קיין אומגליק... ווייזט אויס אַז דעם ריכטער גייט עס נישט אַזוי אין לעבן, וואָס ער האָט נישט קיין אַדוואָקאַט. אויף יעדער פראַגע פון ריכטער האַלט דער ייד אַ גאַנצע דרשה... כדי צו באַווייזן זיין אומשולד, כאָטש דער ריכטער שטעלט אים בסדר אָפּ, אָבער איך זע, אַז ער מאַכט אָפּטע נאָטירונגען, און פאַרצייכענונגען. פלוצים רייסט אים דער ריכטער איבער. ביסט שוין אַמאָל געווען באַשטראָפט? קיינמאָל נישט! ענטפערט דער ייד. שוין באַלד צוואַנציק יאָר ווי איך געפין זיך אין ארץ, און נאָך קיינמאָל נישט געווען אפילו אין געריכט... דער ריכטער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע. באַלד דערהערט זיך זיין שטימע, ווי ער דיקטירט דעם פּראָטאָקאָל-שרייבער: נ פ ל ב פ ח ! (אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע).

און איך זע ווי דער שטרענגער פּאָליציסט איז איצט געוואָרן ווייכער, ס'איז פאַרשוווּנדן די שטרענגקייט פון זיין פּנים. דערהערנדיק דעם יידס דרשות, און ער מורמלט מיט אַ שטימע פול מיט רחמנות — נפל בפח! נפל בפח! די צוויי ווערטער גייען איצט פון מויל צו מויל אין געריכט. אפילו דער קאַלטער גזלן, דער געריכטס-דינער, איבערחזרט אויך דעם ריכטערס ווערטער: נפל בפח!

יידישע גזלנים... די הערצער זענען איצט פול מיט רחמנות אויפן ייד וואָס איז נעבעך אומשולדיק אַריינגעפאַלן... דער אורטייל איז איצט קלאָר. דער ריכטער באַפרייט דעם ייד מיט אַ וואָרנונג, אויב עס וועט זיך נאָך אַמאָל איבערחזרן אַזאַ פאַל, אַז ער וועט קויפן זאַכן וועלכע דאַרפן ספּעציעלע דערלויבענישן, וועט ער שטרענג באַשטראָפט ווערן. דער

„אפנים" ווערט צוריקגעגעבן צום אמתן איינגנטימער, און אלע גייען אוועק צופרידן. דער וואס האט צוריק באקומען זיין „אפנים", און אפילו דער ביי וועמען מען האט צוגענומען דעם „אפנים", און מער ווי אלע איז צופרידן דער הויפט קרבן, וואס האט ארויסגערופן סימפאטיע ביי אלעמען. אפילו ביי דעם פאליציסט וואס האט אים ארעסטירט.

— *** —

דער געריכטס-דינער גיט א צייכן פאר אלע אנוועזנדע אויפצושטיין. דער ריכטער פארנעמט די שטול. די פארהאנדלונגען הויבן זיך ווידער אן.

דער געריכטס-דינער רופט אויס א נאמען. פון די סאמע לעצטע בענק, הויבט זיך אויף א קליינגעוויקסיקער מאן, מיט א קנאביק-ביינערדיק פנים, קענטיק א תימנער, און שלייכט זיך פויל צו דער באשולדיקונגס-באנק, ווי דער גאנצער ענין וואלט אים געווען איבעריק... דער געריכטס־דינער וואס האט ווייזט אויס נישט באמערקט דעם באשולדיקטן, שרייט אויס אויפן קול נאך אמאל דעם נאמען: הנני! — ענטפערט דער באשולדיקטער גלייכגילטיק, און זעצט זיך אוועק אויף דער באשולדיקונגס-באנק ווי אן אייגענער מענטש... ווייזט אויס אז דאס פילט ער זיך דא אזוי היימיש... ווייל דער ריכטער דערזעענדיק דעם באשולדיקטן, שמייכלט און רוימט עפעס איין דעם פראטאקאל-שרייבער. שלום אדוני שופט — באגריסט דער באשולדיקטער דעם ריכטער. דער ריכטער רופט אים גלייך אן ביי זיין נאמען, נישט פרעגנדיק אפילו וועגן וואס ער געפינט זיך דא. עס ווייזט זיך ארויס אז דער באשולדיקטער איז נישט גלאט א גנב נאר א גנב א מומחה, וואס ספעציאליזירט זיך אין גנבענען וועש פון די שטריק, וואס בעלי-הביתטעס הענגען ארויס אויף די דעכער אין תל-אביב צום טרוקענען.

א סך פראגן שטעלט מען נישט דעם באשולדיקטן. ער איז שוין דא א באקאנטע „פירמע". דער געריכטס-דינער, רופט אויס דעם עדות זאגן אים, א סימפאטישע יידישע פרוי וואס פארנעמט דעם עדות־שטול. נאך דעם ווי דער ריכטער האט זי געפרעגט די אלע סקארבאווע איינצלהייטן, הויבט די פרוי אן אליין צו דערציילן:

— איר זעט — אַט ווי ער זיצט דאָרט אַזוי אומשולדיק ווי אַ לע־מעלע. מיט דער געשיקטקייט פון אַ קאַץ, האָט ער זיך געוואָלט אַראָפּ־גנבענען פונעם דאַך מיט אַ פּאַק וועש. די פרוי רעדט האַלב דייטש, און אַפילו דאָס העברעאיש וואָס זי רעדט, קלינגט מאָדנע. דער ריכטער ווייזט אויס פאַרשטייט נישט גוט און פרעגט זי איבער — וואָס הייסט דאָס מיט דער געשיקטקייט פון אַ קאַץ. — ברענגט אהער אין געריכט אַ קאַץ — ענטפערט די פרוי, וועט איר זען ווי אַזוי זי וועט זיך קונציק אַרויס־כאַפּן. דאָ שפּרינגט אויף דער באַשולדיקטער און פּראָטעסטירט: איך בין נישט אַראָפּ פון דאַך ווי אַ קאַץ, נאָר ווי אַ נאָרמאַלער מענטש... ווייזט אויס, אַז דער פאַרגלייך פון דער פרוי, האָט שטאַרק אָנגערירט זיינע גע־פילן...

און וואָס האַסטו — ווענדעט זיך דער ריכטער צום באַשולדיקטן — געטון אויפן דאַך פון אַ פרעמדן הויז?

— איך ענטפער דער באַשולדיקטער — בין דאָרט אַרויף בעטן נדבות...

— פון וועמען האַסטו דאָרט געבעטן נדבות, אַז דאָרט וווינט קיי־נער נישט — לאָזט אים דער ריכטער ווייטער נישט רעדן.

— פאַרוואָס וווינט טאַקע דאָרט קיינער נישט אויפן דאַך? עס וואָלט געווען אַ גוטער פּלאַן אויסצובויען הייזער פאַר די נייע עולים און פאַר פליטים... אויף די דעכער — פילאָזאָפירט דער באַשולדיקטער... — דריי חדשים תפיסה, האַקט אים איבער דער ריכטער זיינע פּלענער... דאָ צעוויינט זיך דער באַשולדיקטער: אדוני השופט — בעט ער זיך מיט טרערן אין די אויגן, מיר איז שוין נמאס דאָרט צו זיצן... איך... אָבער דער געריכטס־דינער רופט אויפן קול אַ צווייטן באַשולדיקטן.

— ⁂ —

ווייזט אויס אַז וועש גנבענען, איז ביי די תל־אביבער גנבים זייער פּאָפּולער. ווייל דער צווייטער באַשולדיקטער, איז אויך אָנגעקלאָגט אין דער זעלבער גנבה. דער אונטערשיד איז בלויז, וואָס אים האָט מען נאָך געכאַפּט פריער, איידער ער האָט די וועש גענומען. דאָס דערוויס איך זיך פון באַשולדיקטן אַליין, וואָס זיצט נעבן שוטר, וועלכער האָט אים

אַרעסטירט. קלאָגט ער זיך פאַר אים, אין דער שטיל: פּשוט לא היה לי מזל (גאַנץ איינפאַך, איך האָב קיין מזל נישט געהאַט...). אַ פּאָליציסט וואָס רעדט מיט אַ ליטווישן אַקצענט, גיט איבער ווי אַזוי ער האָט דעם גנב אַרעסטירט, און ער פאַרבייט כסדר דאָס וואָרט „כביסה” (וועש) מיט „כבישה”, וואָס האָט אַ גאַנץ אַנדערע באַדייטונג. דער פּאָליציסט באַ-ווייזט, אַז ער איז אַ גאַנצער מומחה אין געשעפטלעכע ענינים... אדוני השופט — זאָגט ער — ביי דעם איצטיקן יקרות, זענען די פּרייזן פון העמדער, זאָקן, אונטערוועש, דריי מאָל געשטיגן... מען זעט בפירוש אַז עס גייט אים אין לעבן, אַז דער באַשולדיקטער זאָל באַקומען אַ האַרבן פּסק. ער דערציילט ווי ער האָט געהערט אַ גוואַלד תפסו! גנב! (כאַפּט אַ גנב!) און ווי אַזוי דער גנב איז שוין געווען אין דרויסן, און ער האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג. דאָ דעמאָנסטרירט ער די סצענע, ווי אַזוי ער איז אים פאַרלאָפן דעם וועג, און אים געכאַפּט. — האָט ער זיך געווערט — פרעגט דער ריכטער דעם פּאָליציסט? ווייזט אויס אַז אויף דעם האָט דער פּאָליציסט געוואַרט... נו, יאָ, מער וואָלט אים נישט געפעלט... נאָר זיך ביי מיר צו ווערן... ווי אַ רייפע פרוכט — ציט דער פּאָליציסט די ווערטער, — איז ער מיר אַריינגעפאַלן אין די הענט און... זייט זיכער — ציט ער די ווערטער — אַז ווער עס פאַלט אַריין אין די הענט מיינע קען שוין פון דאָרט נישט אַרויס... דאָס פּובליקום אין געריכט־זאָל איז אויפגעלייגט, מען לאַכט אויפן קול. ווען דער פּאָליציסט באַרימט זיך מיט זיין גבורה, און דעמאָנסטרירט ווי אַזוי ער האָט געכאַפּט דעם גנב. אָבער דער געריכטס-דינער קלאַפּט מיט אַ האַמער אויפן טיש: בבקשה שקט! (ביטע שטילשווייגן).

אויסהערנדיק די עדות, טראָגט דער ריכטער אַרויס דעם אורטייל: דריי חדשים תפיסה...

דער באַשולדיקטער, בעט דעם ריכטער, מען זאָל אים געבן די מעג-לעכקייטן צו אַרבעטן, אין דער צייט ווען ער וועט זיצן זיין טערמין. דער ריכטער ווענדעט זיך צו דעם פּאָליציסט וואָס האָט אַזוי דעמאָנסטרירט זיין גבורה, אויב עס איז פאַראַן אין דער „משטרה” אַרבעט פאַרן פאַר-אורטיילטן, ווי למשל, אין גאָרטן, אָדער אין הויף, אָדער אַנדערע אַר-

געטן... און וואָס וועט זיין — ענטפערט דער פּאָליציסט — אַז ער וועט באַגנבענען די משטרה? (פּאָליציי).

אדוני השופט — בעט זיך מיט טרערן דער פאראורטיילטער — איך פאַרזיכער אייך, אַז איך וועל זיין אַ געטרייער שומר אין דער פּאָליציי און אָפּהיטן אַז קיינער זאָל דאָרט, חלילה, נישט עפּעס צוגנבענען...

— *** —

דער באַשולדיקטער, וואָס זיצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, אַ דערשראָקענער און נערוועזער, איז נאָך זייער יונג. כמעט אַ קינדיש פּנים, וואָס קוקט איצט מיט שרעק, באַלד אויפן פּובליקום, באַלד אויפן ריכ־טער, און באַלד אויף די צוויי פּאָליציסטן וואָס באַוואַכן אים, אָנגעטון אין אַ וואַסקיש בלוי היטל, מיט קורצע כאַקי־הויזן, פון וועלכע עס זעט זיך אַרויס די קניעס, זיצט ער אַן אומרואיקער, און פאַרלוירענער. מען זעט, אַז ער האָט חרטה אויף דעם וואָס ער האָט געטון...

דער עורך־דין, וואָס איז אים געקומען פאַרטיידיקן, רוימט עפּעס איין דעם שופט, יענער בויגט זיך אַריבער צו דעם פּראָטאָקאָל־שרייבער. דער באַשולדיקער, און דער ריכטער, און דער עורך־דין, אויך די פּאָלי־ציסטן באַראָטן זיך איצט, וואָס צו טון מיט דעם יונגן גנב. עס האַנדלט זיך דאָ מער אין „משיכה ספּורטיבית" (אַ ליבע צו ספּאָרט), ווי דער ריכטער דערקלערט עס פאַר די פּאָליציסטן, און דעם אָנקלאָגער. דער באַשולדיקטער האָט נישט קיין קרימינעלן רעקאָרד. דאָס ערשטע מאָל אין זיין יונגן לעבן, ווי ער איז געשטרויכלט געוואָרן. ער אַליין וויל נישט צו־געבן, אַז דאָס האָט ער די טענים־באַלן געגנבעט, נאָר טענהט, אַז דאָס האָט ער זיי געקויפט ביי אַ חבר...

— פונדעסטוועגן, ווענדעט זיך דער ריכטער אביסל ערנסט צום אָנ־געקלאָגטן — דאַרף מען אַזאַ בחור ווי דו באַשטראָפן, כדי זאָלסט וויסן אַז מען גנבעט נישט קיין טענים־באַלן.

דער יונגער באַשולדיקטער נעמט אַרויס אַ טיכל פון קעשענע, און צעוויינט זיך, אדוני השופט — בעט ער זיך — איך פאַרזיכער אייך, אַז איך וועל מער נישט שפּילן אין באַל. איך וועל בעסער זיך נעמען צו „גלי גיל"... (שווים ספּאָרט) אויב איר וועט מיר דאָס מאָל שענקען... דער ריב־

טער שמייכלט פֿאַטערלעך, קוקט אויפֿן יונגן באַשולדיקטן, וואָס האָט זיך איצט צעוויינט אויפֿן הויכן קול. און ווינקט זיך איבער מיטן אָנקלאָגער און מיט דעם „עורך דין" פֿון באַשולדיקטן.

— חרטה־טרערן וועלן העלפֿן... — מורמלט ער שטיל, באַלד דער־הערט זיך זיין אייגענע שטימע — אַ יאָר גוטע אויפֿפֿירונג. דעם יונגן בחורס פּנים, איז אויפֿגעלויכטן מיט פֿרייד. דאָס פּובליקום האָט אַפּלאָ־דירט. קענטיק, דער מילדער אורטייל איז זיי געפֿעלן, און דער געריכטס־דינער האָט ווידער געשריען זיין סקאַרבאָוון טאָג־טעגלעכן: בבקשה שקט! שקט!

יהודי בתור

דאָס איז געווען דעם צווייטן טאָג נאָך דער אָפּשטימונג אין לייק סוקסעס. איך געפֿין זיך אין אַ באַנק אויף שדרות ראָטשילד. אויך דאָרטן שטייט מען אין דער רייע. אָבער אַ פֿרומער ייד, ווייזט אויס פֿון די ירו־שלימער פֿרומאַקעס, שטופּט זיך פֿאָראויס פֿאַר יעדן. אָט איז ער שוין פֿאַר מיר ביי דער קאַסע.

— סטייטש! — זאָג איך, — ר' ייד, איך בין דאָך פֿריער פֿון אייך! וואָס שטופּט איר זיך אַזוי!

— וואָס איז אייך פֿאַר אַ חילוק! — ענטפֿערט ער מיר שנעל און ער שטופּט זיך ווייטער, — וועט איר אָנקומען אַביסל שפּעטער. צווייטנס,

— שלינגט ער שנעל די ווערטער — פֿיל איך זיך ביי זיך אין דער היים — אַ קלייניקייט! מ'האָט דאָך ערשט נעכטן באַשלאָסן, אַז מיר האָבן אַ יידישע מדינה...

— אמת טאַקע, אַ יידישע מלוכה, — כאַפּט זיך אַריין אין אונדזער שמועס אַ זייטיקער ייד, — אָבער עס מוז דאָך זיין סדר (אָרדענונג). מיר זענען דאָך דאָ פֿריער פֿון אייך־

— מ'פֿרעגט נישט ביי אייך! — ענטפֿערט דער ירושלימער פֿרומער ייד.

אַן אַנגעשטעלטער פון באַנק דערנענטערט זיך און באַפעלט דעם ייד, אַז ער זאָל זיך שטעלן אין סאַמע סוף פון דער שורה. אָבער ער וויל באַין אופן נישט הערן. דער אַנגעשטעלטער פאַרשווינדט און אין אַ ווײַלע אַרום קומט ער מיט אַ יידישן שוטר (פּאָליציסט). דער פּאָליציסט וואַרפט אַ שטרענגן בליק אויפן ירושלימער פרומען יידן און באַפעלט אים נאָך שטרענגער:

— יהודי בתור־

אָבער דער ייד שטייט ווייטער אַ פאַרעקשנטער, און רירט זיך נישט פון אָרט.

— הלא אמרתי לך לעמוד בתור! (איך האָב דאָך דיר געזאָגט זיך צו שטעלן אין דער רייע). אָבער דער ירושלימער ייד שטייט גלייך ווי נישט אים מיינט מען...

אַלע קוקן נייגעריקע. דער שוטר דערנענטערט זיך צום יידן, נעמט אים אָן פעסט ביי דער האַנט און שלעפּט אים מיט כוח אוועק פון זיין פּלאַץ.

— נכון! נכון! (ריכטיק) — הערן זיך פון אַלע זייטן שטימען. — עס מוז געשאַפן ווערן אַ סדר. אַזאַ ייד איז ווערט, אַז מ'זאָל אים אַריינ־זעצן אין תפיסה. — שרייט איינער פון דער שורה אויפן קול.

דער איינציקער, וואָס שווייגט איז דער ירושלימער ייד. ער קוקט מיט בייזע בליקן אַמאָל אויפן שוטר און אַמאָל אויף דער שורה יידן.

דער שוטר נעמט אַרויס אַ קליין ביכעלע, פרעגט אים אויף זיין נאָ־מען. אָבער יידן בני רחמנים מישן זיך אַריין און בעטן אים אָפּצולאָזן.

דער שוטר לייגט צוריק אַריין דאָס ביכעלע אין קעשענע און גייט אוועק.

דער ירושלימער ייד שרייט דאַן אויס מיט כעס:

— נאַדיר אַ יידישע מדינה! אַז דער שוטר האָט גאַרנישט קיין יידישע צורה. איך וואָלט אייך געשווירן, אַז ער לייגט נישט קיין תפי־לין!...

— *** —

יהודי בתור! (שטיי אין דער ריי) — דעם באַפעל קענט איר איצט אין מלחמה-צייט, אַפּט הערן איבער די גאַסן פון תל-אביב, חיפה, ירו-שלים. — עס איז מלחמה — און יעדער וויל וואָס שנעלער, כאַפּן אַ פּלאַץ אין אויטאָבוס, אָדער קויפן פּאָסטמאַרקעס, אָדער זיין דער ערשטער צו קויפן בילעטן אין קינאָ-טעאַטער. די צייט שטייט נישט. באַמבעס פּלאַצן כסדר, און מען קען נישט וויסן, וואָס עס וועט פּאַסירן מאָרגן. וויל מען וואָס שנעלער אַריינכאַפּן אביסל פאַרגעניגן. און פּונקט ווי איר ווילט זיין דער ערשטער, וויל אויך נאָך־ווער זיין דער ערשטער... הערט איר אָפּט די שטרענגע שטימע פון יידישן פּאָליציסט: יהודי בתור!

שטייט מען „בתור" און מען וויצלט זיך, מ'זאָגט זיך איינער דעם אַנדערן אַריין שטעכווערטלעך. מען קריגט זיך, און אַנדערע יידן ווילן מאַכן שלום, עס מישט זיך אַמאָל אויך אַריין אַ פּאָליציסט...

צו באַקומען לעבנסמיטלען, מוז מען אויך שטיין „בתור", כדי יע־דער זאָל באַקומען דעם חלק, וואָס עס קומט אים. און גראָד אין דעם „תור" קענט איר זען סצענעס, וואָס ברענגען אַרויס דעם כאַראַקטער, און די שטריכן, פון דער באַפעלקערונג, פון דער הונדערט פּראָצענטיקער יידי־שער תל-אביב, וואָס איז אַ מין שמעלץ-טאָפּ פון מזרח און מערב, פון תימן און אפריקע, רומעניע און פוילן. טאַקע אַלע יידן, אַלע רעדן העב־ר עאיש, אָבער יעדער מיט אַן אַנדערן דיאַלעקט, מיט אַנדערע הויות.

אָט שטיי איך 9 אזייגער אינדערפרי נישט ווייט פון אַ „תנובה", ווו מען גיט יעדן אויף אַ שפּייז-קאַרטע גאַנצע צען אייער. איך דערנענטער זיך צו דער לאַנגער רייע און וויל גיין אביסל פאַראויס. אָבער צענדלי־קער בליקן קוקן אויף מיר. איינער רעדט: וואָס פאַר אַ מיוחס איז עס? און באַלד דערהערן זיך פון אַלע זייטן קולות: יהודי בתור!

דער פּאָליציסט דערנענטערט זיך צו מיר, מעסט מיך אָפּ מיט אַ שאַרפן בליק און קוועטשט אַרויס צווישן די ציין באַפעלעריש: „בתור!"

איך וויז אים מיין צייטונגס-קארטע, אז איך האב נישט בדעה צו קויפן קיין אייער, נאר איך וויל זיך גלאט צוקוקן צו דער סצענע.

— בסדר! — מורמלט ער מיט א שמייכל.

אט קומט די רייע פון איינעם, וואס קוקט אויס ווי א תימנער. א ברוין אפגעברענט פנים, קליינע שווארצע אויגן, וואס קוקן נערוועז אויף אלע זייטן.

דער באלעבאס פון דער תנובה כאפט א קוק אויפן קוגה, און זאגט שנעל:

— אין ביצים...

— מה? — ווערט יענער א פארציטערטער. — פארוואס באקומען אלע און איך נישט?

— יא, — ענטפערט דער באלעבאס אין העברעאיש, מיט דעם באקאנטן דייטשן אקצענט, — איך פארקויף בלויז צו מיינע שטענדיקע קונים, אבער נישט גלאט צו די „אורחי־פורחי"...

— מה זאת אומרת אורחי פורחי? (וואס מיינט דאס אורחי פורחי?)

— איז דער תימנער געווארן אנגעצונדן. — מ'דארף דא זען, ווער עס איז אן אורחי און ווער א פורחי. א „יעקי", וואס איז דא אהערגעקומען, האט נאך נישט געפאקט און נישט געמאזלט, און וועט מיך רופן אורחי־פורחי?

דערהערנדיק דאס ווארט „יעקי", ווערט דער באלעבאס פלאם-פייער.

— ווער איז א יעקי? און ווער זאגט, אז איך האב נישט געפאקט און נישט געמאזלט? ווער האט געשלעפט שטיינער אויפן כביש אין פתח תקוה? ווער איז געלעגן וואכן לאנג אין קבוצה און געפיבערט, אני! — שרייט דער באלעבאס אויפן קול...

דער תימנער פאלט אבער אויך נישט אראפ ביי זיך און שרייט נאך העכער:

— פארוואס ביסטו נישט פארבליבן אין קבוצה אדער אין פתח תקוה, נאר דווקא געקומען דא אהער טרייבן ספסרות (נעמען העכערע פרייזן)?

די מחלוקת ווערט וואס אמאל שארפער.ביידן פעלן איצט אויס גע־

נוג העברעאישע ווערטער. מ׳גייט אריבער אויף יידיש או מ׳הויבט זיך אָן זאָגן אין טאַטנס טאַטן אַריין מיט אַ געמיש פון היימישע קללות...

דאָ האָט פּאַסירט אַ קאָמישע סצענע. ביידע האָבן גערעדט אַ גאַ־ליציאַנער יידיש. דער „יעקי” איז קיין יעקי נישט און, דער „תימנער” איז גאָרנישט פון תימן... דער עולם אַרום האָט אויסגעשאָסן אין אַ גע-לעכטער...

— *** —

אויף ככר דיזענגאָף, אין קינאָ-טעאַטער „אסתר”, ווערט געשפּילט שלום עליכמס „טוביה החולב” (טוביה דער מילכיקער) מיט מאָרים שוואַרץ אין דער הויפּטראָלע. ס׳איז ערב שבת, יידן באַזאָרגן זיך מיט בי־לעטן. ווידער הערט איר דעם באַפעל: יהודי בתור! און אַז יידן שטייען אין אַ שורה, ווי געשיקט זיך, מ׳זאָל גלאַט אַזוי שטיין און נישט אָנהויבן אַ שמועס?

אַ ייד באַטראַכט אַ פּאָר מאָל די גרויסע אויפשריפט „טוביה החולב”. ער קוקט אויף די בילדער פון די סצענעס, זעט מאָרים שוואַרצס בילד, שווייגט אַ ווײַלע, קוקט אַ נישט זיכערער אַרום זיך. עפּעס איז אים דאָ שווער צו פאַרשטיין. עפּעס וויל ער פרעגן, אָבער קענטיק, אַז ער גע־טרויט זיך נישט. עס פעלט אים דרייסטקייט. ער ווייזט אויס, לויט די קליידער אַ נייער עולה. ער הערט אַרום זיך בלויז העברעאיש און אפשר קען ער נישט קיין העברעאיש? באַלד הער איך, ווי ער פרעגט זיין שכן:

— זה טוביה דער מילכיקער?...

— מה? — קוקט אים יענער אָן מיט שטוינענדע בליקן.

אַ צווייטער ייד קומט אים צו הילף:

— כן, אדוני!

דער נייער עולה קוקט אויף אים מיט דאנקבארקייט און חזרט עטלע-כע מאָל איבער דעם „תודה! תודה!"

— עולה? — פרעגט אים יענער.

— כן, אדוני, — ענטפערט דער ייד, אָבער כּדי איינמאָל פאר אַלע מאָל ארויסצוקריכן פון דער מאָדנער לאַגע, הויבט ער אָן:

— איך רעד נאָר א קליין ביסל העברעאיש...

— נישקשה! — ענטפערט יענער שנעל אָפּ. — איך פארשטיי גאנץ גוט יידיש.

— כ'בעט אייך, — הויבט דער ערשטער ייד אָן — ווי אזוי שפּילט מען דאָ, יידיש אָדער העברעאיש?

— זיכער עברית! — לאָזט אים דער צווייטער נישט פארענדיקן.

אָבער דעם זייטיקן שכן געפעלט נישט, ווייזט־אויס, וואָס הינטער זיינע פּלייצעס, האָבן זיך צוויי יידן אזוי ברייטלעך צערעדט, און אפשר געפעלט אים גאָר נישט, וואָס מען רעדט יידיש, און ער טוט זיך אזא זאָג:

— איצט איז ערב שבת. ס'איז נישטאָ קיין צייט צו פארדרייען א מוח פּונקט דאָ, ווען מ'שטייט בתור. שבת נאָכן קוגל וועט איר זיך איי-נער מיטן אנדערן דורכרעדן.

ווערט דער ערשטער ייד אביסל בייז, און זאָגט אים ער זאָל נישט אריינשטעקן די נאָז, וווּ מ'דאַרף נישט...

ווערט דער אָנגעגריפענער ייד אין כעס, און אַן אָנגעצונדענער שרייט ער אויפן קול:

— אני מצפצף עליך! (איך פייף אויף דיר).

— חמור! — שרייט דער ערשטער ייד און ביידע הויבן די פויסטן. ארומיקע יידן מישן זיך אריין. מ'האַלט זיי ביידן.

— שלאָגן זיך, — מישט זיך אריין א בכבודיקער ייד — איז נישט קיין יידישע מידה. גויים שלאָגן זיך.

—אויב איר ווילט זיך שלאָגן — זאָגט א דיקלעכע פרוי אין א ליטווישן העברעאיש — גייט ביידע אויפן פראָנט...

עס ווערט א טומל. דער שוטר דערנענטערט זיך, נעמט ביידן ארויס פון דער שורה, פארשרייבט א פראטאקאל, און הייסט זיי ווידער פאר-נעמען זייערע פלעצער אין דער רייע. איצט שטייען ביידע מיט אראפגע-לאזטע קעפ און שווייגן.

פון סאראנא — ביז הקריה

אין א שבת נאכמיטיק, ווען איבער תל-אביבער גאסן, האט זיך אויסגעשפרייט א שבתדיקע מנוחה. און טויזנטער יידן האבן שפאצירט, נאך טיש, אויסגעפוצט אין שבתדיקע בגדים, האבן מיר, א גרופע זשור-נאליסטן באזוכט סאראנא, און וועלכע הייסט איצט הקריה, די אמאליקע נאצישע קאלאניע, וועלכע געפינט זיך אין סאמע הארץ פון יידישן ישוב.

ווען מיר זענען געקומען קיין הקריה, האבן מיר דארט געטראפן טויזנטער תל-אביבער. קינד און קייט, האבן באלאגערט די גרויסע טויערן, מיט דער האפענונג צו האבן א געלעגנהייט א קוק צו טאן ווי אזוי די אמאליקע סאראנא, זעט איצט אויס אין יידישע הענט. אבער שטרענ-גע וואכן פון יידישע שוטרים, האבן באוואכט די טויערן — „הכניסה אסורה" איינגאנג פארבאטן.

גלייך ביי דעם הויכן פארקאן, האבן זיך ארויסגעשניטן הייזקעס אויפן אלטן בייערישן סטיל, מיט קליינע גערטנער. אויף דעם גרעסטן הויז, וואס איז אויך נישט ווייט געווען פון אריינגאנג, האט געפלאטערט די בלוי-ווייסע פאן. טויזנטער אייגן האבן אויף איר געקוקט מיט זשעד-נע בליקן. ווען דער שוטר האט איבערקוקנדיק אונדזערע פרעסע-קארטן, אנגעוויזן צו גיין צום „חדר המשמר" (וואך צימער) א קלייניקייט, אזא גליק. דער פקיד האט אונדזערע נעמען פארשריבן, אונדז אלעמען בא-טראכט מיט שטרענג-פארשנדע בליקן — און באפוילן א שוטר, אונדז ווייזן הקריה. פון ווייטן האט איצט אפגעהילכט א קאמאנדא — ימינה! שמאלה — דאס, האט אונדז אונדזער באגלייטער דערקלערט, ווערן גע-ביטן די שוטרים, וועלכע האבן אין הקריה זייער הויפט-קווארטיר, עס איז



די יידישע פאָן פלאַטערט איצט איבער דער אַמאָליקער דייטשער קאָלאָניע „סאַראָנא״ די איצטיקע „הקריה״.

טאקע — נעמט ער זיך פאר אונדז פארטיידיקן, ווי ער וואלט זיך פילן שולדיק, — עס איז טאקע היינט שבת, וואס איז אין נארמאלע צייטן א רו־טאג אפילו פאר שוטרים, אבער איצט איז מלחמה...

אט הענגט נאך אויף א הויז, וואס קוקט אויס ווי א ווילא, ערגעץ־ווו אין די אלפן־בערג, א דייטשע אויפשריפט, ראפענבראטער, און אט איז א צווייטע אויפשריפט אויף א הויז „גראפישע קונסט אנשטאלט", און גלייך אן אויפשריפט אין גאטישע שריפט, אין פארשידענע פארבן, א צווייטער אויפשריפט „איינטריט פיר פרעמדע פארבאטען".

דא — ווייזט אונדז דער שוטר — איז דאס הויז פון געוועזענעם בירגערמייסטער וואגנער. אין זיין שלאף־צימער — דערקלערט ער אונדז, האט מען נאך געפונען א האקן־קרייץ. און אט אין יענע קעלערן — ווייזט ער אונדז אן — אין א ווינקל, ווו עס האט זיך געפונען א „דויטשע ווירטשאפט", ווו מען האט געקאנט באקומען מינכענער ביר, מיט לע־בער־וורשט. פון דארט פלעגט אין גאס אריין נישט איינמאל קלינגען דאס „הארסט וועסל ליד". פון דארט פלעגט ארויסגיין געהיימע היטלע־ריסטישע פראפאגאנדע, איבערן גאנצן נאענטן מזרח. אט געפינען מיר זיך אין דער קינדער־שולע, ווו די נאצישע קינדער פלעגן אפט, אומגע־שטערט זינגען: „דויטשלאנד, דויטשלאנד, איבער אלעס!". איצט קלינגען דארט די פרייל־עכע זארגלאזע קולות, פון ארץ־ישראלדיקע צברהלאך (א געזונט אין זייערע ביינדעלעך).

אט דא, ווייזט אונדז דער שוטר, וועלכער קען דא, ווייזט אויס, יעדע סטעזשקע, יעדעס ביימל, דא זענען פון די בריטישע זשאנדארן דערמאר־דעט געווארן פיר יידישע יונגעלייט, ווען זייער געדולד האט געפלאצט און זיי האבן מער נישט געקאנט צוקוקן צו דער אפענער נאצישער חוצפה, אין סאמע הארץ פון ישוב, און זענען אריין אויף כוח באוואפנטע מיט געווער. דא — ווערט אונדזער באגלייטער ערנסט — איז זייער יונג בלוט פארגאסן געווארן, פון די בריטישע שותפים, צו היטלערס וועלט־פאר־שקלאפונג, און דא וועלן מיר פאר זיי בויען א מאנומענט...

עס איז שוין געווען היפש שפעטלעך אין אוונט, ווען מיר האבן פאר־ענדיקט אונדזער שפאציר איבער סאראנא, די איצטיקע הקריה, וואס איז

איצט דער הויפט-קוואַרטיר פון דער תל־אביבער פּאָליציי. פאַרשטייט זיך, אַז אַרומגעפירט, און געוויזן, האָט מען אונדז בלויז דאָס, וואָס מען האָט געקאָנט. אין ארץ-ישראל, האָבן זיך דאַן נאָך געפונען אונדזערע „באַשיצער", די ענגלענדער, און זשורנאַליסטן (איבערהויפּט אַמעריקאַ-נער) האָבן שוין אַזאַ טבע, אַז כדי צו כאַפּן אַ „סטאָרי" (אַ געשיכטע) רעכנט מען נישט אויס, וואָס פאַרא שאָדן דאָס קאָן שפּעטער ברענגען. די הויפּטזאַך איז, אַ גרויסער קאָפּ אויף דער ערשטער זייט מיט אַ „סענ-סאַציאָנעלער אַנטדעקונג". ווייסט מען דאָס שוין גוט אין ארץ־ישראל, און מען היט זיך פאַר זיי. און אַזוי ווי מיר זענען נישט געווען אַליין, נאָר מיט אַ גרופּע אַמעריקאַנער, צודרינגלעך-פּיפּיקע קאָרעספּאָנדענטן, האָט מען די חברה געהאַלטן אין קאָנטראָל. איצט אָבער, מעג מען עס דערציילן, אַז מיר, די יידישע זשורנאַליסטן, האָבן דאַן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אין יענע קעלערן פון הקריה, פון וואַנען עס פלעגט אַרויסגיין נאַצישע פּראָ-פּאַגאַנדע איבערן נאָענטן מזרח, האָבן זיך געפונען געווער־סקלאַדן פון דער הגנה, און דאָרט, וווּ די היטלער-יוגנט, פלעגט מיליטעריש פּאַראַדירן, האָט דאַן, ווען מיר זענען געזעסן אין „חדר המשמר" (וואַרטצימער) און דער פקיד האָט אונדז איבערגעגעבן די איינצלהייטן, וואָס דאָס איצטי-קע יידישע הקריה, איז אַמאָל געווען פאַר די דייטשן, האָבן דאָרט אונ-דזערע יידישע בחורים, שבת נאָך טיש, נישט געזאָגט קיין ברכו נפשי...

סאַראָנאַ, די איצטיקע הקריה, האָט הינטער זיך אַ מערקווירדיקע אינטערעסאַנטע געשיכטע: אין יאָר 1869 זענען גרעסערע גרופּעס דייטשן. די נאָכפאָלגער פון קריסטאָף האָפמאַן, וועלכע האָבן זיך גערופן „טעמפּל געזעלשאַפט", געקומען קיין ארץ־ישראל מיט דעם אידעאַל צו פירן אַ ריין פּראָדוקטיוו און רעליגיעז לעבן. קומענדיק קיין ארץ-יש-ראל, האָבן זיי צוערשט אויסגעקליבן די געגנט פון נצרת. דער קלימאַט אין יענער געגנט איז פאַר זיי נישט געווען צוגעפּאַסט, אַזוי אויך איז דער באָדן נישט געווען פאַר זיי גענוג פרוכטבאַר, זענען זיי צוערשט אַוועק קיין מגדל, שפּעטער קיין שומרון, וועלכע געפינט זיך נישט ווייט פון דער איצטיקער נהלל, דאַן קיין חיפה, וווּ אַ טייל פון זיי איז פאַרבליבן אויפן „הר הכרמל". ערשט אין יאָר 1884. פּונקט יאָר שפּעטער, נאָך דעם

ווי זיי זענען געקומען פון דייטשלאַנד, זענען זיי אַריבער אין דער פּאָרט־שטאָט יפו, ווו זיי האָבן אויפגעבויט סאַראַנאַ.

דאָ האָט זיי אָפּגעגליקט. סאַראַנאַ האָט אָנגעהויבן וואַקסן, און זיך שנעל אַנטוויקלען. מען האָט אויסגעבויט שיינע הייזער, געפלאַנצט פּרדסים, פּרוכטגערטנער, לויטן מוסטער פון דער אַמאָליקער היים. יעדער שטיקל באָדן, פון די זעקס טויזנט דונאַם, וועלכע זיי האָבן דאָ געקויפט, איז באַאַרבעט געוואָרן. ווען תּל־אביב האָט אָנגעהויבן וואַקסן מיט ריזן־שריט פאָראויס, האָט אויך סאַראָנאַ אָנגעהויבן מיטצוּוואַקסן. זי איז באַלד געוואָרן דער רייכסטער פּונקט אין ארץ־ישראל. מען האָט געהאַלטן הונ־דערטער אַראַבישע קנעכט, וואָס האָבן באַאַרבעט די פעלדער פאַר אַ הונ־גער־לוין. פּרוכט, מילך, און גרינסן, האָט מען פאַרקויפט צו די יידן פון תּל־אביב, אָדער רמת גן.

ווען מען איז רייך געוואָרן, האָט מען אינגאַנצן פאַרגעסן דעם אַמאָ־ליקן „טעמפּל גייסט”. דער צווייטער דור פון דער קאָלאָניע, זענען גע־וואָרן די שליחים פון דייטשן יונקערטום אין נאָענטן מזרח. ווען ווילהעלם דער צווייטער, האָט באַזוכט ארץ ישראל, האָט ער אָנגעקניפּט די איבער־געריסענע פעדים מיטן דייטשן פאָטערלאַנד. און פון דאַן אָן, איז סאַראָנאַ געוואָרן אַ נעסט פון יידנפיינטשאַפט אין ארץ־ישראל. די יידן — פלעגן אייך די דייטשן פון סאַראַנאַ זאָגן — זענען עס די, וואָס גיבן איבער ארץ־ישראל צו די ענגלענדער. זיי שטערן דאָס אויסשפּרייטן זיך פון דייטשן גייסט אין נאָענטן מזרח.

די פאַרבינדונגען מיטן דייטשן רייך, זענען וואָס אַמאָל ענגער גע־וואָרן. יונגעלייט פון סאַראָנאַ, זענען געפאָרן אין דער דייטשער היימאַט, חתונה האָבן מיט דייטשע פרויען, און זיי געבראַכט קיין ארץ־ישראל. זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט דעם דייטשן סם קעגן יידן, און ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, האָט סאַראַנאַ אַרויפגעצויגן די היטלעריסטישע פאָן מיטן האַקן־קרייץ. סאַראָנאַ איז געוואָרן אַ נעסט פון נאַצישער פּראָפּאַגאַנדע, פאַרן גאַנצן נאָענטן מזרח.

היטלערס שליחים האָבן אָנגעהויבן אָפט צו באַזוכן סאַראָנאַ. צווישן אַנדערע באַלדיר פאָן שיראַך, וועמען עס איז אָנפאַרטרויט געוואָרן צו

אָרגאַניזירן די היטלער־יוגנט. יונגעלייט פון דער קאָלאָניע זענען געפאָרן אויף פרייע רייזעס קיין דייטשלאַנד, ווו זיי זענען אויסגעבילדעט גע־וואָרן אין דאָרטיקע היטלער־שולן. קאָרנעליוס שווארץ, און סעם האַפּמאַן, זין פון סאַראָנער קאָלאָניסטן, זענען געוואָרן די פירער פון נאַציִשע טרופּן אין נאָענטן מזרח. און אַלפרעד וועלער, דער פירער פון דער היטלער־יוגנט, וועלכער האָט אויך געקאָנט העברעאיש, און יידיש, איז טראַנספּערירט געוואָרן קיין אייראָפּע, ווו ער האָט אָנגעפירט מיט דער ארבעט פון פאַר־ניכטן יידישע געטאָס. אויך אַדאָלף אייכמאַן, וואָס האָט געקאָנט העברע־איש — דער פאַרשוואונדענער היטלעריסטישער מערדער־קאָמענדאַנט פון ס. ס. איז אַ געבוירענער פון סאַראָנאַ. אין 1936 האָט דער פירער אַליין אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון סאַראָנאַ, וועלכע האָט אים געשוווירן טרייהייט אין נאָמען פון די איינוווינער פון סאַראַנאַ. און זיי האָבן פון אים באַקומען אַ מתנה אַ נאַציִשע פאָן, וועלכע איז מיטן גרעסטן פּאַראַד, געבראַכט געוואָרן קיין סאַראָנאַ.

אין די יאָרן פון אַראַבישע אומרוען אין ארץ־ישראל, באַזונדערס אין 1936, האָבן אַראַבישע באַנדעס באַקומען אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב הילף פון דער נאַציִשער קאָלאָניע. געווער, אַמוניציע און געלט, געשיקט פון דייטשלאַנד. יעדער היטלעריסטישער זיג איז דאָרט געפייערט געוואָרן מיט פּאַראַדן און מיט נאַציִשע לידער. די סוואַסטיקא האָט פראַנק און פריי געפלאַטערט איבער סאַראָנאַ. דער ישוב האָט די חוצפּה נישט גע־קאָנט אַריבערטראָגן און ווען עס פלעגן אָפּט אויסברעכן צוזאַמענשטויסן צווישן יידן און דייטשן פון סאַראָנאַ, פלעגן די ענגלענדער זיך תמיד שטעלן אויף דער זייט פון די דייטשן.

אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען, ביז עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. ביים אויסברוך פון דער מלחמה, זענען אַלע דייטשן פון סאַראָנאַ אַלס „פיינטלעכע עלעמענטן", אינטערנירט געוואָרן טאַקע ביי זיך אין קאָלאָ־ניע. און ענגלישע און יידישע פּאָליציי, זענען געוואָרן זייערע היטער. אָבער אפילו זייענדיק אינטערנירט, האָבן זיי אויך אויפן חוצפּהדיקן נאַ־ציִשן שטייגער, געזונגען נאַציִשע לידער, און זיך געהאַלטן חוצפּהדיק.

ווען היטלער האָט אָנגעהויבן זיינע שחיטות אויף יידן, האָט מען די

נאַצים אַריבערגעפירט קיין ווילהעלמינא, נישט ווייט פון לוד. געהייסן האָט עס, כדי אויסצוהיטן זייערע לעבנס פון יידישן צאָרן. און סאַראָנאַ איז דאַן געוואָרן אַן ענגלישער פּאָליציי-צענטער. אָבער אויך די בריטישע פּאָליציי, אין דער דייטשער קאָלאָניע, איז באַהערשט געוואָרן מיטן דייטשן גייסט און אָנגעטון גרויסע צרות די יידן, אין די אַרומיקע גאַסן פון מאָנטעפיאָרע קוואַרטאַל. אַ סך „אינצידענטן" פלעגן דאָרט אָפּט פּאַסירן, ווען בריטישע פּאָליציי פלעגט שיסן אויף פאַרבייגייענדע יידן, וועלכע פלעגן שפּעטער באַצייכנט ווערן אַלס אַ טעות. יידן האָבן שוין געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ פאַרשאָלטענער פּלאַץ און פלעגן ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַנטלויפן פון יענער געגנט.

איצט איז פון נאַציזשן סאַראָנאַ געוואָרן הקריה. נישטאָ מער קיין נאַצים אין הקריה. נישטאָ דאָרט מער קיין ענגלישע פּאָליציי. ווען איר גייט היינט צו טאָג פאַרביי הקריה, דערהערט איר ווי עס קלינגט די אַזוי גוט באַקאַנטע קאָמאַנדאָ אין עברית: ה ת ק ד ם !

ירושלים — דער סימבאָל פון הייליקייט

יעדע שטאָט אין ארץ-ישראל איז אונדז ליב און טייער. יעדער פּונקט, יעדעס ווינקל. ירושלים איז דער סימבאָל פון הייליקייט ביים יידישן פאָלק פון יענעם טאָג אָן, ווען אונדזערע עלטערן האָבן ביי די טייכן פון בבל, געשוואָרן די שבועה „אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני".

יעדער ייד, ווען ער באַזוכט ירושלים, דערפילט ער דעם הייליקן ציטער, וועלכן מיר טראָגן אין זיך אין משך פון דורות.

איך האָב באַזוכט ירושלים פּונקט עטלעכע טעג נאָך דעם גרויסן אויפרייס אויף דער בן-יהודה־גאַס, וואָס איז געטון געוואָרן פון ענגלישע הענט. דער אויסזען פון דער גאַס האָט אַרויסגערופן ווייטיק און יסורים. צעבראָכענע מויערן, איינגעפאַלענע הייזער, קופּעס שטיינער. מינוטן לאַנג בין איך געשטאַנען און באַטראַכט דעם נייעם חורבן ירושלים. אויף אַ האַלב-צעבראָכן הויז איז נאָך גאַנץ געבליבן דער זייגער, וואָס איז גע-

ווען איינגעמויערט אין דער צעבראָכענער מויער, און געוויזן די צייט אויף 6 מיט 29 מינוטן... און איך האָב געטראַכט, אַז די צייט דאַרף פאַרשריבן ווערן אין יעדער יידיש הארץ לדורות: דעם 22־טן פעברואַר 6 אזייגער מיט 29 מינוט.

א פרוי איז געשטאַנען, געקוקט אויף די הייזער־סקעלעטן און א וויינענדיקע אויסגערופן: „וואַרשע" יאָ, אַזוי האָט אויסגעזען וואַרשע נאָך דער ברוטאַלער נאַצישער באָמבאַרדירונג. פון איין זייט פאַרענדיקט זיך די גאַס בן יהודה און רחביה, ווו עס געפינט זיך גלייך אין אָנהויב די געביידע פון דער „סוכנות". די צווייטע זייט איז רחוב יפו.

די גאַס בן יהודה איז פאַקטיש געווען דאָס הארץ פון ירושלים. דער הויפּט-צענטער. אַלע קאַפע־הייזער, די גרויסע געשעפטן, די סניפים פון די תל-אביבער צייטונגען, אַלע יידישע קינאָ-טעאַטערס, די געביידע פון דער הסתדרות, וואָס איז שטאַרק באַשעדיקט געוואָרן. און די ענגלענדער האָבן בכיוון געצילט צום צענטער פון שטאָט.

אין א ווינקל פון קינג דזשאָרדזש גאַס, וואָס געפינט זיך גלייך נעבן דער גאַס בן יהודה, האָב איך באַמערקט די אויפשריפט, וואָס איז געבליבן גאַנץ אויף א האַלב־חרוב געוואָרענעם הויז: „קינג דזשאָרדזש גאַס, געעפנט פון זיין ערשטן ענגלישן הויכקאָמיסאַר סיר הערבערט סאַמועל, אין דער אָנוועזנהייט פון ירושלימער מושל סיר ראָנאַלד סטערס, און אַל נאַשאַשיבי, דער ראש עיריה פון ירושלים".

איצטער הייסט די גאַס „רחוב החרות" און עס הענגט דאָרט אַן אויפשריפט, וואָס דערציילט פון ענגלישער נאַצישער ברוטאַליטעט קעגן יידישער פרייהייט.

פון דער גאַס בן יהודה פאַרנעם איך זיך צום מאה שערים-קוואַרטאַל. ס'איז ערב שבת, דאָס איז דער פּאַסיקער טאָג צו באַקענען זיך מיט מאה שערים. דאָס בילד האָט זיך שנעל געביטן. מיר דוכט זיך, אַז דאָס געפין איך זיך אין א חסידיש שטעטל פון דער אַלטער היים. אַן אַלט-באַקאַנטע אָרימקייט, וואָס דערמאָנט מיך אָן יידישע שטעטלעך אין פּוילן. אויף קליינע קעסטעלעך פאַרקויפט מען שבתדיקע חלות, שבתדיקע ליכט, אפילו געקאָכטע געפילטע פיש. אויך זייף און שיך־בענדלעך, זיידענע

יארמולקעס און קמיעות. א סופר שטייט ביי זיין קרעמל און נעמט אן איבערצוקוקן תפילין. ביי אן אפענעם פענצטער זיצט א צווייטער סופר, אן אלטער ייד, באהאנגען מיט א ברייטן טלית-קטן און שרייבט מיט א גענדזענער פעדער א ספר תורה. דא הערט איר אויף שרײַט און טריט יידיש. דא מער ווי אין גאנצן לאנד. א גרופע ייִנגלעך לויפט פארביי. לאנגע קאפאט-קעלעך, דיקע, פיין געקרייזלטע פאות, סאמעטענע יארמולקעס. און זיי ריידן צווישן זיך יידיש. שטעל איך זיי אפ:

— פון וואנען קומט איר, ליבע קינדער?

— פון חדר! — ענטפערן זיי שנעל.

— און עברית רעדט איר?

— בודאי! — ענטפערן זיי מיט א ספרדישער הברה, און אנטלויפן באלד.

יידן און יידענעס מיט צדקה-פושקעס שטעלן מיך יעדע ווײַלע אפ:

— גיט'ס א נדבה פאר...

משמעות, אז זיי האבן א גוט אויג צו דערקענען א פרעמדן... איך לייג יעדע ווײַלע אריין די האנט אין קעשענע, אבער די מחנה האלט אין איין וואקסן.

איך אנטלויף אין בית-המדרש „ישועת יעקב". יידן זיצן דארטן און לערנען משניות אויפן קול. פון דארט גיי איך אוועק אין „תפארת בחו-רים". פאר מיר וואקסן אוים טיפן פון א פארשוואונדענער וועלט, יונגע בחורים, וואס האבן נאך נישט קיין חתימת זקן. מיט ברייטע געקרייזלטע פאות, מיט שיך און זאקן, ווי מען פלעגט עס רופן אין דער חסידיש-יידישער וועלט אין דער אלטער היים. די בחורים פירן איצט א דיסקוסיע וועגן דער מדינת ישראל. איינער באווייזט מיט רמזים אין אלשיך, אז דארט, אין א געוויסער שטעלע, איז פארויסגעזאגט געווארן די איצטיקע מדינת ישראל.

פון דארט כאפ איך זיך אריבער אין רומענישן בית המדרש. יידן זיצן און ווארעמען זיך ביי אן איינגעהייצטן אלטמאדישן אויוון, ווי אין דער אלטער היים, און מען דערציילט זיך מעשיות פון בעל שם טוב ז"ל. די קליינע קרעמער מאכן צו זייערע „קראמען", יעדער נעמט מיט

זיך אהיים די קעסטלעך, וואָס אנטהאלטן אין זיך דאָס גאַנצע קרעמל. ס'איז ערשט נאָכמיטאָג, אָבער אין די גאַסן פון מאה שערים פילט זיך שוין די שבתדיקע קדושה. יונגעלייטלעך לויפן אויף שנעל פארביי. ווער עס לויפט אין מקווה אריין און ווער עס קומט פון מקווה, מען טראָגט טשאָלנט־טעפּלעך.

די ענגע צעוואָרפענע געסלעך, וואָס שניידן זיך זיג-זאַג, באַקומען איצט אַן ערב־שבתדיקן אויסזען. באַלד דערזעט איר סויבעלנע שטריימלעך, ברייטע קאַלפּאַקעס, זיידענע און סאַמעטענע זשופּיצעס, כאַלאַטן אין פאַרשידענע קאָלירן. און מאה שערים באַקומט אַן אויסזען פון פאַרשידענע פאַרבן און קאָלירן.

אַן אַלטער ייד שפּרייזט פּאַמעלעך פאַרביי, האַלטנדיק פעסט אין דער האַנט א שופר. א נייגעריקער גיי איך אים נאָך און קום צו צום יפוער טויער. דאָרט שטעלט ער זיך אָפּ און ער הייבט-אָן בלאָזן אויפן קול. דערהערנדיק דעם קול-שופר, פאַרמאַכן זיך אַלע געשעפטן און אַרום הערשט א שבתדיקע שטימונג.

שבת איז מיר געלונגען צו באַזוכן דאָס בית המדרש פון די „נטורי קרתא". איך זאָג געלונגען, ווייל דאָס איז נישט אַזאַ לייכטער ענין. זייט נישט זיכער, אַז מען וועט אייך דאָרט נישט ברעכן די ביינער, ווייל איר טראָגט נישט קיין באָרד און פּאות אָדער גאָר אפילו דערפאַר, ווייל איר רעדט העברעאיש מיט אַ ספרדישער הברה.

ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק, האָבן די צייטונגען דערציילט, וועגן אַ דעמאָנסטראַציע פון פרומע בחורים, וועלכע האָבן געטראָגן די אויפשריפטן: „מיר ווילן נישט קיין מלחמה! מיר ווילן חלה און פיש!"... די דעמאָנסטראַנטן זענען די אָנהענגער פון „נטורי קרתא". דאָס איז אַ מין פעסטונג פון ווילדן פאַנאַטיזם, וואָס האָט צו זיך נישט קיין גלייכן. ווען די רבנות הראשית פּראָקלאַמירט אַ תענית-ציבור, פּראַווען די „נטורי קרתא" צו להכעיס אַ שמחה מיט די פיינסטע מאכלים און משקאות. עס האָט נישט איינמאָל פּאַסירט, אַז זיי האָבן געוואָרפן באָמבעס אין געשעפטן, וועמען זיי האָבן חושד געווען, אַז זיי זענען נישט הונדערט פּראָצענטיקע פרומאַקעס. דער רב הראשי פון ארץ-ישראל איז פון זיי אויף אַן

די בן יהודה גאַס אין ירושלים, ווו עס איז פֿאָרגעקומען דער שרעקלעכער אויפֿרייס.

אסיפה באוואַרפן געוואָרן מיט פאַרשטינקענע אייער. מען דערציילט, אַז א ייד, וואָס איז נישט געווען קיין ירא שמים, לויט דעם באַגריף פון די „נטורי קרתא", האָט גערעוונט און בעת יעלה ויבוא, איז א קנאי פון די נטורי קרתא אַרויף אויפן באַלעמער און א געשריי געטון „לא יעלה ולא יבוא".

אין זייערס אַן אויפרוף, וואָס רופט זיך אָפּט „טרי", האָט זיך גע־זאָגט: „די יידישע רעגירונג האָט בדעה אַרויסצוגעבן גזירות אויף יידן, אַז אַלע יידן וועלן מוזןריידן העברעאיש מיט דער ספרדישער הברה, פרויען וועלן זיך מוזן לאָזן וואַקסן די האָר... און די מענער וועלן זיך מוזן גאָלן די בערד און אָפּשניידן די פאות"...

דער אָנפירער פון דער פאַנאַטישער גרופּע פון וועלכע דער ישוב האָט שוין געהאַט גענוג צרות אויסצושטיין איז עמרם בלוי, דער ברודער פון פאַרשטאָרבענעם אגודה-פירער הרב בלוי ז"צל. פאַר אים איז אפילו די „אגודת ישראל" פּסול ווייל זי איז פאַר א יידישער מלוכה.

שבת האָב איך אויך באַזוכט די אַלטע שטאָט ווו עס איז לעצטנס פאָרגעקומען דער פאַרביסענער קאַמף צווישן די יידן און דעם אַראַבישן לעגיאָן. די אַלטע שטאָט איז אַרומגערינגלט מיט א הויכן מויער און מיט זיבן טויערן וואָס קענען צוגעמאַכט ווערן, חוץ דעם יפוער טויער, וואָס האָט אַן אַריינגאַנג דורכן מויער. פון די זיבן טויערן זענען דריי די הויפּט־טויערן. דער יפוער טויער, וועמען די אַראַבער רופן „באר איל חליל", ער איז דער אָפיציעלער אַריינגאַנג פון דער גאַס, וועלכע איז די הויפּט־גאַס אין נײַ-ירושלים. דורכגייענדיק דורכן יפוער טויער, קומט מען צו צו א שמאָל געסל מיט טרעפּ, וואָס איז פול מיט קרעמלעך אויף ביי־דע זייטן. די גאַס איז אַזוי שמאָל, אַז ווען אַן אַראַבער פירט פאַרביי אַן אייזל אָדער א קעמל מיט משא, מוזן אַלע פאַרבייגייער זיך אָפּשטעלן. די גאַס פירט אויך צו דער יידישער גאַס, ווו עס געפינט זיך די פראַכטפולע שול — חורבת ר' יהודה החסיד, וואָס איז לעצטנס פון די אַראַבישע קאַנאָנען אינגאַנצן פאַרניכטעט געוואָרן. אויך געפינט זיך דאָרט די ישיבה „עץ חיים".

די חורבת „ר' יהודה החסיד" איז ביי יידן גערופן געוואָרן דער „בית

מקדש מעט״. דאָרט האָט זיך געפונען אַן ארון קדוש וואָס איז געווען דריי שטאָק הויך, אַ בלויער באַלקן מיט שטערן, ענלעך צו אַ הימל מיט שטערן, אַ מאַרמאָר שיינע בימה און קונסט-מאָלערייען אויף די ווענט און די כלי זמרה, זענען איבערגעגעבן געוואָרן פון איין דור צום צווייטן, זיי זענען געווען די כלי זמרה פון די לויים אין בית המקדש.

אין דער געגנט געפינען זיך אַ גרויסע צאָל מוסדות פון אַלטן ישוב, דער בקור חולים שפּיטאָל, „חברה קדישא״, גמילת חסד, „חיי עולם ישיבה״, די חב״ד שול, די קאַרלינער חסידישע שול, ר׳ ישעיהס בית המדרש, און אַנדערע אַנשטאַלטן. פון דאַנען קומט איר צו דער פּרענקי-שער גאַס, ווו עס געפינט זיך די ר׳ יוחנן בן זכאי שול. די „בתי מחסה״ וואָס זענען אויסגעבויט פון די דייטשע יידן. דאָרט האָבן געוווינט אָרימע וואָס האָבן נישט געקאָנט צאָלן קיין דירה געלט. דאָרט האָט אויך יאָרן לאַנג געוווינט דער גאון הרב ר׳ חיים יוסף זאָנענפעלד ז״ל, פּרעזידענט פון דער „אגודת ישראל״, דער ירושלימער רב ר׳ צבי פסח פראַנק. נישט ווייט פון דאָרט האָט זיך געפונען דער „משגב לדך שפּיטאָל״ און די ספרדישע ישיבה „פורת יוסף״.

פון דאָרט פירט דער וועג צום „כותל המערבי״. די וואַנט פון צער, טרערן, און האָפענונג. וואָס איז אַזוי טייער דעם יידישן פאָלק אויף דער גאַנצער וועלט. די שטיינער פון כותל המערבי, זענען דריי ביז פיר פוס דיק און אומגעפער פופציק פוס הויך. אַ פּאָר הונדערט פוס לאַנג. אַ טייל פון דער וואַנט איז פאַרבויט מיט אַראַבישע הייזער. יידן האָבן צוליב דעם געהאַט אָפט גרויסע צרות, גייענדיק אַהין אויסגיסן זייערע אָנגעווויי-טיקטע הערצער.

אונטער דעם „כותל המערבי״ איז אַ גלייכע שטרעקע לאַנד. דאָס איז דער „הר הבית״ אויף וועלכן עס איז אַמאָל געשטאַנען דער בית המקדש. איצט שטייט דאָרט אַ מאַכמעדאַנישע מאָשעע. „די מאָשעע פון אָמאַר״.

פון דער מזרח זייט פון יפוער טויער קומט מען צום „ציון טויער״ וועלכן די אַראַבער רופן: „באב איל נעבי ד׳אהוד״. גייענדיק צום טויער גייט מען פאַרביי דעם „מגדל דוד״ צו וועלכן פיל יידן קומען אסרו חג

פֿון שבועות אויפֿן קבר פֿון דוד המלך. דער „שכמער טויער", וועלכן די אַראַבער רופֿן „באב איל עמוד" פֿירט צו דער אַלטער שטאָט פֿון „שעך דזשאַראַך" אַ ריין אַראַבישע קריסטלעכע געגנט. דורך דעם טויער גייט אַ גלייכע גאַס צום מקום המקדש און צום כותל המערבי. אין דער גאַס געפֿינט זיך די ישיבה „תורת חיים" און צו דער רעכטער זייט אין דער חברונער גאַס די ישיבה „שער השמים".

ביים „כותל המערבי"

דער אָמניבוס פֿון „אגד" האָט זיך געגליטשט איבער די ענגע געסלעך פֿון שטאָט, ווייטער צו אין דער אַלטער שטאָט. אונדזער באַגלייטער נסים, אַ תימנער ייִנגל, מיט אַ בלאַס אַליוון פּנים, באַצירט מיט פּעך־שוואַרצע פּיאות, האָט מיט זיין קינדיש קוויטשיק קולעכל אַ געשריי געטאָן: „הנה התחנה", און מיר זענען אויסגעשטיגן. דער וועג האָט זיך איצט אָנגעהויבן איבער ענג־צעוואָרפֿענע גאַסן מיט מאָדנע הייזער, איינגעבויט אין דיקע אַלטע מויערן, באַרג אַראָפּ, באַרג אַרויף, לאַנגע מאַסיווע טרעפּ וואָס אַמאָל נידעריקער, דורך לאַנגע האַלב טונקעלע פֿאַרמויערטע דורכגאַנגען, האַלב חרובע הייזער, צעבראָכענע בנינים, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ שמאָלער עפֿענונג, ביי וועלכער עס איז געשטאַנען אַ ענגלישער סאָלדאַט מיט געווער. און אַ קליין טישל גלייך ביי דעם שמאָלן אַריינגאַנג.

— הנה הכותל! — האָט נסים, אין זיין ווייכן תימנער עברית אַ זאָג געטאָן, און דאָס האַרץ איז מיר מיט אַמאָל אַזוי שווער געוואָרן, איך בין אַ ווײַלע שטיין געבליבן, שטום געקוקט, ווי זיך געוואָלט דערמאָנען אַזוי פֿיל בילדער, זכרונות. איך שטיי איצט פֿאַרן „כותל המערבי", די וואַנט פֿון אַזוי פֿיל ייִדישע טרערן, פֿון אַזוי פֿיל בלוט און צער. לאַנגע שורות ייִדן זענען געשטאַנען, געהאַלטן אַרומגענומען די וואַנט, זיך געטוליעט צו איר, געקושט די שטיינער און אויפֿן קול געזאָגט תּפֿילות, ייִדן פֿון אַלע עקן וועלט, יעדער אין אַנדערע קליידער. אַ פּליט, אין זיינע

אָרימע פרומע לאַנגע קליידער איז אָנגעקומען, זיך געוואָרפן צו דער ערד, געקושט די ערד און אויפן קול געוויינט. אַ בוכאַרער ייד אין זיין פאַר-ביקער פעסקע, האָט געזאָגט אַ תפילה מיט אַ ניגון. תימנים, חלוצים, אַלע שטייען איצט מיט איין הייליקן ציטער, מיט איין געפיל.

דער ספרדי וואָס שטייט גלייך ביי דעם אַריינגאַנג מיט אויל קנייט-לעך, האָט אויף אַ וויילע איבערגעריסן מיינע געדאַנקען. „שנים?" — האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן. איין קנייטל פאַר מיר, און איין קנייטל פאַר מיין פרוי.

פון די שפּאַלטן אַרום די גרויסע מאַסיווע שטיינער וואַקסן אַרויס לאַנגע גראָזן, אין אַ טייל פון די שפּאַלטן זעט איר ווייסע קליינע קוויט-לעך, וואָס באַזוכער האָבן דאָ אַריינגעשטעקט, יעדער מיט אַ בקשה. אויף די שטיינער זענען אויסגעקריצט הונדערטער נעמען אין אַלע וועלט-שפּראַכן. אַ טייל שטעט און לענדער, פון וואַנען זיי קומען. איר קענט דאָ זען די נעמען פון ניו-יאָרק, בוענאָס-איירעס, יאָהאַנעסבורג, ריאָ דע זשאַנעירא, מעקסיקאָ, לאַ פּאַז, פּאַריז, ווין. אַ טייל זענען שוין האַלב אָפּגעמעקט. איר קענט זיי שווער לייענען. אַנדערע ערשט נאָר-וואָס אויס-געקריצט.

גלייך אין פראָנט פון מיר שטייט אַ פרום געקליידעטע פרוי, און וויינט אויפן קול. נסים, מיין באַגלייטער, קומט מיר צו הילף, און דער-ציילט מיר, אַז די פרוי הרבנית גיטערמאַן, געפינט זיך דאָ גאַנצע טעג. מינוטן לאַנג קוק איך פאַרזונקען אין געדאַנקען. אויף דער מאָזאַיקער אַל-טער וואַנט, וואָס שטייט דאָ דורך דורות און יאָרן אַן עדות פון אונדזער גרויסן עבר, פון אונדזערע בלוטיקע קאַמפן פון אַ פאָלק מיט שטאָלץ, מיט גלויבן, מיט זעלבסטווירדע. עס לויפן פאַרביי ווי לעבעדיק די בילדער, די „שמחת בית השואבה", די פראַכטפולע צערעמאָניעס פון קרבן פסח, דער בית־המקדש, דער קדשי קדשים. די פרייד פון שלוש רגלים, ווען טויזנטער יידן האָבן עולה רגל געווען דאָ אַהער פון גאַנצן לאַנד. ווידער בייט זיך דאָס בילד, די באַלאַגערונג פון ירושלים. די מלחמה קעגן יידן. די צווייטע באַלאַגערונג. אָט דאָ גלייך געפינען זיך נאָך די דיקע מאַסיווע

מויערן וואָס האָבן ארומגערינגלט דעם הר־הבית, אַט אַ פּאָר שריט פון דאַנען, האָבן יידן אַזוי העלדיש געקעמפט.

די אויל קנייטלעך האָבן איצט געוואָרפן אַ מאַטן שיין, אַ לייכט ווינטל האָט געבלאָזן די פייערלעך. פון דער האַראַם־עס שעריף מאַשעע, האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון גלאָק, וואָס האָט אַזוי טעמפּ און שניידיק אָפּגעקלונגען ארום. ווי ער וואָלט וועלן שטערן דאָס שטילע הייליקע פליסטערן פון די יידישע מתפּללים. עמיצער רופט אויס אַז מען וועט דאַווענען מנחה. דער ספרדי, וואָס פאַרקויפט די אויל־קנייטלעך, פאַרטיילט צו די וואָס האָבן נישט מיט זיך, סידורים. אַ בעל־תפילה הייבט אָן אויפן קול „אשרי". אַלע באַזוכער דאַווענען מיט, איצט זאָגט מען די שמונה עשרה, יעדער פאַר זיך בלחש, אָבער פון יעדנס האַרץ רייסט זיך ארויס דער זעלבער קרעכץ „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים". איך קוק אויף דער עדה יידן וואָס שטייט איצט שמונה עשרה ביים „כותל המערבי", און מיינע געדאַנקען שפּינען מיר בילדער פון אַמאָל, אַמאָל. דער ייד, דאָרט אין סאַמע עק ביים אויבנאָן, איינגעהילט אין טלית, דאָס איז דער כהן גדול. ער פּראַוועט איצט די עבודה, דער פאַרגעלבטער טלית זיינער, זענען די בגדי שרד. די שוואַרצע פּאַסן, דער חושן און איפוד. אַט הער איך דייטלעך זיין תפילה זכה. כהנים זענען מקריב דעם קרבן. די לויים זינגען איצט שירה, מזמור שיר ליום.

— נקדישך! ונעריצך! — האָבן צענדליקער קולות איבערגעריסן מיינע געדאַנקען.

אַראַבישע פרויען מיט קריגן אויף די קעפּ גייען יעדע ווילע פאַר־ביי, צום געסל, ווו די וואָנט פאַרענדיקט זיך, אַן ענג שמוציק אַראַביש געסל, פון דאָרט קוקן צו אייך אַרויף שאַרפע בליקן מיט האַס און שנאה. איך דערפיל אויף זיך די בליקן פון צוויי אייראָפּעאיש־געקליידטע אַראַ־בער, וואָס שטייען אין סאַמע עק פון יענעם געסל און לאָזן נישט אַראָפּ קיין אויג פון מיר, בעת איך פאַרצייכן אין מיין נאָטיץ־ביכל איינציקע באַ־מערקונגען.

איצט איז נאָך מנחה. די צאָל באַזוכער פאַרגרעסערט זיך כסדר. אַט זענען געקומען אַ פּאָר חסידישע רביים מיט זייערע חסידים. מען דאַוונט

שוין מנחה צום דריטן מאָל, נישטאָ קיין שטיקל פרייער פלאַץ מער. דער סאָלדאַט וואָס האַלט וואַך לאָזט שוין מער קיינעם נישט אַריין דורך דעם שמאָלן צוגאַנג צו דער כותל המערבי.

— יידן! — דערהערט זיך פּלוצים אַ קול — זייט מתפלל. דאָס יידישע פאָלק דאַרף רחמים! אונדזער גורל ווערט פאַרהאַנדלט ביי דעם טיש פון די פאַראייניקטע פעלקער.

אויף אַ וויַיל ווערט שטיל. נאָכדעם דערהערט זיך אַ צווייטע שטימע:

— איר וועט איצט אַלע נאָכזאָגן די תפילה, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון רבין!

און באַלד האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע קרעפטיקע שטימע: „רבונו של עולם, אבינו שבשמים־ רחם עלינו! והושיעה לנו כי היינו ללעג וקלס בין העמים.״ און אַזוי איז געקומען איין פסוק נאָכן אַנדערן, וועלכע האָבן צוזאַמענגעשטעלט די גאַנצע תפילה. וואָרט ביי וואָרט האָבן אַלע נאָכגעזאָגט די תפילה. אַ פאַרשטיקטע שטימע האָט זיך דערהערט, נאָכ־דעם אַ שלוכצן אין אַ צווייטן ווינקל, און באַלד האָט יונג און אַלט אויס־געבראָכן אין אַ געוויין. פאַרענדיקט די תפילה איז מען אַריבער צו תהילים.

אַ פאַרכשופטער ארץ ישראל פאַרנאַכט האָט זיך גענומען אויס־שפרייטן איבער דער „כותל המערבי״, און איבער די מתפללים. ווען איך בין אוועק פון דאָרט, מיר האָבן צוריק גענומען קלעטערן באַרג אַרויף, איבער די מאַסיווע טרעפ וואָס שלענגלען זיך אין אַ זיג־זאַג, אָנהייבנדיק פון אַרויסגאַנג פון „כותל המערבי״. פון וויַיטן האָבן זיך נאָך דייטלעך געהערט די תפילות אויסגעמישט מיט אַ געוויין. אָפּגייענדיק אַ פּאָר געסלעך זענען מיר שטיין געבליבן ביי אַ מאַסיוון דיקן מויער, פון וואַ־נען מען האָט איצט געקאָנט זען ווי די גאַנצע אַלטע שטאָט איז איינגע־הילט אין טויזנטער פייערלעך.

— דאָרט, — וויַיזט מיר נסים, — איז דער פּלאַץ פון נציב העליון, און דאָ, — וויַיזט מיר נסים ווידער, — אַביסל נענטער אַהערצו, זענען די קברי „מלכות בית דוד״. און אָט דאָ ביי די טויערן, זענען געפירט געוואָרן די גרויסע מלחמות. „אָט דאָ, — זאָגט מיר נסים, אין זיין גע־

שמאַקן עברית, — האָבן זיך די יידן באַפּעסטיקט, געוואָרפן אַזעלכע גרויסע שטיינער אויף די רוימער. פון די גרויסע לעכער האָט מען אויף דעם באַלאַגערטן שונא געשאָסן, און טויזנטער רוימער — לויכטן זיינע פייער־שוואַרצע אויגן, — זענען דאָ ביי די מויערן באַגראָבן געוואָרן. „ככה — זאָגט ער מיר — נעשה לאנגלים ולערבים.״

נסים איז איצט מיטאַמאָל געוואָרן אַ מלחמה סטראַטעגיקער. „הנה כאן — זאָגט ער מיר — האָבן זיך די יידן באַהאַלטן, און די טרעפּ איי־נעוויייניק פון אונדזער זייט זענען דערפאַר אַזוי באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, כדי די פיילן וואָס זענען געצילט געוואָרן פון שונא, זאָלן נישט קענען טרעפן. „אָט דאָ, — ווייזט ער מיר גרויסע לעכער אונטער די טרעפּ, — האָבן דורך זיי די יידן אַריינגעגנבעט שפּייז אין דער צייט פון דער באַלאַגערונג.

מיר קלעטערן וואָס אַמאָל וויי־טער באַרג אַרויף. די טרעפּ ציען זיך די גאַנצע לענג פון דער מויער.

נאָכדעם ווי דער מויער האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן זיך אָנגעהויבן איינער נאָכן אַנדערן חורבות, וואָס שטייען שוין דאָ זייט דעם חורבן בית המקדש, אַזוי פעסט געבויט איינער נאָכן אַנדערן. זיי זענען גע־ווען, ווייזט אויס, די צווייטע ליניע פון דער פאַרטיידיקונג. איר קענט דאָ דייטלעך זען די שפּורן פון שורות הייזער בנינים, וואָס זענען אוועק־געשטעלט געוואָרן ביי די מויערן אין אַזאַ סטראַטעגישע פּאָזיציע, אַז זיי האָבן געהאַט לייכטע פאַרבינדונגען פון אַלע זייטן, פון איינעם צום אַנ־דערן, אַפילו דאַן ווען דעם שונא איז געלונגען צו דעראָבערן אייניקע הייזער, זענען די איינוווינער, ווייזט אויס, דורך די באַהאַלטענע דורכ־גענג און פאַרבינדונגען, פאַרשוווּנדן און זיך פאַראייניקט מיט די אַנ־דערע פאַרטיידיקער.

חיפה — די אַרבעטער-שטאָט

יעדע שטאָט אין ארץ־ישראל האָט אַן אַנדערן אויסזען און פאַרמאָגט איר אייגנאַרטיקן חן. תל-אביב איז אַן „אינטערנאַציאָנאַלע" שטאָט, מיט יידן פון פאַרשידענע לענדער. די אַזוי־גערופענע פּאַריז פון מזרח. חיפה, האָט שוין אַ גאַנץ אַנדערן אויסזען. איר זעט אין חיפה נישט אַזוי פיל לוקסוס ווי אין תל-אביב. בכלל מאַכט זי דעם איינדרוק פון אַן אַרבעטער שטאָט. מ'רופט זי אין ארץ ישראל: „חיפה האדומה" (די רויטע חיפה).

נישטאָ אין חיפה דער שטענדיקער גערודער און רויש ווי אין תל-אביב. ווען איר כאַפּט אין מיטן טאָג אַ שפּאַציר איבער די גאַסן אין דער יידישער געגנט פון הדר הכרמל, אָדער אפילו אין מרכז מסחרי, די נייע געשעפטלעכע געגנטן, וואָס יידן האָבן אויסגעבויט, דערמאָנט עס אייך אין סצענעס פון אַ גרעסערער אייראָפּעאישער פּראָווינץ-שטאָט. דאָס איז אָבער בלויז אין מיטן טאָג. דערפאַר אָבער גאַנץ פרי אָדער פאַרנאַכט, באַקומט חיפה דעם אויסזען פון אַן אַרבעטער־שטאָט. די אָמניבוסן זענען געפּאַקט מיט טויזנטער אַרבעטער, וואָס פאָרן אין די צענדליקער פאַבריקן, אין די אַרומיקע פאָרשטעט וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער שטאָט. איר קענט דאָ, אין חיפה, זען אַ סך מער יידישע אַרבעטער ווי אין תל-אביב. אפשר דערפאַר וואָס אין דער גרויסקייט פון תל־אביב זעען זיי זיך נישט אָן אַזוי ווי אין חיפה.

דר. הערצל ז"ל האָט אין זיין „אַלט־נייַלאַנד" אָנגערופן חיפה „די שטאָט פון דער צוקונפט", און פונקט ווי דער חלום פון אונדזער גרויסן פירער וועגן דער יידישער מדינה איז פאַרווירקלעכט געוואָרן, אַזוי האָלט אויך זיין נביאות וועגן חיפה אין מקוים ווערן. חיפה האָלט אין די לעצטע יאָרן אין אַריבעריאָגן תל־אביב. איר וווּקס איז אַזוי שנעל געגאַנגען, אַז זי האָט אַלע געלעגנהייטן אַריבערצושטייגן תל־אביב. חיפה איז אַ שטאָט, וועלכע האָט צוליב איר גינסטיקער געאָגראַפישער פּאָזיציע אַלע אויס-

דער צענטער פון „בת גלים" פאָרשטאָט פון חיפה.

זיכטן צו ווערן איינע פון די גרעסטע פּאָרט־שטעט אויפן מיטללענדישן ים. זי פאַרנעמט שוין היינט צו טאָג אויף דעם געביט איינע פון די וויכטיקסטע פּאָזיציעס.

נאָכמאַכנדיק דעם ביישפּיל פון תל־אביב, האָבן יידן אין חיפה אויפגעטאָן אַ ריזיקע אויפבוי־אַרבעט. נאָך פאַר דער מלחמה, האָבן חיפהער יידן אָנגעהויבן בויען אַ ריין־יידישע פאָרשטאָט, מיטן נאָמען הדר הכרמל. זי שפּרייט זיך היינט צו־טאָג אויס ביים אַרויפגאַנג צום הר הכרמל. אין אָנהויב, ווען די געגנט איז פאַרענדיקט געוואָרן, איז דער הדר הכרמל אויסשליסלעך באַשטאַנען פון וווין־הייזער און גאַסן פון בלויז וווינונגען. די געשעפטן זענען הויפּטזעכלעך געמאַכט געוואָרן הינטער דער שטאָט. מיטן אָנקומען פון דער דריטער עליה האָבן די גאַסן פון הדר הכרמל באַקומען אַן אַנדערן אויסזען. זיי זענען שנעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געשעפטלעכע צענטערס. די הערצל־גאַס אין חיפה האָט אין אַ קורצער צייט באַקומען דעם אויסזען פון תל־אביבער אַלענבי, אַ גרויסער טייל פון די געשעפטן פון מרכז מסחרי איז איבערגעטראָגן געוואָרן אויפן הדר הכרמל, באַזונדערס איז דאָס געטון געוואָרן אין דער צייט פון די אַראַבישע אומרועןן, ווען דער אַלטער טייל פון שטאָט איז נישט געווען אַזוי זיכער, צוליב דעם וואָס די פאַרבינדונג פון יידישע געגנטן, צו דעם אַלטן טייל פון דער שטאָט, זענען געווען איבער די געפערלעכסטע אַראַבישע געגנטן. אויסער דעם גרעניצט זיך דער אַלטער מרכז מסחרי, אויף דער רחוב המלכים, מיט דעם אַראַבישן טייל פון שטאָט. אַ סך זענען שוין פאַרבליבן מיט זייערע געשעפטן אויפן הדר הכרמל.

חיפהער איינוווינער וועלן אייך אָבער זאָגן אַז זיי זענען גאָר נישט אַזוי מקנא תל אביב. ס'איז אויך אומוואָרשיינלעך אַז דער הדר הכרמל, זאָל ווערן אַ בן יהודה, אָדער אַלענבי פון תל־אביב. ערשטנס, צוליב דעם וואָס איר שטח איז באַשרענקט צוליב דעם הר הכרמל און די בערג שטערן דאָס אויסשפּרייטן זיך ווייטער. און אויך צוליב דעם, וואָס דאָס געשעפטלעכע לעבן פון חיפה, איז צו שטאַרק פאַרבונדן מיטן פּאָרט און קען פון דאָרט נישט צוגענומען ווערן, אַזוי אַז חיפה פאַרמאָגט איצט צוויי גע-

שעפּטלעכע צעגטערס: אין אַלטן טייל פון שטאָט, און אין נייעם טייל פון הדר הכרמל.

אויסער דעם הדר הכרמל האָבן די יידן אין די לעצטע יאָרן אויפֿגעבויט אַ גאַנצע רייע פאָרשטעט ביים ים־ברעג צווישן חיפה און עכו, בוי־קאָאָפּעראַטיוון, אָרגאַניזירט מיט דער הילף פון דער הסתדרות, האָבן דאָרט אין די לעצטע יאָרן אויפגעשטעלט טויזנטער הייזער אויפן באָדן וואָס איז זיי געגעבן געוואָרן פון קרן קימת, פיר מייל פון שטאָט. חוץ דעם, זענען אין יענע געגנטן אויסגעבויט געוואָרן הונדערטער הייזער דורך בוי־געזעלשאַפטן, מיטל־קלאַס יידן, און דורך אַ גאַנצע רייע יחידים.

ביים אויסגוס פון ים (מפרץ חיפה) נעענטער צום פּאָרט, איז אויסגעוואַקסן אַ ברייטער אינדוסטריעלער צענטער ווו עס געפינען זיך פאַבריקן וואָס ווען שפּילן אַ וויכטיקע ראָל אין דער וואַקסנדער פּאָרט־שטאָט. אויסער די טאַנקן, ראַפינעריעס, און סטאַנציעס פון דער „איראַק פּעטראָלעאום קאָמפּאַניע", און די אייזנבאַן ווערקשטאַטן, וואָס האָבן פריער געהערט צו דער רעגירונג, געהערן די אַלע פאַבריקן צו יידן.

צו דרום פון חיפה געפינט זיך די יידישע פאָרשטאָט מיטן נאָמען „בת גלים", וואָס איז הייגט צו טאָג (פאַר דער איצטיקער מלחמה) געווען דער צענטער פון אַ נייער בוי טעטיקייט. אַ צווייטע פאָרשטאָט, וועלכע באַשטייט פון אַ גאַנצער רייע שכונות אין קרית חיים. די עלטסטע פון די אַלע פאָרשטעט זענען „קרית מוצקין", „קרית ביאליק", „כפר עטה", וואָס איז אין אָנהויב פון 1926 געגרינדעט געוואָרן ווי אַן אַגריקולטורעלער ישוב, איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אינדוסטריעלן ישוב. דאָרט געפינט זיך איצט אַ גרויסע טעקסטיל פאַבריק „אתא" — ריינע ארץ ישראל פּראָדוקציע (תוצרת הארץ). גלייך אין שכנות געפינען זיך דריי משקים „רמת יוחנן", „אושא" און כפר „מכבי". אושא איז דערמאָנט אין דער היסטאָריע אַלס צענטער פון די סנהדרין נאָכן חורבן ביתר, און נאָכן פאַרלירן פון יבנה. זי געפינט זיך אין שכנות פון אַראַבישן דאָרף הושה אויף מזרח. צו צפון זייט אין עמק זבולון, געפינט זיך דער „כפר מאַסאַרוק", דער קבוץ פון „השומר הצעיר" דאָרט געפינט זיך די ציגל־פאַבריק „נעמן" און אין שכנות פון עכו, צוויי קבוצים וועלכע באַשעפטיקן

ליהודים היתה אורה... נאָכן גרויסן זיג, שפּילט דער אָרקעסטער אין חיפה א „שיר נצחון".

זיך הויפטזעכלעך מיט פישעריי „משמר הים" און „עין המפרץ". צו דרום פון עמק געפינט זיך די גרויסע צעמענט פאבריק „נשר", וואס איז ווייט און ברייט באקאנט ביי יידן אין די גלות-לענדער. נאענט פון חיפה, געפינט זיך אויך דער גרויסער קבוץ יגור, און כפר חסידים, וועלכע איז געגרינדעט געווארן פון א גרופע חסידים, וועלכע זענען געקומען קיין ארץ ישראל צוזאמען מיט זייער רבין, דער באקאנטער יאבלאנער רבי.

גלייך ביים אריינגאנג צום עמק יזרעאל, וואס הויבט זיך אן בשכנות פון די חיפהער פארשטעט, געפינט זיך אויף נאטור שיינע בערג דער קבוץ שער העמקים. אויפן בארג וווּ עס געפינען זיך היינט צו טאג די הייזער פון קבוץ, האט זיך מיט הונדערטער יארן צוריק געפינען גבע, א ישוב וואס איז געווען א העלעניסטישע שטאט. אויך אין דער תקופה פון די חשמונאים, האבן זיך דארט געפונען פרעמדע. קעניג הורדוס, האט דארט באזעצט באפרייטע סאלדאטן רייטער, און צוליב דעם האט די שטאט אין יענער תקופה געהייסן „גבע עיר הרוכבים".

דאס אויפבויען די אלע דערמאנטע ישובים, וואס זענען פאקטיש פארשטעט פון א „חיפה רבתי" און וואס וועלן זיך זיכער אין דער צוקונפט צוזאמענגיסן מיט דער שטאט, האט זיך ערשט אנגעהויבן נאך דער ערשטער וועלט מלחמה. די גאנצע צייט, אנהויבנדיק פון דער אראבישער תקופה, זענען דארט געווען מדבריות פארוואקסן מיט פעלזן און זאמדן.

אט האט איר ציפערן וועגן דעם ריזיקן וווּקס פון חיפה. אין יאר 1922 האבן זיך אין חיפה געפונען בלויז פיר אין צוואנציק טויזנט און זעקס הונדערט איינוווינער, פון זיי זענען געווען זעקס טויזנט צוויי הונדערט יידן, ניין טויזנט פיר הונדערט מוסולמענער, און ניין טויזנט קריסטן, און אנדערע נאציאנאליטעטן. אין 1931 האבן זיך טאקע שוין געפונען זעכצן טויזנט יידן. אבער די צאל מוסולמענער האט אין איר וווּקס איבערגעשטיגן די יידישע איינוווינערשאפט. אריבער צוואנציק טויזנט מוסולמענער האבן זיך אין יענער צייט דארט געפונען.

אין 1942 האט די צאל יידן א שפרונג געטאן פאראויס. אכט און פופציק טויזנט יידן האבן זיך שוין דאן געפונען אין חיפה. בעת די צאל מוסולמענער איז בלויז געווען פיר און דרייסיק טויזנט. אבער צוזאמען

מיט די קריסטלעכע אראבער האבן זיי דאן געהאט כמעט די זעלבע צאל ווי די יידן. ערשט אין יאר 1946 האבן די יידן אין זייער צאלביידן אריבערגעיאגט. בעת די יידן האבן דאן שוין פארמאגט אריבער זיבעציק טויזנט, האבן ביידע צוזאמען, די מוסולמענישע און קריסטלעכע אראבער, בלויז פארמאגט קנאפע פינף און זעכציק טויזנט.

דער וווקס פון חיפה האט זיך גענומען פון דעם, וואס זי פארמאגט איצט איינעם פון די גרעסטע פארטן אין מזרח, ווו עס קענען אריינקומען די גרעסטע שיפן, און צוליב די אויל-ראפינעריעס, און אנדערע גרויסע אונטערנעמונגען.

איינעם פון די שענסטע געגנטן וואס יידן האבן אויפגעבויט אין חיפה איז דער הר הכרמל, דער טייל פון שטאט וואס צייכנט זיך אויס מיט זיין געזונטן און קילן קלימאט, זעט אויס ווי אן ערשטקלאסיקער זומער-פלאץ מיט זיינע פראכטפולע ווילאס, פענסיאנען און האטעלן.

מיט יארן צוריק האבן זיך דארט געפונען דייטשע קאלאניסטן. די אזוי גערופענע „טעמפעלהאפער”, וואס זענען אהין געקומען פון דייטשלאנד און זיך דארט קאלאניזירט. יידן האבן אין די שפעטערע יארן ביי זיי אפגעקויפט זייערע פלעצער און אנטוויקלט דעם באדן, און אויך אנגעהויבן אן אינטענסיווע בוי־טעטיקייט, איצט איז דער הר הכרמל, איינע פון די שענסטע געגנטן אין ארץ ישראל.

ספעציעל ווען איר כאפט א שפאציר אויפן הר הכרמל ביינאכט און קוקט פון דארט אראפ אויף דער שטאט וואס זעט אין דער טונקלקייט פון דער נאכט אויס ווי א פארכישופטער פייער זייל מיט טויזנטער ליכט. דער הר הכרמל איז היינט צו טאג דער פלאץ פון דער אריסטאקראטיע (פאראן אזא מין אין ארץ ישראל...) און איז אויך א פארוויילונגס־פלאץ פאר די איינוווינער פון חיפה. איר געפינט דארט ערשטקלאסיקע קאפעען, פיינע רעסטאראנען, באקוועמע לוקסוס-האטעלן, אפילו קאבארעטן אויפן פאריזער שניט, ווו איר קענט אפילו הערן נישט בלויז א דזשאז ארקעסטער, נאר אפילו העברעאישע דזשאז־לידער... און אן אקראבאטן פארל, וואס ברעכט זיך די ביינער צום טאקט פון א העברעאישער מעלאדיע... ליכט־רעקלאמעס, וואס דערציילן וועגן ווארייעטע-פראגראמען. פון

דער יידישער פלאָט אין חיפהער פּאָרט.

„על דאראדא", א פראגראם פון יאפאנעזישע טענץ מיט א בארימטן כינעזישן שווארץ־קינסטלער, וואס שלעפט סטענגעס פון א צילינדער... און א נעגער־כאר פון הארלעם, וואס זינגט ספיריטואלע לידער.

יא מיר ווערן, נישט צו פארזינדיקן א פאלק ווי אלע פעלקער, מיט אלע מעלות און אפילו חסרונות.

צפת — די שטאט פון אר"י הקדוש

איך שפאציר אין א פרייטיק נאכמיטיק איבער די צעקרומטע, ענגע צפתער געסלעך, וואס פירן צו דער שול, וווּ עס האט געדאווענט דער אר"י הקדוש. איך שפאז איבער די שטיינערנע אלטמאדישע טרעפ, און יעדער ווײַלע דערזע איך אן אנדער חורבה, וואס איז נאך פארבליבן פון אן ערד־ציטערניש. אט איז א פארלאזט הויז פון משפחה אונגער, וואס איז אומגעקומען אין די אראבישע אנפאלן, און איז פארבליבן ווי א שטומער עדות, א זכר לחורבן.

די הייזער, דוכט זיך אייך, אז זיי בויגן זיך פון אלטקייט. די פּני־מער פון די פארביי׳גייער ערנסט און פארטרויערט. איך קום נענטער צו דער שול, און דערפיל מאמענטאל ווי דא וואלט געשוועבט דער גייסט פון די אמאליקע מקובלים. צוויי זקנים, אין צעריסענע פארביקע כאלאטן, קומען ארויס פון דער שול. זיי קוקן אויס ווי אן איבערבלייבעכץ פון א פארגאנגענער תקופה. און אט געפין איך זיך אין דער שול פון אר"י הקדוש. א שארפער ריח פון בוימל, אויסגעמישט מיטן ריח פון אלטע שמות און צעריסענע ספרים.

פלעמלעך פון צאנקע:דיקע לעמפלעך אין די ווינקלען. קנייטלעך פון לארצייט־ליכט, לזכר נשמות... פארשפרייטן א יראת־שמימדיקן שיין, און דערמאנען דעם אמאל, ווען צפת איז אזוי בארימט געווען בכל תפוצות הגולה מיט אירע מקובלים. און קוקנדיק אויף דער סביבה, דאכט זיך אייך, אז דאס צאנקען דא די לעצטע פלעמעלעך פון א שטאר־בנדער וועלט.

ס'איז פרייטיק פארנאכט. די זון נידערט אראפ פון די צפתער בערג און ברענגט מיט זיך קילע, זאנפטע ווינטלעך. פון די קרומע ענגע געסלעך פינקלען איצט שבתדיקע ליכט. יידן אין אפגעבליאקעוועטע ראַדזשעווילקעס, זשופּיצעס, כאלאטן, שטריימלעך, שפּרייזן איצט בגעמותדיק אין שול פון אר״י הקדוש, אין די חסידים-שטיבלעך פון סאנדז, קאסאוו, טשארטקאוו, און טשערנאביל. עס דערהערט זיך אין דער ארומיקער שטילקייט דער ניגון פון לכה דודי לקראת כלה. וויפיל מילדקייט שטעקט איצט אין דעם ניגון — נאך א גאנצן טאג פון שיסערייען און אויפרייסן. שבת אין זיין וויכן זיידענעם קאפטן האט איצט ארומגעהילט צפת. און די שבת מלכה, האט איינגענומען די שטאט.

אין זעלבן פרייטיק-צו-נאכטס, האלב אכט אזייגער, האט א מעכטיקער פייער־בליץ, און נאכדעם א מוראדיקער קנאל, אויפגעטרייסלט די שטאט. דער אויפרייס איז געקומען פון דער ריכטונג פון קיבוץ בירִיה. און באלד נאכדעם איז געקומען א צווייטער, אן אויפרייס פון קיבוץ „עין זיתים". שבת אינדערפרי — דער צפתער בעל-תפילה, ר' שלום, שטייט אין דער שול פון אר״י הקדוש, און ציט מיט זיין פון טרערןפארשטיקטער שטימע, די מי-שבירכ'ס פאר די פארוואונדעטע בחורים פון דער הגנה, וואס האבן נעכטן ביינאכט אפגעטאן דאס שטיקל ארבעט, און זענען דערביי פארוואונדעט געווארן. און ווען ער קומט צו דער שטעלע „הוא ירפא את החולה... צעוויינט ער זיך און פאלט אריין אין א התרוממות הנפש, — רבונו של עולם גייט ער אריבער אויף יידיש — שיק זיי א רפואה שלימה, אונדזערע גבורים, שמסרו את נפשם...

דער עולם, ארויסגייענדיק פון שול, האט גלייך געוווסט וועגן דער „פלוגת עונשין" פון דער הגנה, וואס האט נעכטן ביינאכט אוועקגעלאזט אין דער לופט דאס הויז פון ראש פון אראבישן ראט.

צפת, געפינט זיך אין צפון פון ים כנרת, און איז אויף דער גרעניץ צווישן אראבישן און יידישן טייל. נישט געקוקט, וואס בעת די קאמפן האבן זיך אנגעהויבן, זענען די אראבער געווען פיר מאל אזוי פיל אין צאל ווי די יידן, האבן אבער די יידן סטראטעגיש געהאט א בעסערע פאזיציע. יידן האבן גלייך נאך דעם ערשטן אראבישן אנפאל,

באקומען פארשטארקונגען פון עמק חולה, ווו עס געפינט זיך א גאנצע רייע פון יידישע קאלאניעס. דאס האט פאסירט גלייך נאכדעם, ווי די אראבער האבן פארכאפט די צפתער פעסטונג, אזוי שנעל ווי די ענגלענדער האבן פארלאזט די שטאט.

א פאר טעג פריער, האט דער ענגלישער קאמאנדאנט, צו וועמען די יידישע איינוווינער האבן זיך געווענדעט נאך הילף, זיי געשטעלט אן אולטימאטום, אז אויב די הגנה וועט פארלאזן די שטאט, איז ער וויליק צו באשיצן די יידן. און אויסגעלאזט האט זיך, אז די אראבער האבן גאר פארלאזט די שטאט...

צווישן דעם אראבישן און יידישן טייל, פארענדיקט זיך די אלטע צפת. מאסיווע טרעפ זענען די גרעניץ, צווישן די אראבער און יידן. דארט שיילט זיך ארוים די נייע געגנט, דער אזוי גערופענער מרכז מסחרי.

צפת, די שטאט מיט א פארבנרייכער יידישער פארגאנגענהייט, וואס געפינט זיך גלייך אין אנהויב פון גליל העליון, איז אין די לעצטע יארן געווארן איינגעשרומפן. איר אמאליקער לעבנס־שטייגער, האלט אין פארשווינדן צוזאמען מיט אירע אלטע תושבים. פאר די נייע עולים האט צפת נישט קיין שום צוציאונג, און אויך נישט קיין מעגלעכקייטן. אפילו די יוגנט, וואס איז דארט געבוירן געווארן, האט זיך אויך ארויסגעריסן אין אנדערע שטעט. אויך זיי האט געלאקט די מאדערנע תל־אביב, אדער די פאבריק־שטאט חיפה, ווו מען האט בעסערע מעגלעכקייטן.

די ירידה פון צפת, האט ארויסגערופן זארג אין ישוב, און מען האט אנגעהויבן טראכטן פלענער, אויף וואס פאר אן אופן צו לייזן דעם פראבלעם. דער קרן קימת, קרן היסוד, צוזאמען מיט דער הסתדרות, האבן פאר דעם צוועק געשאפן א געזעלשאפט, וואס טראגט דעם נאמען „חברה לפתוח צפת", און עס איז באשטימט געווארן די סומע פון 2 הונדערט טויזנט פונט, כדי צו שאפן א פאבריקאציע און אינדוסטריע, וואס זאל מיט זיך ברענגען מעגלעכקייטן פאר נייע עולים.

פארן אויסברוך פון דער איצטיקער מלחמה, איז געשאפן געווארן

א פאבריק אויף אויסצואַרבעטן פאַרשידענע שפּיל־זאַכן פון עצי זית, און פון קופּער. עס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן פּלענער, ווי אַזוי זיי צו פאַרשפּרייטן אין די אַמעריקאַנער לענדער: א פאבריק פון פּרימוסן „אשתם", וואָס דאַרף יעדן חודש פּראָדוצירן צען טויזנט פּרימוסן; א טעקסטיל־פאַבריק „אריגי צפת", וועלכע וועט פּראָדוצירן סחורות פאַר דער באַקאַנטער פאַבריק „אתא", און פאַר וועלכער עס זענען באַשטעלט געוואָרן די ספּעציעלע מאָדערנסטע אַמעריקאַנער מאַשינען; און א פאַב־ריק פון בליימעדער, מיטן נאָמען „עפורה", און אַנדערע נייע אינדוסט־ריעס. עס זענען אויך אויסגעבויט געוואָרן נייע שכונות פאַר די דער־וואַרטעטע עולים, און א פּלאַן צו ברענגען עלעקטרישע קראַפט פון גני־סער, כדי אַזוי אַרום אויפצולעבן צפת, און שאַפן דאָרט א מעגלעכ־קייט פאַר א נייער יונגער אימיגראַציע, וואָס זאָל אויפלעבן די שטאָט.

צפת האָט שוין דורכגעמאַכט אַזאַ תקופה פון ירידה נאָך אין 19־טן יאָרהונדערט, ווען עס האָט דאָרט געבושעוועט א הונגער און ערדציי־טערניש. דאַן איז א גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אַנט־לאָפן קיין ירושלים. אָבער גלייך דעם זעלבן יאָר זענען א סך יידן צו־ריקגעקומען, און דער יידישער ישוב האָט דאָרט ווידער אָנגעהויבן בליען.

איר שענסטן פּעריאָד האָט צפת געהאַט אין 17־טן יאָרהונדערט, ווען ר' יעקב בירך האָט דאָרט געוואָלט גרינדן א סנהדרין. וויכטיקע יידישע געלערנטע האָבן געלעבט און געשאַפן זייערע ווערק אין צפת. צווישן זיי ר' יוסף קארו זצ"ל, דער מחבר פון שולחן ערוך. אין צפת, ווי שוין דערמאָנט, איז געווען דער צענטער פון די מקובלים. אין יענער צייט איז דאָרט אויך געגרינדעט געוואָרן די ערשטע העברעאישע דרו־קעריי. דאַן האָבן די יידן געשפּילט א גאָר וויכטיקע ראָל אין דער אינ־דוסטריע, און פאַבריקאַציע, פון דער שטאָט. ספּעציעל האָבן זיי דאַן געהאַט גרויסע וועבערייען, פון וואַנען עס זענען געשיקט געוואָרן סחו־רות צו דער גאַנצער אָטאָמאַנישער אימפּעריע.

נישט ווייט פון צפת, געפינט זיך דאָס יידישע דאָרף „עין זיתים", וואָס איז אין די צייטן פון די אַראַבישע אומרוען, אינגאַנצן צעשטערט

געוואָרן, און איז אַ קורצע צייט שפּעטער, ווידער פונדאַסניי געגרינדעט געוואָרן. יידן האָבן זיך געפונען אין „עין זיתים" נאָך אין מיטלאַלטער. ראש פינה, די באַקאַנטע קאָלאָניע, געפינט זיך אויך נישט ווייט פון צפת.

היינט צו טאָג, געפינט זיך אין צפת איגגאַנצן אַן ערך פון צוויי טויזנט פיר הונדערט יידן, אויף דער צאָל פון עלף טויזנט איינוווינער.

צפת שפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער איצטיקער מלחמה, צוליב דעם, וואָס זי איז די הויפּטשטאָט פון גליל העליון, און אויך צוליב דעם, וואָס יידן האָבן דאָרט באַוויזן, אַז נישט קוקנדיק, וואָס זייער צאָל איז אַזוי קליין, און וואָס איז וואָכנלאַנג כמעט געווען אָפּגעשניטן פון גאַנצן ישוב, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן פון אַראַבישע באַנדעס, האָט די הגנה דאָך געפונען אַ וועג, ווי אַזוי צוצוקומען קיין צפת, און געצוווּנגען די אַראַבער פון דאָרט צו אַנטלויפן.

טבריה — די שטאָט פון דער צוקונפט

אין קעגנזאַץ צו חברון און צפת, האָט טבריה זיך אין די לעצטע יאָרן אַנטוויקלט, און עס איז דאָרט אויך צוגעקומען אַ נייער ישוב מיטן נאָמען קרית שמואל. טבריה קען מען מיט רעכט אָנרופן די שטאָט פון דער צוקונפט, צוליב אירע הייסע קוואַלן, וואָס זענען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „חמי-טבריה", הויבט די שטאָט אָן צו פאַרנעמען אַ גאָר וויכטיקן פּלאַץ אין ישוב. אין סעזאָן-צייט קומען אויך קיין טבריה קור-געסט פון אויסלאַנד, כדי זיך צו היילן אין די נאַטורלעכע מינעראַל-קוואַלן. זי הויבט ביסלעכווייז אָן צו ווערן די קאַרלסבאַד פון נאָענטן מזרח. אַ דאַנק דער לעצטער אימיגראַציע, צווישן וועלכער עס האָבן זיך געפו-נען אַמאָליקע אייגנטימער פון האָטעלן, געזונטהייטס-סאַנאַטאָריומס און הייל-אַנשטאַלטן, האָט טבריה אין די לעצטע יאָרן באַקומען דעם אויס-זען פון אַן אייראָפּעאישן קור-אָרט.

פּענסיאָנאַטן, האָטעלן, וואָס פאַרזיכערן אייך, אַז ביי זיי קענט איר

באַקומען די אַמאָליקע קאַרלסבאַדער, אָדער פראַנצעסבאַדער באַקוועמלעכ-קייטן, מיט אַן ארץ-ישראלדיקער אַטמאָספערע, הויבן אָן נאָך פאַרן סע-זאָן צו אָנאָנסירן אין די צייטונגען און אפילו אין די אָמניבוסן און אַנ-דערע עפנטלעכע פּלעצער. די ווירקונגען פון די הייל-קוואַלן, די מעלות פון געזונטן, טרוקענעם קלימאַט, אַז די צימערן זייערע פאַרמאָגן אַ מקלחת (טוש) און אפילו די מאכלים זייערע... ביז מיט אַ צייט צוריק, איז אַזאַ אופן פון אָנאָנסירן געווען פרעמד אין ארץ-ישראל. איצט אָבער, קוקט מען אויף דעם ווי אויף אַ געשעפטלעכער אונטערנעמונג, וואָס דאַרף ברענגען פּראָפיט, און וואָס העלפט צו דער אויסברייטערונג און אַנטוויקלונג פון טבריה, וועלכע האָט אַלע מעגלעכקייטן צו ווערן דאָס קאַרלסבאַד פון נאָענטן מזרח.

פיפיקע פרעסע-אַגענטן, אויפן אַמעריקאַנער סטיל, פירן אָן מיט דער פּראָפּאַגאַנדע. אַ געמיינזאַמע קערפערשאַפט פון אַלע האָטעלן אָנאָנסירט אין אַ פּראַכטפולער בראָשור און קינסטלעריש-געמאָלענע בילדער, דאָס קוראָרט אויפן אַמאָליקן אייראָפּעאישן שטייגער. איר קענט אפילו פאַר אייער באַקוועמלעכקייט זען אויף אַלע סטאַציעס דעם פאָר-פּלאַן קיין טבריה. אין סעזאָן-צייט ווערט דער פאַרקער קיין טבריה פאַרגרעסערט. די אָמניבוס-געזעלשאַפטן קאָאָפּערירן מיט דער האָטעל-קערפערשאַפט פון טבריה, פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון די פּאַסאַזשירן, כדי איר זאָלט לאַנג נישט דאַרפן וואַרטן אויף אַן אָמניבוס.

כמעט דער גרעסטער טייל פון די איינוווינער אין טבריה ציען זייער חיונה פון די ווינטער סעזאָן-חדשים, ווען טוריסטער געסט פון גאַנצן לאַנד און אין די נאָרמאַלע צייטן אויך פון אויסלאַנד, קומען קיין טבריה אויף אָפּרו, און קוראַציע.

די שטאָט פאַרמאָגט אַ צוועלף טויזנט איינוווינער, צווישן זיי 65 פּראָצענט יידן. עס זענען אין די לעצטע יאָרן געמאַכט געוואָרן באַדייטנ-דע אָנשטרענגונגען, צו אַנטוויקלען טבריה אַלס אינטערנאַציאָנאַלן קור-אָרט. דאָקטוירים, ספּעציאַליסטן באַהויפּטן, אַז צוליב דעם טרוקענעם קלימאַט איז טבריה פּאַסיק פאַר האַלדז- און נאָז-קראַנקייטן, וואָס ווערן קורירט דורך קלימאַט ענדערונגען.

דער קלימאַט פון טבריה, האַלטן דאָקטוירים, איז אויסגעצייכנט גוט פאַר סינוס־קראַנקייטן, באַזונדערע האָפענונגען ווערן געלייגט אויף די הייל־קוואַלן, די באַרימטע „חמי טבריה", וועלכע האָבן נאָך אין די צייטן פון די רוימער, געהאַט אַ שם אויסער די גרעניצן פון ארץ־ישראל.

די מינעראַל־קוואַלן פון טבריה, ליגן אויפן ברעג פון היסטאָרישן ים כנרת, אַ קליינע שטרעקע צו דרום פון שטאָט. די שטאָט מיט די הייל־קוואַלן, זענען צוערשט אויפגעבויט געוואָרן פון מלך הורדוס, וועלכער האָט זיי אָנגערופן טבריה, לכבוד דעם דעמאָלדיקן רוימישן קיסר טיבעריוס. אַרום די קוואַלן האָט הורדוס געהייסן בויען גאַנץ גרויסע באָד־אַנשטאַלטן. ער אַליין איז דאָרט טאַקע געוועזן פון די פּאַציענטן. דער הויפּט־קוואַל פון טבריה פאַרמאָגט אַ שטענדיקע טעמפּעראַטור פון 62 גראַד צעלזיוס (142 פאַרענהייט). די האַרטע טיילן פון זיין וואַסער, אַנטהאַלטן 17 פּראָצענט זאַלץ, 9 פּראָצענט קאַלציום, כלאָר 25 פּראָצענט, מאַגנעזיום כלאָר און אויך באַדייטנדע חלקים פון מאַגנעזיום סולפאַט.

פון די גאָר אַלטע צייטן, ווערן די חמי טבריה באַטראַכט אַלס אַן אויס־געצייכנטער הייל־מיטל קעגן רעומאַטיזם און פאַרשידענע געלענק־קראַנ־קייטן. לויט דער באַהויפּטונג פון דאָקטוירים פאַכמענער, וועלכע האָבן יאָרן־לאַנג געאַרבעט אויף אויסצופאָרשן די דערמאָנטע קוואַלן, זענען זיי אויך זייער גינסטיק פאַר געוויסע פרויען־ און הויט־קראַנקייטן. לויט זייער מינעראַלישן ווערט, האָבן זיי אַ סך ענלעכקייטן צו די באַרימטע קוואַלן פון פּיסטיאַן, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, און וויסבאַדען אין דייטשלאַנד. עס איז אַ סברה אַז די ווירקונג פון די טבריה־קוואַלן איז נאָך אַ סך גרעסער און ווירקזאַמער.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז די וויכטיקייט פון חמי טבריה, מער באַקאַנט געוואָרן. פאַר דער מלחמה, איז דער פּלאַץ נאָר געווען באַ־שרענקט, פאַר אַן ענגן קרייז פון קראַנקע, אַ גאָר גרויסער טייל קראַנקע, וואָס האָבן אין טבריה געהאַט די אַלע נויטיקע מינעראַלן, זענען געפאָרן אין אויסלאַנד. אָבער בעת דער לעצטער מלחמה, זענען די פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד איבערגעריסן געוואָרן, האָבן אַ גרויסע צאָל קור־געסט באֵין־ברירה, געמוזט זיך באַנוצן מיט די נאַטור־קוואַלן פון די חמי טבריה,

און אזוי ארום אויסגעפונען אז די רעזולטאטן זענען פיל בעסער, ווי אין די באַרימטסטע אייראָפּעאישע קור-ערטער.

שוועבל, און זאַלץ-בעדער, ענלעך צו די אַמעריקאַנער סאַראטאָגאַ, ספּרינגס, אָדער קאַלציום-בעדער, אָדער אפילו ראדיום-בעדער. אַלעס איינ-געריכטעט לויט דער בעסטער טעכניק. די וואסער קוואַלן מיט פאַרשידענע עלעקטרישע מאַשינערי, אפילו די באַרימטע בלאָטע-בעדער, וואָס זענען אזוי פּאָפּולער געווען ביי די יידן אין די גלות-לענדער, קענט איר היינט צו טאָג אויך געפינען אין טבריה.

דער באַרימטער מעדיקער ד"ר לחמן, האָט נאָך אַ רייע עקספּערי-מענטן אויסגעפינען, אז די בלאָטע-בעדער, זענען נאָך מער ווירקזאַמער ווי די פון די באַרימטע אייראָפּעאישע קור-ערטער.

דער ספּעציעלער ראדיום-פאָרשער ד"ר ראָזענבערג האָט, מאַכנדיק פאַרשידענע עקספּערימענטן געשאַפן די פאַרבינדונג אז די קוואַלן, וואָס האָבן אין זיך ראדיום, זאָלן צוגעפּאַסט און באַנוצט ווערן אַלס היילמיטלען פאַר קראַנקע.

צו דעם קומט די אויסערגעוועגלעכע שיינקייט פון ים כנרת וואָס גיט צו טבריה טויזנטער חנען.

טבריה, איז היינט צו טאָג די גרעסטע שטאָט אין גליל, און די גאַנצע צייט פון איר קיום, איז דאָרט געווען אַ יידישער ישוב. זי האָט הינטער זיך אַ רייכע און אינטערעסאַנטע פאַרגאַנגענהייט. זי איז, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, געבויט געוואָרן פון קעניג הורדוס, אויף די חורבות פון אַ פרי-ערדיקער שטאָט, וואָס איז צעשטערט געוואָרן, און זי גערופן אויף דעם נאָ-מען פון רוימישן קיסר טיבעריוס. לויט פאַרשידענע קוועלן האָט זיך פריער דאָרט געפונען די שטאָט רקת וועלכע האָט געהערט צום שבט נפתלי. אַנדערע גלויבן, אז זי האָט געהייסן חמת. לויט נאָך אַנדערע קוועלן האָבן אין הורדוסעס צייטן דאָרט געוווינט פיל פרעמדע. אָבער אויך אַ גרויסע צאָל יידן פון גליל, וועלכע זענען פון הורדוסן געצוווּנגען געוואָרן צו פאַר-לאָזן זייערע שטענדיקע וווין-ערטער. בעת מען האָט געבויט די שטאָט, האָט מען דאָרט געפונען אַלטע קברים.

אזוי שנעל ווי הורדוס האָט אויסגעבויט טבריה, אַלס הויפּטשטאָט,

דער אַלגעמיינער אויסקוק פון טבריה.

איז זי געוואָרן וואָס אמאָל מער יידישער און דער פרעמדער איינפלוס איז פארשוואונדן. אין דער צייט פון דעם יידישן אויפשטאַנד האָט יוסף בן מתתיהו זי באַפעסטיקט. די איינוווינער אָבער, האָבן דאַן נישט געוואָלט אָנטיילנעמען אין דער רעוואָלוציע, און אַזוי שנעל ווי דער רוימישער הער־שער האָט זיך דערנענטערט, האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן, צוליב דעם איז זי דאַן נישט באַשעדיקט געוואָרן. הונדערט יאָר שפּעטער איז זי געוואָרן אַ טייל פון דער רוימישער אימפּעריע און אַ צייט לאַנג געווען די הויפּט־שטאָט פון „פּאַלעסטינא סעקונדא", וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן פון די רוימישע מאַכט־האָבער.

איר בלי־פּעריאָד, האָט טבריה דורכגעמאַכט אין דריטן יאָרהונדערט, ווען ר' יהודה הנשיא האָט אַריבערגענומען די סנהדרין פון צפורי קיין טבריה. הונדערטער יאָרן איז זי דאַן געווען אַ רעליגיעזער און גייסטיקער צענטער פאַר די יידן אין פאַרשידענע לענדער און דער נשיא איז פון דער רוימישער רעגירונג אָנערקענט געוואָרן. אין טבריה האָבן געווירקט די אמו־ראים. דאָרט איז פאַרענדיקט געוואָרן דער תלמוד ירושלמי, שפּעטער, ווען די שטעלע פון אַ יידישן נשיא איז פון דער רעגירונג אָפּגעשאַפט געוואָרן, און אויך די סנהדרין, איז טבריה אַלץ פאַרבליבן אַ גייסטיקער יידישער צענטער. אין טבריה האָבן אויך געווירקט די באַרימטע פּיטנים, וואָס זע־נען מיט זייערע פּיוטים פאַראייביקט געוואָרן אין די ימים־טובימדיקע תפילות.

אין פערטן יאָרהונדערט, האָט אַ משומד מיטן נאָמען יוסף, דאָרטן אויפגעבויט אַ קריסטלעכן קלויסטער. דאָס האָט די יידן דאָרט שטאַרק אויפגעבראַכט, און עס זענען צוליב דעם פאָרגעקומען שאַרפע אַרויס־טריטן, וואָס האָבן געפירט צו בלוט־פאַרגיסונגען.

ביזן סוף פון דער ביזאַנטישער עפּאָכע, איז דער גרעסטער טייל פון די דאָרטיקע איינוווינער געווען יידן. זיי האָבן אין דער דערמאָנטער עפּאָכע, לויט פאַרשידענע געשיכטלעכע קוועלן, געהאַט אויסצושטיין גרוי־סע צרות, ספּעציעל פון די סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיי געצוווּנגען מחלל שבת צו זיין.

אין זיבעטן יאָרהונדערט, האָט דער יידישער ישוב פון טבריה באַ־

קומען גרויס חשיבות אין דער יידישער וועלט מיט דעם, וואס א יידישער העלד, מיטן נאמען בנימין, האט דארטן אנגעפירט א רעוואלוציע. אויך אין די צייטן פון די אראבער, האבן זיך דארט געפונען א סך יידן, און אין יענער צייט, האט זיך אין טבריה געפונען א צענטראלע ישיבה. טבריה איז דאן געווען די הויפטשטאט פון א באזונדערער פראווינץ מיטן נאמען „דזשא וואיאד אל אורדון". אין יענער צייט פלעגן יידן פון פארשידענע געגנטן עולה־רגל זיין קיין טבריה.

נאכן טרויעריק-בארימטן מארש פון די קרייץ-טרעגער, איז דער יידישער ישוב אין טבריה פארשוווּנדן בלויז אויף א קורצער צייט. זי איז שפעטער געווארן די הויפטשטאט פון גליל, און דער געשעפטלעכער צענטער פון דער גאנצער געגנט. פאראן א מיינונג, אז אפילו אונטער דער קורצער הערשאפט פון די קרייץ־טרעגער, האבן זיך דארט אויך געפונען יידן. דער בארימטער רייזנדער ר' בנימין פון טאלעדא, האט דארט אין יענער צייט געטראפן א קליינעם קיבוץ פון פופציק יידן, וואס האבן דאן, נאכדעם ווי די קרייץ-צוגן האבן פארניכטעט יידישע קהילות, געהייסן א גרויסער יידישער קיבוץ. שפעטער, ווען זי איז צוריק אריבער צו די אראבער, האט זי פארלוירן איר חשיבות אלס האנדלס-שטאט און איז כסדר נעגאנגען בארג-אראפ, ביז זי איז געווארן אן ארימער פישער־דארף.

אין טבריה, האט אויך דער יידישער לעגענדארישער העלד, דן יוסף הנשיא געפרווּוט גרינדן א יידישע אויטאנאמיע, וואס האט זיך אים ליי־דער נישט איינגעגעבן. ביים סוף פון 17טן יארהונדערט, האט א צווייטער ייד מיטן נאמען שלמה בן יעיש ווידער געמאכט א פארזוך צו שאפן א גרויסן יידישן ישוב אין די ארומיקע דערפער. ערשט אין 18טן יארהונ-דערט האבן זיך דארט אויף דער איינלאדונג פון שייך דאהר אל עמר בא-זעצט א צאל פרומע יידן, און ביים אנהויב פון 19טן יארהונדערט איז טבריה געווען פון די פיר שטעט אין ארץ-ישראל, ווו עס האבן זיך געפונען יידישע ישובים.

ארום טבריה געפינען זיך א גאנצע רייע היסטארישע פלעצער, ווו יידישע פארשער אונטער דער פירערשאפט פון ד"ר מייזלער און ד"ר שטעקעלס האבן אנגעפירט, מיט דער באטייליקונג פון דער הסתדרות,

אן אויספאָרשונגס־ארבעט, ווו מ'האָט געפונען צוויי שטעט, — א כנעני־שע שטאָט מיטן נאָמען בית ירח, וואָס האָט, לויט פאַרשידענע וואַרשיינ־לעכקייטן, עקזיסטירט אין יאָר 1103, און די צווייטע, א העלענישע שטאָט מיטן נאָמען פילאָטריא, וואָס איז א סך עלטער. מ'האָט געפונען די מויער פון שטאָט, הייזער, פאַרשידענע שיין־אויסגעאַרבעטע געשיר פון ליים, קברים, צירונג און אַנדערע. די שטעט זענען צעשטערט גע־וואָרן פון א פאַרפלייצונג.

טבריה האָט דאָס גליק, וואָס ארום איר געפינען זיך בליענדע יידי־שע קיבוצים. גלייך נעבן ים כנרת געפינט זיך די קאָלאָניע כנרת און די קבוצה מיטן זעלבן נאָמען. ביידע געפינען זיך אויף דעם באָדן פון קרן־קימת און האָבן זיך זינט דער גרינדונג, אין יאָר 1908, שנעל אַנטוויקלט. צו דרום געפינען זיך דאָרט אויך אַנדערע יידישע פונקטן, און דאָס האָט אויך א סך בייגעטראָגן צו דעם וווקס פון טבריה, וואָס האָט ארום זיך צובאַקומען יונג בלוט.

חברון — די שטאָט פון די אבות

חברון, די שטאָט פון אונדזערע אבות, איז היינט צו טאָג כמעט אינ־גאַנצן „יידן־ריין". בעת דעם ערשטן אראבישן מערדערישן אָנפאַל אויף די אומבאַשיצטע חברונער יידן, ווו עס זענען אויפן ברוטאַלסטן אופן, דערמאָרדעט געוואָרן פרויען, אַלטעלייט, און ישיבה־בחורים, זענען די איבערגעבליבענע יידן פון דאָרט אַנטלאָפן. א יאָר שפּעטער זענען יידן ווידער געקומען. נאָכדעם, איז געקומען א צווייטער אראבישער מערדע־רישער אָנפאַל, און די יידן זענען פון דאָרט אינגאַנצן אוועק.

אָן יידן גייט די שטאָט, וועלכע איז באַרימט מיט אירע בערג אין ארץ־ישראל „באַרג אראָפּ" און מאַכט דורך א ירידה אין איר עקאָנאָמישן צושטאַנד און אפילו אויסערלעכן אויסזען. גראָד האָט די שטאָט ארום זיך די גרעסטע וויינגערטנער פון וועלכע יידן וואָלטן געקענט שאַפן א גרויסע פאַרצווייגטע אינדוסטריע, אזוי אויך פאַרשידענע רוי־שטאָפן, וואָס

וואַלטן אַ סך נוצן געבראַכט די שטאַטישע איינוווינער, ווען זיי זאָלן איינ-שטיין אין יידישע הענט.

אָן יידן אָבער, זעט חברון אויס, ווי אַ גרעסער אַראַביש דאָרף. אָפּ־געלאָזן, פויל און פלעגמאַטיש. אין סאַמע צענטער פון שטאָט, קענט איר זען צענדליקער אַראַבישע קאַפע-הייזער, וואָס זענען ענלעך צו די „ראַנ-טשאָס" פון די אַרגענטינער „גאַוטשאָס" ערגעץ ווו אין דער פּאַמפּע, און פון וואַנען עס פּילט זיך אַ ריח ווי אין אַ שטעטלשע שוויץ־באָד... אָפּ־געלאָזענע הייזער, מיט האַלב-צעבראָכענע ווענט, אָן אַ סדר, אָן אַ וועלכן עס איז געשמאַק.

פיר און צוואַנציק טויזנט איינוווינער פאַרמאָגט חברון. אין ארץ-ישראל איז דאָס אַ שטאָט מיט אַ באַדייטנדער צאָל איינוווינערשאַפט, אָבער חברון, ווערט פון טאָג צו טאָג אָרימער און אָפּגעלאָזענער.

דער גרעסטער טייל פון אירע איינוווינער, באַשעפטיקן זיך מיט ערד־אַרבעט. ווו מען אַרבעט נאָך ביזן היינטיקן טאָג, אויף אַ פּרימיטיוון אופן, ווי אין אונדזער זיידן תרחס צייטן. די וויינטרויבן־אינדוסטריע, איז אויך מיטן אַוועקגיין פון די יידן, איינגעשרימפּן געוואָרן. די איינציקע פאַבריקאַציע וואָס די שטאָט פאַרמאָגט, איז אָן אַלטע פאַבריק פון טעפּ און גלאָז. די אַראַבער האָבן דאָרט אויך געמאַכט פּרוון פון אַן אַנדער פאַבריקאַציע, פון אַ גאַרבעריי, אָבער אָן אַ דערפאָלג. אָן יידישע הענט, רירט זיך עס נישט פון אָרט.

חברון געפינט זיך אין אַראַבישן טייל פון דעם חלוקה-פּלאַן, און די וועלט דאַרף לאַנג נישט וואַרטן כדי זיך איבערצייגן, ווי אַזוי עס וועלן אין דער צוקונפט אויסזען, די שטעט אין יידישן, און אין אַראַבישן טייל. זיי קענען עס שוין זען, נאָך איידער דער חלוקה-פּלאַן איז דורכגעפירט געוואָרן.

חברון איז אין ארץ־ישראל באַקאַנט, אַלס „קרית פושעים" (אַ פאַר־ברעכער-שטאָט), נישט ביי יידן אַליין וואָס געדענקען גוט די אַראַבישע פּאָגראָמען אויף אומבאַהאָלפענע זקנים, פרויען, און ישיבה-בחורים, (קעגן אומבאַוואָפנטע הילפלאָזע מענטשן, זענען די אַראַבער גאָר גרויסע העלדן...) נאָר אפילו די ענגלישע אָקופּאַציע־מאַכט, האָט געהאַט גאָר

גרויסע צרות מיט די מערדערישע איינוווינער פון חברון. זי האט דארט תמיד געמוזט האלטן, פארשטארקטע מיליטער־וואכן. פון שטענדיק אן, גייט דארט אן א קאמף צווישן אראבישע משפחות, צוליב „פאליטישער"־מאכט, און פערזענלעכע דאמינאציעס, און פשוט, צוליב ריין מערדערלעכע איבערפאלן. די שטאט, איז דער צענטער פון דער אראבישער אונטערוועלט, און אזוי שנעל ווי עס האבן זיך אנגעהויבן די אראבישע אנפאלן אויף יידן, איז חברון געווארן דער צענטראלער פונקט פון די אראבישע באנדעס. דארט האבן זיך קאנצענטרירט די מייסטע איבערפאלן, אויף דעם יידישן טראנספארט, און פאסאזשיר־פארקער איבערן גאנצן לאנד. און נאך דאן, ווען די ענגלענדער זענען געווען די בעלי־בתים אין לאנד, בעת די ענגלישע ארדענונגס־היטער, פלעגן ארעסטירן יעדן ייד, וואס האט זיך געוואגט צו פארטיידיקן מיט געווער קעגן די אראבישע אטאקעס, האבן זיך אין חברון פראנק און פריי ארומגעדרייט באוואפנטע אראבישע באנדעס, וועלכע האבן אפילו אין מייסטע פאלן געטראגן ענגליש געווער.

אין צענטער פון שטאט צו מזרח-צו, דארט איז מיט יארן צוריק געווען דער יידישער צענטער, ווי די אראבער רופן אים: „הרד אל יאהודי"! קענט איר היינט צו טאג זען געשלעך פון פוסטע הייזער, וואס ציען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט פון דער געגנט. אויסגעהאקטע פענצטער, צעבראכענע טירן, אויסגעפלינדערט און אויסגערויבט אלעס, וואס עס האט זיך דארט געפונען. די געגנט פארגרעסערט נאך מער דעם אפגעלאזענעם אויסזען פון חברון.

פאראן אין חברון געננג אראבער, וואס בענקען נאך יענע צייטן, ווען עס האבן זיך דארט געפונען יידן. א סך וועלן אייך דערציילן פון יענע גליקלעכע טעג, ווען די פוסטע גאסן פון יידישן געגנט, זענען געווען פול מיט לעבן און באוועגונג און פון וואנען מען האט אפט פארדינט א שיינע פאר פיאסטער. באזונדערס, אין טרויבן-שניט, ווען יידישע מיידלעך און יינגלעך פלעגן פון אלע עקן לאנד קומען קיין חברון און דארט פראווען דעם טרויבן-שניט יום־טוב מיט געזאנג, טאנצנדיק איבער די גאסן, און פון די ישיבות פלעגט איבערפולן די רואיקע געסלעך דער גמרא־ניגון.

יאָ, אַ סך פאַרנונפטיקע אַראַבער, האָבן ביי אַ געלעגנהייט, נישט איינמאָל פאַר זייערע יידישע שכנים זיך אויסגערעדט: דאָס הארץ, אַז זיי בענקען נאָך יענע צייטן, און אַז אָן יידן, ווערט חברון אָרימער, און אָפּ-געלאָזענער, פון טאָג צו טאָג. אָבער, דאָס דערציילן די אַראַבער שטילער-הייט, פאַר דער עפנטלעכקייט טאָר מען קיין וואָרט נישט רעדן... ווייל מ׳קען נאָך באַקומען אַ מעסער אין דער זייט, פון די אַראַבישע באַנדעס וואָס פירן דאָס רעדל אין חברון.

חברון פאַרנעמט אַ גאָר חשובן אָרט אין דער יידישער פאַרגאַנגענ-הייט. דאָס איז די אַמאָליקע קרית ארבע, ווו אונדזער מוטער שרה, איז געשטאָרבן, און דאָרט געפינט זיך די מערת המכפלה, ווו אברהם אבינו האָט זי באַגראָבן, און וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער קבר פון אונדזערע אבות. חברון און איר סביבה, האָט אברהם אבינו אויסגעוועלט פאַר זיין וווינאָרט. קיין חברון זענען געקומען די ערשטע מרגלים, און דאָרט האָבן זיי ווי דער חומש דערציילט אונדז, געטראָפן די ריזן־קינדער, (ילדי הענק) און אָפּגעהאַקט דאָס הענגל וויינטרויבן (אשכול ענבים), שפּעטער איז חברון געווען אין דער געגנט פון שבט יהודה און איז געוואָרן איינער פון די זעקס „ערי המקלט", (ווו עס פלעגן אַנטלויפן אַזעלכע וואָס זענען באַגאַנגען אַ זינד), נאָכן טויט פון שאול המלך, האָט דאָרט זיבן יאָר צייט געקיניגט דוד המלך. אין חברון האָט אבשלום דורכגעפירט די רעוואָלוציע קעגן זיין פאָטער. רחבעם האָט איר פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער פעס-טונגס-שטאָט. אין דער צייט פון גלות בבל האָבן דאָרט רעגירט די אדו-מים. יהודה המכבי האָט די שטאָט דעראָבערט און צעשטערט אירע פעס-טונגען. אין דער צייט פון דער גרויסער יידישער רעוואָלוציע, האָט דער יידישער העלד שמעון בן גיורא דעראָבערט די שטאָט, אספּסינוס, האָט זי שפּעטער צוריקגענומען און זי אינגאַנצן פאַרברענט. אין דער רוימישער הערשאַפט, איז חברון געווען אַן אומבאַדייטנדע קליינע שטאָט, פון יענער תקופה געפינען זיך דאָרט שפּורן ביזן היינטיקן טאָג.

ביי די אַראַבער איז חברון הייליק צוליב דעם קבר פון אברהם אבינו, וועלכער ווערט אויך פאַרהייליקט ביי אַלע מוסולמענער און האָבן זי גע-רופן „מס גד איברהים". אויך די קרייצציגלער האָבן פאַרהייליקט די

שטאָט און זי אָנגערופן מיטן נאָמען „סעינט אבראהאם" (דער הייליקער אברהם) און האָבן אויפגעבויט איבער דער מערת המכפלה א קירכע ווו עס האָט געוווינט א בישאָף. נאָכדעם ווי די מוסולמענער האָבן די שטאָט דעראָבערט, האָבן זיי אויך פאַרבאָטן דעם אַריינגאַנג צו דער מערת המכפלה פאַר יידן און קריסטן, אפילו אונטער דער טערקישער הערשאַפט איבער ארץ-ישראל האָט חברון זיך אויך גערעכנט אַלס וויכטיקע שטאָט אין לאַנד.

יידן האָבן אין חברון געוווינט אין אַלע תקופות. אַן אָנהענגער פון ר' יהודה החסיד, ר' גדליה פון סימיאַטיץ, דערציילט אין יאָר 1700, אַז דאָן האָט די קהלה אין חברון פאַרמאָגט אינגאַנצן פערציק מענטשן, און אַלע האָבן געוווינט אין איין הויף. ווייטער דערציילט ער, אַז ווען עס פלעגט דאָן קומען א ייד קיין חברון כדי צו זען די מערת המכפלה, נישט קוקנדיק, צי ער איז געווען א רייכער אָדער אָרימער, האָט אים די קליינע קהלה, באַזאָרגט מיט עסן און קוואַרטיר דריי טעג, מיט די פיינסטע מאַ־כלים און געטראַנקען, כדי ווייטער צו שפּינען די נאָבעלע טראַדיציע פון אברהם אבינו, וועלכער איז געווען א מכניס-אורח. אפילו די מוסולמע־נער האָבן אויך אָנגעהאַלטן דעם מנהג, און האָבן פאַר די אָרימע געטיילט פרייע מיטאָגן, וועלכע זיי האָבן גערופן „אברהמס מיטאָג".

אין יאָר 1820 איז אין חברון אויך געגרינדעט געוואָרן א אשכנזישע קהלה, דאָן האָבן זיך דאָרט באַזעצט די חסידים פון באַרימטן ליובאַווי־טשער רבין זצ"ל, יידן האָבן דאָרט געליטן פון דעם שעיך מדורה, וועל־כער האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט שווערע שטייערן. אין דעם פּנקס פון דער חברונער קהלה, איז פאַרצייכנט, אַז די קהלה פלעגט אין יענער צייט אויסקלייבן א רבין, וועלכער ווערט דאָרט אָנגערופן „רבי השחור" (דער שוואַרצער רבי), עס איז אויך אינטערעסאַנט, אַז די חברונער יידן האָבן דאָן באַדויערט אין זייער פּנקס, וואָס עס געפינען זיך נישט אין דער געגנט קיין יידישע קאָלאָניעס, צוליב דעם ווילדן רעליגיעזן פאַנאַטיזם פון די דאָרטיקע איינוווינער, האָבן זיך די נייע עולים נישט באַזעצט אין יענע געגנטן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דאָרט אַריבערגעפירט געוואָרן די באַרימטע סלאָבאָדקער ישיבה, און קרוב טויזנט יידישע איינוווינער, האָבן זיך דאָן געפונען אין חברון, וואָס זענען, ווי שוין דערמאָנט נאָך די צוויי אַראַבישע פּאָגראָמען אויף די יידן אוועק פון דאָרטן.

כפר־סבא

— פאָרט קיין כפר סבא — האָט מיר געעצהט אין אינפאָרמאַציע־ביוראָ פון ועד הפועל פריינט ברושי. — דאָרט איז ערשט נישט לאַנג פאָרגעקומען אַ העפּטיקער זואל־קאַמף, וועט איר זיך באַקענען מיטן ראש המועצה, אַן אייגענער מענטש, און אויב איך מאַך נישט קיין טעות — האָט פריינט ברושי גוטמוטיק אַריינגעשמייכלט אין זיינע דיקע וואָנצעס — אייערם אַ לאַנדסמאַן... חוץ דעם, וועט איר זען אַן אינטערעסאַנט שטעטל, אין שרון.

איך האָב לאַנג נישט געטראַכט, מיטגענומען מיין „כלי־זיין", — דעם פילם־אַפּאַראַט און שרייב־מאַשינקע, אַוועק אויף שנעל אין אַ טאַקסי צו דער תחנה המרכזית, כדי צו כאַפּן דעם ערשטן אָמניבוס קיין כפר סבא. פאָרנדיק אין טאַקסי, איז מיר נאָך געלונגען צו כאַפּן אַ שמועס מיטן „נהג", וואָס האָט זיך באַקלאָגט, אַז עס זענען דאָ צופיל טאַקסים אין תל־אביב.

— שטעלט אייך פאָר — האָט ער צו מיר געטענהט — מער ווי אַ טויזנט שולעם פאַר טאַקסי־שאָפערן איז פאַראַן אין תל־אביב!

— נישקשה, — האָב איך אים געטרייסט, — מען וועט זיי באַלד באַדאַרפן ערגיץ־ווו אַנדערש...

— אדוני — האָט ער זיך אָבער געהאַלטן ביי זיינעם, — וואָס טוט מען אָבער דערווייל?

— עוד יהיה טוב — האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם פּאָפּולערן ארץ־ישראל־לידל.

איצט שטיי איך „בתור", כדי צו כאַפּן אַ פּלאַץ אין אָמניבוס. איך

בין אָבער נישט זיכער, אויב דאָס געפין איך זיך אין דער ריכטיקער „תור". אַזוי פיל אויפשריפטן אין אַלע זייטן: לבני-ברק, לפתח-תקוה, לחיפה, און נאָך און נאָך אַזעלכע אויפשריפטן, פון אַלע זייטן. פרעג איך אַ פּאַסאַזשיר וואָס שטייט פאַר מיר:

— בבקשה, אדוני, האומניבוס הזה הולך לכפר-סבא?...

יענער ענטפערט מיר אויף שנעל:

— הלא אתה רואה (דו זעסט דאָך!) אין אַ גרילצנדיקן פּאַריעקעטן העברעאיש, אַזוי חוצפּהדיק, אַז עס קלינגט מיר נאָך ביז היינט אין די אויערן...

— אַ ייד אין ארץ-ישראל — זאָג איך — וואָלט אַביסל באַדאַרפט ענטפערן פריינטלעכער...

איצט דרייט ער זיך אויס, קוקט אויף מיר, באַטראַכט מיך מאָדנע. מיר קוקן זיך אָן אַ ווייל איינער דעם אַנדערן... אַ חוצפּהדיק פּנים פון יענעם סאָרט ווילן־גערישע קאַוואַלירן, וואָס האַלטן פון זיך אַ וועלט און קוקן אויף אַלעמען פון אויבן אַראָפּ.

— מה אמרת?

איך חזר איבער נאָך אַמאָל:

— אַ ייד אין ארץ-ישראל וואָלט באַדאַרפט ענטפערן אַביסל פריינטלעכער.

— מי אתה? — גרילצט ער ווידער אַרויס מיט אַ באַפעלערישן טאָן. אַלע פּאַסאַזשירן, וואָס שטייען מיט אונדז אין „תור", קוקן איצט אויף אונדז.

— ומי אתה? — פרעג איך אים מיט אַ צוגאָב אַלס הוספה אויף ענגליש, וואָס קלינגט שוין נישט אַזוי גאָר פריינטלעך...

די אַרומיקע פּאַסאַזשירן ווינצלען זיך אויף אונדזער חשבון, בודאי... פּקיד... פּקיד... (זיכער אַ באַאַמטער) והשני אורח אמריקאי (דער צווייטער איז אַ גאַסט פון אַמעריקע), מורמלען איייניקע פּאַסאַזשירן.

— ער וועט נאָך אין אַמעריקע דאָרט דערציילן, ווי אַזוי מ'נעמט דאָ אויף געסט...

— ער האָט רעכט! — דערהערן זיך איייניקע שטימען, — ער האָט

אים באדארפט ענטפערן פריינטלעכער, — א ייד אין ארץ-ישראל טאר נישט ריידן אזוי גראב...

— שפילסט זיך מיט א פקיד — פאלט-אריין א ייד אויף ריין מא-מע-לשון, — טשינאווניקלעך... מען וועט קיין געלט נישט געבן אין אמע-ריקע, אויב דער אמעריקאנער וועט דערציילן, אז מען זידלט אים דא...

— וואס דרייט איר א ספאדעק! — פאלט אריין א דריטער ייד, — ווער האט אים געטשעפעט? פארוואס האט ער מיך נישט געפרעגט, נאר גראד אים, דעם פקיד?

— אן אנשיקעניש די פקידים! — מישט זיך אריין א פערטער ייד.

— אדרבא, אויב איר זייט אזא חכם, גייט און מאכט א יידישע מלוכה אן פקידים...

דער אמניבוס איז איצט געפאקט מיט יידן, קיין עין-הרע. דאס איז א כפר-סבאער אמניבוס, און איינער קען דעם אנדערן. מען דערציילט זיך די לעצטע נייעסן, מען קאמענטירט די פאליטישע געשעענישן. מען רעדט וועגן דעם אראבישן אנפאל טאקע אויף כפר-סבא. א גאנצע נאכט האבן זיי באשאסן די יידישע זייט, און אז חברה האט אויך נישט געשוויגן, א „פלוגת עונשין איז אהינצו אוועק באגינען און מען שמועסט, אז...

דא ווערט דער ייד, וואס דערציילט די נייעס, שטילער. ער בויגט זיך צו צו זיין שכן און רוימט אים איין עפעס אין אויער אריין...

— הייסט עס — טראכט איך זיך, — אז איך פאר עס אין סאמע פייער אריין...

— נישקשה! שוין געוווינט צו אזעלכע געשעענישן — טרייסט מיך א ייד, וואס האט צוגעהערט מיין מחלוקת מיט דעם פקיד — באלד קומט כפר-סבא.

איך האב דעם טאג, ווייזט אויס, קיין מזל נישט געהאט. קומענדיק קיין כפר-סבא, האב איך זיך אויפן אמעריקאנער סיסטעם, גלייך מיט ברען א נעם-געטון צו דער ארבעט. איך בין גלייך אוועק צו דער מועצה נאך אן אינטערוויו מיטן ראש המועצה.

ביי א קליין פענצטערל, איז געזעסן א פקיד און אריינגעקוקט אין א דאקומענט... איך האב אנגעקלאפט אין פענצטערל, אבער יענער, ווי נישט

אים מיינט מען... דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז קיין נחת וועל איך שוין דאָ נישט האָבן. איך האָב אַ צווייטן מאָל אָנגעקלאַפּט. יענער האָט, נישט קוקנדיק אויף מיר, אַ פרעג געטון:

— מה?

— חפצתי לדבר עם... ראש המועצה.

— איננו. — איז געקומען אַ שנעלער גלייכגילטיקער ענטפער.

— מתי יבוא (ווען קומט ער)? — האָב איך אַ פרעג געטון.

— איננו יודע (כ׳ווייס נישט) — איז ווידער געקומען אַ גלייכגיל־טיקער ענטפער.

קלאַפּ איך צום דריטן מאָל.

דאָ קומט ווידער אַן ענטפער, אָבער שוין אויפן הויכן קול:

— מי אתה (ווער ביסטו)?

— עתונאי (אַ זשורנאַליסט)...

איך האָב נאָך נישט פאַרענדיקט, און דאָס פענצטערל האָט זיך אַ קלאַפּ־צו געגעבן פאַר מיין נאָז... איך האָב קיין ברירה נישט געהאַט ווי אויסצולאָזן מיין כעס מיט אַ באַקאַנטן אַמעריקאַנער זאַץ... און אַוועק אַן אַן אינטערוויו...

בין איך אַוועק אין דער פיליאַלע פון „דבר", זיך אויסריידן דאָס האַרץ. אָבער אויך דאָרט האָב איך קיין גרויס מזל נישט געהאַט. די לשכה איז געווען פאַרמאַכט. דאָס הויז, אין וועלכן די לשכה געפינט זיך, האָט מען איצט איבערגעבויט. יידישע אַרבעטער זענען געשטאַנען איינגע־שמירט אין ליים און געלייגט ציגל. אַנדערע האָבן געקלאַפּט מיט האַמערס, און ווען איך האָב דעם אויפזעער איבער זיי אַ פרעג געטון, וו ס׳איז אייגנטלעך דער סוכן פון „דבר", האָט ער מיר גלייכגילטיק אָפּגעענט־פערט: מען דאַרף אים גיין פרעגן...

— רבונו של עולם, — האָב איך זיך געטראַכט. — וואָס טוט זיך דאָ? אַלע האָבן זיך אויף מיר אָנגעלייגט... וואָס זענען זיי עס אַלע אַזוי אָנגעברוגזטע און אומפריינטלעכע?

באַין ברירה בין איך אַריין אין אַ קליין יידיש קרעמל, אַ „תנובה", וו מען קען אויף שנעל עפּעס עסן. קודם האָב איך גענומען גוט באַ־

טראַכטן דעם באַלעבאָס. אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, וועלכער האָט גע־רעדט אַן עברית געמישט מיט יידישע ווערטער, וואָס איז אַרויסגעקומען מער יידיש ווי העברעאיש. נאָכדעם האָב איך באַשטעלט: לחם לבן (ווייס ברויט), שמנת (סמעטענע), עגבניות (טאָמאַטן) און קפה הפוך. און גע־טראַכט ווי אַזוי ביסלעכווייז אַריינציען דעם באַלעבאָס אין אַ שמועס. קיין צו גרויסע אַרבעט האָב איך נישט געהאַט. יענער, האָט לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן, און איך האָב זיך אַביסל אַראָפּגערעדט פון האַרץ...

— ראשית — האָט ער מיר גענומען אויסריידן דאָס האַרץ, — האָבן דאָך חלילה נישט אַלע יידן פון ישוב געזינדיקט קעגן אייך. שנית, נו, יאָ, ווידער די זעלבע מעשה. — דאָס זענען פקידים... דאָ אין אַרץ מאַכט מען נישט קיין צערעמאָניעס. וואַרפט בעסער אָוועק אייער פילם־מאַשין און אייער פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, טוט אייך אָן אַ פּאָר קורצע הויזן, ווי איך, אַ קאַקי־העמדל און, פאָלגט מיך — רוימט ער מיר איין שטיל — די אַמעריקאַנער ברילן אייערע וואַרפט אָוועק און הערט אויף צו קוקן דורך זיי. מען האָט דאָ נישט ליב קיין אַמעריקאַנער נודניקעס. מען רופט זיי דאָ נמר (נודניק ממדרגה ראשונה). זיי פּראָווען פאָראַדן, נעמען ביל־דער און קוקן אויף אונדז ווי אויף בייזע ווונדער... איר פאַרשטייט, זיי פאָרן אַרום איבער די קבוצים און דרייען אַ ספּאָדיק, דערציילן זייער בלאָפ'ס וועגן „אַמעריקאַנער גליקן", עפּעס מאַכן זיי אונדז פילן ווי מיר וואָלטן געלעבט אין זייערע חסדים... אַ קליינינקייט — ביי יעדער גע־לעגנהייט וואַרפן זיי אונדז פאָר אַז ווען נישט זייער געלט ווער ווייסט אויב מען וואָלט אויפגעבויט ארץ ישראל... און איך זאָג אייך — ווערט דער ייד ערנסט, נישט דאָס געלט פון די פעטע אָלרייטניקעס האָט געבויט ארץ־ישראל, נאָר דער שווייס און בלוט פון אונדזערע חלוצים. פאָלגט מיך האָט ער מיר ווידער געעצהט, טוט בעסער אָן אַ פּאָר כאַקי־הויזן און וואַרפט אָוועק אייערע אַמעריקאַנער ברילן... און מען וועט צו אייך ווערן פריינטלעכער. און איך האָב אים געפאָלגט. אויפן צווייטן טאָג ווען איך האָב זיך גאַנץ פרי אַרויסגעלאָזט איבער „כפר־סבא" באַטראַכטן דאָס שטעטל, האָב איך מיין פילם־מאַשין און פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט איבער־געלאָזט אין מיין אכסניה, און איך האָב באַנייט אַ פּאָר שפּאָגל נייע קורצע



די הויפּט גאַס אין כפר-סבא.

הויזן, מיט וועלכע אַ מילד ווינטל האָט זיך איצט ביים זונען-אויפגאַנג געשפּילט.

ווען איך האָב אינדערפרי געמאַכט מיין שפּאַציר איבער כפר-סבא, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך געפין זיך אין אַ שטעטל פון דער אַלטער היים. אָפענע גאַסן צו די פעלדער און פּרדסים, וואָס רינגלען ארום די שטאָט פון אַלע זייטן. ווו דאָס אויג האָט נאָר דערגרייכט, האָבן זיך אַרויסגעשיילט גרינע פעלדער און בליענדע פּרדסים און מילדע פרילינג-ווינטלעך האָבן געבראַכט אַ זאַפּטיקן פעלד-ריח פון אַלע עקן שטאָט.

אויף דער הויפּט־גאַס, ווו עס געפינט זיך די סטאַנציע פון „אגד", איז איצט גאַנץ פרי אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע באַוועגונג. אַ גרויסער טייל פון די איינוווינער אין כפר־סבא, אַרבעטן אין תל־אביב און אין אַרומיקע פלעצער און פאָרן איצט, גאַנץ פרי צו דער אַרבעט, יעדער אין אַן אַנדער ריכטונג. האָב איך איצט די געלעגנהייט צו באַטראַכטן זיי אַלעמען, וואָס שטייען איצט „בתור" כדי וואָס שנעלער צו כאַפּן דעם אָמניבוס צו דער אַרבעט. אָט שטייען יידישע מולאַרעס מיט זייער געצייג אין די הענט. דאָס אַרבעטן זיי ערגעץ ביים בויען נייע הייזער. אָט שטייען יונגע בחורים, קענטיק נייע עולים, זיי וווינען טאַקע דאָ, אין כפר-סבא, אין האָטעל, וועלכער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „בית עולים". איצט פאָרן זיי אַרבעטן אויפן „כביש". און צווישן זיי אַלע שניידן זיך אַרויס די יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס זיינען מאָביליזירט געוואָרן פון „התנידסות", איצט פאָרן זיי צו די אָפּטיילונגען, צו וועלכע זיי זענען באַשטימט געוואָרן. עס איבערחזרן זיך די זעלבע סצענעס, וועלכע איך האָב אַ סך מאָל געזען אין פאַרשידענע פלעצער אין ארץ ישראל. טאַטע-מאַמע און פריינט געזעגנען זיך מיט די זין און טעכטער, יונגע חברה איז לוסטיק, מען זינגט מלחמה לידער וואָס מישן זיך צוזאַמען מיט אַ הילכיקן, געזונטן געלעכטער.

— גערענק, — שרייט אַ יונגע מיידל צום בחור, וואָס קריכט אַריין אין אָמניבוס, אַ באַלאָדענער מיט אַ גרויסן פּאַק אויף די פּלייצעס. — פינף אַראַבער...

אַלע אַרום קוקן מיט ליבע אויף די יונגע חברה, און פון יעדנס מויל

קענט איר הערן די איינציקע צוויי ווערטער: הבחורים שלנו! טאטע-מאַ-מע געזעגנען זיך און מען צעקושט זיך, אָבער מען זעט אינגאנצן נישט קיין טרערן. דער אָמניבוס פאַרקירעוועט זיך צום אָפענעם „כביש" און פון וויטן הערט איר נאָך דאָס קרעפּטיקע געזאַנג:

כי תבוא מלחמה, יתנפל האויב
כוח אפל אכזר יתקיפנו
כל העם בו ביום כאחד אז יקום
על מולדת יגן, על החפש!

איך פאַרנעם זיך צו דער הויפּט-גאַס, ווו איך באַמערק אַ גרויסן אויפשריפט „תערוכה חקלאית (אגראַר אויסשטעלונג), וועט פאָרקומען דעם און דעם טאָג, ווו אַלע קאָלאָניסטן פון די אַרומיקע געגנטן וועלן איינגעלאַדן, אַן אַנדער אַפיש דערציילט אייך וועגן די פאַרוויילונגען, וואָס וועלן אין משך פון דער גאַנצער וואָך פאָרקומען אין כפר-סבא, „אוהל-טעאַטער וועט דעם און דעם טאָג שפּילן „הקמצן — דער קאַרגער; דער סימפאָנישער אָרקעסטער דעם און דעם דאַטום, און דער „מטאטא" וועט קומען קומענדע וואָך; צו דעם קומט אויך די פּראָגראַם פון שטאָטישן „קולנוע". אַ באַקאַנטמאַכונג פון „לשכת ההתגיסות". בארג ארויף, אין סאַמע האַרץ פון שטעטל, געפינט זיך דאָס איין און איינציקע קאַפע-הויז פון כפר-סבא, וואָס טראָגט דעם נאָמען „מגדל אור" (דער לייכט טורעם)... אָבער אינעווייניק איז ליידיק און פינצטער, נישטאָ קיין מענטש. ווען איך האָב דעם אייגנטימער איבערגעפרעגט ווו זענען די געסט? האָט ער מיר געענטפערט:

— וואָס מיינט איר, דאָס איז תל-אביב? דאָ האָט מען אין מיטן טאָג נישט קיין צייט גלאַט אַזוי זיצן אין קאַפע! ביי אונדז אין כפר-סבא אַרבעט יעדער אַ גאַנצן טאָג. דאָרט אין תל-אביב, — איז ער געוואָרן וואָס אַמאָל מער בארעדעוודיקער, — זענען די קאַפע-הייזער קיביצאַר-ניעס. דאָ, פאַרברענגט מען גלאַט אַזוי אַן אָוונט, נאָך אַ שווערן טאָג אַר-בעט. קומט אַריין פאַרנאַכט, וועט איר דאָ געפינען מענטשן.

פאַראַן אָבער פאָרט אַ קיביצאָרניע אין כפר-סבא, אין סאַמע מיטן

שטאָט, און דאָס איז אַ פאָטאָגראַפיש געשעפט פון אַ יידישן פּליט פון דייטשלאַנד. דאָרט קומט זיך צונויף פאַרנאַכט די יוגנט פון שטעטל.

געקומען אַהינצו בין איך קויפן בילדער פון כּפר־סבא. אָבער זוכנדיק אין אַלבום, האָב איך דערווייל זיך צוגעהערט ווי אַזוי קליינשטעטלדיקע יוגנט אין ארץ, פלירטעוועט. די מיידלעך זענען דאָ אַ סך דרייסטער ווי די יינגלעך. אָט שטייט אַ מיידל אין לאַנגע, ברייטע הויזן אָן אָפּגעברענטע פון דער זון, אויפן קאָפּ אַ געבלימט טיכל פון וויין־קאָליר פון וואַנען עס קוקן אַרויס בונטע פּאַסמעס קויל־שוואַרצע האָר, און שפּילט אַ פלירט מיט אַ בחור אין קורצע כאַקי־הויזן, אויף וועלכע עס ליגט נאָך אַ זאַמדיקער שטויב, מחמת, ערשט נאָר־וואָס געקומען פון דער אַרבעט. זי רעדט שנעל, זי איז די „ספּיקערין", — די ראש המדברות פון אַ גאַנצער גרופּע מיידלעך.

— שמע, — כאַפּט זי די ווערטער ווי הייסע לאַקשן, — וואָס טוסטו איצט אין כּפר־סבא... ווען די אַנדערע בחורים שטייען דאָרט אין די „עומדות". דער בחור איז אַביסל אין אַ פאַרלעגנהייט, פּרוווט זיך פאַרענטפערן, אַז די „לשכת ההתגיסות" האָט אים באַפוילן צו בלייבן ביי דער אַרבעט, ווייל... אָבער די כוואַטסקע מיידל לאָזט אים נישט פאַרענדיקן.

— הלא תיבוש... — מעגסט זיך שעמען... און אַלע מיידלעך פּלאַצן אויס אין אַ געלעכטער. איך — פאַלט אריין אַ צווייטע מיידל אין אַן איינפאַך ווייס לייוונט־קליידל, פאַרבונדן די האָר מיט אַ שוואַרץ־סאַמעטענע סטענגעלע, ווי אַמאָל אין די היימישע קליינע שטעטלעך, — איך וואָלט אינגאַנצן נישט חתונה געהאַט מיט אַ בחור, וואָס גייט נישט אויף דעם פראָנט. און אַלע לאַכן ווידער האַרציק. נעמון, — דערציילט איינע, — האָט מיר נאָר־וואָס געשריבן אַ בריוו פון נגב... ער קומט זיכער אויף אַ פּאָר טעג חופשה (אורלויב).

כּפר־סבא, ווערט אין ארץ ישראל אָנגערופן: „אם מושבות השרון". זי פאַרמאָגט היינט־צו־טאָג אַריבער זעקס טויזנט נפשות. מיט צוויי און פופציק יאָר צוריק, איז געקויפט געוואָרן די ערד, אויף וועלכער עס געפינט זיך היינט כּפר־סבא. דער גרעסטער טייל פון אירע איינוווינער,

באשעפטיקט זיך מיט פעלד־ארבעט, און די אנדערע מיט פרייע-ארבעטן. די קאלאניע פארמאגט א שטח פון זעקס טויזנט פינף הונדערט דונאם ערד, פון דעם זענען דריי טויזנט דונאם פרדסים, צוויי טויזנט ירקות (גרינסן). עס געפינט זיך אויך דארט א פאבריקאציע, וואס איז לעצטנס אויפגעבויט געווארן: די פאבריק „העוגן" און „מיצרון", וואס פראדוצירן טויזנטער טאן פרוכט-זאפטן; די פאבריק „הצמר", ווו די וואל ווערט גע־וואשן און געפארבט; די פאבריק „החייל", — א טעקסטיל-פאבריק, אין וועלכער עס איז באטייליקט דער „המשביר המרכזי", — די סוכנות, און א גלאז, און גומי פאבריק, פון דעם ביאליסטאקער לאנדסמאן; ירושלמי.

וועגן באדן אויף וועלכן עס געפינט זיך כפר־סבא, האבן מיט יארן צוריק ספעציאליסטן, וועלכע זענען אהינצו ארויסגעשיקט געווארן, ארויס־געטראגן אן אורטייל: אז די ערד פון שרון, טויג צו גארנישט, און עס איז ארויסגעווארפן יעדע ארבעט. היינט צו טאג געפינען זיך דארט צענדלי־קער דערפער מיט אריבער פערציק טויזנט דונאם ערד, אריבער א העלפט פון זיי — פרדסים, און אריבער זעכצן טויזנט יידישע ארבעטער, דער גרעסטער טייל פון זיי פון דער „דריטער עליה", זענען דארט באשעפ־טיקט. אין די לעצטע צוואנציק יאר זענען דארט צוגעקומען: כפר לי־ליענבלום, „רעננה", „הרצליה", „קהלת ציון", „מגדיאל" און די גאנצע געגנט פון שרון איז פארוואנדלט געווארן אין א בליענדן ישוב.

כפר־סבא האט הינטער זיך א געשיכטע פון שווערע ראנגלענישן און ירידות, ביז זי איז ענדלעך געקומען צו איר איצטיקן מצב. אין דער יידישער היסטאריע איז זי דערמאנט געווארן אין ירושלמי פון רבי מאירן, אין דער תקופת בית שני, ווערט זי דערמאנט פון יאזעפוס פלא־וויאוס, „מישור כפר סבא"; זי ווערט אויך דערמאנט אין דער צייט פון קעניג אלעקסאנדער ינאי, ווען ער האט נישט געקאנט צוריקשלאגן אן אטאקע פון שונא, צוליב דעם, וואס די ארמיי איז אפגעשוואכט געווארן פון א בירגער־קריג, האט ער אויסגעגראבן טיפע גריבער און אויסגעבויט א דיקע מויער ארום כפר־סבא.

אין יאר 1892 האט א ייד מיטן נאמען עפשטיין, אפגעקויפט א גרויסן שטח ערד פון די אראבער אין איצטיקן כפר-סבא. דריי אגראנא־

מען זענען געשיקט געוואָרן, כדי צו שטודירן די ערד, און זיי האָבן באַ־שלאָסן, אַז זי טויג נישט. אין יאָר 1896 האָט זי דער באַראָן ראָטשילד אָפּגעקויפט און געמאַכט אַ גאַנצע רייע עקספּערימענטן, אַריינלייגנדיק גרויסע סומעס געלט, און באַלד אַנטוישט געוואָרן. ער האָט די ערד דאַן פאַרקויפט צו די פּויערים פון פּתח תקוה פאַר דעם פּרייז פון אַכט פראַנק אַ דונאַם, מיטן תנאי, זיי זאָלן דאָרט באַזעצן זייערע זין און איידעמס. זיי האָבן אָנגעהויבן פלאַנצן דאָרט עאוקאַליפּטוס־ביימער און מאַנדלען. די טערקישע רעגירונג האָט דאַן נישט דערלויבט צו בויען הייזער. ערשט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט די טערקישע רעגירונג געגעבן אַ דערלויבעניש צו בויען דאָרט הייזער, און עס זענען דאָרט אויפגעבויט געוואָרן די ערשטע דרייצן הייזער דורך דער „עזרה" פון בערלין. שפּע־טער איז צוגעבויט געוואָרן נאָך אַ הויז. די הייזער זענען מייסטנס געווען פאַר די איינוווינער פון פּתח תקוה, וועלכע האָבן דאָרט געהאַט נחלאות. זיי זאָלן אויפפּאַסן אויף זיי. ווען עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה, האָט זיך דאָרט, נישט ווייט, געפונען דער פראָנט. די טערקן און שפּעטער די ענגלישע אַרמיי, האָבן אינגאַנצן צעשטערט כפר־סבא, און עס איז דאָרט פאַרבליבן אַ חורבה. אַ יאָר שפּעטער, זענען ווידער אַהינצו געקומען די קאָלאָניסטן, און מיט דער הילף פון הלוואות פון דער „ייקא", אָנגע־הויבן צוריק אויפבויען די חורבות. אין יאָר 1921 זענען דאָרט פאַרגעקו־מען אַראַבישע מהומות, און כפר־סבא איז ווידער אינגאַנצן חרוב גע־וואָרן, אָבער אין אַ יאָר שפּעטער, איז כפר־סבא, מיט דער הילף פון אַן הלוואה פון קרן־היסוד ווידער אויפגעבויט געוואָרן. עס האָט זיך אָנגע־הויבן די דריטע און די פערטע עליה. עס זענען געקומען עולים מיט קאַ־פּיטאַל, און אָנגעהויבן איינקויפן אין כפר־סבא פּרדסים, און הייזער, און די קאָלאָניע האָט אָנגעהויבן גיין באַרג־אַרויף.

כפר־סבא פאַרמאָגט אַ שטאָט־אַפּאַראַט, וואָס איז געבויט נאָכן מוס־טער פון דער תל־אביבער עיריה. דער בודזשעט פון איר מועצה באַ־טרעפט אַריבער זעכציק טויזנט פונט אַ יאָר, פון דעם גיט זי אויס אַרי־בער צוואַנציק פּראָצענט פאַר חנוך. אַ גאַנצע רייע שולן פאַרמאָגט די קאָלאָניע: „אוסישקין־שול" אַ „מזרחי־שול", נאָכדעם קומען אַ גאַנצע

רייע קולטורעלע און געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, „קופת חולים", דער „בית הפועל", „בית העובד", „ועדה לטפול במשפחת החיל" (א קאַמיטעט צו באַזאָרגן די משפחה פון סאָלדאַטן), א מוניציפּאַלער „שכון פאַר עולים", וואָס די מועצה האָט אויסגעבויט פאַר נייע עולים, ווו עס געפינען זיך איצט עולים פון מאוריציוס און בערגען-בעלזען; א שכון פאַר תימנער יידן, וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט. כפר־סבא פאַרמאָגט אויך אויסער די אַלע דערמאָנטע אינסטיטוציעס, א קהלה, א רעליגיעזע קהלה אויפן היימישן שטייגער. געוועלעך גייט דער בודזשעט פון דער קהלה אריין אין בודזשעט פון דער „מועצת העיר" (שטאָט-פאַרוואַלטונג) אָבער דאָ אין כפר־סבא זענען די חרדים (פרומע), באַשטאַנען דערויף, אז די קהלה זאָל האָבן א באַזונדערן בודזשעט. די קהלה האָט אויך איר הכנסה פון דער שחיטה, חופה וקדושין, דין תורהס און די קהלה צאָלט אַליין זעלבסשטענדיק אירע כלי קודש, בעת אין אַנדערע שטעט, געהערן זיי אַלס פקידים פון שטאָט־פאַרוואַלטונג. די מועצה האָט דאָרט אויך גענעבן א ספּעציעלע ביישטייערונג פאַר אויסבויען א שול צום דאַווענען.

כפר־סבא פאַרמאָגט אויך איר „בית משפט השלום", וואָס האָט נאָך אין דער צייט פון ענגלישן מאנדאַט געהאַט א סך מער ארבעט ווי דער רעגירונגס-געריכט. לויט דעם ראַפּאָרט פון דעם „בית משפט השלום", זענען דאָרט דערלעדיקט געוואָרן קרוב פינף הונדערט סכסוכים. צווישן זיי געפינט איר אפילו א באַדייטנדע צאָל פאַר עלבון (באַליידיקן). נאָענט צו פופציק פּראָצעסן זענען פאָרגעקומען וועגן דירה-געלט.

בני-ברק — אַ פרום שטעטל אין ארץ ישראל

איך בין אָנגעקומען אין בני-ברק פונקט דאַן, ווען עס איז דאָרט פאָרגעקומען אַ הייסער וואַל-קאַמף. גאַנצע אכציק קאַנדידאַטן מיט צען ליסטעס האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן. די אַלטע געביידע אויף רחוב זשאַבאָטינסקי פון דער מועצה, ווו איך האָב זיך פאַרקירעוועט צווישן „מחסומים", איז יענעם טאָג אינגאַנצן געווען מאָביליזירט. פקידים אין ווייסע זיידענע יאַרמולקעס זענען געזעסן און פיבערהאַפט, מיטן אמתן חסידישן ברען, ווי איבער אַ הארבן און שווערן ענין אין גמרא, צוגעגרייט די פּלענער פאַר די וואַלן.

אומזיסט האָב איך געמאַכט אַ פאַרזוך צו ריידן מיט אַ טייל פון זיי. וואַל־סודות זענען פּונקט אַזוי וויכטיק ווי מלחמה־סודות, און טאָרן נישט אַרויסגעגעבן ווערן, בפרט צו אַ זשורנאַליסט, — האָט מיר איינער פריינטלעך אָפּגעענטפערט.

האָב איך קיין ברירה נישט געהאַט ווי נאָר פון די גרויסע אפישן און פלוגבלעטלעך, וועלכע מען האָט פאַרטיילט אין די גאַסן, זיך צו דערוויסן וועגן דעם הייסן וואַל-קאַמף, וואָס האָט דאָרט געפלאַקערט מיט ברען...

די שטאַרקסטע פּראָפּאַגאַנדע האָט אָנגעפירט די ליסטע „אחוד", וועלכע איז געווען פאַר אַ פאַראייניקונג מיט דער שכנישער רמת גן, וואָס איז געשטיצט געוואָרן פון דאָרטיקן ראש מועצה, קריניצי. איך האָב אָבער גלייך געקענט זען, אַז די ליסטע האָט אַ שאַרפע קעגנערשאַפט צווישן די פרומע יידן אין בני ברק, וועלכע זענען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דעם „אנשלוס" (זייער שפּראַך). צווישן די טענות וועגן דעם האָבן זיי אויך אַרגומענטירט, אַז די פאַרשייטע רמת גן, מיט אירע קאַפע-הייזער, און קינאָטעאַטערס, פירט-איבער די פרומע יוגנט פון בני

ברק... אויסער דעם, ווילן זיי אליין זיין די באלעבאטים איבער זייער שטעטל.

סיי-ווי האט מען מיר אין בני ברק דערציילט, אז דער „אנשלוס" צווישן דער יוגנט פון ביידע שכנישע שטעטלעך איז שוין לאנג פאר־געקומען. די קינא-טעאטערס און קאפע־הייזער פון רמת גן, זענען אי-בערגעפאקט מיט דער יוגנט פון בני ברק. און ווען עס קומט פאר א רעפעראט אין „בית האזרח", אין רמת גן, וועגן אזא טעמע, וואס איז אין בני ברק נישט מעגלעך, קומט די יוגנט שבת הערן דורך א ספע-ציעלן, קירצערן וועג, איבער שכונת הלל, קיין רמת-גן, כדי נישט עובר צו זיין אויף א תחום שבת... און אז די טעכטער פון די דייטש-יידישע אייגנטימער פון די קאפע-הייזער, און קאסינאס אין רמת-גן, האבן גראד דעם בעסטן דערפאלג ביי די פרומע יונגעלייט פון בני ברק, איז בא-קאנט. אזוי איז שוין דארט אויך פארגעקומען דער אנשלוס אויף די „עומדות". בני ברקער יונגעלייט, שטייען האנט ביי האנט צוזאמען מיט די יונגעלייט פון רמת גן, אין דער געפערלעכער געגנט פון סאלמא, און דער ערשטער קרבן איז טאקע געווען דער פירער פון די בני ברקער יוגנט, ארי' יאנקעלעוויטש.

איך האב געמאכט א שפאציר איבער דער הויפט־גאס, וואס פירט צום כביש פתח תקוה, און גענומען באטראכטן דאס מערקווירדיקע שטעטל. ס'איז געווען פרייטיק נאכמיטאג, און פאר מיר האט אויפגע־וואכט א היימיש שטעטל, מיט איר גאנצער ערב־שבתדיקער פראכט. ביל-דער פון דעם שיינעם אמאל, וואס זענען דארט אין אונדזערע אמאליקע שטעטלעך אפגעווישט געווארן אויף שטענדיק... ווי אין א פאנאראמע האבן זיי זיך איצט דא אויף דער הויפט-גאס פון בני ברק פאר מיר אנ-געהויבן אויפוויקלען. אט גייען יידן פון מרחץ, מיט פייכטע בערד און פאות, פון וועלכע עס טריפן נאך קאלטע טראפנס. און די קרעמלעך ווערן צוגעמאכט. דער פאסט-באאמטער, וועלכער זיצט אין א סאמעטענער יארמולקע, איילט זיך וואס שנעלער צו שליסן די פאסט, כדי נאך צו קע-נען לויפן אין מקווה אריין. איך וויל אוועקשיקן א בריוו. די פקידה מאכט מיך אויפמערקזאם, אז „באחריות" קען מען מער נישט שיקן. עס איז



די סלאָבאָדקער ישיבה אין „בני ברק“.

פאר ליכט צינדן... די גאסן ווערן ליידיק. וואס אמאל מער פארוויגן מיך די בילדער, אין זכרונות פון אמאל... אזא ענלעכקייט צום היימישן שטעטל...

איך שפאן איצט לאנגזאם, פארוויגט אין זכרונות. איך שטרענג-אן מיינע בליקן, קוק דורך די פענצטער אויף די ווייסע טישטעכער, אויף די זילבערנע לייכטער, און פאר מיר איז פלוצים אויסגעוואקסן דאס געשטאלט פון מיין מאמע, די קדושה, ווי זי שטייט פאר די ערב־שבתדיקע ליכט, פארהילט איר פנים מיט דעם וויים-זיידענעם שאל, און שפרייט אוים אירע הענט צו א תפילה...

דער ניגון פון לכו נרננה, האט זיך איצט זאנפט צעטראגן איבער דעם שטעטל און האט איבערגעריסן מיינע געדאנקען.

מיין ערשטער באזוך אין בני ברק איז געווען ביי דעם ראש מועצה ר' יצחק גערשטענקארן, דער גרינדער פון דער פרומער קאלאניע. קומענדיק צו דער באשטימטער צייט, האב איך פון ווייטן דערזען אן אלטן ייד, מיט א ברייטער וויים-זילבערנער באלעבאטישער בארד. בין איך נישט זיכער געבליבן שטייען און געטראכט:

„אפשר פארבלאנדזשעט? איך געדענק א שווארצן, רירעווודיקן יונגנמאן, וועלכער איז מיט יארן צוריק געווען אן אפטער גאסט, ארומלויפנדיק איבער די יידישע רעדאקציעס, און מיט וועמען איך האב געהאט אן אינטערוויו אין א ניו־יארקער רעדאקציע.

ווייזט־אוים, אז מיין גאסט־געבער האט פארשטאנען מיין פארלעגנהייט און מיך אנגערופן ביים נאמען.

— איר מאכט קיין טעות נישט. דאס בין איך...

— אבער אויך איך געדענק אין ניו־יארק א יונגנמאן מיט א געדיכטן שווארצן קאפ האר...

יצחק גערשטענקארן האט מיר צוערשט דערציילט וועגן דעם וווקס פון בני ברק, וואס האט גענומען וואקסן אין די לעצטע יארן, און זיך איינסברייטערן צו דרום, און אויספילן דעם ליידיקן שטח צווישן איר צענטער, און גבעת שמואל, און וועגן די נייע פלענער צו פארגרעסערן בסדר די שטאט, וואס פארמאגט שוין איצט א וואסערע צען טויזנט איינ-

וווינער; וועגן די פאבריקן, וועלכע זענען דארט צוגעקומען אין די לעצטע יאָרן: די „ארגמן"-טעקסטיל-פאבריק, די באַרימטע „דובעקס"-ציגארעטן-פאבריק, וואָס איז אזוי בארימט אין ארץ, און וועגן וועלכער עס וועבן זיך לעגענדעס ווי פון בארימטע אמעריקאנער פאבריקאַנטן אַלרייטניקעס. ווייל אָנגעהויבן האָט ער, פארקויפנדיק ציגארעטן אויף די גאסן פון תל-אביב, און איצט איז ער דער רייכסטער ציגארעטן-פאבריקאנט אין לאנד. אַן ארץ־ישראלדיקער „סעלף מעיד מען"...

ער האָט אויך גערעדט וועגן אנדערע פּלענער, וועגן די אויפטוען און דערגרייכונגען פון בני ברק און וועגן די שווערע ראנגלענישן, וואָס זי האָט דורכגעמאכט פון יענעם טאָג אָן, ווען ער האָט אריבערגעבראכט א גרופּע פרומע יידן פון ווארשע, די ערשטע פּיאָנערן פון דעם מערקווירדיקן ישוב.

דער געדאנק איז אים איינגעפאלן מיט א 25 יאָר צוריק, ווען ער האָט געזען די האָפענונגסלאָזע לאגע פון די יידן אין פּוילן, און אז עס איז אין גלות בכלל נישטאָ מער קיין פּלאץ פאר יידן. די גרינדונג פון בני ברק איז געווען אויפן סיסטעם פון א „משק שתופי", א קליין קאָלאָניזאציע, א קאָמבינאציע פון אַרבעטן אין פעלד, און אויך קליין-אינדוסטריע. פינף מאָל איז ר' יצחק גערשטענקאָרן צוליב דעם צוועק געפאָרן קיין אמעריקע, און אויך קיין זיד-אפריקע, כדי צו שאפן די נויטיקע הילף פאר דעם פּלאן זיינעם.

שווערע קריזיסן האָט די קאָלאָניע דורכגעמאכט, ביז זי איז געקומען צו איר איצטיקן מצב, און זיך פעסט איינגעפונדעוועט אין ישוב. אינגיכן וועט געפייערט ווערן דער 25־יאָריקער יובל פון איר גרינדונג.

ר' יצחק גערשטענקאָרן איז שוין איצט א ייד מיט א וויים-פאטריאַרכאלישער באָרד, און א ניכטערנעם בליק. ער רעדט רואיק וועגן די אלע יאָרן פון שווערער ארבעט אין די בערגיקע געגנטן פון בני ברק, וואָס איז היינט-צו-טאָג פארוואנדלט געוואָרן אין א פּראכטפול יידיש שטעטל.

מיר זענען ביידע געזעסן אין זיין ביבליאָטעק, ווו עס איז געשטאַנען א היימישע גלעזערנע שאַפע פול מיט ספרים. דורך דער אָפענער וועראנדע האָט געבלאָזן א מילד ווינטל. זיין טאָכטער, א געבוירענע טאָכ

דאָ אין בני ברק, האָט אונדז באַדינט און ר׳ יצחק גערשטענקאָרן האָט זיך פאַר מיר באַרימט, אַז אַלע שפּייזן זענען פון „תוצרת הארץ", טאַקע פון זיין אייגענער נחלה.

ר׳ יצחק גערשטענקאָרן האָט איצט, נאָך אַזוי פיל שטורמישע יאָרן, צייט זיך אָפּצוגעבן מיט זיין אַרבעט און אויך צו זיצן על התורה ועבודה. ער האָט פאַרענדיקט איין חבור און ער שרייבט אַ צווייטן. אָבער ער רעדט ווייניק וועגן זיינע חבורים. דער הויפּט-ענין איז ביי אים נאָך אַלץ בני ברק.

— איך פאַרשטייט — רייסט ער אינמיטן איבער אונדזער שמועס, — בני ברק איז אַן אומפּאַרטייאישע קאָלאָניע, זי איז נישט קיין אגודה־קאָלאָניע. פונדעסטוועגן אינטערעסירן זיך מיט איר די אָרטאָדאָקסישע וועלט־אויטאָריטעטן. אַזוי, למשל, האָט דער ליובאַוויטשער רבי שליט"א בעת זיין לעצטער רייזע אין א"י באַזוכט בני ברק און זיך נישט געקענט אויסלויבן פאַר די דערגרייכונגען און אויפטוען פון די פרומע יידן אין בני ברק. אונדזער קאָלאָניע איז אויך נישט קיין מזרחי־קאָלאָניע, אָבער פונדעסטוועגן האַלט דער מזרחי זי פאַר אַ פעסטונג פון זיינע אידעאַלן.

נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז אַ קאָלאָניע פון פּריוואַט-איני־ציאַטיוו, פונדעסטוועגן האָט די הסתדרות 300 אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין בני ברק, ווו עס ווערט אויף אַלע הונדערט פּראָצענט אָפּגעהיט דער געבאָט פון „עבודה עברית".

— מיר — האָט ער פאַרענדיקט — זענען שטאָלץ מיט אונדזערע דערגרייכונגען און מיט אונדזער וויכטיקן ביישטראָג פאַרן בנין הארץ. איך פאַרשטייט, פון 40 וואַרשעווער יידן פון פראַנצישקאַנער גאַס און נאַ־לעווקים — אַ בליענדער ישוב פון אַריבער צען טויזנט יידן. איך פילט, — איז ער פּלוצים געוואָרן ערנסט, — וואָס דאָס מיינט? האַ?

און מיר האָט אויסגעוויזן, אַז זיינע אויגן, וואָס האָבן נאָך אין זיך יענעם יונגן גלאַנץ, ווי איך האָב אים געזען מיט אַריבער צוואַנציק יאָר צוריק אין דער ניו-יאָרקער רעדאַקציע, זענען מיט איינמאָל פייכט גע־וואָרן...

בני ברק איז היינט צו טאָג דאָס פרומסטע שטעטל אין ארץ ישראל,

דער צענטער פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט. דאָרט געפינען זיך אויך די באַרימטע ישיבות, וועלכע זענען פאַר דעם אייראָפּעאישן חורבן געווען באַרימט בכל תפוצות ישראל. דער תנא רבי עקיבא האָט דאָרט, אונטער דער הערשאַפט פון די רוימער, געהאַט אַ גרויסע ישיבה. נישט קוקנדיק אויף דעם פאַרבאָט פון די רוימער, און אונטער סכנת נפשות האָט מען דאָרט געלערנט תורה מיט הונדערטער תלמידים. ווען די רוימער האָבן זיך דערוווּסט, האָבן זיי רבי עקיבאן געכאַפּט, „געקעמט זיין לייב מיט אייזערנע קעם און זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען מיטן וואָרט „אחד!". די פּסחדיקע הגדה דערציילט אונדז אויך וועגן די תנאים ר' אליעזר, ר' יהושע, ר' טרפון „שהיו מסובין בבני ברק".

איצט, נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות האָבן די אותיות פורחות פון די פאַרברענטע ספרים געפונען אַ תיקון אין דעם זעלבן בני ברק, וואָס איז ביז ערשט מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק געווען אַ ווילד פאַרוואַקסענער באַרג, און עס קלינגט ווידער דאָרט דער האַרציקער גמרא-ניגון אין אַלע ווינקלען פון בני ברק.

ווען איר שניידט דורך די הויפּט-גאַס פון בני ברק, קומט איר צו אַ מערקווירדיקן פּלאַץ, אַ גרויסע שילד מיט דער אויפשריפט „גבעת זכרון מאיר" הענגט איבער צוויי טויערן וואָס ווערן יעדן ערב שבת פאַרמאַכט. דאָס איז דער שטאָט-טייל אויפן נאָמען פון לובלינער רב ר' מאיר שאַפּיראָ זצ"ל. אַ ייד מיטן נאָמען ר' יעקב האַלפּערן, האָט אָפּגעקויפט דעם טייל, אויסגעבויט הייזער, פּרדסים, און אים אָנגערופן אויפן נאָמען פון דעם פאַרשטאָרבענעם גאון. איר שפּאַנט וואָס אַמאָל העכער, באַרג־אַרויף, ביז איר קומט צו צום שפּיץ באַרג, וווּ עס געפינט זיך די וועלט-באַרימטע פּאָניעוועזשער ישיבה, אַ מאַסיווע געביידע מיט צענדליקער פליגלען, וואָס קוקט אַראָפּ אויפן גאַנצן שטעטל. די געביידע פון דער ישיבה דערהויבט זיך מאַיעסטעטיש איבער דער גאַנצער געגנט פון בני ברק. ספּעציעל ביינאַכט, פינקלט אין דער אַרומיקער טונקלקייט די באַלייכטונג פון דער ישיבה אויפן העכסטן באַרג פון בני ברק, ווי אַ לייכט־טורעם.

איך בין אַריין אין אַ גרויסן ליכטיקן זאַל, וואָס איז אייגנטלעך די

שול, ווו מען זאָגט איבער פאַר זיך דעם שיעור נאָך מנחה־מעריב. יונגע בחורים, ווער מיט אַ חתימת זקן, ווער מיט שוואַרץ־געדיכטע קרײַזלדיקע פּאות, און ווער אָן אַ באָרד און אָן פּאות, יונגעלײַט פון דער גאַנצער וועלט. אַלע זענען געשטאַנען אָנגעלענט בײַ סטענדערס; ווער עס האָט געלערנט תורה בלחש, פאַר זיך, און ווער עס האָט זיך געאַמפּערט אויפן קול מיטן צווייטן חבר איבער אַ האַרבן שווערן ענין: אַ קנויל פון ווערטער, אַ פּלאָנטער פון געדאַנקען; יעדער ווײַלע האָט זיך אָן אַנדער יונגערמאַן, ווי אַ געניטער שווימער, אַ לאָז געטאָן שווימען אין ים התלמוד מיט אַ נײַעם אײַנפאַל, און די קולות פון אַלע זײַטן האָבן אין מײַנע אויערן געקלונגען, ווי די שענסטע מוזיקאַלישע סימפאָניע.

איך האָב אויפן צווייטן טאָג געהאַט אַ שמועס מיטן ראש ישיבה, הרב ר׳ יוסף שלמה כהנמאַן, וועלכער האָט אויסגעבויט דעם ריזיקן בנין. ער האָט מיך צוערשט אַרומגעפירט איבער דער געבײַדע און מיר געוויזן די פאַרשידענע אָפּטיילונגען פון דער ישיבה, וואָס איז נאָך אינגאַנצן נישט פאַרטיק. קומענדיק צו אַ נישט־פאַרטיקן בנין, בײַ וועלכן עס האָבן געאַרבעט יידישע אַרבעטער, האָב איך פלוצים דערזען ווי איינער פון זיי שטייט אײַנגעהילט אין אַ טלית און תפילין, האַלטנדיק די קעלניע מיט ליים אין האַנט. הרב כהנמאַן האָט פאַרשטאַנען מײַן פאַרוווּנדערונג און מיר אים פאָרגעשטעלט. דער פרומער יידישער אַרבעטער הייסט יצחק סאָזע, פון ברעסט ליטאָווסק; אַ צווייטער אַרבעטער אײַנגעהילט אין אַ טלית און תפילין, איז אייזיק כאַלוטע. ביידע האָבן מיר אויף מײַן פראַגע געענטפערט, אַז בויען אַ בנין פאַר אַ ישיבה, איז אַ דבר מצוה, און צוליב דעם האָבן זיי אָנגעטאָן בײַ דער אַרבעט טלית און תפילין.

הרב כהנמאַן האָט מיר שפּעטער דערציילט ווי אַזוי אים איז געלונגען אויפצובויען אַ גרויסן בנין. פאַר דער מלחמה איז ער געפאָרן קיין זיד־אַפריקע, ווו עס געפינען זיך אַ גרויסע צאָל ליטווישע יידן, כדי צו זאַמלען געלט פאַר דער ישיבה. צו זײַן זיכער מיט אַ שטענדיקער הכנסה פאַר דער ישיבה, האָט ער אין דרום־אַפריקע פאַר דעם געלט געקויפט אַ הויז, שפּעטער האָט ער דאָס הויז פאַרקויפט, און פאַרן געלט אויסגע־

בויט די איצטיקע פראַכטפולע געביידע, וועלכע איז נאָך נישט פאַרענ־דיקט. די ישיבה פאַרמאָגט פאַרשידענע אָפּטיילונגען, אָנהויבנדיק פון די „בתי אבות" פאַר קינדער, וואָס זענען אַהינגעבראַכט געוואָרן פון טהע־ראַן, ביז די העכסטע קלאַסן פון גמרא און מפורשים. הרב כהנמאַן טראָגט זיך אַרום מיט פּלענער, איין פּלאַן איז: אַז אויף דעם באַרג וועט ער גרינדן אַ מין „פּומבדיתא", ווי אין די צייטן פון די תנאים און אמור־אים, וווּ יידן פון דער גאַנצער וועלט, זאָלן איין מאָל אין יאָר קומען אַהין עולה־רגל זיין, און לערנען תורה, און אַזוי אַרום פאַרשפּרייטן די תורה אין די וווייטסטע גלות־לענדער.

די צווייטע ישיבה, וועלכע איך האָב באַזוכט איז געוועזן די „סלאָ־באָדקער ישיבה", וועלכע געפינט זיך אויף אַ באַרג, אין אַן אַנדערן טייל פון בני ברק, אַ פּאָר גאַסן אַוועק פון צענטער. איך שפּאַן וואָס אַמאָל העכער באַרג־אַרויף; די געגנט ווערט וואָס אַמאָל שענער און פאַרכאַפּנ־דער. צעוואָרפענע אָריענטאַלישע ווילעס שניידן זיך אַרויס פון אַלע זייטן און שפּיגלען זיך מיט זייער אַלבאַסטער ווייסקייט אין דער אויפ־גייענדער זון. דאָ הערשט איצט גאַנץ פרי אַ שטילע רואיקייט, נישטאָ דער תל־אביבער רעש. אין דער סלאָבאָדקער ישיבה, האָבן מיך אויפגע־נומען די ראשי ישיבה, הרב הגאון ר' אייזיק שער, און זיין איידעם הרב ר' מרדכי שולמאַן. די ישיבה איז נאָך אינגאַנצן נישט פאַרטיק, און אויך דאָרט גייט אָן אַ פיבערהאַפטע אַרבעט.

— דאָ אַהער, — האָבן מיר די ראשי ישיבה דערקלערט — איז אַריבערגעבראַכט געוואָרן די וועלט־באַרימטע סלאָבאָדקער ישיבה, וווּ זי וועט אויסגעבויט ווערן מיט אַלע נויטיקע אָפּטיילונגען; צווישן די בנינים וואָס וועלן אויפגעבויט ווערן, וועט זיין אַ ספּעציעלער בנין פאַר ישיבה־בחורים פּליטים, וואָס געפינען זיך אין קפריסין, און אַ בנין פאַר אַ כולל קאָוונע־סלאָבאָדקע, וווּ יונגעלייט וועלן לערנען תורה, ווי אין די אַמאָ־ליקע כוללים.

אויסער די ישיבות, געפינען זיך אין בני ברק די נאָוואַראַדקער ישיבה, די לובלינער ישיבה, די ישיבה תפארת ציון, אַ סעמינאַר פאַר בית יעקב לערערינס, און אַ גאַנצע ריי רעליגיעזע אינסטיטוציעס.

אזוי פארנעמט איצט ווידער בני ברק איר אמאליקן פלאץ אין ארץ ישראל, און זי איז דער תורה־צענטער פון אונדזער ניי-געבוירענער יידישער מלוכה, אדאנק דעם עקשנות און בטחון, פון אירע ערשטע פיאנערן, אויף וועלכע די וועלט האט דאן, מיט פינף און צוואנציק יאר צוריק, געקוקט מיט ספקות און באדויערן; דאן איז דער איצטיקער ראש מועצה, ר׳ יצחק גערשטנקארן, דער ערשטער ארויסגעפארן קיין ארץ ישראל אין שליחות פון א גרופע חסידישע יידן פון ווארשע. געקויפט א זאמדיקן שטיק פלאץ, א וויסטן מדבר־בארג, פארוואקסן מיט שטיינער און פעלדזן, און שפעטער צוריקגעפארן קיין ווארשע, מיטגעבראכט מיט זיך א גרופע פון פערציק פוילישע יידן, מיט זייערע משפחות, אן וועלכע עס איז צערעמאניעס, האט מען זיך אוועקגעשטעלט מיט רידעלס אין די הענט, און די אמאליקע לופט-מענטשן, זיידענע יונגעלייטלעך, איידעמלעך אויף קעסט, האבן אנגעהויבן האקן די וויסטע בערג פון בני ברק... די זון האט געברענט אן רחמנות, טייכן שווייס האבן זיך געגאסן פון די אויסגעאיידלטע פנימער, נישט געווען קיין הויז, קיין ביסל וואסער אפילו צום טרינקען, עס האט אפילו געפעלט די נויטיקע שפייז...

א הארטער קאמף איז אנגעגאנגען צווישן זיי און דער עקשנות פון בארג; מענטשן זענען פארביי געפארן, זיך אפגעשטעלט, געקוקט מיט פארוונדערונג אויף די „דאן קיכאטן", וואס האבן זיך פארמאסטן אויף א זאך וואס איז נישט פאר זייערע כוחות... אבער זיי, די יידן, האבן זיך אפילו נישט אומגעקוקט. מיט א מערקווירדיקן עקשנות, און מיט אן אויסערגעוויינלעכן סבלנות, און מיט געזאנג, האט מען ווייטער געהאקט א פעלדז נאך א פעלדז, א שטיין נאך א שטיין, און געזונגען דאס ליד פון די בארג- און שטיין-העקער אין ארץ ישראל:

על הסלע הך,
הך, הך, הך.
ויצא מים...

געזיגט האט די עקשנות, דער בטחון און סבלנות. נאך פינף און צוואנציק יאר שווערע ארבעט, זענען די זאמדיקע פעלדזן פארוואנדלט

געוואָרן אין אַ בליענדן ישוב. בני ברק איז אַ פאָרשטאָט פון דער גרעס־טער יידישער שטאָט, תל־אביב, פאַרבונדן מיט אַ שפּיגל־גלאַנציקן שאָ־סיי, און איבער דער לאַנגער קייט בערג, וואָס שלענגלען זיך איבער בני ברק, שניידן זיך לאַנגע שורות פּראַכטפול אויסגעבויטע יידישע הייזער, מיט גרינע פּרדסים, אויף וועלכע עס איז אַ חיות צו קוקן.

אין גאָלדענעם בוך פון בני ברק האָב איך געלייענט די פרייד און באַוווּנדערונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די געסט, וועלכע האָבן באַזוכט די שטאָט, און מיט אייגענע אויגן געזען די פּירות פון פינף און צוואַנציק יאָר שווייס און אַרבעט. צווישן די געסט זענען פאַראַן די נעמען פון נחום סאָקאָלאָוו, זאב זשאַבאָטינסקי, דייטשע ראַבינערס, ד״ר יהושע טהאָן, פּראָפעסאָר צבי חיות, אַ רייע חסידישע רביים פון דער גאַנצער וועלט, דער אומשטערבלעכער משורר שאול טשערניכאָווסקי, און יידישע פירער פון גאָר דער וועלט. אַלע האָבן זיי דערפילט די אמתע פרייד, וואָס כאַפּט אַרום יעדעס יידיש האַרץ, וואָס קוקט אויף בני ברק.

פתח-תקוה

פון בוענאָס איירעס האָב איך אַן אַדרעס אויפגעזוכט צוויי קינדער, וואָס געפינען זיך אין „כפר אברהם", די קינדער-קאָלאָניעס פון „הפועל המזרחי". צוויי קינדער, וואָס זענען דורך אַ נס געראַטעוועט געוואָרן פון די גאַז-קאַמערן און וועלכע זענען דורך טעהעראַן געקומען קיין ארץ-ישראל. אָפּגעריסן פון זייערע עלטערן, וועלכע זענען גליקלעכערווייז לעבן געבליבן און געפינען זיך אין אַ דייטשן לאַגער ערגיץ-ווו אין דער אַמעריקאַנער זאָנע. איך לאָז זיך אַרויס פון תל אביב מיטן אָמניבוס, וועלכער פירט קיין פּתח תקוה און פון דאָרט צו נעמען אַ צווייטן אָמניבוס קיין כפר אברהם. אין אַ זוניקן פרימאָרגן בין איך אָנגעקומען אין דער עלטסטער יידישער קאָלאָניע, וואָס גרייט זיך איצט צו איר זיבעציק-יעריקן יובל. אַ שטילע רואיקייט איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף פּתח תקוה, גלייך גאָרנישט האָט פּאַסירט. אַרבעטער פאָרן צו דער אַרבעט: ווער אין די פאַבריקן, ווער אין די פּרדסים, און ווער אין די נאָענטע שטעטלעך רמת גן, בני ברק, ווו עס געפינט זיך די גרעסטע טעקסטיל-פאַבריק פון ארץ ישראל „משי זאקס". אַ גאַנצן טאָג האָב איך אַרומשפּאַצירט איבער די שטילע גאַסן פון פּתח תקוה, גערעדט מיט „ותיקים" פון דער קאָלאָניע, וואָס זענען שמאָלץ אויף זייער פּתח תקוה, אַ קליינקייט — טענהט צו מיר אַ ותיק, וואָס איז נאָך דאָ אַהערגעקומען אַ קליין ייִנגל מיט זיין פאָטער פון רוסלאַנד — אונדזער פּתח תקוה... יאָ! תל אביב, ווי זאָגט מען דאָרט: „תל אָוו בלאָף", קען זיך פאַרגלייכן מיט אונדזער פּתח תקוה? אָבער באַלד כאַפּט ער זיך צוריק: נו, זיכער, מ'טאָר נישט רעדן קיין שלעכטס אויף יידן, אָבער צו פּתח תקוה קומט זי נישט... פון די קיאָסקן האָבן אַראָפּגעקוקט די טעגלעכע ציימונגען מיט דער געוועלנלעכער אויפשריפט, וואָס איז שוין דאָ געוואָרן אַ טעגלעכע דערשיינונג: „חללי יום" אַרומגערינגלט מיט שוואַרצע ראַמלעך, זענען אויסגערעכנט געוואָרן די נעמען פון די קרבנות, וואָס זענען נעכטן געפאַלן. אַ שפע פון טאָג-צייַ-

טונגען, וואָכנבלעטער און חודש-זשורנאַלן און ביכער. יאָ, אפילו אויסלענ-דישע יידישע צייטונגען קענט איר דאָ זען ברייטלעך אויסגעלעגט אין די קיאָסקן. איך כאַפּ אַ שמועס מיט אַ צייטונגס-פאַרקויפער און האָב דער-ווייל די געלעגנהייט צו זען, ווי אַזוי יידן קויפן צייטונגען, און דער עיקר, ווי אַזוי זיי לייענען זיי... אַ באַלעבאַטישער ייד קומט אַריין, זאָגט זיך ברייטלעך זיין שלום! קויפט אַ „הארץ״. באַלד קומט אַריין אַ יונגערמאַנ-טשיק, קענטיק נישט קיין אַרבעטער, און קויפט אַ „הבוקר״. אַ ייד מיט אַ חתימת זקן קויפט אַן „הצופה״. אַן אַרבעטער לויפט אויף שנעל אַריין אָנגעטאָן אין כאַקי מיט נאַקעטע פיס און כאַפּט אַ „דבר״ און לויפט אַרויס אויף שנעל. מן-הסתם פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט.

איצט הויבט זיך אָן אַ סדרה ווייבער: אַן עלטערע יידענע קויפט אַ ניו-יאָרקער „פּייפּער״. געלעבט יאָרנלאַנג אין אַמעריקע, איצט איז זי ביי די קינדער דאָ אין ארץ. אַ יונגע פרוי בעט דעם „האשה״ און דעם „דבר השבוע״; אַ כוואַטסקע מיידל קומט אַריין נאָך דעם נייעם ראָמאַן „מיראָ״. איצט הויבט מען אָן לייענען בצבור. מיינט נישט, אַז אין ארץ-ישראל זענט איר דער בעל-הבית איבער אייער צייטונג: איר שטעלט זיך אַוועק לייענען, האָט איר אַ דריי-פיר אַרויסהעלפער פון אַלע זייטן, אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ, יעדער זאָגט זיין קאָמענטאַר וועגן די נייעס און איר מוזט הערן, אַ ברירה האָט איר? איר זייט דאָך אין ארץ ישראל...

פון צייטונגס-קיאָסק, בין איך אַוועק אין אַ קאַפע. אייגנטלעך קען מען דאָס רופן אַ מין „היימישע קנייפּע״. דאָרט איז די אַרבעטער-בערזע, דאָרט טרעפט איר דעם פאַרטרעטער פון „הסתדרות״, וואָס פאַרטיילט אַרבעט און וואָס האָט נאָר וואָס פאַרהאַנדלט מיט די אַרבעטסגעבער וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען. אַרבעטער קומען און גייען אַרויס און אַריין. עס איז איצט מיטאָג-צייט. נישט אַלע האָבן היימען, ווו צו עסן, כאַפּט מען עפּעס איבער דאָ אין קאַפע. אַלע אַרבעטן ביי „בנין״. איר קענט נאָך זען דעם שטויב אויף זייערע קליידער און הענט. מען באַגריסט זיך איינער דעם אַנדערן אויף שנעל; מען רעדט וועגן דער אַרבעט און איר קענט זען, אַז בנין איז איצט אַ גאַנץ גוטע מלאכה אין לאַנד און נישט געקוקט אויפן מצב אין לאַנד, בויט מען.

פאַרנאַכט האָט זיך די באַוועגונג אין פתח תקוה אָנגעהויבן אין פולן ברען. די אָמניבוסן פון דער קאָמפּאַניע „דן" האָבן יעדע ווייַלע מיט זיך געבראַכט הונדערטער אַרבעטער פון כביש. ווער עס קומט פון דער אַר־בעט אין כביש, ווער פון די פּרדסים, ווער פון בנין, ווער פון די צענדלי־קער פאַבריקן אַרום דער קאָלאָניע. פתח תקוה, האָט לויט אָפיציעלע ציפערן, לעצטנס אַריינגענומען זיבן הונדערט נייַע עולים, וואָס האָבן באַקומען אַרבעט אין דער קאָלאָניע. בעת מיין פאַרווייַלן דאָרט, האָבן זיך „מו־בילי משאות" אָרגאַניזירט אין אַ ספּעציעלן „משרד המאוחד להובלה" און פאַרדינען אַלע גאַנץ גוט. אַריבער טויזנט אַרבעטער אַרבעטן ביי די הדרים. מ'האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די אַרבעט נויטיקט זיך אין אַכט הונדערט אַרבעטער מעגלעך צוליב דעם, וואָס אַ גרויסע צאָל אַראַבישע אַרבעטער קומען איצט נישט צו דער אַרבעט. אויסער דעם, געפינען זיך אין פתח תקוה נייַע אינדוסטריעס פון טעקסטיל, גאַרבערייען, מעטאַל־גי־סערייען. מען קאָן זאָגן, אַז נישט געקוקט אויפן איצטיקן מצב, איז אין פתח תקוה „פּראָספּעריטי".

אַ האַלבע שעה פאָרן און איך געפין זיך אין „כפר אברהם". אַלע קינדערלעך רינגלען מיך אַרום. אַלע בענקען זיי נאָך אַ וואָרט פון אַ נאָענטן. טייל פון זיי זענען אינגאַנצן קיילעכדיקע יתומים, לעבצן זיי נאָך אַ צערטלעכקייט. אַנדערע האָבן יאָרן־לאַנג נישט געזען זייערע עלטערן, פאַרגעסן אפילו ווי זיי זעען אויס. באַלד רופט מען אויפן קול די קינדער וואָס איך וויל זען: אַלכּכּגדר נאַרציזענפעלד ואחותו, צוויי קינדער לויפן אָן... מען פרעגט אויף זיי? עמיץ וויל זיי זען? אַ יונג סימפּאַטיש מיידעלע מיט שוואַרצע אויגן קוקט אויף מיר פאַרבענקט. דוד? זיכער אַ „דוד", וואָס ברענגט אַ גרוס פון אַ דודה פון בוענאָס איירעס, דער בחור האַלט זיך שוין פעסטער. אַ יונגער אַרויסגעשאָסענער בחור ווי אַ סאָסנע פון אַ יאָר זיבעצן, רעדט ער געלאַסענער. המ... די דודה — וויל ער וויסן — אויב זי קלויבט זיך צו קומען קיין ארץ־ישראל, ווייל די עלטערן וועלן דאָ אויך באַלד זיין, איך כאַפּ מיט די קינדער אַ שפּאַציר. די אַנדערע קינ־דער זענען זיי מקנא... דאָס מיידעלע דערפילט צו מיר אַ נאָענטקייט, פון די קינדערישע אויגן קוקט אַרויס אַ בענקשאַפט... דער בחור רעדט וועגן

אַנדערע זאַכן, אָ, איר מיינט זיכער — טענהט ער צו מיר — אַז בלויז די פּאָר ביקסן, וואָס מיר האָבן דאָ, איז אונדזער גאַנץ געווער, האָ? שטיל רוימט ער מיר איין אַ סוד, אַז ס'איז פֿאַראַן מאַשין-געווער, פֿאַראַן, — און איך קען שוין גוט די מלאכה... היינט מאָרגן... קלויבט ער זיך... יאָ, אויף שמירה, צייכנט ער זיך אויס בעסער ווי אַלע אַנדערע... אין דער געגנט זענען טאַקע נישטאָ קיין אַראַבער, אָבער... מען מוז זיין פֿאָרזיכ-טיק...

כפר „קוקוריקו"

דער לאָקאַלער אַמניבוס פֿון „אגד" יאָגט זיך מיט דער גרעסטער שנעלקייט איבער די דערפֿער פֿון שרון, איך האָב דאָס מאָל אַרויספֿאָרנ-דיק פֿון תל-אביב, געמאַכט אַ בליץ-רייזע איבער שטעטלעך און קאָלאָ-ניעס, געכאַפּט אַ קוק אויף „רמת גן" אין כאַמוע מיטן סעזאָן, ווען די פּענסיאָנאַטן זענען איבערגעפּאַקט מיט זומער-געסט ווי אַן אייראָפּעאיש קוראָרט. די בלומען גערטנער, פֿון דער בלומען-שטאָט, זענען איצט אין פֿולסטער בליאונג, און באַצירן די ווייס געקאַלכטע ווילאַס, מיט אַ רעגנ-בויגן פֿון פֿאַרבן, רויט, בלוי און וויאָלעט. אַראָפּגעכאַפּט זיך אין פֿרו-מען שטעטל בני ברק. אין דעם שטעטל כפר סבא, איצט לויפֿט דער אָמני-בוס שנעל קיין רמת השבים. אָדער ווי זי איז באַקאַנט אין ארץ-ישראל מיט איר צונאָמען „כפר קוקוריקו". צוליב דעם וואָס דאָרט וווינען דייטש-יידישע עולים. וועלכע באַשעפֿטיקן זיך בלויז מיט הינער-צוכט.

דער „נהג" דערשמעקט מיך גלייך צווישן אַלע פּאַסאַזשירן, און בעט מיך איך זאָל זיצן גלייך אין ערשטן פּלאַץ נעבן אים. ער אַליין — דער-קלערט ער מיר. האָט יאָרן לאַנג געלעבט אין אַמעריקע. ווייל ער איצט זיך אַ ביסל דורכרעדן וועגן אַמאָליקע יאָרן. און אויב אַזוי פֿאָרנדיק. ווייזט ער מיר וואָס דאָ פֿון אַמניבוס ווייזן די אַלע יידישע דערפֿער וואָס געפֿינען זיך פֿון ביידע זייטן וועג. אָט דאָרט — ווייזט ער מיר אין איבערן וועג צו אַ גרויסן גאָרטן מיט ביימער — דאָרט וווינט אַ קאַנאַדער יידישער

משפחה פון אַ תושב אין כפר קוקוריקו, פאָרט גאַנץ פרי אַרויס צו דער אַרבעט.

שרייבער, וואָס האָט דאָ מיט יאָרן צוריק איינגעוואַנדערט, און דאָרט איז יענער קבוץ, אַ פּאָר שריט ווייטער אַוועק איז די מושבה...

עס איז מיטאָג צייט. איך וויל אָנקומען קיין רמת השבים בייטאָג, כדי זיך ארומקוקן ווי צו באַקומען אַ האָטעל. איך האָב אין כפר סבא גע־האָט אַ זייער נישט אנגענעמע דערפאַרונג. דער איין איינציקער האָטעל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „בית עולים", און איך האָב זיך געמוזט איינ־בעטן ביי אַ באַלעבאָס פון כפר סבא אויף איבערצונעכטיקן. די זון האָט זיך איצט צעשפּילט מיט איר גאַנצער שטאַרקייט. זי באַקט אומרחמנות־דיק בפרט האָט זי זיך פאַרנומען אויף מיין נאָך נישט אָפּגעברענטן פּנים. דער שוויס רינט איצט פון מיר אין רימשקאלעך פון אַלע זייטן. ווען דער אָמניבוס איז שטיין געבליבן ביי אַ סטאַנציע, ווו מען האָט קיינעם אווי־סער די אויפשריפט „רמת השבים" נישט געזען, האָב איך זיך אַביסל געפילט אומבאַקוועם מיט מיין רייזע באַגאַזש, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען מיין שרייב-מאַשין און פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט, בפרט ווען צו דעם כפר „קוקוריקו" פון דער סטאַנציע איז אַביסל ווייטלעך און באַרג-אַרויף.

ווען עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע הייזער פון כפר „קוקוריקו", האָב איך פּלוצים דערהערט אַ מיליטערישע קאָמאַנדע אחת שתים! אחת שתים! אַ גרופּע מיטליעריקע און צווישן זיי אפילו עלטערע מענער האָבן מאַרשירט אין אַ מיליטערישער רייע, אַלע אָנגעטון אין מאָדנע היטלען, און אויף די אָרעמס פון די הענט די אויפשריפט „משמר העם". קיינער האָט מיך נישט באַמערקט, ווען איך האָב אָנגעשטעלט מיין פ לם אַפּאַ־ראַט, דער קאָמענדאַנט האָט זיין פונקציע גענומען זייער ערנסט, און זיי־נע באַפעלן האָבן וואָס אַמאָל געקלונגען העכער. ימינה! (רעכטס), שמאלה! (לינקס), התקדם! (פאָרווערטס). ווייזט אויס, אַז די עלטערע מענער איז דער ספּעקטאַקל גוט געפעלן, ווייל איך האָב געוואַרט אַ האַל־בע שעה, דריי-פערטל, אָן אַן אויפהער. ענדלעך איז מען פאַרטיק געוואָרן. איך האָב גענומען אַ צימער אין דעם איין-און־איינציקן האָטעל פון „כפר קוקוריקו", וואָס האָט מיך מיט זיין אינערלעכער און אויסערלעכער אויס־שטאַטונג דערמאָנט אין אַ פּענסיאָן ערגעץ־ווו אין די שווייצאַרישע אַל־

פון-בערג, ציכטיק-ריין און אַלעס אויסגעצירט מיט דער גרעסטער פּינקט-לעכקייט. אפילו די צייטונגען און זשורנאַלן זענען געלעגן אויף אַ ספּע-ציעלן האַלטער אויף וועלכן איר האָט דייטלעך געקאָנט לייענען די אויפֿ-שריפט „בערלין". אַזוי האָט כמעט יעדער שטיקל מעבל דערמאָנט אין אַן אַמאָליקער גוט איינגעפונדעוועטער באַלעבאַטישקייט.

איך בין אַרויס פון האָטעל, כדי צו באַקוקן „כפר קוקוריקו", און אָפּגעשטעלט דעם ערשטן פאַרבייגייער אין עברית. יענער האָט איז אַ פאַרלעגנהייט אָפּגעענטפערט, סליחה אדוני — איך שפּרעכע „מעט" עב-רית... בין איך אַריבער אויף דייטש, — וואָס פאַר אַ פּאַראַד איז דאָס היינט געווען אין דאָרף? — האָב איך אים אַ פרעג געטון. וואָס מיינען זי פּאַראַד? — האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט, דאָס איזט דאָך אונדזער „משמר העם" (פאָלקס-וואַך). אָבער עלטערע מענטשן שפּילן זיך אַזוי אין אַ מיליטערישן פּאַראַד, האָב איך באַמערקט — יאָ — האָט ער געצווינגן די ווערטער גאַנץ ערנסט. דאָס מוז מען האָבן הויטע, דער ישוב איז אין סאַכאַנאַ (סכנה). יאָ, אָבער דער פּאַראַד? — פרעג איך נאָכאַמאָל — יאָ, איז נויטיק — האָט ער מיר געענטפערט.

איך געפין זיך איצט ביי סאַמע אָנהויב פון דאָרף, נישט ווייט פון כביש קיין רמתים. דאָ דערזעט איר אַן איין און איינציקע קראָם, אַן אָפּיש פון אַ „קולנוע" (קינאָ). מען שפּילט אַן אַמעריקאַנער פילם. אַ שילדל פון אַ תופרת (שניידערן), חוה פוליק. אַ צווייט שילדל, פון הנס כהן, נגר וממרט (פּאָליטירער) און אַ באַקאַנטמאַכונג וואָס לייענט זיך: „מקבלים כל מיני שעונים לתיקון בשביל ויזלבורג רמתים", אַ גלעזערן שענקל ווו עס שטייען אויסגעשטעלט אַ פּאָר העברעאישע און דייטשע ביכער, צווישן זיי אַ בוך פון הנס רובין „תולדות המהפכות". דאָס איז דער גאַנ-צער געשעפטלעכער צענטער פון „כפר קוקוריקו". ווייטער-צו ציען זיך אין דער לענג און ברייט שורות צעוואָרפענע הייזקעס, כמעט ענלעך איי-נער צום אַנדערן און „לולים", הינער-שטייגן, און פון אַלע זייטן הערט זיך ווי אַ כאָר, דאָס קוואַקען פון הינער און קרייען פון העגער.

איך געפין זיך אין בית-עם, וואָס איז געבויט געוואָרן לכבוד דעם באַזוך פון טאָסקאַניני, וועלכער האָט בעת זיין באַזוך דאָרט געגעבן אַ

קאָנצערט. דער סעקרעטאר און פּרעזידענט פון דער קאָאָפּעראַטיווע, פירן מיך אַרום איבערן דאָרף. מען ווייזט מיר די „לולים", די „אינקובאַטאָרס" פון די הינדלעך. די מאָדערנסטע איינריכטונגען, נאָכדעם, די באַקאַדענע לאַסט־אויטאָמאָבילן מיט אייער, וואָס גרייטן זיך באַלד אויפן וועג קיין תל־אביב. דאַן קומען די קולטורעלע אינסטיטוציעס: דער „גן ילדים", די שולע, דער בית הכנסת. איבעראַל דערזעט איר אַ מייסטערהאַפטע אָרגאַניזאַציע און אָרדענונג. אַ מאָל אין שול דערציילט איך וועז מען דאַוונט שחרית און מוסף; אַ צווייטער מאָל דערציילט איך, אַז פּראָפעסאָר... וועט היינטיקן שבת געבן אַ פאָרטראַג וועגן די „פּאָליטישע ראַנגלענישן אין אייראָפּע", אַז די דאַמען־סעקציע פון דער דראַמאַטישער ליגע גרייט צו אַ „חגיגה", און אויך די באַקאַנטמאַכונגען פון דער שכנישער „רמ־תים". און אַז די לעצטע נומערן פון ניו־יאָרקער „אויפבוי" קען מען באַקומען ביי דעם ביבליאָטעקאַר. אַ געדענק־טאָוול פון די „ותיקים", וועלכע זענען געשטאָרבן, הויבט זיך אָן אין העברעאיש „עם העשור לכפרנו, נעלה את זכר אנשי המקום ומיסדיו שהלכו לעולמם" (ביים צענטן יובל פון אונדזער דאָרף וועלן מיר דערמאָנען די מענטשן פון אונדזער דאָרף וואָס זענען געשטאָרבן). דאָ קומען צען נעמען פון פרויען, און מענער, די פּיאָנערן פון דעם מערקווירדיקן דאָרף „קוקוריקו".

די געשיכטע פון אָט דעם מערקווירדיקן דאָרף, וואָס איז ביזן היינטיקן טאָג געבליבן טריי די ציִלן און אויפגאַבן זייט איר גרינדונג, איז אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל, אין דער געשיכטע פון הלוציזם אין ארץ־ישראל.

קורט קיעווער, איינער פון די ותיקים פון „כפר קוקוריקו", דערציילט וועגן דער גרינדונג פון דאָרף אין אַ קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע ער האָט געפירט נאָך פון דייטשלאַנד מיט עריק מאָזעס פון רמתים, וועלכער האָט אים פאָרגעלייגט דעם פּלאַן. צוערשט זענען זיי געווען אַ גרופּע פון צוועלף מענטשן, וועלכע האָבן כּוח אויגוסט פון יאָר 1933, אין האָטעל „צוד פּאַסט", אין תל־אביב, אָפּגעהאַלטן זייער ערשטן מיטינג. דאַן איז גראַד פאָרגעקומען אין יפו אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע פון די אַראַבער קעגן פאַרקויפן די יידן ערד, און דערציילט ער, דאָס איז געווען אַ שטויס, אַז מיר האָבן אויף שנעל פאַרענדיקט די קניה. דער אָנהויב איז געמאַכט

געוואָרן פון ציוניסטן, אָבער נאָכדעם זענען שוין אויך געקומען נישט־ציוניסטן. באַלד איז זיך די גרופּע צעוואַקסן אויף צוויי און דרייסיק משפּחות, 91 נפשות. דריי הונדערט און צוואַנציק דונאַם ערד זענען גע־קויפט געוואָרן פּריוואַט. אַכציק דונאַם האָט געגעבן דער „קרן קימת", און עס זענען פאַרצעלירט געוואָרן צו פיר־פינף דונאַם פאַר יעדן פון די מתישבים. מען קען זיך פאָרשטעלן ווי שווער עס איז געווען דער אָנהויב פאַר אַט אַזאַ עלעמענט. דער גרעסטער טייל שוין נישט קיין יונגע מענ־טשן. דריי־פערטל פון זיי דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינדוסטריאַלן. נישטאָ קיין מעדיצינישער געביט, וואָס זאָל דאָרט נישט זיין פאַרטראָטן. דער אָנהויב איז געווען, ווי די דאָרטיקע גרינדער דערציילן אייך, אַ מ ח ס ן, וווּ עס האָבן געוווינט דריי־פיר משפּחות. דאָס איז געווען אַ וווינונג און מעבל, ווו דער שטראָמענדער רעגן פלעגט אַריינדרינגען. אַלע פון זיי זענען געוווינט געווען צו באַקוועמע פינף־זעקס צימערן, מיט צענטראַל־באַהייצונג און אויסערגעוויינלעכן לוקסוס אין די שענסטע גע־גנטן פון בערלין, האַמבורג, אָדער שאַרלאַטענבורג — אָבער — דער־ציילט מיר איינער פון די אַמאָליקע גרינדער, און אַ ליכטיק פייערל באַ־וויזט זיך אין זיינע אויגן, ווען מיר האָבן דערזען די ערשטע „ירקות", וועלכע מיר האָבן פאַרזייט... האָבן מיר געפונען אונדזער טרייסט.

אין יאָר 1934 האָבן מיר שוין געהאַט דאָ פיר הונדערט נפשות און אַזוי האָט די צאָל כסדר אָנגעהויבן וואַקסן. יעדער האָט זיך זיינע פיר, אָדער פינף דונאַם. דאָס הויז פאַרנעמט איין דונאַם, דער לול (הינער־שטייג) און דער הויף, פאַר די הינער, פאַרנעמען צוויי דונאַם. די אַנדע־רע צוויי דונאַם בלייבן אויף ירקות (גרינסן). אַן אַמעריקאַנער יידישער הינער־פאַרמער פון וויינלאַנד, ניו דזשוירזשי, חיים וויינמאַן, איז געוואָרן דער פּראָפעסאָר פון הינער־צוכט ביי די אַמאָליקע דייטש־יידישע פּראָ־פעסאָרן אין „כפר קוקוריקו", און זיי לערנען די תורה פלייסיק און מיט דער כאַראַקטעריסטישער דייטשער פּינקטלעכקייט.

אַלע איינוווינער זענען פאַראייניקט אין אַ קאָאָפּעראַטיווע פאַרן איינקויפן זייערע באַדערפעניש און פאַרקויפן זייערע פּראָדוקטן. די קאָאָפּעראַטיווע ברענגט יעדן טאָג די שפּייז, וועלכע איז נויטיק פאַר די

הינער פון דעם מחסן הכללי. נעמט דערפאר די אייער פון די הינער. די עופות און די גרינסן, אלע פראדוקטן צו פארקויפן. יעדער איינער ציילט און וועגט אפ זיין אייגענע פראדוקציע. די רעכענונגען זענען באזונדער פאר יעדן יחיד. יעדער באקומט אזוי ארום באצאלט לויט זיין ארבעט און לויט זיין פראדוקציע. אלע ארבעטן שווער. די פרוי טוט די שטוב-ארבעט און אין דעם הויף פון די עופות. דער מאן, אין גארטן פון גרינסן. אזוי זעט איר זיי פון פרי ביזן אוונט, אונטער דער ברענענדיקער זון, דעם אמאליקן דענטיסט, אדוואקאט, נאטאר, דאקטאר, פראפעסאר, ווי זיי ארבעטן שווער אין הינער שטייג, ביים וואסער, אין מחסן פאר שפייז. איך האב איינעם פון זיי, וועלכער האט מיר געזאגט אז ער איז נישט קיין ציוניסט, געפרעגט: פארוואס ער האט גראד אויסגעקליבן ארץ-ישראל? — אין דייטשלאנד — האט ער מיר געענטפערט — האב איך פשוט פארלוירן יעדן אינטערעס פאר וועלכער עס איז ארבעט, אזוי שנעל ווי עס האבן זיך אנגעהויבן באווייזן די ערשטע נאציסטישע ווינטן. אויסער דעם — האט ער מיר גאנץ איינפאך און אויפריכטיק געענטפערט — איצט, דא אין ארץ, בין איך פטור פון יאגן זיך רייך צו ווערן, כדי צו געבן מיין טאכטער נדן; שיקן דעם זון שטודירן אין אן אוניווערזיטעט און קויפן מיין פרוי צירונג און טייערע לוקסוס-קליידער און זי שיקן אין א קוראָרט... „ארבעט איך טאקע שווער, אבער איך לעב א רואיקן. זיכערן לעבן".

פארנאכט, ווען די ארבעט האט זיך פארענדיקט און פון די קליינע הייזקעס וועלכע האבן אויסגעזען ווי ווילאס ערגעץ־ווו אין די טיראלער בערג האבן געפינקלט צענדליקער ליכט, האבן זיך אלע, יונג און אלט פארזאמלט אין „בית עם" ווו דער סימפאנישער ארקעסטער, וועלכער איז אויף זיין טור איבער די שטעט און קאלאניעס, ספעציעל געקומען קיין „רמת השבים" געבן א קאנצערט.

די מענער, אנגעטון יום-טובדיק אין שווארצע פרעק און ווייס-ציכטיקע געשטייפטע העמדער מיט הארטע קראגנס און שווארצע קראוואטן. די פרויען, פייערלעך אויסגעפוצטע אין די שענסטע קליידער ווי אמאל אין די גוטע צייטן אין דער אפערא.

עם האָבן אפילו נישט געפעלט קיין בינאָקלען און שפּאַקטיוון מיט וועלכע דאָס פּובליקום האָט געקוקט אויף דער בינע...

אַלעס איז געווען צוגעגרייט אין דער גרעסטער אָרדענונג, מיט דער ספּעציפישער פּינקטלעכקייט, אפילו דער פּראָגראַם איז געווען פּאַכמע-ניש צוזאַמענגעשטעלט. יעדער נומער באַזונדער, אַ שטיקל ביאָגראַפיע פון סימפּאָנישן אָרקעסטער; אויסצוגן פון דער קריטיק און אפילו איי-ניקע אָנאָנסן פון די אַרומיקע קאָלאָניעס „רמתים", „פתח תקוה" און אייניקע תל-אביבער קאַפע הייזער...

שפּעט ביינאַכט ווען דער קאָנצערט האָט זיך פאַרענדיקט מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן און לאַנגע אָוואַציעס און איך בין אַרויס פון „בית עם", האָט מיר אויסגעוויזן אַז דאָס בין איך נאָר וואָס אַרויס פון אַ קאָנצערט ערגעץ-ווו אין איינעם פון די גרעסטע טעאַטערס, פון ווין, בערלין, אָדער גאָר פּראַג.

איבערן עמק חפר

אויפן כביש פון חיפה קיין תל-אביב, לענג-אויס ציען זיך ווי אַ שניר̄ל פּערל, יידישע קיבוצים און מושבות פון אַלע ריכטונגען. דאָס איז היינט צו טאָג דער געדיכטסטער יידישער פּונקט אין ארץ ישראל. דאָ שפּרייט זיך אויס דער „עמק חפר" ווי אַ קינסטלעך געמאָלענער טעפּיך מיט אַ ים פון קאָלירן און פאַרבן. נאָך שענער איז צו כאַפּן אַ קוק אויף דער דאָזיקער געגנט דאָן, ווען איבער די פּרדסים, יידישע פעלדער הענגט אַ לעבעדיקע לויטערע ארץ ישראל-זון.

איך האָב די רייזע איבער די יידישע קיבוצים פון עמק געמאַכט אין סאַמע ערב פּסח, די שענסטע צייט אין ארץ ישראל. אָבער די פרייד וואָס האָט אָנגעפילט מיין האַרץ איז דאַן צעשטערט געוואָרן פון די ברוטאַליטעטן פון אונדזערע באַשיצער, וועלכע זענען ווילדער געוואָרן אין די לעצטע טעג, ווען זיי האָבן שוין דערפילט, אַז זיי מוזן אַרויס פון ארץ ישראל. דער אירגון האָט אויפגעריסן אַ מיליטערישן טראַנספּאָרט,

וואָס איז געקומען פון עגיפּטן און לויט דער „אָפיציעלער" מעלדונג פון דער רעגירונגס־ראַדיאָ, זענען געווען 35 טויטע ענגלישע סאָלדאַטן. די ענגלישע קאָמאַנדאָ האָט צוליב דעם אָפּגעשניטן דעם וועג פון חיפה קיין תל־אביב. אין דער געגנט פון כפר וויטקין און פרדס חנה„ דערקלערט אַן „עוצר" אויף אַן אומבאַשטימטע צייט... פונקט אַ פּאָר טעג פאַר פּסח, ווען דער פאַרקער איז געוועגלעך שטאַרקער און די באַוועגונג גרעסער. אָבער יידן האָבן זיך אַן עצה געגעבן. מיט דעם אָמניבוס איז מען גע-פאָרן צו כפר וויטקין, דאָרט איז מען די גאַנצע שטרעקע ביז פרדס חנה געגאַנגען צופוס איבער די יידישע פרדסים, און מען האָט געפייפט אויף די ענגלענדער.

איך האָב זיך דאַן געפונען אויף מיין רייזע איבערן עמק חפר, און מיט אַלע יידישע פּאַסאַזשירן געמאַכט די נסיעה אויף מיינע אייגענע פיס אַריבער אַ שעה צייט. פאַרבייגייענדיק די ענגלישע מיליטערישע וואַך־פּאָסטנס וואָס זענען געשטאַנען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז פיס גרייט... און געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף די יידן, וואָס האָבן געפינען אַ וועג ווי אַזוי אויסצומיידן דעם „עוצר".

— טהיס נייטיווס... (איינגעבוירענע), — האָט דער אָפיציר, קוקנ-דיק אויף אונדז אַ בורטשע געטאָן מיט כעס.

— האַסט אַ טעות, — האָב איך אים שנעל אָפּגעענטפערט, — דאָס זענען נישט קיין „נייטיווס", נאָר יידן...

ער האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען מיין צווייִדייטיקן ענטפער, גע-קוקט אויף מיר, זיך געישובט וואָס צו טאָן... אָבער זעענדיק מיין פילם־אַפּאַראַט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אויסלענדישער קאָרעס-פּאָנדענט און ווער ווייסט, אפשר גאָר אַן אַמעריקאַנער, איז בעסער נישט צו טשעפּען...

אין דער אַנדערער זייט פּרדס חנה האָט אויף מיר געוואַרט דער אויטאָמאָביל, וואָס האָט מיך באַדאַרפט אַוועקפירן איבער די יידישע קיבוצים פון עמק חפר.

דער נאָמען איז דערמאָנט געוואָרן אין תנ"ך אייניקע מאָל. אין יהו-שוע ווערט דערמאָנט די שטאָט חפר, ביי די ברעגן פון טייך אַלעקסאַנ-

דריא, ווו עס געפינט זיך איצט דער „מושב אלישאָוו", און ארץ חפר ווערט אויך דערמאָנט אלס דיסטריקט פון שלמה המלך; אויף אַראַביש ווערט עס גערופן „ועדי הוארית". יאָרן־לאַנג זענען דאָרט געווען בלאָטי־קע זומפּן, אויסער אַ פּאָר אָרימע בעדואינער האָט דאָרט קיינער נישט געוווינט. אין יאָר 1929 האָט דער קרן קימת דאָרט געקויפט אַ טייל פון דער געגנט, אַ דרייסיק טויזנט דונאַם ערד, און עס האָט דאַן, צוליב דער פּאָליטישער אָנגעשטרענגטער לאַגע אין לאַנד, געדויערט אַ לאַנגע צייט, ביז די ערד איז אַריבער אין רשות פון קרן קימת, און די קניה איז באַ־שטעטיקט געוואָרן. אַ גרעסערע גרופּע אַרבעטער זענען דאַן אַרויף אויפן באָדן, כדי אים צו היטן. קיין הייזער איז אין יענער געגנט נאָך נישט געווען, האָבן זיי געוווינט אין פּאַלאַטקעס און אויף שנעל צונויפגעקלאַפּ־טע בודקעס. שפּעטער האָבן זיי געגרינדעט „כפר ווימקין".

אין 1932 האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן אַ קאָלאָניזאַציע אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, וואָס האָט געהאַט אַן אָנגעצייכנטן התישבות־פּראָגראַם פון שיכטן און קלאַסן פון יעדער ריכטונג, אַרבעטער־קבוצות, משקים, מוש־בות. עס איז דאָרט אַפילו געגרינדעט געוואָרן אַ מושבה פאַר תימנים און פאַרן מיטלשטאַנד. אַזוי שנעל ווי דער פּראָגראַם איז דורכגעפירט גע־וואָרן, איז דער עמק חפר, וואָס איז ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק געווען פול מיט זומפּן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בליענדן גן־עדן. 25 יידישע פּונקטן, גרעסערע און קלענערע, געפינען זיך דאָרט היינט צו טאָג. פון קלענסטן משק ביז צו אַ קיבוץ אָדער מושבה, אַלעס איז אויפגעבויט געוואָרן פּאַכמעניש, מיט די נייטיקסטע מאַשינען און דעם גאַנצן אַפּאַ־ראַט. סטראַטעגיש צונויפגעשטעלט, כדי דער אַלגעמיינער אויסזיכט זאָל האַרמאָנירן פאַרן אויג, און אויך פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון די איינ־וווינער. יעדער קיבוץ פאַרמאָגט אַ „בית־עם", אַ „חדר האוכל", אַ ספריה, און ביים סאַמע אַריינגאַנג — אַ משמר (אַ וואַך). די הייזער, אין וועלכע זיי וווינען, זענען געבויט מיט אינערלעכן און אויסערלעכן געשמאַק. ווען איר האָט די געלעגנהייט צו באַזוכן אַזאַ וווינונג, וווּנדערט איר זיך, ווי אַזוי די בעלי־בתים האָבן עס געקענט באַשאַפן אַזאַ אידילישע אַטמאָס־פער, נישט קוקנדיק וואָס דער פּלאַץ איז אַזוי באַשרענקט. די וווּנט זע־



די שול פון „נתניה".

נען באהאנגען מיט משפחה-בילדער, בילדער פון פייערונגען פון דער קבוצה, העלדישע מאמענטן פון ישוב און צווישן אלע גרויסע בילדער פון ד"ר הערצלען ז"ל און די יידישע פירער פון ישוב. ביי אלעמען כמעט געפינט איר ביכער. חוץ דעם וואס מ'האט א ביבליאטעק, פארמאגט יעדער איינער אייגענע ביכער, וועלכע מ'באקומט צוגעשיקט אלס מתנות פון שמאטישע פריינט. ביי אייניקע פון זיי קענט איר אפילו געפינען יידישע ביכער און אויך אין אנדערע שפראכן. איך האב אליין געהאט די געלעגנהייט אנוועזנד צו זיין אין אזא הויז, ביי א פריוואטער משפחה, ווו עס זענען זיך צוזאמענגעקומען שכנים און מען האט פארגעלייענט שלום עליכמס „מאטל פייסי דעם חזנס" אין א געשמאקן, פיינעם יידיש און דער עולם האט הנאה געהאט און הארציק געלאכט.

אפילו די משקים זענען אויסגעבויט מיט א סיסטעמאטיש צוגעגרייטן פלאן. די באוואסערונג־אינסטאלאציע איז אזוי אויסגעבויט, אז יעדעם שטיקל ערד ווערט באוואסערט און באפרוכפערט, און אין צענטער פון משק שטייט א שמאל. ארום ציען זיך מיילן-ווייט ברייטע וויינגערטנער, פרוכט-ביימער, פעלדער, ווו עס וואקסן תבואות און פאשע פאר בהמות. און אין א טייל געגנטן לאנגע בליענדע פרדסים.

אין דער געגנט געפינט זיך „אביחיל", א קיבוץ פון באפרייטע סאלדאטן, וועלכע האבן אין דער ערשטער וועלט-מלחמה געקעמפט אין דער ענגלישער ארמיי. אויך כפר ידידיה (אויפן נאמען פון ידידיה פילון פון אלעקסאנדריא). דארט האבן זיך קאלאניזירט עולים פון מערב-אייראפע. דארט געפינט זיך „משמר השרון", „מעברות", ווו עס האבן נאך דאן, בעת מיין באזוך, געוווינט יידן מיט אראבער צוזאמען און נאר דער כביש, וואס גייט פון חיפה קיין תל־אביב, האט זיי אפגעטיילט איינע פון די אנדערע.

כפר וויטקין, א קאאפעראטיוו דארף מיט אן איינוווינערשאפט פון א טויזנט נפשות. צו מזרח־זייט געפינט זיך: „גבעת חיים", „עין החורש", א מושב עובדים, כפר חמלה, נעבן אראבישן דארף קאקון, וואס איז אין דער צייט פון די קרייז־צוגן געווען א גרויסע פעסטונג־שמאט מיטן נאמען קאבא. דארט איז פארגעקומען א בלוטיקער קאמף, ווען די ענגלישע פא־

ליציי האָט אָפּטרעטנדיק איבערגעגעבן די פּאָליציי-געביידע צו די אַראַ-בער און די יידן האָבן זיי נאָך אַ שווערן קאַמף דעראָבערט. צופוסנס פון די בערג נאָענט פון שכם, געפינט זיך די אַראַבישע שטאָט תל כרם (טול כרם), וואָס איז איצט בעת דער מלחמה אַ סך מאָל דערמאָנט גע-וואָרן אין די פראָנט-נייעס פון וואַנען די עגיפּטער האָבן זיך געוואָלט דורכברעכן צום וועג — היפה-תל-אביב.

אין סאַמע צענטער פון עמק חפר געפינט זיך די גרעסטע יידישע קאָלאָניע „חדרה", זי רעכנט זיך פאַר איינע פון די גרעסטע קאָלאָ-ניעס אין ארץ ישראל, מיט אַריבער 50 טויזנט דונאַם ערד און אַן אַכט ביז ניין טויזנט נפשות. אין יאָר 1890 האָבן זיך דאָרט באַזעצט רוסישע יידן. דער קלימאַט דאָרט איז געווען פול מיט מאַלאַריע, און נישט גע-קוקט וואָס אַ גרויסע צאָל פון זיי האָבן נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די מאַלאַריע און געשטאָרבן, האָבן אָבער די אַנדערע זיך פאַרעקשנט און נישט געוואָלט אָפּטרעטן. ביז דער באַראָן הירש האָט די קאָלאָניע איבער-גענומען אין זיין רשות, געפלאַנצט עאוקאַליפּטוס-ביימער, אויסגעטרוקנט די זומפּן און די קלימאַטאַרישע באַדינגונגען זיינען אַ סך בעסער געוואָרן. אין יענער געגנט געפינט זיך אויך די קאָלאָניע גן שמואל (אויפן נאָמען פון ר' שמואל מאָהיליווער זצ"ל), וווּ מ'האָט געפּרוווט פלאַנצן אתרוגים, אָבער דער פּלאַן איז נישט געלונגען און די קאָלאָניע איז אַריבער צום קרן קימת, און נאָך דער מלחמה צום „השומר הצעיר". צו מזרח געפינט זיך פּרדס חנה, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1928 פון דער פּיק"א און כּבֿוד פון די ענגלישע ציוניסטן. די משקים: „עין עירון", „עין שמר", „נרבתא". אין צייטן פון בית שני האָבן דאָרט געוווינט שומרונים. צופוסנס פון די בערג געפינט זיך די מושבה „גבעת עדה", צו מערב „בנימינה", אַ גרויסע קאָלאָניע פון דער פּיק"א און ביים ברעג צווישן די בערג קיסריה, וואָס האָט הינטער זיך אַ פאַרביק-רייכע פאַרגאַנגענ-הייט.

אין „עמק חפר" געפינט זיך אויך די יונגסטע יידישע שטאָט אין ארץ ישראל „נתניה". זי איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1929 אויפן נאָמען פון אַמעריקאַנער נדבן נתן שטרויס ז"ל. צוערשט האָט זי געזאָלט

יונגוואַרג אין קבוץ, הערן זיך צו צו זייער מדריכה.

זיין א פלאַץ פון פּרדסים אָבער זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א שטאָט, וווּ עס געפינט זיך היינט צו טאָג דער גרעסטער דיאַמאַנטן־צענטער פון נאָענטן מזרח.

נתניה איז באַרימט געוואָרן מיט די צוויי ענגלישע סערזשאַנטן, וועלכע דער „אירגון" האָט אויפגעהאַנגען אין א וועלדל נעבן דער שטאָט אַלס נקמה קעגן איר אומבאַשרייבלעכן סאַדיסטישן אכזריות. איצט איז נתניה א פּאָר מאָל דערשינען אין די נייעס פון די קאַמפן צווישן די יידן און אַראַבער, וועלכע האָבן באַהויפּטעט אַז זיי האָבן די שטאָט דעראָבערט און וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר א געמיינעם ליגן.

נתניה איז געבויט פון אַן אַמעריקאַנער יידישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט דעם באָדן פאַרטיילט צו קינדער פון עלטערע יידישע קאָלאָניסטן. דער גרעסטער טייל פון זיי געבוירענע אין ארץ ישראל, האָבן באַשלאָסן אויפצובויען א מוסטער־קאָלאָניע ביים ברעג ים, אינגאַנצן 18 מייל־וועג פון תל־אביב.

נתניה האָט מזל, זי האָט א פּעאיקן בירגערמייסטער, עובד בן עמי, א מענטש מיט א שאַרפן בליק; ער האָט באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען די שטאָט אין א געשעפטלעכן צענטער, און דאָס דאַרף זיין א נייע אינדוסטריע וואָס האָט זיך נאָך ביז דאַן נישט געפונען אין לאַנד. און אים איז איינגעפאַלן די אידייע אַריבערצוברענגען קיין נתניה די דיאַמאַנטן־אינדוסטריע. פאַכלייט האָבן אויסגעפונען אַז צום שלייפן דיאַמאַנטן דאַרף מען האָבן זוניקע ליכטיקע טעג. און ווו קען מען נאָך געפינען אַזעלכע זוניקע ליכטיקע טעג ווי אין ארץ? באַזונדערס אין נתניה, אויף זיין איניציאַטיוו, איז געגרינדעט געוואָרן דאָס ערשטע פאַבריקל, עס זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן ספּעציעלע פאַכלייט פון בעלגיע און מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט אויסצולערנען די ארץ ישראל יונגעלייט די פּראָפעסיע. די מלחמה אין אייראָפּע האָט א סך צוגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין נתניה, בעת בעלגיע איז אָקופּירט געוואָרן פון די נאַציס, און אַזוי ווי די צענטראַלע פון רווישמאַך פון דער אינדוסטריע געפינט זיך אין לאָנדאָן, האָט מען דאָרט געקוקט מיט סימפּאַטיע אויף דעם אַז ארץ ישראל זאָל ווערן א דיאַמאַנטן־צענטער און

גענעבן גענוג רוי־מאַטעריאַל. אַזוי האָבן זיך געהאַלטן אין איין פאַרמערן די צאָל פֿון דיאַמאַנטן אין נתניה, די אינדוסטריע איז געוואַקסן איבער נאַכט. גרויסע דיאַמאַנטן-פאַבריקן זענען דאָרט געגרינדעט געוואָרן, וועלכע האָבן געגעבן באַשעפטיקונג צו טויזנטער ארץ ישראל יונגעלייט. עס האָט נישט לאַנג גענומען און די ארץ ישראלדיקע דיאַמאַנטן-אינדוסטריע האָט באַקומען אַ נאָמען אין דער וועלט, צוליב דער ספּעציאַליטעט פֿון קינסטלערישער אויסאַרבעטונג. דאָס האָט געבראַכט צו אַ שטאַרקער אויפֿלעבונג אין נתניה. מען האָט אויסגעבויט נייע הייזער, גאַסן, נייע קוואַרטאַלן זענען אויסגעבויט געוואָרן, קראָמען, געשעפֿטן, און די שטאָט איז זיך זייער שנעל צעוואַקסן און געוואָרן אַ גרויסע שטאָט.

תל־אביב האָט באַלד גענומען קאָנקורירן מיט נתניה. אויך דאָרט זענען אויסגעבויט געוואָרן דיאַמאַנטן־פאַבריקן און אויך דאָרט האָבן טויזנטער נייע אַרבעטער באַקומען באַשעפטיקונג ביי דער דיאַמאַנטן־אינדוסטריע. אָבער נתניה איז פֿאָרט פֿאַרבליבן דער צענטער פֿון דער דיאַמאַנטן-אינדוסטריע. דער בירגערמייסטער, עובד בן עמי איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פֿון דער אינדוסטריע. און אַלס מענטש מיט גרויסע פֿעאיקייטן האָט ער אָפֿט געמאַכט רייזעס קיין אויסלאַנד כדי צו פֿאַרזיכערן דאָס ליפֿערן פֿון רוישטאָף פֿאַר דער אינדוסטריע, פֿאַרבונדן זיך מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער האַנדלס-וועלט כדי צו באַפֿעסטיקן דעם דיאַמאַנטן-צענטער פֿון נתניה. איצט, פֿאַרשטייט זיך, איז שווער פֿאָראויסצוזאָגן ווי אַזוי די לעצטע פּאַסירונגען האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף דעם דיאַמאַנטן־צענטער אין נתניה. פֿון איין זייט דער מצב אין ארץ ישראל און פֿון דער אַנדערער זייט דאָס וואָס אין לאָנדאָן געפֿינט זיך די הויפּט־צענטראַלע פֿון רוישטאָף...

אָבער ווי זאָגט מען אין ארץ ישראל: יהיה טוב, (עס וועט גוט זיין...).



עין הנציב

מיט אַמעריקאַנער פרומע חלוצים, אין עין הנציב

דער משרין (געפאַנצערטער אויטאָ) שניידט דורך די יידישע פעל־דער פון עמק יזרעאל אויפן וועג קיין עפולה. אין דרויסן איז אַ וואַרימער פרילינג־טאָג, די שענסטע צייט אין ארץ ישראל. דאָ און דאָרט טיילן זיך אַרויס פון די פעלדער יידישע אַרבעטער, זיצנדיק אויף טראַקטאָרס, נעבן זיי שומרים מיט געלאָדענעם געווער... מיר קומען אָן אין עפולה, ווו מיר בייטן דעם משרין אויף אַ צווייטן, וועלכער דאַרף אונדז פירן גלייך קיין עין הנציב, דער קיבוץ פון אמעריקאַנער „שומר הדתי". אמעריקאַ־נער געבוירענע יונגעלייט פון ניו־יאָרק, ברוקלין, שיקאַגאָ, קליוולאַנד, אַ טייל פון זיי האָט געלערנט אין ישיבה־קאָלעדזש, אַנדערע האָבן אַוועק־געוואָרפן דאָס שטאָטישע לעבן, און זיך אין אַמעריקע צוגעגרייט צום קבוצה־לעבן.

מיט דריי יאָר צוריק האָב איך די פרומע חלוצים באַזוכט אין זייער הכשרה, אין ליווינגסטאָן מיינאָר, ווו דאָרטיקע אַמעריקאַנער פאַרמער האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז דאָרט גרייט מען צו די „באַיעס פאַר פאַלעסטי־נע". איך דערמאָן זיך מיט וואָס פאַראַ שטאָלץ די גרופע האָט מיר דאַן געוויזן איר פאַרמעגן: דאָס הויז אויפן באַרג, די מילך־קי זייערע מיט די נעמען: „קדמה ואזלה", „ושתי", „גלבוע" און „תבור". עס איז דאַן גע־ווען סוף זומער; די געסט פון קעטסקיל בערג זענען זיך צעפאָרן צוריק אין די שטעט; דער ערב ימים־נוראימדיקער סעזאָן האָט זיך אָנגעהויבן פילן: פאַרמערס זענען געקומען אין דער הכשרה פון „השומר הדתי" זוכן צווישן די בחורים חזנים פאַר זייערע שולעכלעך אין די שטעטלעך, און ווער פאַר זיין האָטעל, וואָס איז אָפן געבליבן פאַר די ימים־נוראים. דאַן

האָבן זיי זיך געגרייט צו פאָרן קיין ארץ ישראל. געזונגען פארבענקטע ארץ ישראל־לידער, און איצט, נישט קוקנדיק אויף דעם צושטאנד וואָס הערשט אויף די וועגן, איבערהויפּט אין דער געגנט, ווו עס געפינט זיך די איינציקע אַראַבישע שטאָט בית שאן, וואָס האָט, לויט דער געפּלאַנ־טער חלוקה, געזאָלט בלייבן אין יידישן טייל, און ווו עס איז פאָרגעקומען דער איבערפאל אויף טירת צבי, אַ צוויייטער פרומער אמעריקאַנער קי־בוץ, וועלכער געפינט זיך אינגאַנצן צען קילאָמעטער אַוועק פון דאָרט, האָב איך דאָך באַשלאָסן צו באַזוכן די „באָיעס", מיט וועלכע איך בין אַזוי באַפריינדעט געוואָרן אין אמעריקע.

עס איז שוין געווען טונקל אין דרויסן, ווען איך בין אָנגעקומען אין עין הנציב. די זון האָט געשפּילט אַ פארבן־שפּיל מיט די אַרומיקע גלבוע־בערג, צופוסנס פון ירדן. פון דער ווייטנס, האָט מען אין דער פאַרנאַכ־טיקער טונקלקייט געקאָנט זען די שפּיצן פון די שניי־באַדעקטע חרמון בערג. די געגנט אַרום, פאַרכאַפּט אייער אויג מיט איר אויסערגעוויינ־לעכער נאַטור־שיינקייט. מיט עלף יאָר צוריק האָט דאָ נישט געטראָטן קיין פוס פון אַ ייד. איצט געפינען זיך אין דער נאַטור־שיינער געגנט, גאַנצע צוועלף יידישע קיבוצים. די שיינקייט פון דעם עמק שאן איז גע־שילדערט געוואָרן אין תלמוד מיט דעם אויסדרוק: „אויב עס געפינט זיך אַ גן־עדן התחתון, איז דער עמק שאן דער אַריינגאַנג צו אים".

ס'האָט מיר לאַנג נישט גענומען צו געפינען די אמעריקאַנער גרופּע. זיי געפינען זיך אין 4 צימערן פון אַ גרויסן צריף. אַלע האָב איך זיי געזען מיט 3 יאָר צוריק אין ליווינגסטאָן מיינאָר. ס'איז געווען אַ האַרציקע באַ־געגעניש צווישן אונדז, ווי צווישן אַלטע גוטע פריינט, פון וועמען מ'האָט אַ צייט־לאַנג נישט געהערט... מ'האָט מיך אַלם אָנגעלעגטער גאַסט, גע־פירט צום „חדר התרבות", ווו ס'געפינט זיך דער לייען־זאַל, די ביבליאָ־טעק, ווו איך האָב געזען ניו־יאָרקער, קאַנאַדער, און זיד־אַפריקאַנער יידישע און העברעאישע צייטונגען, ביכער אין ענגליש און עברית וועגן ציוניזם, אינזשעניריע, וועגן תחית השפה, און וועגן וווקס פון דער קאָאָ־פּעראַטיווער באַוועגונג אין דער וועלט... די ווענט זענען באַצירט מיט רע־ליגיעזע בילדער, וואָס שטעלן פאָר פאַרשידענע עפּאָכן פון דער היסטאָריע.

אַלע אויסגעהאַקטע פון קופּער. דאָס איז די אַרבעט פון אַ יונגן בחור פון ברוקלין, וועמען איך האָב נאָך מיט 3 יאָר צוריק באַגעגנט אין ליווינגסטאָן מיינאָר, אויף דער הכשרה. פּונקט ווי דאָן, וויל אייך קיינער נישט זאָגן קיין נאָמען. עס איז פאַרבאָטן אַזאַ זאַך, שטרענגע דיסציפּלין... אָט האָט איר אַ צווייטן בחור. ער האָט געענדיקט דעם בית מדרש למורים פון ישיבת ר׳ יצחק אלחנן, אין ניו־יאָרק. ער איז עס דער ביבליאָטעקאַר, אָבער אויך ער וויל קיין נאָמען נישט זאָגן. אָט איז די באַחנטע שיקאַגער מיידל, וואָס האָט זיך דאָן, ווען איך האָב באַזוכט די הכשרה, נאָכגע־פרעגט, ווי מענטשן קענען עס לעבן אַזוי ענג אויף בראָדוויי?... אָט איז די ברוקלינערן, וואָס האָט דאָן, בעת איך האָב באַזוכט די הכשרה גע־קאָכט די געשמאַקע געהאַקטע לעבערלעך מיט ציבעלעס. היינט איז זי שוין אַן אייגענע באַלעבאָסטע פאַר זיך. זי האָט חתונה געהאַט מיט דעם הויכן, שלאַנקן קאַנאַדער, טאָקע פון דער הכשרה, און זיי האָבן דעם קבוץ באַגליקט מיט צוויי אַמעריקאַנער צברהלעך, „באַיעלעך״ — זאָגן אייך די חברה, וואָס רופן יעדן אין קבוץ: אבא־ — אַ זיד־אַפריקאַנער, וואָס איז האַלב רויט און האַלב „דזינדזשי״, און קוקט אויס ווי אַן אירלענדער, און וואָס באַרימט זיך, אַז דער טאַטע זיינער איז אַ „געבראָטענער ליט־וואַק״, האָט זיך איינגעקויפט אין אַמעריקאַנער יחוס — חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון וואַשינגטאָן הייטס...

אַן אַמעריקאַנער געוועזענער מאַטראָז, האָט מיך איבערגענומען, כדי מיר צו ווייזן די קבוצה, און מיט אַ מיליטערישער פּינקטלעכקייט, אָנגעהויבן זיין דינסט. צוערשט פירט ער מיך צום „בית הילדים״ פון עין־הנציב, ווו זאָרגלאָזע קינדישע קולעכלעך, ווי זילבערנע גלעקלעך, האָבן אונדז אויפגענומען. איר זעט ווי דער אַמאָליקער העלדישער מאַטראָז, איז אָנגעפילט געוואָרן מיט קינדערשער התפעלות. אָט האָט איר אונדזערע אַמעריקאַנער צברהלעך, — איינער צוואַנציק חדשים און דער אַנדערער — פינף... און דאָ שטעלט ער מיר פאָר אַ קינד, וואָס ליגט אין אַ ווייס בעטעלע און שמייכלט. דאָס איז דער זיד־אַפריקאַנער צברהלע פון אַ גע־מישטער חתונה... אַן אַמעריקאַנערן, מיט אַ זיד־אַפריקאַנער. יענער איר־

לענדישער ליטוואַק פון יאָהאַנעסבורג. מיר האָבן אַזוי אַרום דריי נייע חברים אין אונדזער קבוצה...

מיר גייען פאַרביי אַ גרויסן טאָוול, ווו איך לייען באַריכטן וועגן דריי קורסן פאַר עברית. פאַר ליטעראַטור — צוויי לעקציעס און קאָמענטאַרן אויף דער סדרה פון דער וואָך. אַ דיסקוסיע וועגן גלייכהייט פון דער קבוצה און אַן עונג שבת פאַר פרייטיק צו נאַכטס. דאָס איז דאָס קולטור-הויז פון דער קבוצה, דער גייסטיקער צענטער, ווו מען קומט זיך צוזאַ-מען נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. ווו מען וואַרפט פון זיך אַראָפּ די אַר-בעטס-קליידער מיטן שטויב פון דער ערד, וועלכע מען האָט נאָר-וואָס צעאַקערט. דער טראַדיציאָנעלער מונדיר פון דער קבוצה, נאָך דער אַר-בעט, איז אַ כאַקי-העמד מיט ספּאָרט-הויזן. בלויז דעם אָוונט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו זען דעם קולטורעלן פּראָגראַם: איין גרופּע האָט געלערנט העברעאיש, אַ צווייטע חומש מיט רש"י. אַנדערע געוועזענע ישיבה בחורים, האָבן אפילו גלערנט אַ שטיקל גמרא אויך. אַ בחור איז געזעסן אין אַ זייט און ערנסט געבלעטערט דעם „שולחן ערוך". נאָכן לערנען האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנצערט. צופעליק צוגעגרייט. נישט אָר-גאַניזירט פון פריער, ווי אין אַ קבוצה, נישט אויף קיינעמס באַפעל. מען האָט געשפּילט פּלאַטאָן און בעטהאָווען, טשייקאָווסקי, און מענדעלסאָן. אין אַ זייט איז געשטאַנען אַ זיד-אַפריקאַנער בחור, גערייניקט זיין ביקס. דאָס האָט ער זיך צוגעגרייט צו גיין אויף שמירה.

מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער, וואָס דאַרף צו זיין מיין נאַכט-קוואַרטיר. דאָ און דאָרט האָט איר געקאָנט זען שפּורן פון דער אַמאָליקער „היימישער אַמעריקאַנער באַקוועמלעכקייט". אַן אויל-בילד פון ניו-יאָרקער פּאַרט. אויף דער וואַנט איז געהאָנגען אַ רויט פלאַנעל העמד נאָענט צום בעט פון אַ חבר, וועלכער האָט מיר אָפּגעטראָטן זיין בעט. דאָס — האָט מען מיר דערקלערט — איז אַ געוועזענער סאָלדאַט, וואָס קען די מלאכה... און ער איז איצט אויף שמירה אין אַ געפערלעכן פּונקט.

5 אַזייגער ווען אין דרויסן האָט אָנגעהויבן בלויען אויף טאָג, האָב איך געהערט ווי חברה אַרום מיר שטייט-אויף צו דער אַרבעט, האָב איך

זיך אויף שנעל אָנגעטון, כדי מיט די חברה צו עסן פרישטיק אין „חדר האוכל". אַ חבר פון דער אַמאָליקער הכשרה אין ליווינגסטאָן מיינאָר, איז געווען מיין קעלנער, וועלכער האָט מיך „באַדינט". אים האָט מען איבער־געגעבן ער זאָל מיך ווייטער אַרומפירן איבער דער קבוצה. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, זענען מיר אַריין אין דער סטאָלעריי, וווּ בחורים זענען געשטאַנען פאַרקאַטשעט די אַרבל און פלייסיק געאַרבעט. דאָס אַרבעט מען — האָט ער מיר דערקלערט — איצט בלויז טירן און פענצטער פאַר אונדזערע שעלטערס, איר פאַרשטייט... אונטערערדישע שעלטערס, ווי אין דער אַרמיי, פון דאָרט לויף־גריבער... נו, יאָ, — כאַפּט ער זיך, עס איז אַ מיליטערישער סוד. פון דאָרט זענען מיר אַוועק צום מעטאַל־וואַר־שטאַט, וווּ דער רויט־האָריקער אַפריקאַנער אירלענדער האָט אויסגעפּרוּווט עלעקטרישע דראָטן. געגעבן אַנדערע אָנווייזונגען ווי אַזוי צו שאַפן די פאַרבינדונג, אַ געניטער עלעקטראָ־טעכניקער... אַ פּאָר שריט פון דאָרט, ביי אַן אָפענעם אַריינפאָר פון כביש, איז אָנגעפאָרן אַ לאַסט־וואָגן פול מיט טאָמאַטעס. אויבנאָן אַלס „נהג" איז געזעסן אַ מיידל מיט ברייטע הויזן און נאָך ברייטערע שטיוול. נעבן איר אַ בחור פון דער הגנה, באַ־וואָפנט מיט אַ ברען־ביקס און מיט צוויי שוואַרצע וואָנצעלעך, וואָס האָבן סודותדיק געשמייכלט... ער האָט, ווייזט אויס, גאַנץ פרי אָפּגע־האַלטן אַ זיג אויף צוויי פראָנטן...

ווען פון די „גלבוע בערג" האָט גענומען אַראָפּקומען אַ פרימאָרגן־זון, איז דער גאַנצער קבוץ פול געוואָרן מיט באַוועגונג. אַלעס איז איינ־געטיילט געוואָרן ווי אַ גוט סטראַטעגישער פּלאַן. שומרים מיט ביקסן האָבן פאַרנומען די אָפענע זייטן צום כביש; אַרבעטער מיט געצייג נאָך זיי, פון די ווערקשטאַטן האָט זיך דערהערט אַ האַמערן און קלאַפּן; פון „חדר הילדים", — אַ קינדער געוויין. דער מפקד האָט געגעבן באַפעלן. די אַרבעט איז גוט איינגעטיילט געוואָרן פאַר אַלעמען. פון אינעווייניק און אין פאַל, ווער ווייסט וואָס עס קען היינט צו טאָג פּאַסירן, אויך פון אויסנווייניק. די ערשטע הילף האָט איר פּלאַץ. מענטשן, וואָס ווייסן ווי אַזוי אומצוגיין מיט מאַשין־געווער, דאַרפן זיך געפינען פונקט אויף דעם באַשטימטן פונקט... סיגנאַל־מאַנשאַפטן — דאָרט און אָפיצירן — דאָ.

אזוי ארום אז יעדן טאָג איז דער קבוץ אין „עמערגענץ-צושטאַנד" — ווי מען זאָגט אין אַמעריקע. און מען קען בליצשנעל פּאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פראָנט, ווען עס וועט נויטיק זיין. נישקשה — זאָגט צו מיר פּנחס שפּילמאַן, אַ ניו־יאָרקער בחור, וועלכער האָט מיר געבראַכט אין קבוץ, איינער פון דער הויפּט-חברה פון „עין הנציב". מיר וואַרטן אויף זיי...

ביי די אַרגענטינער חלוצים אין גבת

אויף שבת, איז דאָ, אין ארץ-ישראל איינגעפירט: פאָרט מען צו גאַסט פון שבת אין קאָלאָניע און פאַרקערט: פון קאָלאָניע אין שטאָט אַריין. די אַראַבער ווייסן דאָס גאַנץ גוט און דערפאַר, פּונקט דאַן ווען עס הויבן אָן פאָרן די געסט פון די פאַרשידענע פּלעצער הין און צוריק, באַשיסן זיי פון אַלע זייטן די אויטאָבוסן. אָבער מען האָט זיך אין די דריי חדשים צייט, וואָס דער ישוב געפינט זיך אונטערן פייער, אַזוי צוגעוווינט צו דעם שיסן, פּונקט ווי אַ פרומער ייד צו שבתדיקע זמירות, מען פאָרט מיט אַ משורין — מיט אַ געפאַנצערטן אויטאָבוס און מען ווייזט די אַראַבער אַ פייג...

מיט אַ.אַ משורין בין איך געפאָרן קיין עפולה, וווהין עס זענען געפאָרן אַ גרויסער טייל פון די שבתדיקע געסט, אין שפּיטאָל אַריין, כדי צו באַזוכן זייערע נאָענטע, וואָס געפינען זיך דאָרטן, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעשלאָגן אַראַבישע אַטאַקעס, און פאַרוווּנדעט געוואָרן.

מיר גייען אַריין אין אויטאָבוס, ביי דער הויפּט-סטאַנציע פון „אגד", וועלכע געפינט זיך אין דער דייטשער קאָלאָניע. אַלע דריי שורות זענען געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן. קיין גרויסע „באַקוועמלעכקייטן" האָט איר דאָ, פאַרשטייט זיך, נישט... איר מוזט „אויטאָמאַטיש" פון זיך אַליין ווערן „קלענער", ווי אייער געוועגלעכע מאָס. „איינקאַרטשען" און „איינדרייען" זיך אביסל, אַזוי, אַז אַלע פּאַסאַזשירן זאָלן האָבן פּלאַץ. דער אויטאָבוס רירט זיך פון אָרט. די פענצטערלעך זענען דערווייל אָפן. אַזוי אויך דאָס פראָנט-פענצטער פון „נהג", (שאָפער). נאָך אַ צען מינוט פאָרן, גיט דער נהג אַ באַפעל: אַלע פענצטער צומאַכן, און אויטאָמאַטיש

ווערט אויך דאָס פראָנט-פענצטער, ביי וועלכן ער זיצט, צוגעמאַכט און עס בלייבן בלויז שפּאַרונקעס, פון וואַנען מען קען אַרויסקוקן, כדי צו וויסן ווי אַזוי צו פאָרן. גלייך, נעבן נהג, שטייט אונדזער אַ חברה-מאַן מיט אַ סטאַון גאַן אין האַנט געצילט אַרויס... צו דער אָפענער שפּאַרונקע.

פאָרנדיק אַ צען מינוט, הויבט דער אויטאָבוס אָן אַביסל שווערלעך צו גיין, שאָקלט זיך אַביסל צו שטאַרק, און דרייט זיך אויף רעכטס אַ פּאָר מאָל. איך קוק אויף די פּאַסאַזשירן אַרום מיר. זיי זענען אַביסל ערנסט אָנגעשטרענגט... איינער וויל עפּעס זאָגן, אָבער דער אַנדערער קוקט אויף אים שטרענג און די ווערטער בלייבן אים הענגען אויף די ליפּן... אַ שטאַרקער, שאַרפער קלאַפּ דערהערט זיך פון דער לינקער זייט פון אויטאָבוס, אַ צווייטער, אַ דריטער... — ה ת ק פ ה ! . . . דער־הערט זיך אַ פאַרשטיקט קול פון מיין שכן... יאָ מען שיסט, און מען קען געוויינלעך אָפּציילן, איינס, צוויי, דריי, פיר... דער אויטאָבוס הויבט אָן שנעלער לויפן, עס הערט זיך נאָך אַ שיסעריי, אָבער שוין פון וויטן... די פּני־מער ווערן ווידער אויסגעגלייטערט. מען קוקט זיך איינער דעם אַנדערן ווידער אָן מיט אַ שמייכל „טבילת האש"... — זאָגט איינער צום צווייטן.

— שוין נישט דאָס ערשטע מאָל — ענטפערט אים יענער צוריק. נישט דאָס ערשטע, און נישט דאָס צווייטע מאָל ביי מיר. — דאָ הויבט יעדער אָן דערציילן, וויפיל מאָל מען האָט שוין געשאָסן אויפן אויטאָבוס, אין וועלכן ער איז געפאָרן. ווייזט זיך אַרויס, אַז צווישן אונדז געפינען זיך „וועטעראַנען", וואָס זענען שוין אַ צוועלף מאָל באַשאָסן געוואָרן אויף דער רייזע...

מיר פאָרן פאַרביי כפר „אתא", ווו עס געפינט זיך די גרעסטע טעקסטיל-פאַבריק אין ארץ-ישראל, פון דאָרט צו דעם באַקאַנטן רעליגיעזן „מושב", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון יאַבלאָנער רבין מיט יאָרן צו־ריק, „כפר חסידים". אונדזער אויטאָבוס שטעלט זיך דאָרט נישט אָפּ, ווייל היינט, שבת וועט פון דאָרט קיינער נישט פאָרן. מיר שניידן אַריין אויפן וועג וואָס פירט קיין יגור, וואָס איז אַזוי באַקאַנט צוליב דעם וואָס די ענגלענדער האָבן דאָרט, אויף דער מסירה פון אַ יידישן פאַרע־טער, געפונען געווער פון דער „הגנה". פון דאָרט גלייך צו דעם „מושב

העובדים נהלל", און קיין „עינות" און פון דאָרט אַ פּאָר מינוט בלויז, און אונדזער אויטאָבוס איז שטיין געבליבן, פאַר די צוויי פאַרשלאָסענע טויערן פון „גבת".

עס איז געווען אַ שבתדיקער נאָכמיטאָג. נישט געקוקט וואָס היינט איז דאָ ווינטער, האָט אַ וואַרימע, ליבע זון זיך געשפּילט מיט די הייזער פון דער קבוצה. ווו דאָס אוויג האָט נאָר געקענט דערגרייכן, האָבן זיך גע-צויגן פלאַכע פעלדער. יידישע יונגעלייט אויף פערד, האָבן גאַלאָפּירנדיק פאַר אונדז פאַרבייגעריטן. יונגע בחורים און מיידלעך, האָבן שפּאַצירט ווי אין דער אַלטער היים אַמאָל „שבת נאָך טיש". אַלטע לייט, עלטערן פון די קיבוצניקעס האָבן פּאַמעלעך זיך געשלייכט פון שול, צוריק אין די קבוצים זייערע. נישט אין אַלע קבוצים געפינט זיך אַ שול, אַזוי אַז די אַלטע לייט קלייבן זיך צוזאַמען אין קבוץ אָדער מושב, ווו עס געפינט זיך אַ שול צו דאַוונען. איך בין צוגעקומען נאָענט צום טויער: צוויי בחורים, אָנגעטון ווי אַרגענטינער גאַוטשאָס, ערגיץ-ווו אין דער פּאַמפּאַ, מיט מאָדנע וואָלענע היטלען, וואָס זעען אויס מיליטעריש, מיט די ביקסן אויף די אַקסלען, מעשה ווויליונגעריש, האָבן אויף מיר אַ קוק געטון און אַ לוסטיק-פריידיקער געשריי האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעריסן: קע האָמברע! טשע, שלום! „על דיאַריאָ איזראַעליטאַ"... חבר... באַלד זענען אויך געקומען אַ פּאָר העברעאישע ווערטער. יאָ, זיי האָבן מיך געזען אין בורסאַקאָ, בעת איך האָב זייענדיק אין בוענאָס-איירעס, באַזוכט די הכשרה פון „דרור". אַ האַרציקער „אַבראַסאָ", נאָכאַמאָל אַ „טשע"! אָבער באַלד האָט זיך איינער געכאַפּט — באמת, איך אומרים „טשע" בעברית? טאַקע, אפשר ווייסט איר דאָרט, אין אַרגענטינע, ווי מען זאָגט „טשע" אויף העברעאיש? איך גלויב, אַז דער אַרגענטינער „בן יהודה", יהודה", וועט אפשר געפינען אַ גוטע איבערזעצונג פון „טשע" אויף עברית... באַלד האָט מען מיך מיט פּאַראַד געפירט צום עלטסטן פון דער אַרגענטינער קבוצה, מנחם קאַצקאָוויטש, וואָס האָט גראָד געכאַפּט אַ שבת-נאָכמיטאָגדיקן דרימל. מען האָט אים לכבוד דעם „אַרגענטינער" גאַסט, אויפגעוועקט. חבר קאַצקאָוויטש האָט מיך פאַרגעשטעלט דער חברטע, נחמה קאַצקאָוויטש און זייער זונדעלע, געבוירן שוין אין „גבת"

חלוצים, ביי דער אַרבעט אין „גבת״.

— דאָס איז אונדזער ערשטער אַרגענטינישער צברעלע — האָבן די על־מערן מיר אויף אים אָנגעוויזן מיט שטאָלץ, באַלד האָבן זיך פון אַלע זייטן אין קבוץ געטראָגן קולות: וואָמאָס אַרבענטינאָס! אורח באַ!... אַ פּאָר מינוט, און איך האָב ארום זיך געהאַט די גאַנצע אַרגענטינער חברה, צווישן זיי אפילו צוויי בראַזיליאַנער, און איין אורוגווייער. אָט וועל איך זיי פאַר אייך פאָרשטעלן אַלע: מנחם קאַצקאָוויטש און נחמה מיט זייער זונדעלע, דאָס זענען די אַזוי גערופענע „ותיקים" פון די אַרגענטינער. זיי געפינען זיך שוין דאָרט אַ סך לענגער ווי די איבעריקע חברה. יעקב ראַב־קעס און דוד ברכות פון מאָזעסוויל. — טייערע, ליבע בחורים. פון בוע־נאָס-איירעס: ברוך בן-עמי, און חנה פייערשטיין, פאַניע לעבעדינסקי, פון קאָרדאָבאַ, וואָס רעדט זיך אַזוי געציילטע ווערטער, און וואָס וואַרפט נאָך יעדן העברעאישן וואָרט אַריין דריי אַרגענטינישע, נאָכדעם קומט רבקה זיטוני, פון סאַלטאַ, אַ ספרדית, וואָס איילט זיך זייער און בעט מיך וואָס שנעלער צו נעמען אַ בילד פון די אַרגענטינער, ווייל זי מוז נאָך גיין אַרבעטן... און משה באַרקאַן. איך האָב מיט זיך אַ גרוס פאַר מנחם דראַזנין, אַ זון פון מיין פריינט יוסף דראַזנין, דער דירעקטאָר פון דער יהדות-שולע אין מאָזעסוויל, אָבער — דערציילט מען מיר, ער גע־פינט זיך איצט ערגעץ-ווו אין ירושלים; נאָכדעם קומען די בראַזיליאַנער: די צוויי שוועסטער אַבראַמאָוויטש, פון ריאָ דע זשאַנעיראָ. און יוסף באַומוואָהל, פון סאַן פּאַולאָ, וואָס פילט זיך דאָ ווי „אַ פיש אין וואַסער". יוסף איז אַן אָנגעזעענער חבר אין דער קבוצה. כאָטש ער איז אַ בראַזי־ליאַנער, פונדעסטוועגן האָט ער ביי די „אַרגענטינער" אַ שטיקל דעה, ער איז אַ ווילער יאַט, און נעמט די חברה מיט זיין הומאָר. נאָך אַן אורוג־ווייער בחור מיטן נאָמען יוסף שולקין, געפינט זיך מיט די אַרגענטינער, אָבער בעת מיין באַזוך, האָט ער זיך געפונען אין אַ צווייטן קבוץ מיטן נאָמען מנורה.

איך זוך דאָ אומזיסט די אַרגענטינער „האָזען", מיט וועלכע איך בין געקומען פון בראַזיל קיין אייראָפּע. איך האָב זיי ערגעץ-ווו אין גענוא, אי־בערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט... אָבער — דערציילט מען מיר — אַז זיי געפינען זיך אין „נגבה". אַזוי איז אויך גלייך נאָך מיין באַזוך אין „גבת"

אָנגעקומען פון ב. איירעס דאָס חלוצים-פּאָרל, דרורי, וואָס זענען אויך אַהין אַוועקגעשיקט געוואָרן גלייך אויפן מאָרגנס אין נגבה. ווו איך האָב פון זיי אָפּגענומען אַ פרישן גרוס פון ב. איירעס.

„גבת", איז איצט פאַר די אַרגענטינער בקיצור אַ צווייטע הכשרה אין ארץ, פון דאַנען וועלן זיי אײַנגיכן ארויף אויף זייער אייגענעם קבוץ נאות מרדכי, אויפן נאָמען פון מרדכי ראָזאַוואָסקי ז"ל, אין גליל, וועלכן איך האָב לעצטנס באַזוכט.

גבת, וועלכע געפינט זיך אין מערבדיקן טייל פון עמק, איז אַ קבוצה אויפן נאָמען פון די פּינסקער קדושים, און זי האָט געהייסן אויף אַראַביש גיבתא. פּינסקער עולים האָבן זי געגרינדעט צום אָנדענק פון די דרייסיק קדושים, וואָס דאָס פּוילישע מיליטער האָט דערמאָרדעט אין יאָר 1920, בעת זייער קאַמף מיט די באָלשעוויקעס. זי האָט אַ מילדערן קלימאַט ווי דער מזרחדיקער טייל פון עמק. זי האָט שוין אַ טראַדיציע אין אויפנעמען קבוצות פון יונגע עולים, וועלכע קומען פון פאַרשידענע לענדער. מיט יאָרן צוריק זענען דאָרט צוגעגרייט געוואָרן גרעסערע גרופּעס חלוצים פון זיד-אַפריקע, וואָס זענען דאָרט געווען צוויי יאָר צייט און פון דאָרט זענען זיי אַרויף אויף אייגענע קעסט אַרום זכרון יעקב. אַ קבוצה פאַר זיך אַליין. שפּעטער איז דאָרט ווידער געקומען אַ גרעסערע גרופּע פון דייטשלאַנד פון דער „עלית הנוער" און איצט געפינען זיך דאָרט אונדזערע אַרגענטינער חברה.

גבת איז אויך איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און וויכטיקסטע קבוצים. זי איז געגרינדעט געוואָרן פון חברים „ותיקים" פון דער רעכטער פּועלי-ציון פּאַרטיי, אין פּוילן. איינער פון אירע גרינדער, דער מזכיר פון דער „מפלגת פּועלי ארץ-ישראל" אין חיפה, הערשל פּינסקי, וועלכער האָט דאָרט געפונען זיין אייביקע רו אויף אַ טראַגישן אופן, ווען ער איז קומענדיק פון אַ פּאַרטיי-מיטינג, דערטרונקען געוואָרן אין די בלאָטעס און איז פאַראייביקט געוואָרן מיט אַ ספּעציעלן קולטור-הויז, וואָס געפינט זיך אין קבוץ. דער קבוץ איז אויך באַקאַנט אין ארץ מיט זיין באַזונדערע סימפּאַטיע צו דער יידישער שפּראַך און קולטור נאָך ביז היינטיקן טאָג. צווישן די דאָרטיקע „ותיקים" קען מען אויך טרעפן אַ היבש ביסל געוועזענע בונדיסטן, און סתם יידישע ראַדיקאַלן.

ווי אַזוי אַ ייִד פילט, ווען ער פאָרט אַוועק פון ארץ-ישראל

דער אויטאָמאָביל פירט מיך און מיין פרוי צום חיפהער פּאָרט. אינגאַנצן איז עס אַ פּאָר טעג, ווי די הגנה האָט אָפּגעהאַלטן דעם גרויסן זיג איבער חיפה. אין די גאַסן, קען מען נאָך זען צעשעדיקטע הייזער, אויפגעריסענע פּאָזיציעס, דראָט-פאַרצוימונגען, און אַנדערע מלחמה-סצענעס. מיר פאָרן פאַרביי די גאַנצע לענג פון דער אַראַבישער געגנט, וואָס איז איצט אינגאַנצן ליידיק, אָפענע טירן און פענצטער, איבער די פרימיטיווע באַלקאָנען וואַלגערן זיך שטוב-זאַכן, וואָס זענען איבערגע־לאָזט געוואָרן אין איילעניש פון די אַנטלאָפענע אַראַבער, וואָס זענען געלאָפן ווו די אויגן האָבן זיי געטראָגן.

מיר געפינען זיך אין רחוב המלכים. וואַך־פּאָסטנס פון דער הגנה, אין שטרענגער מיליטערישער פּאָזע, שטייען ערנסט שווייגנדע. איינער פון זיי, נאָך אַ יונגער בחורל, מיט קורצע כאַקי-הויזן, עס זעען זיך זיינע אָפּגעברענטע קינדישע פיס־עלנבויגנס. שטאָלץ האַלט ער דעם „ברען גאון” אויסגעשטרעקט. איך קען מיינע אויגן פון אים נישט אָפּרייסן. איך וויל ווי אַרויסשפּרינגען פון אויטאָמאָביל און אַרומכאַפּן אָט דעם יונגן בחור און אים אויסקושן... וואָרט אַ ווײַלע נהג — ווילט זיך מיר אויסשרייען, אָבער... איך פאָר אין גלות... און ער בלייבט דאָ. ער וועט קעמפן מיט די אַראַבער, און איך... איך לאָז איבער דעם ישוב אין אַזאַ צייט!

מיר געפינען זיך פאַר דעם אַריינגאַנג אין פּאָרט די ענגלישע וואַכ־לייט וואָס פּאַסן איצט אויף אויף די מיליטערישע טראַנספּאָרטן, וואָס גייען טאָג־טעגלעך אַוועק קיין ענגלאַנד, זענען נישט אַזוי שטרענג. מען קוקט איבער מיין פּאַספּאָרט. — טוסט גוט וואָס דו פּאָרסט אַוועק...

קוקט ער אויף מיר מיט דער ספּעציפֿישער ענגלישער ביטערקייט. נאָכן 15-טן מאַי וועט דאָ קיין לעבעדיקער זכר נישט בלייבן... איך פֿיל ווי אַ בייזע שלאַנג האָט מיר אַ ביס געטון... און אפשר גאָר אינגאַנצן נישט פֿאָרן? איך קוק אויף מיין פֿרוי, זי פֿאַרשטייט מיינע געדאַנקען... פֿאַרסט פֿאַרן ישוב... זיי מוטיק און פֿאָר געזונט און קום געזונט. אָבער אויפֿן האַרצן ווערט וואָס אַמאָל שווערער.

דער פּאָרט זעט אויס אינגאַנצן ווי אַ מיליטערישער לאַגער; פֿון אַלע זייטן הערט זיך דאָס הוישען און פֿייפֿן פֿון מאַסיווע הויב-מאַשינען; אויטאָמאָבילן, פֿעלד־קיכן, מיליטערישע אויסריכטונג — ווערן אויפֿגע-לאָדנט אויף ענגלישע שיפֿן, וואָס גרייטן זיך אין וועג אריין; נישטאָ כמעט קיין פּאַסאַזשירן אין פּאָרט. איך בין דער איינציקער יידישער פּאַ-סאַזשיר, וואָס פֿאַרלאָזט ארץ-ישראל. אויסער מיר געפֿינען זיך צוויי ענגלישע גלחים, וואָס ציען זיך אַרויס פֿון ארץ-ישראל מיטן גאַנצן האָק און פּאַק; גרויסע קאַסטנס, מסתמא געפּאַקט מיט „בייבעלס", מיט וועל-כע מען האָט געוואָלט באַגליקן די „נייטיווס", אַפֿילו די באַקאַנטע ווייַ-סע העלמעס, וואָס ענגלענדער טראָגן געוויינלעך אין די טראָפּישע לענ-דער, באַמבלען זיך הענגנדיק אויף זייערע לאַנגע גלחישע כאַלאַטן. מען פֿאַרלאָזט דאָס „הייליקע לאַנד" מיטן גאַנצן ביסל אָרימקייט און מיט אַ געפֿיל אַז מען וועט שוין אהער קיינמאָל נישט צוריקקומען... רעדט מען צווישן זיך מיט צייַן קריצעניש — וואָס פֿאַר אַן אומדאַנקבאַר פֿאָלק די יידן זענען עס?... האָט איין גלח גאַנץ פֿאָרזיכטיק אַרויסגעקוועטשט, קוקנ-דיק אויף אַלע זייטן, אויב עס פֿאַרשטייט אים דאָ ווער. — אומגלויבי-קע אַפּיקורסים — ענטפֿערט אים דער צווייטער. מ'קען מיט זיי גאָרניט טון. פֿאַרפֿאַלן — זיי רואיק — ענטפֿערט ווידער דער ערשטער — די אַראַבער וועלן זיך מיט זיי אָפּרעכענען אויף פֿאַר אונדז... דער יידישער קאָנטראָל-אָפֿיציר דערנענטערט זיך צו אונדזער באַגאַזש; אַ סימפּאַטי-שער יונגערמאַן, אָנגעטון אין אַ זומערדיקן מונדיר מיט שוואַרץ-גאָלדענע עפּאָלעטן אויף די אַקסלען, און אַ העברעאישע אויפֿשריפֿט, וועלכע ווייזט-אָן זיין ראַנג, און אַ טערקישע שוואַרצע קיטשמע, וואָס איז אין ארץ-ישראל נאָך אַן איבערבלייבעכץ פֿאַר פּאָליציי און אימי-

גראַציע-באַאַמטע. ער קוקט אויף מיר מיט אַ פריינטלעכן שמייכל, ווען איך ווייז אים די פאַרצייכענונגען פון מיין באַגאַזש. גיט אַ מאַך מיט דער האַנט: הכל בסדר! און הייסט דעם צווייטן פקיד אויפשרייבן א״ר (ראיתי — געזען). דערפאַר אָבער איז ער זייער שטרענג צו דעם באַגאַזש פון די צוויי גלחים. איך האָב איצט די געלעגנהייט זיך איבערצו־ציינגן אַז מיין השערה איז געווען ריכטיק — די גרויסע קאַסטנס פון די גלחים זענען געווען פול געפּאַקט מיט סאַמע „קדושה"... הייליקע ביל־דער, בייבעלס, רעליגיעזע ליטעראַטור, אַפילו אין העברעאיש, וואָס האָבן געהאַט דעם צוועק צו באַגליקן די ארץ-ישראל-יידן מיט אַ פעטן חלק עולם-הבא... און הונדערטער אויסשניטן פון ארץ-ישראל צייטונ־גען, אין העברעאיש און ענגליש. איך האָב די געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן די אויפשריפטן, זיי זענען הויפּטזעכלעך, וועגן דעם אופן ווי אַזוי די ארץ-ישראל צייטונגען האָבן איבערגעגעבן די נייעס, אָדער קאָמענטאַרן, וועגן די ברוטאַליטעטן פון דער ענגלישער מאַנדאַטן-מאַכט אין ארץ-ישראל... דער יידישער אימיגראַציע פקיד האָט, ווי איך האָב באַמערקט, זיך אַביסל געיושבט וואָס צו טון, דורכגעבלעטערט אייניקע מאָל די צייטונגס-אויסשניטן, פאַרזיכטיק זיי איבערגעקוקט, אָבער סוף-כל-סוף האָט ער זיך באַרעכנט, אַז די צוויי הייליקע שליחים, קענען גאַנץ רו־איק מיט זיך מיטנעמען די נייעסן קיין ענגלאַנד, אדרבא, זאָל מען דאָרט לייענען...

איצט שטייען מיר פאַרן אַראַבישן אימיגראַציע-אָפיציר, וואָס די הגנה האָט נאָך איבערגעלאָזט אויף זיין שטעלע, אָבער ער אַליין דער־ציילט פאַר די אַנדערע באַאַמטע, אַז דאָס איז זיין לעצטער דזשאָב. מאָרגן פאָרט ער קיין ביירוט, דאָס איז אַן אַראַבער פון יענע טיפּן, וועל־כע מען רופט אין די לענדער פון נאָענטן מזרח „קאָנסול־אַראַבער", די וועלכע האָבן זייער דערציאונג באַקומען אין אייראָפּעאישע לענדער, און וואָס זענען צום גרעסטן טייל באַאַמטע ביי די אָקופּאַציע-רעגירונגען, אָפּאָרטוניסטן, אויפן חשבון פון זייערע אייגענע אַראַבישע ברידער. ער זיצט אָן געוועהר, בלויז מיט אַ ספּאָרט-שטעקעלע פון די באַרימטע ענגלי־שע אָפיציר-שטעקעלעך, קוקט איבער די פּאַספּאָרטן און לייגט אַ

שטעמפּל. פאַרשטייט זיך, אַז קיין גרויסע מאַכט האָט ער נישט, אָבער ער וויל זיך דאָ פאָרט אָנזען... שטעלט ער אייניקע פראַגן, וואָס זענען בלויז לפּנים, פאַר זיך אַליין רעכטצופערטיקן. דער ערשטער קום איך מיט אַ פּאַספּאָרט פול מיט וויזעס. דער אַראַבישער באַאַמטער, מיטן אָפיצירסקע שטעקעלע, קוקט אַ ווײַלע אויפן פּאַספּאָרט, באַטראַכט מיך און פרעגט, אין ענגליש, — וואָס פאַר אַ נאַציאָנאַליטעט זענט איר? — דזשו (אַ ייד), פּלאַץ איך אַרויס אויפן קול און איך פיל ווי מײַנע מיטרייזנדע, די צוויי גלחים, האָט עס אַ שניט געטון ווי מיט אַ שאַרף מעסער... — און איר קומט צוריק קיין ארץ־ישראל? — האָט ער מיט אַ שטילער שטימע מיך אַ פרעג געטון. — יעס, סער! האָב איך נאָך העכער אַ געשריי געטון. אַ גלח האָט אַ פינטל געטון מיטן אויג.

אויפן טישל פון אַראַבישן באַאַמטן איז געשטאַנען אַ טינטער פון פון אַ חיפהער יידישער פירמע: גרינבערג. זע — האָט איין גלח געזאָגט צום צווייטן אין אַ חוזק־שטימע — אפשר קענסטו אים, דעם מיסטער גרינבערג... אַ צופאַל — בין איך אים אַרײַנגעפאַלן אין די ווערטער — אַז דאָס איז גראַד מײַנער אַ פעטער... ער האָט אפילו נישט געקוקט אין מײַן זײַט, און ווײַטער גערעדט צום ערשטן גלח. אין דרויסן גיסט אַזאַ שלאַגס־רעגן, דאָס רייניקט ער אָפּ דאָס אַראַבישע בלוט, וואָס איז דאָ ערשט צוריק מיט אַ פּאָר טעג פאַרגאָסן געוואָרן...

— הייליק פאָטערל — האָב איך אַ זאָג געטון — און וואָס איז מיטן יידישן בלוט, וואָס דײַנע הומאַניטאַרע ענגלענדער, דאָס פאָלק פון דער „בייבעל", האָבן אין ארץ פאַרגאָסן?... ווער וועט עס אָפּרייניקן?... ער האָט ווידער פאַרביסן געשוויגן, געקוקט אויף מיר מיט אויגן פון גרינער שנאה... — וואַרט, איצט רעדסטו, וואַרט, דײַן צײַט וועט קומען...

דער פּקיד פון אימיגראַציע האָט באַקאַנט געמאַכט אַז די שיף מיט וועלכער מיר פאָרן איז נישט אַרײַן אין פּאָרט, און אַז די פּאַסאַזשירן וועלן צוגעפירט ווערן צום שיף, וועלכע שטייט אין מיטן וואַסער, מיט אַ מאָטאָר־שיפל, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דער הגנה־מאַנשאַפט. איידער מיר גייען אַרײַן אין דעם מאָטאָר־שיפל, פאָדערט אַ הגהניסט אַלע פּאַסאַ־זשירן באַצאָלן אַ ספּעציעלן מס, פאַר אַריבערפירן אונדז. די צוויי גלחים,

וועלכע איך לאָז שוין נישט ארויס פון אויג, בייזערן זיך... מיר האָבן באַצאָלט פאַר דער גאַנצער רייזע, אַלע שטייערן אַריינגערעכנט, פּראָטעסטירן זיי. אַ געזונטער בחור מיט אַ ביקס אין האַנט, ווערט שטרענג, און גיט זיי איצט באַפעלן אויף ענגליש. אַזוי פיל און אַזוי פיל מוזט איר באַצאָלן, דאָס איז פאַר דער הגנה... הבנתם? (פאַרשטאַנען) — פאַרענדיקט ער אין עברית, און קוקט אויף זיי. זיי לאָזן זיך לאַנג נישט בעטן און צאָלן דעם מס...

אונדזער מאָטאָר־שיפל, גליטשט זיך איצט צו דער גרויסער איטאַליענישער שיף „אַרגענטינאַ", וואָס וועט מיך באַלד אַוועקטראָגן צוריק אין גלות. עס איז איצט זון־אונטערגאַנג, איך דערמאָן זיך איצט, אַז אונדזער אומפאַרגעסלעכער דיכטער ח. נ. ביאַליק ז"ל האָט די צייט אָנגערופן „שעת רחמים"... אָט שפּרייז איך אין דער באַגלייטונג פון מיין פּרוי, אויף דעם לייטער פון דער שיף ארויף צו.. דאָס האַרץ ווערט ענגער, איך פאָר טאַקע אַוועק פון ארץ־ישראל? איצט... צוויי הגנהיסטן באַגלייטן מיך, זיי קומען עס איצט אויף דער שיף אָפּנעמען די פּאָסט. אפשר צוריקגיין? — פאַלט מיר ווידער איין אַ געדאַנק...

איך דערפיל ערשט איצט אויפן שיף ווי איינגעבאַקן דער ישוב איז מיר געוואָרן אין די ניין חדשים... שווער זיך צו שיידן, אַזוי שווער, פּונקט איצט ווען דער ישוב וועט באַלד דאַרפן אַזוי קעמפן... די שיף האָט אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנע פייפן, וואָס האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַן אומהיימלעכן געפיל. אפשר פאָרט צוריק אַראָפּגיין? —

אין דער טונקלקייט פון בין־השמשות האָבן אין חלל אויפגעלויכטן, אָפּגעריסענע פייערלעך, פון די ישובים אין עמק יזרעאל. פון דעם מאָטאָר־שיפל האָט איך נאָך געזען דאָס ווייסע טיכעלע פון מיין פרוי, וואָס האָט צו מיר געפאָכעט מיט אַ לך לשלום! די שיף האָט אַרויסגעלאָזט אַ טעמפּן פייף. און זיך אָנגעהויבן גליטשן צום אָפענעם ים, און איך האָב איצט דערפילט, אַז דאָרט, אין ארץ, האָב איך איבערגעלאָזט ביידן — מיין האַרץ און מיין נשמה...

אינהאַלט

אויף א יידישער שיף קיין ארץ ישראל — 5
די שיף איז אריין אין פּאָרט... — 12
ירוק בארץ — א גרינער אין לאנד — 18
די ענגלענדער גיבן מיר א „קבלת־פנים" — 24
די נאכט פון 29-טן נאָוועמבער — 29
תל־אביב אונטער א האַגל פון קוילן — 35
מיט אן אויטאָמאָביל פון תל־אביב קיין חיפה — 40
אונטער אראבישן פייער אויפן הדר הכרמל — 46
דער ישוב, אין מלחמה — 52
די אלגעמיינע מאָביליזאציע — 61
צוויי חדשים מלחמה — 66
דורכגעבראָכן דעם וועג קיין ירושלים — 73
מיט דער הגנה אויף די פראָנטן — 78
אין שוק הכרמל — 82
אין א געפּאנצערטן אָמניבוס קיין חיפה — 84
מיט א קאָנוואָי פון תל־אביב קיין ירושלים — 87
יידישע קאָמאנדאָס אויפן פראָנט — 93
ענגלישע „נייטראַליטעט" — 97
העלדן און העלדישע מאָמענטן — 103
חיפה — נאכן גרויסן יידישן זיג — 119
פסח — 1948 — 125
תל-אביב — די גרעסטע יידישע שטאָט אין דער וועלט — 130
אין דער עיריה פון תל-אביב — 136
א באַזוך אין תל-אביבער פּאָרט — 146
איבער די תל-אביבער קאפע־הייזער — 151
א באַזוך אין בית ביאַליק — 160
העברעאישער טעאטער אין ארץ ישראל — 166
באגעגענישן מיט שרייבער — 172

אין יידישן געריכט פון תל-אביב — 185
יהודי בתור! — 194
פון סאראָנאַ — ביז הקריה — 200
ירושלים — דער סימבאָל פון הייליקייט — 205
ביים „כותל המערבי" — 211
חיפה — די ארבעטער־שטאָט — 216
צפת — די שטאָט פון אר"י הקדוש — 221
טבריה — די שטאָט פון דער צוקונפט — 225
חברון — די שטאָט פון די אבות — 231
כפר־סבא — 236
בני-ברק — א פרום שטעטל אין ארץ ישראל — 247
פתח-תקוה — 257
כפר „קוקוריקו" — 260
איבערן עמק חפר — 266
מיט אמעריקאנער פרומע חלוצים, אין עין הנציב — 273
ביי די ארגענטינער חלוצים אין גבת — 278
ווי אזוי א ייד פילט, ווען ער פאָרט אוועק פון ארץ ישראל — 283

Este libro se terminó de imprimir
el día 20 de Diciembre de 1948,
en los Talleres Gráficos de Julio
Kaufman, Corrientes 1976,
Buenos Aires.